STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01550

# YUDZSHIN VIKTOR DEBS

Eugene V. Debs

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



Yours earnestly

Eugene V. Debs

# יודזשין וויקטאָר דעבס
# זיין לעבען, שריפטען און רעדעס

רעדאגירט פון י. ב. סאלוצקי

ארויסגעגעבען פאר'ן דעבס פערטיידיגונגס פאנד
אין פערלאג „נייע וועלט“, נויארק.

Copyright by
JEWISH SOCIALIST FEDERATION OF AMERICA
—1919—

# פאָרוואָרט

דער פאָרליגענדער באנד — „דעבס, זיין לעבען שריפטען און רעדעס" — איז ניט קיין אויספיהרליכע און פארענדיגטע אר־בייט אָדער זאמלונג, און די רעדאַקציע פון דעם באנד האָט אפילו ניט געהאט בדעה אזוינס ארויסצוברייננגען. דאָס לעבען און וויר־קען — דורך וואָרט און שריפט — פון דעם פאָרנעמסטען סאָציא־ליסט און פאָרקעמפער פון ארבייטער־קלאַס אין אמעריקא איז נאָך ווייט — מיר האָפען, זעהר ווייט — ניט פארענדיגט, און עס איז נאָך ניט געקומען די צייט צו מאכען דעם סך הכל פון זיין אויפטו.

דער פארזוך געגעבען דעם אידישער לעזער מיט דער פארזוך געגעבען צו באקענען דעם אידישער לעזער מיט דעם לעבען און שאפען פון יודזשין וויקטאָר דעבס ערשיינט, ווען דעבס טרעט אריין אין דעם 64טען יאָהר פון זיין שעהנעם, קאַמף־ און קראַפט־פולען לעבען. אָבער ניט אכטענדיג אויף זיינע 63 יאָהר איז דעבס נאָך היינט אין סאַמע בלום פון מאַנשאַפט. ער איז היינט פונקט אזוי מונטער און קאַמף־לוסטיג, ווי ער איז געווען מיט 25 יאָהר צוריק (אין 1893), ווען ער האָט געמאַכט זיין ערשטען אויפ־טריט אין דער נאַציאָנאַלער אמעריקאַנער ארבייטער־באוועגונג, — גרינדענדיק די „אַמעריקאַן רעילוועי יוניאָן", דעם ערשטען און איינציגען נאַציאָנאַלען פארבאַנד פון אַלע אייזענבאַהן־ארבייטער פון אַלע פאַכען.

אויף דעם שוועל פון זיין 64טען יאָהר קלעהרט ניט דעבס וועגען אונטערציהען דעם סך־הכל און זיך בארוהיגען אויף דער על־טער. אין געגענטייל: ער האָט זיך ערשט געשטעלט אין דער ערש־טער רייהע פון א נייעם קאַמף פאַר דער פרייהייט פון וואָרט און

געוויסען. געטאָן האָט ער עס מיט דעם באַגייסטערטען און באַגייסטערנדען מוט, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין גאַנצען טאַט־רייכען לעבען. און אַלס אַנערקענונג פון זיין קאַמף, און אַלס אייגענאַרטיגע באַגריסונג צו זיין געבורטסטאָג האָט יודזשין וויקטאָר דעבס באַקומען די גאַנץ־פּאַסענדע מתנה פון דעם... פעדעראַלען געריכט אין קליוולענד, אָהייאָ: צעהן יאָהר טורמע..

דער געראַנג אַרויסצוגעבען דעם פאָרליגענדען באַנד איז ביי אונז ענטשטאַנען גראָד ווען דער פעדעראַלער געריכט האָט ערהויבען קעגען דעבס'ן די אָנקלאַגע אין פאַרלעצען דאָס אַזוי־גערופענע „עספּיאָנייִדזש לאָא“ — דאָס געזעץ קעגען פאַרראַט און אומטרייהייט צו די פאַראייניגטע שטאַאַטען אין צייט פון קריעג. די אָנקלאַגע האָט זיך געשטיצט אויף א רעדע, וואָס דעבס האָט געהאַלטען אויף אַן אָפענעם צוזאַמענפאָהר פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין קענטאָן, אָהייאָ, אין מאַי פון דעם פערגאַנגענעם יאָהר. דעבס איז באַשולדיגט געוואָרען אין איבערטרעטען צעהן פונקטען פון געזעץ. פאַר יעדען פונקט האָט דער אָנגעקלאָגטער געקאָנט באַקומען, ווען נאָר דער ריכטער זאָל עס ווילען, די מאַקסימום שטראָף — פולע 20 יאָהר. אַזוי, אַז קריגענדיג ניט מעהר פון 10 יאָהר און ניט די גאַנצע 200 יאָהר, האָט דעבס אייגענטליך געכאַפּט א גרויסע מציאה. די אָנקלאַגע האָט געשיינט צו זיין זעהר לעכערליך, הגם אויב מען זאָל אורטיילען נאָך דעם סוף איז זי געמיינט געוואָרען זעהר ערנסט. ווארים אין דער אמת'ן, די באַשולדיגונג אַז יודזשין וויקטאָר דעבס איז אומטריי צום לאַנד און פאָלק פון די פאַראייניגטע שטאַאַטען, אַז ער האָט באַוואוסטזיניג און אויסגערעכענט געפּלאַנעוועט „צו פאַרשאַפען הילף און באַקוועמליכקייט פאַר דעם שונא“ — די דייטשע קעניגליך־קייזערליכע רעגירונג — איז אַזוי אומגעלומפערט־נאַאיוו, אַזוי גראָטעסק, אַז זי האָט נאָר געקאָנט געבאָרען ווערען אין א צייט, ווען דער גאַנצער סדר העולם

איז אוועק מיט'ן קאפּ אראפּ, ווען משוגעת גילט אלס שכל און פאר קלארען פארשטאנד איז קוים פארבליבען וואו עס איז א ווינקעל־פלאץ. אבער ווי געזאגט האט מען מיט דער אנקלאגע געמיינט ערנסט, און די באלעבאטישע פרעסע האט זיך טאקע גלייך גענומען בעארבייטען די עפענטליכע מיינונג פאר דעם פסק־דין, וועלכער איז שוין פון פאראויס באשטימט געווארען, נאך איידער מ'האט אויסגעקליבען די פעדעראלע דזשורי צו פסק'ענען אז דעבס איז שולדיג.

אונטער די אומשטענדען איז עס אונז אויסגעקומען ווינשענסווערט און כדאי, אז דער אידישער לעזער, און איבערהויפּט דער אידישער ארבייטער־לעזער, זאל קריגען די געלעגענהייט צו באקענען זיך מיט דעם מאן דעבס און זיין שאפען אויף א גענויערן שטייגער, ווי דאס איז מעגליך געווען ביז איצטער.

מיר האבען אויסגעקליבען פאר דעם באנד נאר א באשריינקטען טייל פון דעם מאטעריאל, וואס דעבס האט געשאפען אין דעם לויף פון העכער א פערטעל יאהרהונדערט, זינט ער איז טעטיג אלס פובליציסט און אגיטאטאר פאר דעם ארבייטער־קלאס. מיר האבען בעאבזיכטיגט צו געבען ניט מעהר ווי מוסטערס פון דעבס'עס רעדעס אדער שריפטען, אבער אזעלכע וואס זאלען ווארפען א גע־ניגענדע ליכט אויף דעם מאן, אלס רעוואלוציאנערן כלל־טוער און מענשען, אלס פובליציסט און רעדנער, דער מאן דעבס, מיט דעם גרויסען הארץ און קריסטאל־לויטערער נשמה, וועמען עס ליעבען און באוואונדערן די פאלקס־מאסען אין אמעריקא, און דארונטער—די אידישע ארבייטער־מאסען. בלויז אויף דעם שטייגער איז געלונגען אויסצוקומען מיט איין באנד. אבער דער באנד איז גלייכצייטיג נויטיג און גענוגענד צו שאפען א ריכטיגען בילד פון דעבס'ן. און צום מאטעריאל, וואס פון דעבס'עס פען האבען מיר אויך צוגעגעבען דעם מיניזמום דערפון, וואס איז געווען נויטיג פאר פול צו מאכען

דאָס בילד: אַ קורצע ביאָגראַפישע נאָטיץ, די געשיכטע פון דעבס׳עס אנטייל אין דעם מערקווירדיגען פולמאַן סטרייק, דעב׳עס פּלאַץ אין דער ארבייטער־ און סאָציאַליסטישער באַוועגונג פון לאַנד, און אַן אָפּשאַצונג פון דעבס׳ן, אַלס אָראַטאָר, פאָלקס־מענש און מענש — געשריבען פון זיין נאָהנטסטען פריינד און בעסטען קענער צווישען די אידישע סאָציאַליסטען, דעם זיידען מאָרים ווינטשעווסקי. צוליעב אורזאכען, וואָס שטעהען אויסער אונזער רשות, האָבען מיר זיך וועניג אָפּגעגעבען מיט דעם לעצטען פּראָצעס פון דעבס׳ן. מיר זיינען יוצא געוועזן מיט איבערדרוקען זיין פארטיידיגונגס־רעדע, אין אַ פארקירצטער פאָרמע, און מיט דער זעהר געלונגענער פען־סקיצע פון דעבס׳ן אין געריכט־זאַל, געשריבען פון דעם טאַלאַנטפולען אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישען שריפטשטעלער, מאַקס איסטמאַן.

די רעדאַקציע און אַרויסגעבער פון דעם בוך האָבען אויך געהאַט אַ צווייטען ציעל אין אויג ווען זיי האָבען אונטערנומען אַרויסצוגעבען דעם פאָרליגענדען בוך. דאָס איז געווען צו שאַפען פון דעם ריווח פון דער אויסגאַבע אַ פאַסענדע ביישטייערונג פאַר דעם פאַרטיידיגונגס־פאָנד פון דעבס׳עס פּראָצעס. און דאָס איז אויך אָנגעוויזען געוואָרען אין דער אַנאָנס וועגען דעם בוך. דער ענטפער פון דעם אידישען אַרבייטער־לעזער איז געווען זעהר צופרידענשטעלענד. אָרגאַניזאַציעס און איינצעלנע מענשען האָבען זיך געאיילט צו אַבאָנירען אויפ׳ן בוך און איינצאָלען דעם באַטרעף, ווען ס׳איז נאָך מעהר ניט געווען, ווי די אַנאָנס. מיר דאַנקען אין נאָמען פון יודזשין וויקטאָר דעבס און אין נאָמען פון דער זאַך, וועלכער דעבס דיענט אַזוי געטריי און איבערגעבען, אַלע פריינד, וואָס האָבען געמאַכט אונזער אונטערנעמונג מעגליך און ערפאָלגרייך.

די רעדאַקציע.

# דאָס לעבען און ווירקען פון י. וו. דעבס

# יודזשין וויקטאָר דעבס: זיין לעבען און ווירקען

פון י. ב. סאַלוצקי.

---

## קינדערשע יאָהרען.

יודזשין וויקטאָר דעבס, אָדער ווי דאָס פאָלק האָט אין די שפּעטערדיגע יאָהרען מיט ליעבשאַפט פארצויגען זיין נאָמען — „דזשין" דעבס, איז געקומען אויף דער וועלט דעם 5טען נאָוועמבער, 1855, אין דעם קליינעם כאַראַקטעריסטיש אַמעריקאַנישען שטעדטעל טער־אָט, אינדיאַנאַ. אין זיין היים האָט גראָד שטאַרק געהערשט דער פראַנצויזישער גייסט: זיינעביידע עלטערען, דער פאָטער זשאַן דאַניעל דעבס און די מוטער מאַרגאַריט מארי בעטריש, זיינען געקומען נאָך אַמעריקאַ ערשט ניט לאַנג, מיט זעקס יאָהר צוריק, פון דער פראַנצויזישער שטאָדט קאָלמאַר, אין עלזאַס, וואָס האָט דאַמאָלס געהערט צו פראַנקרייך. אין דער פאַמיליע דעבס זיינען געווען צעהן קינדער, פון וועלכע עס זיינען געבליבען לעבען זעקס, און דער קליינער „דזשין" איז געוואַקסען אין דער אַטמאָספערע פון געזונטען פאַמיליען־גייסט און טראַדיציאָנעלער איינפאַכקייט, וואָס כאַראַקטעריזירט אַזוי דאָס אַמאָליגע אַמעריקאַנער לעבען, און בעאיינפלוסט געווען פון דער באַוועגליכער, אַקטיווער סענטימענטאַליטעט און געפיהלפולער עמפינדליכקייט, וואָס צייכענט אויס דעם פראַנצויזישען כאַראַקטער. אין דעם גאַנצען שפּעטערדיגען לעבען און ווירקען פון יודזשין וויקטאָר דעבס קאָן מען לייכט נאָכשפּירען די פאָלגען פון אָט דער פעראייניגונג און גענענזייטיגער דערגענצונג פון די צוויי נאַציאָנאַלע כאַראַקטעריסטיקען: די אַמעריקאַנער און פראַנצויזישע.

יודזשין וויקטאָר'ס פאָטער, זשאַן דאַניעל, איז אָנגעקומען אין נויאָרק פון קאָלמאַר, עלזאַס, דעם 20טען יאַנואַר, 1849, און אין קנאַפּע אַכט מאָנאַטען אַרום, איז געקומען נאָך נויאָרק, אויך פון קאָלמאַר, דעם קינפטיגען „דזשין'ס" מוטער. מיט צוויי טעג שפּע־

טער, דעם 13טען סעפּטעמבער, האָט דאָס פּאָר פּאָלק געהייראַט. דעם 30טען סעפּטעמבער פון דעם נעקסטען יאָהר, 1850, האָט דאָס פּאָר פּאָלק פאַרלאָזען נויאָרק און באַזעצט זיך אין סינסינעטי, אָהייאָ, אָבער אין געצעהלטע חדשים ארום, דעם 20טען מאַי, 1851, האָט זיי דער שיקזאַל פאַרטראָגען אין טער־אָט, אינדיאַנאַ, וואו זיי פאַרבלייבען אויף שטענדיג (מיט דער אויסנאַהם פון איין האַלבען יאָהר, אין 1854, ווען די פאַמיליע האָט געוואוינט אין ברוקלין, נויאָרק).

דאָס פאַמילען־לעבען אין דער הויז דעבס איז געווען מוסטער־האַפט אין אַלע פּרטים. מוטער און פאָטער האָבען זיך געליעבט און זיינען געווען טריי און איבערגעבען איינער צום צווייטען, ווי זעלטען וואו. און די קינדער האָבען געפיהלט צו די עלטערען דאָס זעלבע, ווי די עלטערען צווישען איינאַנדער. דער גייסט פון געגענ־זייטיגער הילף און בארייטוויליגקייט צו טאָן איינער פאַר׳ן צווייטען וואָס נאָר מעגליך און — נאָך מעהר, איז געווען דאָס ערשטע און גרעסטע וואָס האָט בעאיינפלוסט דעם קליינעם יודזשין׳ס צאַרטע, עמפּינדליכע נשמה. קנאה אָדער חשד זיינען פּונקט אַזוי פרעמד געווען אין דער פראַנצויזישער היים פון דעם צוקונפטיגען אַמעריקאַנער פיהרער און קעמפּער, ווי האָס אָדער בייזוויליגקייט.

דער פאָטער, זשאַן דעניעל דעבס, איז געווען אַ געבילדעטער און באַלעזענער מענש. ער האָט געוואוסט גרינדליך די געשיכטע פון פראַנקרייך און ער האָט געהאַט אין הויז אַ רייכע זאַמלונג פון פראַנצויזישע היסטאָרישע ליטעראַטור. אַן אויפריכטיגער מענש און מיט אַ נאַטירליכען געפיהל פון יושר, האָט ער געליעבט מענ־שען און מענשען האָבען איהם געליעבט. און אין זיין פרוי, מאַר־גאַרים מארי, האָט ער געהאַט אַ ליעבענסווירדיגע און קלוגע לע־בענס־באַגלייטערין. זי איז געווען אַ אידעאַלע מוטער פאַר די קינדער, וואָס האָט געוואוסט ווי צו פאַרפלאַנצען אין זייערע נשמות דאָס בעסטע, וואָס די עלטערען האָבען געהאַט אין זיך, און צו שאַפען די אומגעבונג פון ליעבע און אינטעליגענץ פאַר אַלע וואָס זיינען געקומען אין באַריהרונג מיט דעם הויז דעבס. פראַנקרייך׳ס פאַרגאַנגענהייט האָט געלעבט אין דער פאַמיליע. די הערּאָאישע

קאמפען פאר פרייהייט און רעכט, די געוואגטע סאָציאלע עקספע־רימענטען און נאציאָנאלע זיעגען און נידערלאגען פון פראנקרייך האָבען זיך געפלאָכטען אין דער פאָרשטעלונג פון די קינדער מיט די שעהנע, פון זון פארגאָסענע טאָלען און וויינגערטנער פון דעם „לינקען זייט רהיין". די לאנגע ווינטער אָווענטען און די פרייע זונטאָגס פלעגט די משפחה פארברייינגען ארום דעם רונדען עס־טיש אָדער אין דעם באשיידענעם גאסט־צימער, וואו דער פאָטער האָט געוואוסט צו דערצעהלען וואונדערליכע מעשה'לעך וועגען דעם שעהנעם אמאָל און דאָרטען, און די קינדער האָבען פאנ־טאזירט וועגען דעם רייכען שפעטער און דאָ. עס גיט זעלטען אזא רייכע אומגעבונג, אזוי פול מיט נים־געקינסטעלטער אמת'ער ליעבע און איינפאכער אָבער צארטער מענשליכקייט, ווי די אין וועלכער עס איז געוואקסען דער יונגער יודזשין וויקטאָר.

## ערשטער איינטריט אין אמת'ן לעבען.

אָבער די פאמיליע האָט אויך שווער געארבייט. די גרויסע פאמיליע אין דער קליינער באשיידענער היים — 447 נאָרד 4טע סטריט — האָט געפאָדערט אז יעדער מיטגליעד פון דער משפחה זאָל בייטראָגען זיין חלק, אלע זאָלען ארבייטען. און יודזשין וויק־טאָר האָט פריה פארזוכט דעם טעם פון „שאפ". פערצעהן יאָהר אלט האָט ער געענדיגט מיט אויסצייכנונג די „אלטע סעמינאר שולע" אין טער־אָט, און דערמיט — פארענדיגט זיין אָפיציעלע בילדונג. אין מאַי, 1870, נאָך ניט אלט קיין פולע 15 יאָהר, איז ער אָנגעקומען אלס „האנט" אין דער „טער־אָט און אינדיאנא־פּאָליס אייזענבאהן קאָמפּאניע", וואו ער איז שפעטער געוואָרען א לאָקאָמאָטיוו־הייצער. די ארבייט איז געווען ניט גרינג, און גאָר ניט זעלטען אויך געפעהרליך, אָבער דער קינפטיגער „דענקענדער פּראָלעטאריער" האָט געפונען צייט פאר ספּאָרט און אָפּרוה, וואָס זאָל שטארקען זיין נאָך קוים ענטוויקעלטען קינדער־גוף און לאָזען איהם וואקסען געזונט און פיזיש ענטוויקעלט. גלייכצייטיג האָט דעבס מיט גרויס אייפער פארגעזעצט און פולגעמאכט די מאָגערע בילדונג, מיט וועלכער די אלטע סעמינאר שולע האָט באוואפענט

דעם צוקינפטיגען פיהרער פון מענשען און באהערשער פון מוחות. ווי געזאָגט, איז די ארבייט אויף דער אייזענבאהן געווען נישט גרינג און ניט זיכער. פיהרען די באהן איבער די האלב־ווילדע פּרעריען פון דער מיטעל־וועסט איז געווען שווער און גע־פעהרליך. און דעבס'עס טרייע מוטער האָט ניט איינמאָל פארגאָ־סען בימערע מאַמעס־טרערען אין דער שטיל און פריה פון די גרויע באַגינענס, ווען יודזשין וויקטאָר פלעגט איהר קושען „זיי־געזונד" און פלעגט זיך אוועקלאָזען מיט דער קליינער שוואך־צאַנקענדער לאַנטערנע אנטקעגען דעם גרויען טרוקענעם טאָג.

אריבער פיער יאָהר, אָהן אויפהער, האָט דעבס געארבייט אויף דער אייזענבאהן, ביז עס האָט זיך איהם געמאכט א געלעגענהייט אריבערצוגעהן צו א גרינגערער און ווייניגער ריזיקאַלישער אר־בייט. דאָס איז געווען אין אָקטאָבער 1874, ווען ער האָט געקראָגען א שטעלע אין דער „הולמאַן און קאָקס גראָסערי הויז" אין טער־אָט, וואו דעבס האָט אין לויף פון פולע פינף יאָהר צייט געטאָן אַלע זיעבען קונסטען פון א שיק־אינגעל, קלוירק און פּאַרוואַלטער. מיט 35 יאָהר שפּעטער, ווען דעבס איז שוין געווען „אויף דער צווייטער זייט פון די באַריקאַדען", ווען דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס פון אמעריקא האָט איהם געהאַסט, ווי קיין אנדערען, און די ארבייטער האָבען איהם געליעבט ווי קיין אנדערען, אין זיין וואהל־קאַמף פאַר דער אמעריקאַנער פּרעזידענטשאַפט אין 1912, האָט די פירמע „הולמאַן און קאָ." געשריעבען וועגען זייער אַמאָ־ליגען קלוירק:

„מיר האַלטען הער דעבס'ן פאַר א מאַן אָהן אייגענניץ און מיט א גרויסע האַרץ. א מאַן וואָס ווידמעט זיין לעבען צו דיענען זיינע מיט־מענשען. זיין נרעסטער פאַרגעניגען איז הפנים צו זיין ניצליך צו אנדערע.

„אין אונזערע געשעפטס־באַציהונגען מיט איהם האָבען מיר אויסגעפונען, אַז ער איז אַן אָרענטליכער און בראַווער מאַן. איי־נער וואָס איז שטרענג אָרענטליך און יושר'דיג, האָט ניט דעם מינדסטען חשק צו זיין אומגערעכט צו אנדערע און וויל זיך ניט

באַנוצען מיט קיין געלעגענהייט צו נעמען פּאַרטייל פון צווייטענס ניט־פּאַרזיכט".

און דעבס האָט געקויפט און פאַרקויפט, געמאָסטען און גע־וואויגען, געווען אַ קרעמער־יונג. אָבער טיעף אין זיין נשמה האָט געלעבט די שטרעבונג צו אַ ברייטערער און גרעסערער אַקציאָן. די פּיער ווענט פון זיין קראָם זיינען פאַר איהם צו ענג געווען. און אין 1879, 4 יאָהר נאָכדעם, ווי ער איז אָנגעקומען אַלס גראָסערי־קלוירק, באַטרעט ער צום ערשטען מאָל אַן עפּענטליך־ערוועהלטען אמט. דאָס האָבען איהם זיינע מיט־בירגער אין טער־אָט ערוועהלט אַלס „סיטי־קלוירק" אין דער שטאָדטישער אַדמיניסטראַציע, און דעם אַמט פאַרנעמט דעבס מיט כבוד פאַר זיך און נוצען פאַר דער שטאָדט אין לויף פון פיער יאָהר. אָבער זיין אמת'ער געביעט איז געווען די ארבייטער באַוועגונג.

## אָנהויב פון יוניאָן טעטיגקייט.

דעם 27טען פעברואַר, 1875, האָט יהושע א. ליטש, דער „גרענד מאַסטער" (פּרעזידענט) פון דער ברודערשאַפט פון די לאָ־קאָמאָטיוו־הייצער, געגרינדעט אין טער־אָט, אינדיאַנא, אַן אָרטיגע „לאָזשע", פון דער ברודערשאַפט. דעבס האָט זיך אויפ'ן שטעל אָנגעשלאָסען אַן דער אָרגאַניזאַציע און איז באַשטימט געוואָרען אַלס סעקרעטער פון דער אָרטיגער ברודערשאַפט. דער ערפאַהרע־נער אָרגאַניזאַטאָר פון דער ברודערשאַפט און מענשען־קענער יהושע א. ליטש, האָט גלייך באַמערקט דעם 19־יאָהריגען ארבייטער־יונג. אריינקוקענדיג איהם טיעף אין די אויגען אריין, האָט ליטש געזאָגט צו איהם: „מיין יונגערמאַן, איהר זייט אַ רעכט ביסעל צו יונג, אָבער איך גלויב, איהר זייט ערנסט און אויפריכטיג און איך האָף, אַז די ברודערשאַפט וועט פיעל פון אייך הערען".

אין קנאַפּע דריי יאָהר צייט האָט דער יונגער ארבייטער אויף אַזוי פיעל געלאָזט פיהלען זיין האַנט אין דער ברודערשאַפט, אַז אויף דעם נאַציאָנאַלען צוזאַמענפאָהר פון דער אָרגאַניזאַציע אין באָפאַלאָ, אין 1878, איז ער ערוועהלט געוואָרען געהילפס־רעדאַק־טאָר פון דעם אָפיציעלען זשורנאַל, וואָס די ברודערשאַפט האָט

אַרויסגעגעבען, און אין יולי, 1880, איז ער ערוועהלט געוואָרען „גרענד־סעקרעטער און טרעזשורער" פון פאַרבאַנד און רעדאַקטאָר און פאַרוואַלטער פון דעם זשורנאַל. אין ערשטען אַמט איז ער פאַרבליעבען ביז פעברואר 1893, און אין צווייטען — ביז סעפּ־טעמבער, 1894.

מיט דעם גאַנצען פייער פון זיין יונגער און קרעפטיגער נשמה האָט זיך דעבס אריינגעוואָרפען אין דער אַרבייט פון אָרגאַניזירען און אויפקלעהרען זיינע פאַך־חברים. ער האָט ניט געוואוסט פון קיין נאַכט אָדער פון קיין יום־טוב. אַרבייט, אַרבייט, אַלעמאָל אַרבייט איז געווען זיין חלק און — אונטער וואָס פאַר אַ באַדינגונ־גען! זיין רייזע־זאַק איז שטענדיג געווען גרייט, און יעדע מינוט איז דער פלאַמיגער אַגיטאַטאָר בערייט געווען צו פאַרלאָזען דעם דעסק און לאָזען זיך אין ווייטען און שווערען וועג. די פאַרוואַל־טער פון די באַהן קאָמפּאַניעס האָבען פון איהם דאָס אויג ניט אַראָפּ־גענומען, און עס האָבען ניט געפעהלט קיין טרייע „הענט" צווישען די אַרבייטער, וואָס האָבען געהאָלפען די קאָמפּאַניעס אין פאַרפאָל־גען דעם אונערמיעדליכען אָרגאַניזאַטאָר. ניט איין מאָל האָט איהם אַ טרייער קאָנדוקטאָר אַרונטערגעזעצט פון אַ פּאַסאַזשיר־צוג אָדער פון אַ פראַכט־צוג אין מיטען פון דער נאַכט ערגיץ אין אַ וויסטעניש.

„דורך די אַלע יאָהרען", שרייבט דעבס אין זיין ערקלערונג, 'ווי איך בין געוואָרען אַ סאָציאַליסט': „האָב איך זיך געשפּייזט „פון פּראָלעטאַרישען קוואַל. איך האָב געטרונקען ביז גרונד פון „זיינע וואַסערען, און יעדער צעל פון מיין געבוי איז אָנגעזאַפּט „מיט דעם גייסט פון דעם אַרבייטער־קלאַס. איך האָב געהייצט „די מאַשין און געטראָגען די לאַסט און געליטען די סכנות פון דער „אַרבייט. איך בין געווען מיט די חברים אין די מידע, לאַנגע „שטונדען פון פּראַצע. איך האָב געהאַט מיין חלק אין זייערע „סכנות און אָפט געהאָלפען אָפּטראָגען מיינע צובלוטיגטע און צור־„קאַליעטשעטע גענאָסען אין זייערע היימען, צו ווייב און קינדער. „איז דען אַ חידוש, אַז איך האָב געפיהלט דעם לאַסט פון זייערע „ליידען, אַז די זוימען פון אומצופרידענהייט האָבען געלאָזט וואָרצ־

„לען אויך איז מיין נשמה? ווי אנדערש דאַט עס ז'ען געקאַנט זיין?"

און יודזשין וויקטאָר האָט געשטעלט אין דיענסט אַלץ מיט וואָס די גרויסמוטיגע מוטער נאַטור האָט איהם באַשאַנקען. ער האָט אונאויפהערליך געארבייט, געווירקט מיט וואָרט און שריפט, מיט טאַט און בייטראַג. ער האָט זיך ניט באַשריינקט אין זיין אגיטאַציע און אָרגאַניזאַציע אויף די לאָקאָמאָטיוו הייצער אליין. ער האָט געווירקט און געבויט, געגרינדעט און אָרגאַניזירט אויך אין אנדערע אייזענבאהן־פאַכען. זיין ענערגיע האָט ניט גע־וואוסט פון גרענעצען און זיין אויפטו האָט נאָך מעהר געווירקט און אָנגערעגט זיין אונערמיעדליכע ענערגיע. אין ווייניג טיילען פון דער אייזענבאהן אינדוסטריע האָט דעבס ניט געהאַט זיין חלק ארבייט, עס איז קיים געווען אַ סטרייק, אין וועלכען דעבס האָט קיין אנטייל ניט גענומען.

ווען דעבס האָט איבערגענומען די פאַרוואַלטונג פון דער ברודערשאַפט פון די לאָקאָמאָטיוו הייצער איז די קאַסע געווען 6000 דאָלער הינטערשטעליג און דער גאַנצער פאַרבאַנד האָט ניט מעהר געהאַט, ווי 60 לאָקאַלען. אין גאַר אַ קורצער האָט דעבס דערוויזען אָפצואווישען דעם גאַנצען חוב און שאַפען נייע 226 אָרטיגע אפטיילונגען פון דער אָרגאַניזאַציע.

## אויפ'ן וועג צו אַ וועלט־אַנשויאונג.

דער געדרענג פון דער פּראַקטישער ארבייט, די אגיטאַציע און אָרגאַניזאַציע האָט ניט געשטערט דעבס'ן אריינטראַכטען זיך אין די ברייטערע פּראָבלעמען פון דער באַוועגונג. ער האָט אַלץ מעהר געפיהלט, אַז דער קאַמף איז סוף כל סוף באַשריינקט, אַז דער קאַמפּס־פּלאַץ איז ענג, סיידען די ציעלען פון קאַמף זאָלען אויסגעשפּרייט ווערען. אמת, די סאָציאַליסטישע אויפפאַסונג פון דער באַוועגונג איז נאָך אַלץ פרעמד געווען פאַר דעם יונגען קעמפער און פיהרער. ווי ער דערצעהלט אליין אין דעם פריהער דערמאָנטען ארטיקעל האָט ער נאָך דעמאָלט קוים וואָס געהערט פון סאָציאַ־ליזם. פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג האָט ער כמעט אינגאַנצען

ניט געוואוסט, און אפילו דאָס ביסעל וואָס ער האָט יע געוואוסט, האָט איהם ניט בעאיינפלוסט צו דענקען גינסטיג וועגען סאָציאַ־ליזם. ער האָט יע געטראַכט פון קאַפּיטאַל און קאַפּיטאַליזם, אָבער דאָס גאַנצע און געזאַמטע בילד פון דעם קאַפּיטאַליסטישען „סיס־טעם" האָט נאָך ניט דערגרייכט צו דעם גייסטיגען אויג פון דעם בייגאַהע 40־יאָהריגען ארבייטער־פיהרער. ער האָט געפיהרט מלחמה געגען עקספּלואַטאַציע און קליינע שכירות, אָבער ס'איז איהם נאָך ניט איינגעפאַלען דער געדאַנק, אַז דאָס גאַנצע סיסטעם פון לוין־ארבייט, פון שכירות איז שלעכט. אָבער דעבס האָט שוין לאַנג געהאַט באַגריפען די אידעע פון דעם ארבייטער־קלאַס, פון ארבייטער־אחדות. אין זיינע געדאַנקען און אויך אין זיינע פּראַקטישע פּאַרזוכען איז ער שוין לאַנג און ווייט אריבער די כינעזישע מויערען פון פאַכאָוועד אָדער אפילו פון אינדוסטריעלער אָפּגעזונדערטהייט. אין אַ שפּעטערדיגער שריפט דערצעהלט ער:

„איך בין געווען פאַרנומען מיט דעם געדאַנק גרינדליך און „שטאַרק צו אָרגאַניזירען אַלע אייזענבאַהן ארבייטער און סוף „כל סוף דעם גאַנצען ארבייטער־קלאַס, און פאַר דעם ציעל האָב „איך אָפּגעגעבען מיין גאַנצע צייט און ארבייט. איך האָב געהאַט „די טיעפּסטע איבערצייגונג, אַז עס וועט ניט שווער זיין אָפּצו־„שאַפען אַלע איבלען און רעגולירען די ארבייטס־באַדינגונגען אויב „עס זאָל נאָר געלינגען צו אָרגאַניזירען אַלע ארבייטער אין יעדען „טייל פון דער אייזענבאַהן דיענסט און באַוועגען זיי אַלעמען צו „ארבייטען האַרמאָניש און אייניג. די אַקציאָנערען פון די באַהן־„קאָמפּאַניעס ארבייטען דאָך האַרמאָניש, טו פאַרוואָס זאָלען אַזוי „ניט האַנדלען די ארבייטער? דאָס איז דאָך אַזוי איינפאַך: „די ארבייטער זאָלען נאָר נאָכפאָלגען דעםביישפּיעל פון זייערע „בעלי בתים, און דאָס פּראָבלעם וועט זיין געלייזט".

זוכענדיג דעם ענטפער, ווי צו לייזען דאָס פּראָבלעם, איז דעבס געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די פאַכאָוועַ אָרגאַניזאַ־ציאָנס־פאָרמע פון די אייזענבאַהנער אין אַ גרויסע שטערונג אין זייער וועג. וויפיעל מען זאָל זוכען צו דערגענטערן צווישען איי־נאַנדער די באַזונדערע פאַר־פאַראיינען און ברודערשאַפטען, וועט עס

דאָך ניט זיין אָט די שטאַרקע, איינהייטליכע און אינערליך־סאָלידארישע ארבייטער־אָרגאַניזאַציע, וואָס איז נויטיג צו פאַרזיכערען דעם ערפאָלג פון די ארבייטער. און ער האָט באשלאָסען צו באַשאַפען אַזאַ ברייטע און אַל־אומפאַסענדע אָרגאַניזאַציע פון ארבייטער, צוערשט — פון אַלע אייזענבאהן־ארבייטער אָהן אונטערשייד פון פאַכען און דיסטריקטען.

אויף דעם סינסינעטי׳ער צוזאַמענפאָהר פון דער ברודערשאַפט פון לאָקאָמאָטיוו הייצער, אין 1892, האָט דעבס אריינגעגעבען זיין רעזיגנאַציע פון אַלע עמטער, וואָס ער האָט ביז דעמאָלט פאַרנומען אין פאַרבאַנד. די דעלעגאַטען האָבען איינמוטיג צוריקגעוויזען די רעזיגנאַציע און איינשטימיג, מיט באַגייסטערונג, ווידער־ערוועהלט דעבס׳ן אויף אַלע פריהערדיגע עמטער. אָבער עס האָבען ניט געהאָלפען קיין רייד און איבערצייגונגען. דעבס איז באַשטאַנען אויף דאָס זייניגע, און ווען אַלע מיטלען און וועגען איינצוהאַלטען איהם האָבען זיך ארויסגעוויזען פרוכטלאָז, האָט דער צוזאַמענפאָהר ווידערוויליג און מיט טיעפען, אמת ריהרענדען באַדויער אָנגענומען דאָס צוריקציהען זיך פון דעם פיהרער און דיענער. דעבס האָט אָפען און אָהן צווייזייטיגקייט ערקלערט, אַז ער געפינט פאַר ענג און ניט צופרידענשטעלענד די אָרגאַניזאַציע פון די אייזענבאַהנער, ווי זי איז איצטער, אַז ער וויל אַוועקגעבען אַלע זיינע כחות אויפצובויען אַזאַ אַלגעמיינע און איינהייטליכע אָרגאַניזאַציע פון די אייזענבאַהן־ארבייטער. די פאַרזאַמלונג איז נאָך ניט געווען פאַרטיג צו באַגרייפען דעבס׳עס פּלענער, אָבער זי האָט איינשטימיג באַוויליגט דעבס׳ן, אַלס צייכען פון ליעבע און אנערקענונג, די סומע פון 2,000 דאָלער, ער זאָל פאָהרען אין אייראָפּאַ אָפּרוהען און פאַרגעניגען האָבען, אָבער אויך פון דער מתנה האָט זיך דעבס באשיידען אָפּגעזאָגט. אָפּגעבענדיג זיין ענדגילטיגע ערקלעהרונג, אַז זיין ענטשיידונג וועט ער ניט ענדערען, האָט דעבס צווישען אַנדערעס ערקלעהרט פאַר וואָס ער טרעט ארויס פון דער ברודערשאַפט פון די לאָקאָמאָטיוו הייצער און ווי ער קוקט אויף זיין ווייטערדיגער אויפגאַבע:

„איך טו אַזוי ווייל דאָס פאַרשאַפט מיר פאַרגעניגען אַזוי צו

„טאָן. מיין ציעל איז צו העלפען ראַטעווען די מענשליכקייט און „מענשהייט, וואָס שטעהען אין סכנה פון אונטערגאַנג. יעדער „שריט און באַוועגונג, וואָס פיהרט צו דעם ציעל, פאַרדיענט די „פולסטע אונטערשטיצונג און איך וועל זיך ניט אָפּשטעלען פאַר „קיין אָנשטרענגונג, וואָס איז נאָר אין מיינע כחות. איך האָב אַ „האַרץ פאַר אַנדערע און דערפאַר בין איך אין דער ארבייט. ווען „איך זעה אַז אַנדערע ליידען, לייד איך אַליין אויך, און ווען איך „שטריינג מיך אָן צו פאַרלייכטערען דעם שיקזאַל פון אַנדערע, „ארבייט איך אייגענטליך פאַר זיך אַליין. איך האַלט ניט, אַז וואָס איך טו איז אַ קרבן, אָדער אַז איך האָב זיך ווען מקריב „געווען. דער איינציגער קרבן איז ווען איינער פאַרגוואַלדיגט זיין „איינענעם געוויסען".

פון די ווערטער קוקט ארויס דער גאַנצער דעבס: דער אַר־בייטער־פיהרער מיט אַ האַרץ פון אַ הומאַניסט, דער קעמפּער וואָס ליעבט.

## די „אַמעריקאַן רעילוועי יוניאָן".

אין פעברואַר, 1893, האָט זיך דעבס באַפרייט פון זיינע פליכ־טען אַלס פיהרער און בעאַמטער פון דער ברודערשאַפט פון די לאָ־קאָמאָטיוו־הייצער. און אין יוני פון דעם זעלבען יאָהר האָט ער, מיט דער הילף פון געצעהלטע חברים, אָרגאַניזירט די „אַמעריקען רעילוועי יוניאָן" — דעם ערשטען און איינציגען פאַרבאַנד פון אַלע אייזענבאַהן־ארבייטער, אין דער גאַנצער ביזדעמאָלטדיגער געשיכ־טע פון דער אַמעריקאַנער ארבייטער באַוועגונג. דעבס האָט אריינ־געבראַכט אין דער נייער אָרגאַניזאַציע צוזאַמען מיט זיין אייזער־נער ענערגיע און אונערמידליכער טעטיגקייט אויך דעם גייסט פון זעלבסט־אָפּפערונג און פון דיענסט אָהן תנאים צום ציעל אָהן אַ קאָמפּראָמיס. דעם אינהאַלט פון זיינע ווערטער, אין וועלכע ער האָט ערקלעהרט, פאַרוואָס ער ציהט זיך צוריק פון דער ברודער־שאַפט, די לאָקאָמאָטיוו־הייצער, האָט דעבס אין דער פולער מאָס פאַרווירקליכט אין דעם נייעם פאַרבאַנד.

ער האָט געטאָן זיין ארבייט מיט ליעבע און איבערגעבענהייט,

אליין געווען דער ביישפיעל פאר אנדערע. איידער ער האט רע־זיגנירט פון דער ברודערשאפט איז זיין געהאלט געווען 4,000 דאָ־לאר א יאהר. אין דער „אמעריקען רעילוועי יוניאָן" איז דעבס'עס געהאלט געווען 75 דאלאר א מאָנאט. די לעצטע צוויי יאהר פון דער עקזיסטענץ פון דער יוניאָן האט דעבס אינגאנצען קיין גע־האלט ניט באקומען. און אלס צוגאב דערצו, ווען די „אמעריקען רעילוועי יוניאָן" איז געגאנגען געבראָכען, צוליעב דער אומגעזעצ־ליכער פארשווערונג וואס די רעגירונג האט געמאכט מיט די איי־זענבאהן קאָמפּאניעס און מחמת דער אונטערדריקונג פון דעם פולמאן־סטרייק, האט דעבס איבערגענומען אויף זיך, שטיל און אָהן טענות, צו צאָהלען די חובות פון דער געפאלענער אָרגאני־זאציע. דאס זיינען ניט געווען קיין פּערזענליכע חובות, און דעבס איז פאר זיי בשום אופן ניט געווען פאראנטוואָרטליך: ניט פאָרמעל און ניט מאָראליש. די חובות זיינען געווען גרויס: דעבס האט זיין גאנצען לעבען ניט פארמאָגט אפילו קיין חלק פון דעם, וויפיעל זיי האָבען באטראָפען. אָבער ער האט יאהר איין יאהר אויס, פון זיינע באשריינקטע פארדיענסטען, אין לויף פון אריבער צוואנציג יאהר, ביז מיט א פּאָר יאהר צוריק, געצאָהלט און אויס־געצאָהלט עפּעס אריבער 40 טויזענד דאָלאר. אזוינס האט קוים געטאָן אן אנדער ארבייטער־טוער אין אמעריקא און אנדערשוואו. אָבער דעבס וואָלט פונקט אזוי ווייניג פאררואָטען אָדער גע־לאָזט פאלען א שפּרינקעל שטויב אויף דעם זכרון פון זיין גייסטיג קינד —„די אמעריקען רעילוועי יוניאָן", — ווי ער וואָלט עס געקאָנט טאָן מיט זיין לייבליך קינד, אָדער זיין פרוי.

## ערשטער אויפטריט פון דער "א. ר. יו."

דעבס האט געגרינדעט די „א. ר. יו." (אמעריקען רעילוועי יו־ניאָן) אין יוני, 1893. אין איין יאהר ארום האט די אָרגאניזא־ציע שוין געהאט דערוויזען צו געווינען א גרויסען זיעג איבער דער „גרויסער נאָרד אייזענבאהן־קאָמפּאניע", ארויסצורופען דעם צאָרן, דעם האס און די מורא פון אלע באהן־קאָמפּאניעס, פאקטיש צו גע־ווינען אויך דעם היסטאָרישען „פולמאן־סטרייק". און וואָלט ניט

די נאַציאָנאַלע רעגירונג געוואָרפען אין קאַמף נעגען דער „א. ר. יו." איהר גאַנצע מאַכט, די פּאָליצײ, מיליטער און געריכט, וואָלט אפשר די וויטערדיגע געשיכטע פון דער אָרגאַניזירטער ארבייטער באַוועגונג אין אַמעריקאַ געהאַט אַן אַנדער פּנים און אַן אַנדער ווענדונג. דער וואוקס פון דער „א. ר. יו." איז געווען אויסער־געוועהנליך, אָהן אַ גלייכען אין דער אַרבייטער באַוועגונג פון לאַנד. די יוניאָן איז אויסגעוואַקסען אין איין יאָהר צייט, און זי איז געוואַקסען ניט נאָר אין גייסט און קראַפט, נאָר טאַקי אויך אין צאָהל. לויט ווי עס גיט אָן די אָפיציעלע אונטערזוכונגס־קאָמיסיע, וואָס די רעגירונג האָט שפּעטער באַשטימט צו אונטערזוכען דעם שיקאַגאָ'ער סטרייק, האָט די „א. ר. יו." געצעהלט 465 אָרטיגע אָר־גאַניזאַציעס מיט אַן אַלגעמיינער מיטגלידערשאַפט פון 150,000. ווי גרויס עס איז געווען לפי ערך די צאָהל קאָן מען אורטיילען פון דעם, וואָס די גאַנצע אַמעריקאַנער ארבייטער פעדעראַציע (א. פ. אָף ל.) האָט דעמאָלט געהאַט ניט מעהר פון 300,000 מיטגלידער, און די אַמאָל מעכטיגע „נייטס אָף לייבאָר" (דער צענטראַלער אר־בייטער פאַרבאַנד, וועמענס פּלאַץ אין דער באַוועגונג די א. פ. אָוו ל. האָט אַלץ מעהר פאַרנומען) האָט ניט מעהר געצעהלט ווי צווישען 150 און 160 טויזענד מיטגלידער.

דער פענאָמענאַלער, זיכער אונערוואַרטעטער וואוקס פון דער „א. ר. יו.", ווי אין ציפערען אזוי אין מאַכט, ערקלעהרט זיך אָהן ספק דערמיט, וואָס דעבס האָט געשטעלט די באַוועגונג אויף אַ ביז דעמאָלט ניט באַקאַנטער הויך פון פּרינציפּיעלער פעסטקייט און פּערזענליכער זעלבסט־אויפאָפּפערונג. יאָהרען און יאָהרען נאָכ־דעם, ווי פון דער אָרגאַניזאַציע איז שוין ניט מעהר געבליבען ווי־ערא־ינערונגען, האָבען איהרע געוועזענע מיטגלידער ניט אַנדערש ארויסגערעדט איהר נאָמען, ווי מיט עהרפורכט און אומפּאַרגעס־ליכער ליעבע. זי האָט געטראָגען א י ן ז י ך דעם הייליגען אייפער פון אַ טיעף רעליגיעזער באַוועגונג, אויף איהר שטערען האָט זי געהאַט די אָפּשפּיגלונג פון דעבס'עס שעהנער נשמה. אָבער אויך האָט זי געהאַט אונטער זיך דעם שטאַרקען באָדען פון דער היסטאָרישער ענטוויקלונג. די אָרגאַניזאַציע איז געווען אַ

נויטווענדיגקייט, און דאָס וואָס זי איז שפּעטער געפאַלען אין קאמף מיט די פיעל שטאַרקערע געמיינשאפטליכע כחות פון הער־שענדען קאפּיטאל און קאפּיטאליסטישער רעגירונג דערוויזט נאָר, אַז דער מענשען־מאַטעריאל אין דער באַוועגונג איז נאָך ניט גע־ווען דערוואַקסען צו דער הויך פון דער אַלגעמיינער, אָביעקטיווער, ניט פּערזענליכער לאַגע, און אַז דער ארבייטער איז נאָך ניט געווען שטאַרק גענוג צו באַזיעגען דעם קאפּיטאליזם.

## דער קלאַסען־קאַמף אין דער אַמעריקאַנער אינדוסטריע.

די פאַראייניגטע שטאַאטען זיינען דאַמאָלס געשטאַנען, אַלס לאַנד, אויף דעם שוועל פון דער סאַמע מאָדערנער פאַזע פון קאפּי־טאליזם. די טראַסטס האָבען פּערוואָרפען זייערע געדיכטע און שטאַרקע נעצען איבער די קוואַלען פון דעם וואוילזיין פון פאָלק. הענרי דעמאַרעסט לויד, אַן אויפריכטיגער און צופערלעסיגער שיל־דערער פון יענע יאָהרען, דערצעהלט אין זיין בוך :„עשירות געגען דעם כלל״ : „ניט וועניגער פון 500 מיליאָן דאָלאַר קאפּיטאל איז געווען פאַראייניגט אין דעם קוילען־טראַסט. דער יד אחת אין דער אויל אינדוסטריע האָט קאָנטראָלירט 200 מיליאָן דאָלאַר, און די פיהרער פון דערזעלביגער אינדוסטריעלער קאָמבינאַציע זיינען אויך געווען די בעלי דעות אין אַנדערע געשעפט, מאַנופאַקטור אָדער פּראָדוקציאָנס־פאַראייניגונגען, וואָס האָבען ארומגעכאַפּט דעם ווערט פון מעהרערע 100 מילאָנען דאָלאַרס. די אייזענבאַהנען און די תבואה־שפּייכלער אייגענטימער האָבען אין זייער רשות הונדער־טער מיליאָנען דאָלאַרס צו באַקעמפען די ווייץ־פּראָדוצירער. ניט וועניגער פון 100 מיליאָן דאָלאַר איז קאָנצענטרירט אין דעם פיה און פלייש האַנדעל, 35 מיליאָן דאָלאַר אין בראַנפען און פיעל מעהר אין ביער, 75 מיליאָן דאָלאַר אין צוקער, אריבער 100 מי־ליאָן דאָלאַר אין לעדער, און אין גאַז מעהרערע מיליאָנען . . . עס איז פאַראַן אין רונדע ציפערען מעהר פון 10 מיליארד דאָ־לאַר קאפּיטאל, וואָס ציהט פּראָצענט פון די אייזענבאַהנען, און מיט יעטווידער יאָהר ווערען די אינדוסטריעס אַלץ ענגער צונויפגע־בונדען, אַלס מעהר קאָנצענטרירט.״

די קאָלאָסאַלע פאַראייניגונגען פון קאַפּיטאַל האָבען אומפאַר־מיידליכערווייזע ארויסגערופען א שטאַרקערע פאַראייניגונג פון די ארבייטער. די ריזיגע טראָסטס האָבען באַשאַפען דעם וועג פאַר ריזיג גרויסע ארבייטער־יוניאָנס, שוין דערמיט אליין, וואָס זיי באַשעפטיגען אין איינציגע פלעצער גרויסע מחנות ארבייטער. די קלאַסען־גרענעצען זיינען געוואָרען פיעל דייטליכער און דער קלאַסען־געפיהל איז געוואָרען אלע מאָל אויסגעשפּראָכענער און שאַרפער. דער קלאַסען־קאַמף איז געוואָרען אזוי פארשארפט און פאַרביטערט, ווי קיינמאָל ניט פריהער אין דער געשיכטע פון דער אינדוסטריעלער געזעלשאַפט.

דאָס יאָהר 1892 איז געווען באַזונדערס רייך אין בלוטיגע צוזאַמענשטויסען צווישען קאַפּיטאַל און ארבייט. אייניגע פון די צוזאַמענשטויסען וועלען אויף לאַנג, זעהר לאַנג פאַרבלייבען אין ז׳עם זכרון פון דער ארבייטער־באַוועגונג. אזוי איז דער „האָומסטעד סטרייק״, וואו די ארבייטער־באַוועגונג האָט זיך צום ערשטען מאָל באַגעגענט פנים אל פנים מיט א הויך מאָדערנער קאַפּיטאַליסטישער קאָרפּאָראַציע, וואָס איז געווען באַוואַפענט מיט אונבאַשריינקטע מיטלען און קראַפט. פון איין זייט איז געשטאַנען די „פאַראייניגטע אסאָציאַציע פון אייזען און שטאָל ארבייטער״ (אמאַלגאַמייטעד אסאָסיאיישאָן אָוו אייראָן ענד סטיל וואָירקערס), מיט א מיטגלידערצאָהל פון 24,068 (אין יאָהר 1891), פאַקטיש די שטאַרקסטע ארבייטער יוניאָן אין דער גאַנצער אמעריקאַנער ארבייטער באַוועגונג. פון דער צווייטער זייט איז געווען די שטאָל קאָרפּאָראַציע „קארנעגי און קאָ.״, מיט ה. ס. פריק אלס פיהרער, א מאַן, וואָס האָט איבער׳ן גאַנצען לאַנד גע׳שמ׳ט אלס דער ביטערסטער שונא און ענטשידענסטער באַקעמפער פון אָרגאַניזירטע ארבייטער. דער היסטאָרישער סטרייק האָט אויסגעבראָכען צוליעב דעם פאַרזוך פון דער קאָמפּאַניע ארונטערצוזעצען די שכירות, וואָס די ארבייטער האָבען ערוואָרבען נאָך מיט דריי יאָהר צוריק. די קאָמפּאַניע האָט נאָך פאַרצויגענע אונטערהאַנדלונגען און דינגענישען פאַרגעשלאָגען דעם פרייז פון 23 דאָלאַר פאַר א טאָן אייזען, אַנשטאָט 22, ווי זי האָט לכתחילה געוואָלט צאָהלען.

די ארבייטער האָבען נאָכגעגעבען ביז 24 דאָלאר אנשטאט די 25 דאָלאר פער מאָן, וואָס זיי פלעגען ביז דאמאָלט באקומען. ווי געזאָגט, האט עס זיך געהאנדעלט וועגען ארונטערזעצען די פאר־דיענסטען, ניט וועגען העכערען זיי. אָבער הינטער דעם קאמף פון דער קאָמפּאניע געגען די פארדיענסטען פון די ארבייטער איז געווען פארשטעקט א דירעקטע אטאקע אויף דער יוניאָן, און די ארבייטער האָבען עס אויך אזוי פארשטאנען: זיי האָבען זיך גע־ראנגעלט פאר דעם סאמע קיום פון זייער פארבאנד. דעם 29טען יוני זיינען די ארבייטער ארויס אין סטרייק. אָבער נאָך איידער די פארהאנדלונגען זיינען געקומען צו ענד, האט הערר פריק, פון דער קארנעגי קאָמפּאניע, אנגאזשירט 300 ספּעציעלע וועכטער פון דער פינקערטאָן געהיים־דעטעקטיוו אגענטור. דעם 5טען יולי זיי־נען די געהיים־אגענטען אָנגעקומען אין שטאָדט פּיטסבורג און פארטאָג דעם 6טען יולי האָבען זיי אויף שיפען געזאָלט אָנקומען ניט באמערקט אין האָמסטעד און פארנעמען די וואך ארום די אייזען און שטאָל גיסערייען. אָבער די ארבייטער האָבען זיך בא־ציימענס דערוואוסט וועגען דעם אָנקונפט פון די פינקערטאָן־אגענטען, — און בוכשטעבליך די גאנצע שטאָדט איז ארויסגעקו־מען צום ברעג טייך, ענטשלאָסען ניט צו דערלאָזען, אז די פינ־קערטאָן־אגענטען זאָלען ארונטער פון די שיפען. די ארבייטער האָ־בען זיך באוואפענט מיט ביקסען און עס איז געקומען צו א בלו־טיגער שלאכט. די פיהרער פון די ארבייטער האָבען זיך אומזיסט געסטארעט צו בארוהיגען די מאסען, צו פארמיידען בלוטפארגי־סונג. די אויפרעגונג פון די סטרייקערס האט ניט געוואוסט פון קיין גרענעצען. נאָך איידער די זון האט דערגרייכט דעם מיטען פון הימעל, זיינען צוועלף מענשען, פון ביידע זייטען, געלעגען טויטע און צעהנדליגע זיינען געווען שווער פארוואונדעט. די אר־בייטער האָבען זיך ניט בארוהיגט, ביז די פינקערטאָן־אגענטען האָבען זיך אונטערגעגעבען און מען האט זיי ארעסטירט און די זעלבע נאכט ארויסגעשיקט מיט דער אייזענבאהן.

דער סוף פון דעם צוזאמענשטויס אין האָמסטעד איז געווען זעהר א טרויעריגער. די רעגירונג האט געשיקט שטאאט־מיליץ אין

שטאָדט, און מאָנאַטען לאַנג איז די אַרבייטער באַפעלקערונג גע־שטאַנען אונטער קריעגס־צושטאַנד, ליידענדיג גוואַלט און אומגע־רעכטיגקייט פון די מיליצאַנטען. עס זיינען, אמת, צוגעשטאַנען צום סטרייק די אַרבייטער פון מעהרערע פאַבריקען און אונטער־נעמונגען פון דער קאָמפּאַניע, אפילו ניט־אָרגאַניזירטע אַרבייטער זיינען אַרויס אין סימפּאַטיע־סטרייק, אָבער דער קאַמף איז געווען פאַרשפּיעלט. נאָך פולע 20 וואָכען פון הערואָישען סטרייק זיינען די אַרבייטער אַוועק צו דער אַרבייט, ערנידעריגטע און געשלאָגענע. זייער יוניאָן איז געווען זייער גרעסטער פאַרלוסט, וועלכען זיי האָ־בען נאָך עד היום ניט צוריקגעוואונען.

נאָך דעם סטרייק און צוזאַמענשטויס אין האָומסטעד איז געקומען דער קאַמף אין קור ד'אַלען, אין דעם קוילען־גרעבער דיס־טריקט פון שטאַאַט איידעהאָ, וואו עס איז אויך געקומען צו אַ באַוואָפענטער שלאַכט צווישען די סטרייקער און געדונגענע סטרייק־ברעכער. אויך דאָ זיינען פון ביידע זייטען געפאַלען קרבנות, דער'הרג'עטע און פאַרוואונדעטע, און אויך דאָ האָבען די אַרבייטער לכתחילה געהאַט פאַרטריבען זייערע שונאים, און גראָד איז די שטאַאַט־מיליץ ניט געווען געניגענד צו אונטערדריקען די סטרייקערס, אָבער דער גאָווערנאָר פון איידעהאָ האָט אויפגעפאָ־דערט די פעדעראַלע רעגירונג, און — זי האָט ליבעראַל געהאָלפען. די פעדעראַלע סאָלדאַטען האָבען אויפגעטאָן אין קור ד'אַלען, וואָס די שטאַאַטליכע מיליץ אין האָומסטעד: דערשטיקט דעם סטרייק און צובראָכען די יוניאָן.

ווי געזאָגט פריהער, איז דאָס יאָהר 1892 געווען באַזונדער רייך אין בלוטיגע מלחמות צווישען אַרבייט און קאַפּיטאַל. די מלחמות זיינען ניט געווען באַשריינקט אויף איין געגענד אָדער אינדוסטריע. וואָס עס האָבען יענעם יאָהר דורכגעמאַכט די קוי־לען־גרעבער, איז אויך אויסגעפאַלען אויפ'ן חלק פון די שטאָל־אַרבייטער, און די אייזענבאַהנער, ווי די אייזענגרעבער און אַנ־דערע, האָבען געהאַט אויסצושטעהן דעם זעלביגען פּאַראייניגטען אַנגריף פון קאַפּיטאַל און פון דער רעגירונג. דער פּלאַץ פון קאַמף איז געווען דער גאַנצער שטח פון די אונדוסטריעלע שטאַאַ־

טען פענסילווייניא, נויארק, טענעסי, איידעהא. פון איין עק ביז'ן צווייטען האט די אינדוסטריעלע אמעריקא אויפגעציטערט אין די קאנוואולסיעס פון דעם קאמף אויף לעבען און טויט צווישען די ארגאניזירטע ארבייטער און די פאראייניגטע קאפיטאליסטען. דער אייזענבאהן סטרייק אין באפאלא, נויארק, האט געפונען דעם פעלד פון קלאסען־קאמף רייף אויפגעאקערט פון די שטאל־ארבייטער אין האומסטעד, און נאך איהם איז געקומען דער בלוטיגער קאנפליקט אין טרייסי סיטי, טענעסי, אין אינמען, אין אליוועך ספרינגס, אין קאאל קריק — אומעטום, איבעראל. די קוילען און אייזען גרעבער האבען ארויסגעוויזען וואונדערליכען מוט, אויסדויער און קראפט. אין טענעסי איז די מלחמה אוועק אזוי ווייט, אז גאנצע באהן־צוגען מיט מיליציאנערען זיינען אריינגעפאלען אין די הענט פון די באוואפענטע סטרייקער. די ארבייטער האבען די מיליציאנערען גענומען אין געפאנגענשאפט, און ענטוואפענט זיי, אבער סוף כל סוף איז דאך דער זיעג געווען אויף דער צווייטער זייט.

דער סטרייק אין באפאלא, פון 400 וויכענשטעלער (סוויטשמען, סטרעלאטשניקעס) האט זיך אנגעהויבען אונטער זעהר גינסטיגע באדינגונגען פאר די ארבייטער. זיי האבען געפאדערט העכערע שכירות און קירצערע ארבייטס־שטונדען, און זיי איז געלונגען אפצושטעלען דעם אייזענבאהן־פארקעהר ארום באפאלא. די באפעלקערונג האט סימפאטיזירט מיט סטרייקערס, און די ארטיגע מיליץ, וואס איז ארויסגעפאדערט געווארען שוין אין סאמע אנהויב פון סטרייק, האט ניט ארויסגעוויזען קיין באזונדער גרויסען חשק צו מישען זיך אין סטרייק און האט ניט געשטערט דעם פריעדליכען „פיקעטען“. אבער די אייזענבאהן־פארוואלטער האבען געצוואונגען דעם שעריף, געגען זיין ווילען, ער זאל בעטען שטיצע פון דעם גאווערנאר פון סטייט, און אין 48 שטונדען צייט איז ארויסגעפאדערט געווארען כמעט די גאנצע מיליץ פון שטאאט נויארק, פולע 8000 מיליציאנערען צו באקעמפען 400 פריעדליכע סטרייקער. אין ניין טעג צייט איז דער סטרייק געווען געבראַ־

כען און די סטרייקער האָבען זיך אומגעקעהרט צו דער ארבייט באזיגטע.

דער דורכפאל פון די קופּער־מיינערס, די מעטאל־גרעבער אין קור ד'אלען האָט געפיהרט צו דער גרינדונג פון דער וועסטלי־כער פעדעראציע פון די מעטאל־גרעבער (וועסטערן פעדעריישאָן אָוו מיינערס), וואו אלע ארבייטער אין דער מעטאל־גראָבענדער אינדוסטריע האָבען זיך פאראייניגט אין איין אינדוסטריעלער יו־ניאָן, כדי געמיינשאפטליך, מיט פאראייניגטע כחות און אָהן די שטערונגען פון פאכאָווע מחיצות, צו קעמפען געגען דעם אינדוס־טריעל, קאָמערציעל און פינאנציעל פאראייניגטען קאפיטאל.

אין דער זעלביגער ריכטונג האָט אויך געווירקט דער דורכ־פאל פון דעם אייזענבאהן־סטרייק אין באָפאלאָ אויף יודזשין וויק־טאָר דעבס'ען. ער האָט עס דעמאָלט באשלאָסען צו רעזיגנירען פון זיין אמט אין דער ברודערשאפט פון די לאָקאָמאָטיוו־הייצער און צו אָפּגעבען זיך מיט דער אגיטאציע פאר אן ענגער פארבינדונג פון אלע אייזענבאהן־אָרגאניזאציעס אין איין פעדעראציע. אָבער וואָס דער אויפריכטיגער און גרינדליך דענקענדער דעבס האָט גע־זעהן, האָבען די אנדערע פיהרער און בעאמטע פון די אייזענבאהן ברודערשאפטען ניט געזעהן און ניט פארשטאנען. פאר דעבס'ען איז קלאָהר געווען, אז אויב די ארבייטער האָבען וועלכע עס איז האָפנונג צו שטעלען זיך געגען די ריזיגע כחות פון די קאָמפּאניעס, איז עס נאָר דורך אן אלגעמיינער און געשלאָסענער אקציאָן פון אלע, אָהן אויסנאהם, ארבייטער אויף די אייזענבאהנען. אָבער דעבס'עס חברים האָבען נאָך אלץ געגלויבט אין דער קראפט פון פאכאָווער אָפּגעזונדערקייט און אין דיפּלאָמאטיש־שתדלנישער אקציאָן, און זיי האָבען זיך אָפּגעזאָגט פון ענגער צונויפּברייננגען די אייזענבאהן ארבייטער פון די פארשיידענע פאכען.

דעבס האָט געמוזט דערוווייזען דעם אמת פון זיין געדאנק אויף דער גרינדונג פון דער „אמעריקען רעילוועי יוניאָן", די ער־שטע אינדוסטריעלע אָרגאניזאציע צווישען די אייזענבאהנער.

די ברודערשאפטען האָבען זיך באצויגען פיינדליך צו דער נייער באוועגונג. די „אמעריקאן רעילוועי יוניאָן" איז צונויפגע־

שטעלט געווארען פון אַלערליי פאַך־אָרגאַניזאַציעס פון די אייזענ־באַהנער, און די אינערליכע האַרמאָניע, וואָס האָט אויסגעצייכענט די „א. ר. יו.“ פון ערשטען טאָג האָט גלענצענד דעמאָנסטרירט דעם פאָרצוג פון אינדוסטריעלער סאָלידאַריטעט געגענאיבער פאַכאָווער אָפּגעזונדערקייט. דאָס פּראַקטישע לעבען און דער פאַקטישער קאַמף האָבען אָבער געזאָלט אַרויסברינגען אויף די מאַטעריעלע געווינסען פון דער אינדוסטריעלער פאַראייניגונג. פאַר דעם צוועק האָט יודזשין וויקטאָר דעבס מיט זיינע חברים געאַרבייט אונערמידליך.

## דער מאַנגעל אין פיהרערשאַפט.

די סאַמע לופט פון דער געזעלשאַפט, אין דער צייט וואָס ווערט דאָ באַשריעבען, איז פול געווען מיט אונצופרידענהייט. געוויס, נאָר ווענינע האָבען קלאָהר געזעהען וואוהין עס טרייבט דער גאַנג פון דער אינדוסטריעלער ענטוויקלונג. איבערהויפט וויסען ווענינ מענשען פון אַזאַ זאַך, ווי ענטוויקלונג. די גרויסע מעהרהייט בעטראַכט אַ ניעדערלאַגע פאַר זיך, ווי אַן אָפּגעזונדערטען און פאַרענדיגטען ענין. אָבער שוין גאָר אַ סך מענשען האָבען געפיהלט. אַז עס איז ווייט ניט אַלץ אין בעסטער אָרדנונג. יעדער איינער, אין די מאַסען, האָט געפיהלט, ווי עס דריקט איהם דער שוך. אונצעהליגע קריוודעס זיינען אומגעגאַנגען איבער די גאַסען, האָבען אַרויסגעשריען פון די הייזער. עס איז אָבער ניט געווען קיין געמיינשאַפטליכער אויסדרוק און קיין איינהייטליכער אַפּאַראַט וואָס זאָל אויסדריקען די איינצעלנע און אָפּגעזונדערטע תביעות און טענות. די מאַסען האָבען געגאַרט נאָך אַ געמיינשאַפטליכער שפּראַך. אָבער ניט די דאַמאָלסדינע סאָציאַליסטישע באַוועגונג און ניט די טרייד־יוניאָניסטישע האָבען געטראָפען צו ריידען אָט די שפּראַך. די סאָציאַליסטישע אַרבייטער פּאַרטיי (ס. ל. פּ.) האָט ניט געקאָנט ריידען די שפּראַך פון די מאַסען און די אַמעריקאַנער אַרבייטער־פעדעראַציע (א. פ. אָוו ל.) האָט עס ניט געוואָלט טאָן, די ס. ל. פּ. האָט געשוועבט אין די ווייטע וואָלקענס פון סאָציאַליסטישער אַבסטראַקציע און האָט זיך ערשט פאַרנומען מיט

„רייניגען די רייהען“ אנשטאט צו שטאַרקען זיי דורך טאָלעראַנץ און איינינקייט. די ס. פּ. און ל., ווידער, האָט געהאַט דעם קאָפּ פאַרשטעקט אין דער טעגליכער דאגת החיונה און געווייכט, ווי פון פעפער, פון יעדען אַלגעמיינעם און פאַראייניגענדען געדאַנק. זי האָט ניט פאַרשטאַנען דעם מאַנדאַט פון דער צייט.

און אָן א זייט פוןביידע איז געשטאַנען די אַריסטאָקראַטיש אָפּגעזונדערטע און ענדלאָז צושפּאָלטענע אָרגאַניזאַציע פון די אייזענבאַהנער אונטער דער אויטאָקראַטישער פיהרערשאַפט פון הויך־געצאָהלטע „טשיעף׳ס“, „גרענד מאַסטערס“, און ווי נאָך די היער־אַרכיע האָט געהייסען. פאַר זיי איז אפילו די אַמעריקאַנער אַר־ביטער פעדעראַציע געווען צו ראַדיקאַל. אָבער גראָד האָבען די אייזענבאַהנען דעמאָלט אויסגעאיבט די גרויזאַמסטע ווירקונג אויף דעם עקאָנאָמישען לעבען פון דער רעפּובליק. דאָס האָבען די אייזענבאַהן־קאָרפּאָראַציעס געשטעלט אין דעם רשות פון א פּאָר יחידים די גאַנצע שטאָהל־אינדוסטריע. דאָס האָבען די מעכטיגע אייזענבאַהן־קאָמפּאַניעס צוכאַפּט די גרויסע טראַקטען פון דער פרייער נאַציאָנאַלער ערד, און דער אַרבייטער האָט דערפיהלט, אַז עס איז מעהר ניטאָ וואו צו לויפען פון דער טיראַניי פון קאַפּי־טאַל. ניט געווען מעהר קיין פרייע לאַנד. די אַלץ און אַלעמען קאָנטראָלירענדע באַהן־קאָרפּאָראַציעס האָבען אָפּגעקויפט שטאָדט־ראַטען, שטאַאַט־לעגיסלאַטורען, האָבען קאָרופּטירט נאַציאָנאַלע וואַהלען, די נעגעל פון קאָרפּאָראַטיווען קאַפּיטאַל האָבען זיך איינ־געגעסען אין דעם סאַמע האַלז פון דער נאַציאָן. דער גרעסטער קלאַפּ איבער דער מאַכט פון קאַפּיטאַל האָט געמוזט געציעלט ווע־רען אין די אייזענבאַהן־קאָמפּאַניעס. די אייזענבאַהן־אַרבייטער זיינען געווען די טרעגער, אפשר אומבאַוואוסטזיניגע, פון א גרויסער היסטאָרישער סאָציאַל־פּאָליטישער שליחות. עס האָט געפעהלט דער גרויסער רוף, דער מעכטיגער פיהרער, דער לאַסאַל פון דער אַמע־ריקאַנער אַרבייטעשאַפט, וואָס זאָל, אגב, אויך קומען פון די געבאָ־רענע אַמעריקאַנער. די טרייד־יוניאָן באַוועגונג האָט געצעהלט אין איהרע רייהען א היבשע צאָהל מיטגליעדער און פיהרער, וואָס האָ־בען סימפּאַטיזירט מיט דער סאָציאַליסטישער וועלט־אַנשויאונג,

און די יעהרליכע צוזאמענפאהרען פון דער א. פ. או ל. האבען פיעל געהאט צו טאן מיט דער פראגע וועגען סאציאליזם און סאציאליסטישער פאליטישער אקציאן. דער שיקאגא׳ער צוזאמענפאהר פון דער ארבייטער פעדעראציע, אין 1893, האט דירעקט דעבאטירט די פראגע פון סאציאליזם, וועלכע איז אויף געשטעלט געווארען צו אפשטימונג דורך דער היסטארישער רעזאלוציע פון טאמאס דזשיי. מארגאן, א זעהר פראמינענטען ס. ל. פּ. מאן פון יענער צייט. די רעזאלוציע האט געפאדערט אז דער אמעריקאנער ארבייטער־קלאס זאל זיך ארגאניזירען פאר זעלבסטשטענדיגער פאליטישער אקציאן אויף דעם גרונד פון א גאנץ דרייסטען פראגראם פון פאליטישע און סאציאלע רעפארמעס, דארונטער — נאציאנאליזירונג אדער מוניציפאליזירונג פון אלע געזעלשאפטליך־וויכטיגע פארקעהר־ און קאמוניקאציאנס־מיטלען, און קלה׳שער אייגענטום פון אלע מיטלען פון פראדוקציאן און פארטיילונג. די געגנער פון די סאציאליסטען, וואס האבען געצעהלט אויף דעם צוזאמענפאהר אן ערך ¾ פון דער אלגעמיינער צאהל שטימען, ווי דאס האט זיך ארויסגעוויזען ביי אן אנדער אפשטימונג, האבען זיך ניט געקאנט העלפען און האבען געמוזט איינשטימען, אז די רעזאלוציע וועגען פאליטישער אקציאן זאל איבערגעגעבען ווערען צו אן אלגעמיינער אור־אפשטימונג פון די מיטגליעדער פון די פעדערירטע יוניאנס. און אין פארלויף פון דעם יאהר, ביז צו דעם צוזאמענפאהר פון דער פעדעראציע אין דעצעמבער 1894 איז די פראגע לעבהאפט דיסקוטירט געווארען אין די מעהרסטע ארבייטער־ארגאניזאציעס. די אלגעמיינע אויפרייצונג, וואס האט געהערשט אין די ארבייטער רייהען, צוליעב דעם ברוטאלען קאמף וואס ארגאניזירטער קאפיטאל האט געפיהרט געגען די ארבייטער, האט געשאפען א גינסטיגען באדען פאר דער סאציאליסטישער אגיטאציע.

צווישען די פארמערס און די ברייטע שיכטען פון דער שטאדטיגער קליין־בורזשואזיע האט זיך אויך שטארק געלאזט פיהלען די אלגעמיינע אומצופרידענהייט. ווארום די קארפאראציעס האבען אפשר ניט ווייניגער ווי די ארבייטער אויך געטראפען די פארמערס. אין די פרעזידענטשאפט־וואהלען פון 1892 האט די

„פאָלקס־פּארטיי" (פּאָפּוליסט פּארטי), וואָס האָט זיך געגרינדעט פאר צוויי יאָהרען, געקראָגען העכער פון א מיליאָן שטימען.

די אינטעליגענטע אָדער אינטעליגענטישע עלעמענטען פון דער אמעריקאנער געזעלשאפט האָבען זיך אויך גענומען ריהרען. אין 1891 זיינען געווען ניט ווייניגער פון 162 „נאַציאָנאַליסטישע קלוּבען", וואָס זיינען באַשטאַנען פון נאָכפּאָלגער פון עדוארד בעללאַמי. זיי האָבען געפּריידיגט די נאַציאָנאַליזאַציע פון די גרויסע אינדוסטריעס.

עס האָבען זיך אין פיעלע צענטרען געגרינדעט אַלערליי קריסטליך־סאָציאַלע, סאָציאַלאָגישע און עהנליכע פעראיינען, און אומעטום האָט מען מיט גרויס אינטערעס שטודירט די פּראָבלעמען פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע און סאָציאַלער וויסענשאַפט.

אָבער קיינע פון די אויסגערעכענטע בעוועגונגען האָבען ניט ארויסגעבראכט קיין גרויסע פּערזענליכקייט, וואָס זאָל קאָנען פאראייניגען, קאָנצענטרירען און פיהרען. יעדע באַוועגונג האָט גערעדט איהר אייגענע שפּראַך, געווען איבער די אויערען פארזונקען אין איהרע אייגענע פּראָבלעמען, און די סאָציאַלע אויפרודערונג פון די מאַסען איז געבליבען ניט פאראייניגט, ניט אויסגעדריקט.

די סאָציאַליסטישע ארבייטער־פּארטיי (ס. ל. פּ.) האָט יע געהאַט א שטאַרקע פּערזאָן אין דער שפּיץ פון איהר אָרגאַניזאַציע. דאָס איז געווען דעניעל דעליאָן, דער פיהרער און טעאָרעטיקער פון דער פּארטיי. אָבער דעניעל דעליאָן איז מעהר געווען אן אָנפיהרער פון א פאַנאַטישער סעקטע איידער פון א ברייטער מאַסען־פּארטיי, הגם ער האָט געהאַט א ברייטען בליק אויף דער סאָציאַלער ענטוויקלונג און איז געווען א גרינדליכער קענער פון דער אמעריקאַנער פּאָליטיק און עקאָנאָמיק. דעליאָן האָט מעהר געהאַלטען פון שיילען און טיילען ביז דאָס אבסאָלוט ריכטיגע און דורכאויס ניט פעהלערהאפטע וועט אָפּגעזונדערט ווערען פון דעם וואָס איז ניט דורכאויס ריכטיג און איז פעהלערהאפט, איידער — פון פאראייניגען און קאָנצענטרירען. דעליאָן איז זיכער ניט געווען דער געבאָרענער פיהרער פאר א גרויסער נאַציאָנאַלער מאַסען־באַוועגונג, אין וועלכער עס האָט זיך גענויטיגט די אָפּאָזיציאָנעלע אמעריקא,

הגם ער וואָלט אָהן ספק געווען אַן אויסגעצייכענטער אָפּאָזיציאָנס־פיהרער פון אַ ראַדיקאַלער מינאָריטעט און אַ גרויסער מאַסען־באַוועגונג.

עס איז געווען אין יענער צייט אַ צווייטע שטאַרקע פיגור, וועמען די אַרבייטער באַוועגונג האָט אַרויסגערוקט צום פאָדער־גרונד פון דער עפּאָכע. דאָס איז געווען סעמועל גאָמפּערס, דער פּרעזידענט און פיהרער פון דער אַמעריקאַנער אַרבייטער באַוועגונג. אין יענער צייט איז גאָמפּערס געווען פיעל פּראָגרעסיוועטער, ווי היינט. זיין בליק אויף דעם עקאָנאָמישען אינהאַלט פון דער געזעלשאַפטליכער באַוועגונג איז געווען ניט זעהר ראַדיקאַל, אָבער אויך ניט אַזוי הינטערשטעליג ווי אין די לעצטע יאָהרען. גאָמפּערס איז געווען אַן אָפּאָרטוניסט, און דאָס איז אפשר געווען אויך אַ מעלה, ווייל זיין אָפּאָרטוניזם וואָלט איהם געהאָלפען צו פאַראייניגען אַלע אונצופרידענע אַרום אַ געמיינשאַפטליכען, ווען אפילו ניט קיין אויסגעהאַלטענעם פּראָגראַם. אָבער גאָמפּערס איז געווען דער פּרעזידענט פון דער אַ. פ. אָוו ל., אַ צענטראַלער פאַר־באַנד פון אויטאָנאָמע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָט זיך געקאָנט האַל־טען צוזאַמען נאָר מיט דעם חסד און גוטען ווילען פון אַ ל ע אָרגאַניזאַציעס, מיט דער איינשטימיגער הסכמה פון אַלע אויטאָ־נאָמע יוניאָנס. דערצו איז נאָך די אַ. פ. אָוו ל. געווען אַ קאָנקור־רענץ אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געשטאַנען אין קאַמף נעגען דער אַמאָליגער אַרבייטער צענטראַלע, די „נייטס אָוו לייבאָר“, וואָס איז גראַד געווען צענטראַליסטיש און ראַדיקאַל. דער שטאַרקער קאָרט פון דער אַ. פ' אָוו ל. איז געווען איהר דעצענטראַליזירטקייט, איהר שוואַכע, איבער־מעסיגע פּאָליטיק, און גאָמפּערס האָט געבויט זיין פּאָליטישע קאַריערע טאַקע אויף די צוריקגעהאַלטענדע, אין לעצטען חשבון ריקשריטליכע כחות אין דער אַרבייטער־באַוועגונג. אויך ניט ער איז בארופען געווען צו זיין דער פיהרער פון דער אַמערי־קאַנער אַרבייטער־בעוועגונג. וואָס זאָל געפינען און קאָנען און וועלען אַרויסזאָגען דאָס נייע וואָרט, אויף וועלכען דאָס לאַנד האָט אונגעדולדיג געוואַרט.

## דער פיהרער דעבס.

דעבס איז געווען דער פיהרער. ער האָט דערפיהלט דעם וועה־געשריי פון דער אַמעריקאַנער אַרבייטערשאַפט. ער האָט אין זיין געוויסען געטראָגען דעם אָפּקלאַנג פון די ליידען און באַליידיגונגען פון די מאַסען. און טריי צו דעם אינערליכען קול, וואָס האָט אין איהם געריעדט קרעפטיגער און הײליגער פון אַלע אויסערליכע, שטערענדע מאָטיווען, האָט ער אויפגעגעבען זיין אָנגעזעהענע און אָפּגעשאַצטע לאַגע אין דער ברודערשאַפט פון די לאָקאָמאָטיוו־הייצער און ער האָט אַרויסגעלאָזען דעם גרויסען רוף צו אייניגקייט און געאייניגטער אַקציאָן. ווי אַן עלעקטרישער שטראָם האָט זיין רוף דורכגענומען דעם אַמעריקאַנער אַרבייטער־קלאַס. דער ענטפער איז געווען גרויסאַרטיג, ערמונטערענד, פאַרשפּרעכענד.

דאָס בייזוויליג פאַרגאָסענע אומשולדיגע בלוט פון די היימאַרקעט קרבנות, די אנוסים פון האָומסטעד, די מאַרטירער פון קור ד'אַלען, דער כאָר פון פאַריאָגטע און געפּייניגטע אויף דעם גאַנצען לויף פון דער אַמעריקאַנער היסטאָריע און טעריטאָריע האָט זיך אָפּגערופען מיט אַ הײליגען און מעכטיגען: נעם נקמה פאַר אונז! און דעבס האָט די אומבאַשטימטע שטימען פאַרנומען אין זיין גרויסער נשמה און מיט זיין פייערדיגער שטימע און לייבען־קול האָט ער צו די קרעכצען און זיפצען און פּראָטעסטען געגעבען אַ הערליכע פאָרמע און אַ מורא'דיגע קראַפט. זיין פּערזענליכער מאַגנעטיזם איז געווען ניט בייצושטעהן און זיין ווירקונג אונגעהויער. יונג, ענערגיש, באַגייסטערט און באַגייסטערענד איז ער געווען דער שליח פון דעם שיקזאַל פאַר דער אַמביציעזער פיהרער־ראָלע פון דער ערוואַרטעטער אַמעריקאַנער אַרבייטערשאַפט. דער נאַטירליכער רעדנער־טאַלאַנט פון דעם אַמעריקאַנער איז אין דעבס'ען באַרייכערט געוואָרען מיט דעם טעמפּעראַמענט פון זיינע פראַנצויזישע עלטערן. ער איז געווען אַ מערקווירדיגער רעדנער, אַ נביא פון אַרבייט מיט דעם לשון פון אַ פּאָעט. אָט ווי עס באַשרייבט דעבס'עס ריידען וויליאַם ס. פּאָמראָי, דער רעדאַקטאָר פון דעם „אַכט שטונדען העראַלד“:

„איך זיץ מיט פאַרמאַכטע אויגען אויף דער פּלאַטפאָרם. אַ

„גרויסע פאַרזאַמלונג ווערט אָבגעהאַלטען. איך זיץ ווי אין אַ
„טרוים און הער די הייליגע טענער פון אַ שטים, וואָס איז מיר
„אַזוי באַקאַנט. די שטים און די ווערטער טראָגען מיך אין נע־
„דאַנק אַוועק צוריק צו די צייטען פון רוים, און דאָס פּראָקלאַמירט
„קאַיוס גראַקכוס די אָנקומענדע פרייהייט פון פאָלק. די פלאַמיגע
„און שעהנע ווערטער געהען פלוצלונג איבער אין די האַרטע טענער
„פון קאָלאַ די ריענצי, וואָס שרייט אויס: ׳שטעהט אויף, איהר
„רוימער! שטעהט אויף, איהר קנעכט!׳ דרינגען די ווערטער
„אין אויער, און זיי דערהייבען מיין נשמה ביז צו אַן עקסטאַז.
„און איך בין שוין ניט מעהר אין דער אייביגער שטאָדט, איך
„וואַנדער איצט צווישען די בערג און טאָלען פון יהודה, און די
„שטים האָט זיך ווידער געענדערט. דאָס מאָל זיינען דאָס שוין
„די טענער פון מיטלייד פון דעם נביא: ׳ליעבט איינער דעם צוויי־
„טען׳, און זיי געהען שנעל און האַרמאָניש איבער אין פּאַנדאַראַ׳ס
„מורמלען: ׳דאָס טעגליכע ליכט קומט, שטאַרקט אייך׳, און פּראָמע־
„טעאוס ענטפערט מיט די וויים אָבקלינגענדע קרעכצען און זיפצען
„פון ליידענדע נשמות. די לופט איז איצט אָנגעפילט מיט אויפ־
„רייצענדער מלחמה מוזיק, און איבער איהרע פאַרביילויפענדע
„קאַדאַנסען הערט זיך די ליידענשאַפטליכע שטים פון פּעטער דעם
„נזיר, וואָס רופט צו די מענשען צו ליעבען זייער פליכט. און
„אָט רעדט די שטים אַראָב פון די שפּיצען פון דייטשע בערג, און
„אַ טיפער קול, ווי אַ דונער, ענטפערט איהם: ׳איך קום!׳

„אָט ווערט שטיל אַ ווייל, און פאַרענדערליכע פאַרהאַנגען פון
„דער פאַנטאַזיע הויבען זיך ווידער אויף און דעקען אויף אַ נייע
„סצענע. איך בין אויף אַ פאַרזאַמלונג פון ווירדזשיניער בירגער,
„און די שטים האָט אָנגענומען דעם טאָן פון פּעטריק הענרי. די
„שטים זאָגט: ׳אייביגע וואַכזאַמקייט איז דער פרייז פון פרייהייט׳,
„און ׳דער, וואָס וויל זיין אַליין פריי, מוז געבען דעם קלאַפּ׳. און
„אָט איז דאָס שוין טאָמאַס דזשעפערסאָן, וואָס ערקלערט, אַז
„ ׳מיר האַלטען, אַז אָט די אמת׳ען זיינען זעלבסטפאַרשטענדליך. אַז
„אַלע מענשען ווערען געבאָרען פריי און גלייך׳. און פלוצלונג,
„קוים זיינען פאַרשטאָרבען אין דער וויים די ווייכע טענער פון

„דעם ‚אויסדערוועהלטען זוהן', ווי די שטים פון ענדריו דזשעקסאָן
„דונערט אויס דעם באַשלוס: ‚אַלע און יעדערער אין אַט דעם
„לאַנד מוז און וועט זיין פריי!'

„דער אָבקלאַנג פון די דורות נעמט אויף די שטים, און זי
„מישט זיך שוין צונויף מיט די טענער פון דעם, וואָס האָט אין
„געטיסבורג געזאָגט די אונשטערבליכע פלאַמיגע ווערטער: ‚דאָס
„לאַנד וועט האָבען אַ נייע געבורט פון פרייהייט, און די רעגירונג
„פון דעם פאָלק און פאַר דעם פאָלק וועט ניט פארשווינדען פון
„דער ערד". און קוים איז דער שפרוך פון דעם מארטירער פאַר־
„שטאָרבען אין דער לופט, ווי עס הערט זיך שוין לאָועל'ס ווייכע
„שטים:

„דער איז טריי צו גאָט, ווער ס'איז טריי צו מענשען, וואו נאָר אַן
אונרעכט געשעהט,
„צו די נידריגסטע און שוואַכסטע, וואָס אָטמען אונטער דער זון.
„אַזאַ אונרעכט איז אויך קעגען אונז, און דער איז אַ געמיינער קנעכט,
„וועמעס ליעבע פון רעכט איז נאָר פאַר איהם, און ניט פאַר דער
גאַנצער מענשהייט."

„איך בלייב פארוואונדערט. ווי קומט דאָס, פרעג איך זיך
„אַליין, וואָס אַט די אַלע פארגאַנגענע, טויטע העלדען שטעהען
„אַזוי נאָהנט לעבען מיר היינט?

„וואָס פאַר אַ קראַפט באַוועגט דאָס זיי צו פארלאָזען זייער
„רוה אין דער האַרטער ברוסט פון דער מוטער ערד און ווידער
„באַזוכען פארזאַמלונגען פון שטערבליכע מענשען, אום ארויסצו־
„זאָגען פאַר זיי זייערע אומשטערבליכע שפרוכען? אַ ניי באַוואוסט־
„זיין קומט צו מיר. דער טרוים דעקט אויף זיין בליי־שווערע
„דעקעל פון מיינע אויגען, זיי עפענען זיך און קוקען אויף אַן אונ־
„געהויערע מאַסע מענשען — מענער, פרויען און קינדער. די מע־
„נער שטעהען אויף זייערע שטוהלען און וואַרפען אין לופט זייערע
„היט; די פרויען וויינען פאַר פרייד און הויבען זייערע טאַשען־
„טיכלעך; און אַלץ גיסט זיך צונויף אין איין געשריי. זייערע

„אויגען זיינען געווענדעט צו דער פּלאַטפאָרם, אויף איין מענשען,
„וואָס פארנייגט זיך גראַציעז ביי די דונערען פון אפּלאָדיסמענטען.
„איך בין נאָהנט צו איהם, איך קוק אין זיין געזיכט. דאָס איז די
„געזיכט פון יודזשין וו. דעבס.“

די „א. ר. יו.“ (אמעריקען רעילוועי יוניאָן), אין וועמענס דיענסט דעבס האָט געשטעלט זיין רייכע פערזענליכקייט, איז געווען פיעל מעהר, ווי אַ טרייד־יוניאָן. זי איז געווען דער ערשטער פּראַקטאָטיפ, דאָס פיר־בילד און דער פאָר־געהער פון דער צוקינפטיגער מאסען־באַוועגונג, אויב עס איז ערלויבט דער פארגלייך — דער אָנזאָג פון דעם קינפטיגען אמעריקאנער ארבייטער־„סאָוועט“.

## די קאַריערע פון דער „א. ר. יו.“

איהר ערשטען גרויסען קאמף און ערשטען גרויסען זיעג האָט די „א. ר. יו.“ דורכגעמאַכט צום סוף פון ערשטען יאָהר פון איהר לעבען. אין יוני פון 1893 האָט דעבס געגרינדעט די „א. ר. יו.“ און דעם 13טען אַפּריל זיינען ארויס אין סטרייק געגען דער „גרויסער נאָרדליכער אייזענבאהן“, וועלכע האָט געהערט צו דעם בארימטען אייזענבאנען־בויער און געלד־מאגנאט דזשיימס דזשיי. היל. די אייזענבאהן קאמפּאניע האָט ארונטערגעזעצט די שכירות פון די ארבייטער אויף גאַנצע 10 פּראָצענט. די „א. ר. יו.“אונטער דעבס'ען האָט געפאָדערט די פריהערדיגע נאָרמע. מר. היל איז געווען אַ גרויסער מאַן, אַ געניאַלער געשעפטסמאַן, און ווען עס פלעגט איהם ניט געלינגען בייצוקומען זיינעם אַ געגנער אין אָפענעם קאמף, האָט ער געהאַט אַ מנהג צו פּרואווען כאַבאַר. צום שלום פון דער ערשטער וואָך, ווען מר. היל האָט זיך ארומגעזעהן, אז די יוניאָן לאָזט זיך ניט ברעכען, האָט ער פאָרגעשלאָגען צו קאָנפערירען מיט דעבס'ען, אין דער האָפנונג, אז עס וועט איהם געלינגען צו בויגען דעם חוצפה'דיגען פיהרער. דערפאַר האָט דעבס קיין מורא ניט געהאַט, און ער איז אַוועק צו דעם מאַגנאַט. מר. היל האָט פאָרגעשלאָגען צו פארלאָזען זיך אויף בוררים (ארביטריישאָן), אָבער דערויף איז דעבס ניט איינגעגאַנגען. ער האָט אין געצעהלטע און געוואויגענע ווערטער געענטפערט

דעם אייזענבאהן מאַגנאַט, אַז די אַרבייטער זיינען ענטשלאָסען צו שטעהן אין סטרייק, ביז זיי וועלען געווינען וואָס זיי האַלטען פאַר גערעכט. „די אַרבייטער וועלען קעמפען מיט אַלע מיטלען אין זייער רשות, ניט איבערטרעטענדיג דאָס געזעץ", האָט דעבס צוגע־געבען: „איהר פאַרשטעהט אונזער לאַגע, מיר פאַרשטעהען אייערע. מיר וועלען פאַרבלייבען אין קאָנפערענץ א לענגערע צייט און וועלען וואַרטען אויף ווייטערע ידיעות פון אייך". מר. הילל האָט פאַרשטאַנען, אַז די שפּיעל איז פאַר'ן טייוועל און די „אַמע־ריקען רעילוועי יוניאָן" האָט אָפּגעהאַלטען איהר ערשטען גרויסען נצחון, נאָך איידער זי איז אַלט געוואָרען אַ פולען יאָהר. דער נאָ־מען דעבס איז געוואָרען דער בענשונגס־וואָרט פון די אַמעריקאַנער אַרבייטער. אַ צייט־גענאָסע, דזשאָהן סווינטאָן, אַ ראַדיקאַלער און אַרבייטער קעמפער, וואָס האָט געקענט פּערזענליך און איז געקומען אין באַריהרונג מיט די בעסטע מענשען פון אַ האַלבען יאָהרהונ־דערט, שרייבט וועגען דעבס'ען:

„איך האָב קיינמאָל ניט געזעהן ברודער דעבס'ען. איך ווייס „פון איהם בלויז פון זיינע טאַטען און ווערטער.

„פון די קורצע באַשרייבונגען, וואָס זיינען לעצטענס וועגען „איהם ערשינען, דערוויס איך זיך, אַז ער איז אַ געבאָרענער פון „אינדיאַנאַ, אַז ער איז ערשט אין זיינע פּרימע יאָהרען, איז דער „מאַן פון אַ קלוגער און גרויסמוטיגער פרוי, איז אַלעמאָל איז גו־„טען געזונט, הויך־געוויקסיג, גוט און שעהן געבויט, מיט אַ שטאַר־„קען געזיכט, גוט ראַזירט, האָט אַנגענעמע זיטען און איינפאַך אין „באַנעמען זיך, האָט אַ „געזונטען קאָפּ" און האָט דעם טייוועל אין „אַרבעל.

„איך האָב געקראָגען אַ נייעם באַגריף וועגען טשאַרלז דיקענס „נאָכדעם, ווי איך האָב דעם ערשטען מאָל געגעסען אַ מאָלצייט אין „זיין געזעלשאַפט, און וועגען וויקטאָר הוגאָ, ווען איך האָב איהם „דעם ערשטען מאָל געדריקט די האַנד, און וועגען גלאַדסטאָנ'ען, „ווען איך האָב איהם צום ערשטען מאָל געזעהן. מיין פאַרשטעלונג „וועגען אַברהם לינקאָלן איז געוואָרען פיעל רייכער, ווען איך האָב „זיך צום ערשטען מאָל געפונען אין זיין געגענוואַרט, אָדער וועגען

„קאסום'ען נאָך אונזער ערשטער באגעגעניש, אָדער וועגען „מארקס'ען, נאָכדעם ווי ער האָט מיך צום ערשטען מאָל באַ־ „גריסט און וועגען הארס גרילי, ווען מיר זיינען צוערשט „באַקענט געוואָרען. אָבער איך גלויב נים, דאָס איך זאָל דערגעהן „נאָך מעהר וועגען דעבס'ען, אויב מיר זאָלען זיך באַגעגענען פער־ „זענליך".

די אַלגעמיינע באוואונדערונג, וואָס דעבס האָט דערוויזען אַרויסצורופען איז געווען ווירקליך אויסערגעוועהנליך. ווי דער־ זעלבינער סוויניטאָן דריקט זיך אויס:

— ער איז דער בעסטער מאַן, זאָגט זיין ווייב.

— ער איז דער בעסטער ברודער, זאָגט זיין שוועסטער.

— ער איז דער בעסטער זוהן, זאָגען זיינע עלטערען.

— ער איז דער בעסטער בירגער, זאָגען זיינע פריינד אין טער־אט.

— ער איז דער בעסטער סעקרעטער, זאָגען די מיטגלידער פון זיין ברודערשאַפט.

— ער איז דער בעסטער אָרגאַניזאַטאָר, זאָגט די אָפּשטימונג פון דער יוניאָן, וואָס האָט איהם ערוועהלט אַלס פרעזידענט.

— ער איז אַ מערקווירדיגער רעדנער, ווען ער רעדט וועגען די אינטערעסען פון ארבייט, און נאָר וועגען דעם רעדט ער אַלע־ מאָל.

ווען דעבס האָט זיך אומגעקעהרט פון דעם קאַמפּס־פּלאַץ אין זיין היים־שטעדטעל טער־אט, האָט אַן עולם פון 4000 מענשען,— דאָס גאַנצע שטעדטעל, אַלט און יונג, באגריסט זיין צוג, און דער זיעגרייכער פיהרער האָט גערעדט צו דער דאַנקבארער אוידיטאָריע אין הארציגע, דורכדרינגענדע ווערטער. ער האָט דערצעהלט וועגען די ליידען פון די גוט־געניגונג געצאָהלטע, אָהן אַ שיער געדריקטע אייזענבאהן־שקלאַפען, וואָס האָבען געארבייט ענדלאָזע שטונדען פאַר די קלעגליכע באַלוינונג פון 80 סענט ביז 1 דאָלאַר אַ טאָג. און קעמפפען פאַר דער אויסבעסערונג פון דער לאגע פון די מענ־ שען, קעמפּפען איבערגעבען און ערפאָלגרייך איז געווען די אויפגאַבע פון דער „אמעריקען רעילוועי יוניאָן", אזוי האָט געגלויבט דער

ביהרער און גלייכצייטיג האט ער נאך אלץ געגלויבט, אז דער אונ־טערנעמער און דער ארבייטער קאנען ארבייטען אין שלום און גו־טער געגענזייטיגער פארשטענדניס:

„די „א. ר. יו.׳ גלויבט ניט אין געוואלט און צוואנג, נאר אין אויפקלעהרונג", האט דעבס גערעדט פאר זיינע מיטבירגער: „זי גלויבט, אז נאכדעם, ווי עס ווערט גע׳חתמ׳עט א פריעדענס־אפ־מאך, דארף הערשען איינינקייט און הארמאניע צווישען ביידע צדדים. די יוניאן גלויבט אין דער דערנעהנטערונג צווישען אר־בייטסגעבער און ארבייטער און זי וועט ארבייטען פאר דער פאר־ווירקליכונג פון דעם אידעאל. איך האף, אז די צייט איז נאהענט, ווען ארבייט און קאפיטאל וועלען זיין ענגער פארבונדען צווישען זיך . . . מען זאגט, אז דער אפגרונד צווישען קאפיטאל און אר־בייט ווערט אלץ טיעפער. איך גלויב ניט דערין. גיכער ווערט די שטרעקע צווישען ביידען אלץ קירצער, און איך האף צו דערלעבען דעם טאג, ווען דער אפגרונד און די שטרעקע וועלען אינגאנצען פארשווינדען".

דעבס האט דעם דריטען מאי, ווען ער האט געהאלטען די רעדע, ניט געפיהלט, ווי גיך דער זיסער גלויבען זיינער און ענד־ליכער שלום צווישען קאפיטאל און ארבייט וועט פארשווינדען טאקי אין דעם זעלביגען אפגרונד פון קלאסען־געגענזאץ, וועלכע ער האט אזוי געוואלט אויספילען מיט דער ליעבע פון זיין הארצען. די געשיכטע האט אין די פארבארגענע פאלבען פון איהר גאנג גע־האט צוגעגרייט פאר איהם די ביטערע ענטוישונג און לסוף—דאס אמת׳ע ליכט.

## דער פולמאן סטרייק.

דער פולמאן סטרייק האט זיך אנגעהויבען דעם 11טען מאי, 1894. דעם באשלוס וועגען סטרייק האט פארפאסט א קאמיטע פון 46 מיטגלידער, וואס האבען פארטראטען אלע דעפארטאמענ־טען פון די פולמאן־ווארשטאטען. דער ערפאלג פון דער סטרייק־ער־קלעהרונג איז געווען אונגעוועהנליך. פיער טויזענד מענשען האבען געענטפערט דעם רוף. עס איז געווען איינער פון די ריזיג־סטע אויפשטאנדען פון ארבייטער אין דער געשיכטע פון לאנד.

די סטרייקערס זיינען געווען ארבייטער און אנגעשטעלטע אין דעם שטעדטעל פולמאן, אין דער נאכבארשאפט פון שיקאגא, וואו עס געפינען זיך די ווארשטאטען פון דער „פולמאן פאלאס קאר קאמפאניע", די קאמפאניע וואס פראדוצירט און אפערירט די שלאף־וואגאנען, ספעציעלע באטאגעדיגע לוקסוס־רייזע וואגאנען און עס־צימערען אויף אלע אמעריקאנער אייזענבאהנען.

די פולמאן קאמפאניע האט מעהר ווי עקספלואטירט איהרע ארבייטער: זי האט פון זיי דאפעלט געשונדען די הויט. זי האט זיי פון איין זייט געשלאגען מיט צרה'דיגע שכירות. זי האט זיי פון דער צווייטער זייט געפלאגט דורך איהרע ספעציעלע אגענטור־רען, וואס האבען צו די ארבייטער פארדונגען הייזער, פארקויפט זיי שפייז, באהייצונג, קליידונג און אנדערע לעבענס־נויטווענדיג־קייטען. די אנגעשטעלטע זיינען געצוואונגען געווען צו האנדלען מיט די אגענטען פון דער קאמפאניע.

די אונטערזוכונג, וואס די רעגירונג האט געמאכט נאכדעם שוין, ווי דער פולמאן סטרייק און באיקאט איז אונטערדריקט גע־ווארען, האט ארויסגעבראכט א שוידערליכען בילד פון אונמענש־ליכער עקספלואטאציע. און אלס צוגאב צו דעם אלעם האט די קאמפאניע, אין פריהלינג פון 1894, באפוילען אן אלגעמיינע ארונטערזעצונג פון שכירות און פרייזען פאר שטיק־ארבייט, וואס האט אויסגעמאכט ניט ווייניגער פון 25 פראצענט פון די אזוי אויך מאגערע פארדיענסטען. די אנגעשטעלטע האבען זיך אפגעזאגט איינצוגעהן אויף דער נייער הויט־שינדונג, און די קאמפאניע האט זיי אלעמען ערקלעהרט פאר ענטלאסען. עס איז אייגענטליך ניט געווען קיין סטרייק, נאר א לאקאוט.

די פולמאן ארבייטער האבען זיך געהאט אנגעשלאסען, מיט א פאר מאנאטען צוריק, אין מערץ, 1894, אן דער „א. ר. יו." צווישען דעם 9טען און 26טען יוני האט די „א. ר. יו." אפגעהאל־טען איהר צוזאמענפאהר (קאנווענשאן) אין שיקאגא, און די פולמאן ארבייטער האבען זיך געווענדעט צו דער קאנווענשאן נאך הילף.

אויף דעם צוזאמענפאהר זיינען געווען 425 דעלעגאטען פון אלע טיילען פון לאנד און פון אלע צווייגען פון דער אייזענבאהן

אינדוסטריע. די דעלעגאַטען האָבען באַוויליגט 2,000 דאָלאַר פאַר דעם סטרייק און באַשלאָסען צו ביישטייערען יעדען אייזענבאַהן־ארבייטער מיט צעהן סענט אַ טאָג. דער צוזאַמענפאָהר האָט גוט געפּיהלט די באַדייטונג פון דעם קאַמף פון די פּולמאַן ארבייטער, און די דעלעגאַטען האָבען באַגייסטערט אַ פּיעל שטאַרקערע אַקציאָן.

עס איז געמאַכט געוואָרען אַ פאָרשלאַג, אַז דער צוזאַמענפאָהר זאָל ערקלעהרען אַ באָיקאָט אויף די פּולמאַן וואַגאָנעס, אַז קיין אייזענבאַהן־ארבייטער זאָל זיי ניט טרייבען אָדער האָבען מיט זיי צו טאָן אויף וועלכען עס איז אופן. דעבס איז געווען פאָרזיצענדער פון דעם צוזאַמענפאָהר און ער האָט דעם פאָרשלאַג ניט געשטיצט. ער האָט ערקלעהרט, אַז דער שריט איז אַ צופּיעל באַדייטענדער און טאָר ניט געמאַכט ווערען אין איילעניש און איידער מען האָט אויסגעפּרואווט אַלע אַנדערע, מעהר פריעדליכע מיטלען צו שליכטען דעם סכסוך. עס איז דאַן באַשטימט געוואָרען אַ ספּעציעלע קאָמיטע, וואָס האָט געזאָלט פאָרשלאָגען צו דער פּולמאַן קאָמפּאַניע, אַז מען זאָל שליכטען דעם קאָנפליקט דורך אַ שיעדעס־געריכט (אַרביטריישאָן). דעם 16טען יוני האָט די קאָמיטע באַריכטעט, אַז די קאָמפּאַניע האָט זיך ענטשידען אָפּגעזאָגט צו פאַרהאַנדלען מיט די פאָרשטעהער פון דער יוניאָן, זי וועט נאָר האָבען צו טאָן מיט די ארבייטער איינציגווייז. אַ צווייטע קאָמיטע, צונויפגעשטעלט אויסשליסליך פון אָנגעשטעלטע אין דער פּולמאַן קאָמפּאַניע, האָט זיך געזעהן מיט הער ו ו י ק ס, דעם וויצע־פּרעזידענט פון דער קאָמפּאַניע, און הער וויקס האָט זיי ערקלעהרט, אַז די קאָמפּאַניע „האָט קיין זאַך ניט וועגען וואָס צו אַרביטרירען", אַז צו די סטרייקערס באַציהט ער זיך ווי צו „מענשען אין גאַס, מיט וועמען ער האָט ניט קיינע געשעפטען".

דער צוזאַמענפאָהר האָט געמאַכט אַ צווייטען פאָרזוך צו קומען צו אַ פריעדליכען סוף. אַ ספּעציעלע קאָמיטע האָט זיך געווענדט צו די אייזענבאַהן־קאָמפּאַניעס און געבעטען זיי זאָלען זיך אָפּזאָגען צו טראַנספּאָרטירען די פּולמאַן וואַגאָנעס און דערמיט באַשטראָפען די פּולמאַן קאָמפּאַניע, וואָס באַגעהט זיך אַזוי אומ־

ברחמנות׳דיג מיט איהרע אַרבייטער. אָבער די באַהן־קאָמפּאַניעס האָבען ניט געוואָלט וויסען פון דעם פּלאַן.

פאר דער „אַמעריקען רעילוועי יוניאָן" איז געבליבען נאָר איין עהרענהאַפטער וועג — דער וועג פון אָפענעם קאַמף און זי האָט דעם וועג באַטראַכטען, ענטשלאָסען צו געווינען, וואָס זי האָט גע־האַלטען פאַר גערעכט. זי האָט ערקלעהרט דעם באָיקאָט אויף די פּולמאַן וואַגאָנען און באַשלאָסען ארויסצורופען אין סטרייק די אַר־בייטער אויף אַלע אייזענבאַהנען, וואָס וועלען פּרואווען פיהרען די פּולמאַן וואַגאָנען.

דער סטרייק באַפעהל איז ארויסגעגעבען געוואָרען אויף דיענ־סטאָג דעם 26טען יוני (1894), פּונקט 12 מיטאָג־צייט. דער באַ־פעהל איז אויסגעפיהרט געוואָרען מיט מאַטעמאַטישער פּינקטליכ־קייט. און גראָד די פּינקטליכקייט האָט אויף פּיעלע, דאַרונטער אויך די באַהן קאָמפּאַניעס, לכתחילה געהאַט געמאַכט דעם איינ־דרוק, אַז די יוניאָן איז דורכגעפאַלען. דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס אַ סך צוגען זיינען אַרוים פון דעם שיקאַגאָ׳ער באַהן - הויף אין לויף פון דעם האַלבען טאָג נאָך 12 דעם זייגער. דער גרויסער עולם, וואָס האָט זיך פאַרזאַמעלט בייצוא־וואווינען דעם אָנפאַנג פון סטרייק, איז אַוועק אַהיים ענטטוישט : די באַהנען לויפען. ערשט שפּעטער איז קלאָהר געוואָרען, אַז דער סטרייק־באַפעהל האָט זיך באַצויגען אויף די באַהן־צוגען וואָס וועלען פאַרפעָרטיגט ווערען נאָך 12 דעם זייגער, דיענסטאָג בייטאָג. און אַזוי איז עס אויך געשעהן. ביז זון־אונטערגאַנג איז באַקאַנט געוואָרען, אַז קיין איינציגער צוג פון די שפּעטער פאַרפערטיגטע, איז ניט אַרוים פון דעם שיקאַגאָ׳ער באַהן־הויף. קיין איין ראָד האָט זיך ניט אַ דרעה געטאָן אויף דער גאַנצער „אילינוי סענטראַל" איי־זענבאַהן ליניע. דער סטרייק האָט זיך אריבערגעוואָרפען ביז צו סענט פּאָול, אָמאַהא, דענווער, טרינידאַד, סינסינעטי, סענט לואי, דולוט. די גאַנצע אייזענבאַהן באַוועגונג אויף ניט ווענעגער פון מויזענד מייל אין יעדער ריכטונג איז געווען ווי פּאַראַליזירט.

די „שיקאַגאָ גרעיט וועסטערן", די „באַלטימאָר ענד אָהייאָ", די „שיקאַגאָ ענד נאָרדערן פּאַסיפיק" און די „וויסקאַנסין סענטראַל"

זיינען געבליבען שטעהן. אויף דעם דריטען טאָג פון סטרייק האָבען שוין ביז פערציג טויזענד אייזענבאהנער געוואָרפען די ארבייט. צו דער וועסט־צו פון שיקאַגאָ איז נימ מעגליך געווען קיין באוועגונג, נימ קיין פּאסאזשיר־צוגען און נימ קיין וואארען־צוגען זיינען געלאָפען. אין דער ריכטונג פון שיקאַגאָ ביז צו נויאָרק־צו איז די באוועגונג געווען שטארק גע־לעהמט. גלייכצייטיג האָט אומעטום געהערשט פאָלשטענדיגע רו־הע; די סטרייקערס האָבען זיך געהאלטען אין דער בעסטער אָרד־נונג. זיי האָבען זיך נימ געלאָזט פּראָוואָצירען פון דער אָרטיגער פּאָליציי און אנדערע פרייוויליגע אָדער געדונגענע משרתים פון די קאָמפּאַניעס. זיי האָבען אָפּגעהיט פּרעזידענט דעבס'עס אָנזאָג: „קיין געוואלט־טאַט, נימ מישען זיך אויף וועלכען עס איז אופן אין די געשעפטען פון די אייזענבאהן־קאָמפּאַניעס, בלויז — באָיקאָט“.

דעם פערטען טאָג זיינען שוין געווען אָפּגעשטעלט ביז 29 אייזענבאהן סיסטעמען. די אייזענבאהן קאָמפּאַניעס האָבען דער־פיהלט די גאנצע מאכט פון דער „אמעריקען רעילוועי יוניאָן“. א טייל קאָמפּאַניעס זיינען געניינט געווען אויפצוגעבען דעם קאמף און מעלדען דער פּולמאַן קאָמפּאַניע, אז זי זאָל שליכטען מיט דער יוניאָן, און אויב נימ, וועלען די אייזענבאהנען אויפהערען צו פיהרען די פּולמאַן וואגאָנעס. אָבער דאָ איז ארויף אויף דער סצע־נע די „אסאָציאציע פון די אייזענבאהן פארוואלטערס“ (דזשענע־ראל מענעדזשערס אסאָסיאיישאָן), א ספּעציעלע אָרגאַניזאַציע, וואָס די קאָמפּאַניעס האָבען באשאפען צו באקעמפען די יוניאָנס. דער שיקזאל פון סטרייק איז ענטשידען געוואָרען. עס איז ענט־שטאנען די פיעל גרעסערע פראגע וועגען דער מאכט פון דער יו־ניאָן און דער „דעה“ פון די אייגענטימער. דער פּולמאַן באָיקאָט איז אריבער אין א גענעראל־שלאכט צווישען די אייזענבאהן־קאָמ־פּאַניעס און די ארבייטער אויף די אייזענבאהנען אונטער דער פיה־רערשאפט פון דער „אמעריקען רעילוועי יוניאָן“ מיט איהר פּרע־זידענט דעבס אָן דער שפּיץ.

דער פינפטער און זעקסטער טאָג פון סטרייק האָבען דעם קאמף פארשטארקט. די אייזענבאהן־פארוואלטער האָבען ער־

קלערט, אז די לאגע איז זעהר ערנסט, אָבער זיי זיינען ענטשלאָסען ניט צו מאכען קיינע הנחות. די ארבייטער מאסען, ווידער, זיינען אלץ מעהר ארומגעכאפּט געוואָרען פון קאמפּס־לוסט. דער פּאר־זיצענדער סאַוועריין (דזשענעראל מאסטער וואָרקמען) פון די „נייטס אָוו לייבאָר" (די עלטערע נאציאָנאלע צענטראלע ארבייטער קערפּערשאפט, די א. פ. אָוו ל. איז געוועזען די אינגערע און שטאר־קערע) האט ערקלעהרט, אז די „נייטס אָוו לייבאָר" וועט שטיצען די „א. ר. יו." די טרייד יוניאָנס און אנדערע ארבייטער אָרגאני־זאציעס אין שיקאגאָ, מיט א מיטגלידערשאפט פון 150,000, האָ־בען ערקלעהרט, אז זיי זיינען בארייט ארויסצוגעהן אין א גענע־ראל סטרייק און אָפּשטעלען אלע צווייגען פון אינדוסטריעלען לע־בען אין שיקאגאָ אזוי שנעל ווי די אייזענבאהן־יוניאָן וועט עס פארלאנגען.

די גאנצע צייט פון קאמף זיינען די „ברודערשאפטען" פון אלע צווייגען פון דער אייזענבאהן־ארבייטערשאפטען געשטאנען פיינדליך צום סטרייק און באָיקאָט, ספּעציעל די „אריסטאָקראַ־טישע" ברודערשאפט פון לאָקאָמאָטיוו אינזשענערען. אין דער איסט, וואו די ווירקונג פון די ברודערשאפטען איז געוועזען שטאר־קער, און די „אמעריקען רעילוועי יוניאָן" איז געוועזען שוואכער, האט דער סטרייק געלאָזט זיך װעניגער פיהלען, ווי אין דער וועסט, וואו די לאגע איז געוועזען אַן אומגעקעהרטע. אָבער דער היץ פון קאמף האט אָנגעהויבען ווירקען אויף די „גרענד טשיעפס" פון די ברודערשאפטען. די אייזענבאהן קאָמפּאניעס האבען דערפיהלט דעם טעם פון סטרייק. פאר זיי איז קלאָהר געוואָרען, אז די מייסטערהאפטע פיהרערשאפט פון דעבס׳ען, זיין מערקווירדיגע ווירקונג אויף דער גאנצער ארבייטערשאפט פון לאנד, צוזאמען מיט דער אבסאָלוטער אָרדנונגספולער און פריעדליכער אויפפיהרונג פון די סטרייקער, מאכט די פּאזיציע פון דער יוניאָן אונבאזיעגבאר. דאָס איינציגע, וואָס עס איז געבליבען פאר די קאָמפּאניעס, דער לעצטער מיטעל איז געוועזען—קריגען די רעגירונג אויף זייער זייט און דאָס האָבען זיי לייכט אויסגעפיהרט. זיי האָבען געפאָדערט די רעגירונג זאָל שיקען מיליטער, אונטער דעם אויסרייד, אז „איי־

גענטום און רוהע" זיינען אין סכנה, אַז אַז די באַהן־קאָמפּאַניעס קאָנען ניט פאַרזיכערען די פאַרשפּרייטונג פון דער פּאָסט, פאָלגליך אַז די אַרבייטער גרייפען אָן די רעגירונג, וועמעס פליכט עס איז צו באַזאָרגען אַז די פּאָסט זאָל ריכטיג פונקציאָנירען. די טענה איז געווען ניט אמת. די רעגירונגס־אונטערזוכונג האָט שפּעטער פעסט־געשטעלט, אַז עס איז ניט באַגאַנגען געוואָרען קיין איינציגער אַקט פון געוואַלט, אַז די אַרבייטער זיינען געווען צופריעדען צו פיהרען די פּאָסט־וואַגאָנען אַזוי גוט ווי אַלע אַנדערע וואַגאָנען מיט פּאַ־סאַזשירען און פראַכט, אויב נאָר מען זאָל זיי ניט צווינגען צו פיה־רען די פּולמאַן וואַגאָנען, וואָס שטעהען אונטער באָיקאָט. און די רעגירונג האָט דאָך אייגענטליך ניט געהאַט קיין דירעקטען אָדער אינדירעקטען אינטערעס אין די פּולמאַן וואַגאָנען. אָבער דאָס אַלץ האָט ניט געהאָלפען, ווי עס האָט ניט געהאָלפען דער ווידער־האָלטער פּראָטעסט פון דעם מעיאָר פון שיקאַגאָ און פון דעם גאָ־ווערנאָר, פּיטער אַלטגעלד, פון אילינוי, אַז ס'איז ניט נויטיג קיין מיליטערישע שוץ, אַז די אָרטיגע מאַכט האָט ניט קיין שוועריגקייט אָנצוהאַלטען אָרדנונג. פּרעזידענט גראָווער קליוולאַנד, אויף דער עצה פון אַטוירני דזשענעראַל (יוסטיץ־מיניסטער) אָלני, האָט גע־שיקט פעדעראַלע סאָלדאַטען, מען האָט איינגעשוואָרען ספּעציעלע פּאָליציי, מען האָט געבראַכט אין באַוועגונג די גאַנצע מאַשינעריע פון געריכט און געריכטליכע באַשריינקונגען (אינדזשאַנקשאָן), און די „א. ר. יו." איז געשטעלט געוואָרען, אַזוי צו זאָגען, אויסער גע־זעץ. זי האָט געהאַט דערוויזען, אַז זי קאָן שלאָגען די פאַראיי־ניגטע אייזענבאַהן קאָמפּאַניעס, האָט מען איהרע באַזיעגטע שונאים באַוואַפענט מיט דער פאַראייניגטער מאַכט פון דעם פע־דעראַלען מיליטער, יוסטיץ און פּאָליציי. אין דער ערשטער סטאַ־דיע פון קאַמף האָט די „א. ר. יו." געהאַט צו טאָן מיט דער פּול־מאַן קאָמפּאַניע. אין דער צווייטער — מיט דער פאַראייניגטער קראַפט פון אַלע אייזענבאַהן־קאָמפּאַניעס, געשטיצט פון קאַפּיטאַל פון אַלע אינדוסטריעס. איצטער — האָט זי געהאַט געגען זיך בוכשטעבליך דאָס גאַנצע לאַנד, — קאַפּיטאַל, רעגירונג, מיליטער, יוסטיץ, פּאָליציי.

אין דעם בריעף פון יודזשין וויקטאר דעבס צו פרעזידענט קליוולאנד („די פעדעראלע רעגירונג און דער שיקאגא'ער סטרייק”) ווערט דער לעזער געפינען א קורצע אבער אינהאלטסרייכע באשרייבונג דערפון, ווי אזוי די רעגירונג האט אין נאמען פון „רוהע און פריעדען” איינגעפיהרט אונבאשרייבליכען טעראר און פאלשטענדיגע געזעצלאזיגקייט. פון דעבס'עס איבערצייגענדע, מיט פאקטען באשטעטיגטע ערקלעהרונגען זעהען מיר, ווי אזוי אונטער דעם אויסרייד פון באשיצען געזעץ און ארדנונג האבען די אגענטען פון די אייזענבאהן קאמפאניעס אין פאליציייאישער, ריכטערליכער און מיליטערישער אוניפארמע געמאכט א פאגראם אויף דער „אמעריקען רעילוועי יוניאן”, זיך אריינגעריסען אין איהרע אפיסעס, ארעסטירט און פארשפארט אין טורמע איהרע בעאמטע און פיהרער; ווען די סאלדאטען און די פריש־איינגעשווארענע פאליציי האבען אויפגעהעצט צו גוואלט־טאט, און ווען זיי איז ניט געלונגען צו פראוואצירען די סטרייקערס, האבען זיי אליין באגאנגען גוואלט־טאטען און געווארפען די שולד אויף די פריעדליכע מאסען. דעבס'עס בריעף דערוויינט שווארץ אויף ווייס, ווי אונטער דער לייטונג פון א דעמאקראטישען פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאאטען, א שפיעלצייג אין די הענט פון די אלמעכטיגע, אבער פון די ארבייטער געשלאגענע באהן־קאמפאניעס, איז א גרויסער שטח פון לאנד פארוואנדעלט געווארען אין א טעאטער פון בירגער־קריעג, און טראץ פראטעסטען נאך פראטעסטען פון גאווערנאר נאך גאווערנאר, איז כמעט די גאנצע פעדעראלע ארמיי און נאציאנאלע גווארדיע געשטעלט געווארען מיט געלאדענע ביקסען און באפעהל „שוט טו קילל” (שיס אהן ריקזיכט, אדער דער באקאנטער רוסישער „קארגט ניט קיין קוילען”), און דאס אלץ געגען א באוועגונג, וואס איז געווען פריעדליך, געזעצליך און ערפאלגרייך און מיט וועמען די גרויסע מאסען פון דער באפעלקערונג האבען דורכאויס סימפאטיזירט.

מיר וועלען זיך ניט אפשטעלען לענגער אויף די איינצעלהייטען פון דעם היסטארישען קאמף, וועלכער האט אנגעהאלטען פולע דריי וואכען (צוויי וואכען נאכדעם, ווי די פעדעראלע סאלדאטען

האָבען זיך גענומען באשיצען „געזעץ און אָרדנונג"), און איז אונ־אונטערדריקט געוואָרען ערשט נאָכדעם, ווי דורך גוואַלט־טאַטען, געזעצלאָזיגקייט און דורך אָפיציעל־פּראָוואָצירטער און אָפּיציעל־אָרגאַניזירטער אַנאַרכיע איז געלונגען צו פאַרשפּאַרען אין טורמע די מעהרסטע טוער און פיהרער פון דער „אַמעריקאַן רעילוועי יו־ניאָן" מיט דעבס'ען אַן דער שפּיץ.

## דעבס און די אַ. פ. אָוו ל.

דעם 17טען טאָג פון סטרייק, דעם 12טען יולי, האָט דעבס מיט זיינע חברים געמאַכט אַ שריפטליכען פאָרשלאָג צו די פּאַר־אייניגטע באַהן־פאַרוואַלטערס און איבערגעגעבען דעם פּאָרשלאָג דורך דעם מעיאָר פון שיקאַגאָ. דעבס האָט פּאָרגעשלאָגען אויפצו־געבען דעם סטרייק בתנאי, אַז די יוניאָן־לייט זאָלען צוריק אויפגע־נומען ווערען אויף זייערע אַלטע פּלעצער אויסער די, וועמען דאָס געריכט וועט געפינען שולדיג אין ניט־געזעצליכער אויפפיהרונג. אָבער די קאָמפּאַניעס האָבען אויך דעם מילדען פריעדענס־פּאָר־שלאָג צוריקגעוויזען. די פעדעראַלע סאָלדאַטען זיינען שוין געווען אין שטאָדט. דער רוקענביין פון סטרייק איז געווען פּאַקטיש גע־בראָכען. מיט אַ טאָג פריהער האָט דעבס אויסגעפּרואווט דעם לעצטען מיטעל: ער האָט אַפּעלירט צו דער גאַנצער ארבייטער באַוועגונג און דעם 12טען יולי האָט זיך אין שיקאַגאָ פאַרזאַמעלט אין קאָנפערענץ די אַמעריקאַנער ארבייטער פעדעראַציע (א. פ. אָוו ל.). 25 הויפּט־בעאַמטע פון נאַציאָנאַלע יוניאָנס, וואָס זיינען פאַרבונדען מיט דער א. פּ. אָוו ל., האָבען באַטראַכט די לאַגע. דעבס איז ערשינען אויף דער קאָנפערענץ און האָט אַפּעלירט צו דער ארבייטער באַוועגונג, זי זאָל ענטפּערען מיט אַ גענעראַל־סטרייק פון אַלע אָרגאַניזירטע ארבייטער.

דעבס איז דאַמאָלס געווען דער פּאָפּולערסטער מאַן אין לאַנד, דער מאַן מיט אַ גרויסער אידעע און אין סאַמע מיטען פון אַ קאַמף, וואָס וועט דורות־לאַנג ניט פאַרגעסען ווערען. די ארבייטער באַוועגונג, דורך איהרע העכסטע פאָרשטעהער, האָט זיך געקאָנט שטע־לען אויף זיין זייט אָהן אומכבוד. אין קאַמף איז אריינגעצויגען

געוואָרען די שטאַרקסטע אינדוסטריעלע צווייג פון דעם נאַציאָ־נאַלען לעבען, — די אייזענבאהן־אינדוסטריע. געוויס, וואָלט ניט לייכט מעגליך געווען א זיעג פון דער ארבייטער באַוועגונג איבער דער פאַראייניגטער מאַכט פון קאַפּיטאַל און רעגירונג, וואָס שטי־צען זיך אויף אונטערטעניגען געריכט און געהאָרכזאַמען מיליטער. געוויס, וואָלט אַזאַ זיעג ניט לייכט געלונגען. אפשר, איז ער גע־ווען דורכאויס אונמעגליך, הגם, ווער ווייס ? — אַמעריקאַ איז נאָך דאַמאָלס ניט געווען קיין מיליטעריש לאַנד, דאָס לאַנד און דאָס פאָלק האָבען נאָך ניט פאַרוואָרפען די טראַדיציעס פון פריי־הייט און רעכט, עס איז נאָך געווען אפילו פאַר דעם שפּאַנישען קריעג, און דאָס וואָרט דעמאָקראַטיע פלעגט נאָך אין יענע טעג געברויכט ווערען אָהן א שמייכעל אויף די ליפּען און אָהן א וואונק צו א דעטעקטיוו... ווער ווייס, מיט וואָס אַן ענטשיידענער קאַמף פון ארבייט געגען קאַפּיטאַל וואָלט זיך דאַמאָלס אויסגעלאָזען.

אָבער זיעג צי ניט זיעג, די ארבייטערשאַפט אַלס גאַנצע וואָלט פון דעם קאַמף זיכער ארויס א צונויפגעשמידטע, א דער־נעהנטערטע, א פאַראייניגטע. זי וואָלט ערוואָרבען אין דעם קאַמף פאַר פּרינציפּ יענעם פייער און ליכט, וואָס מאַכט פון די ארביי־טער א באַוועגונג. עס איז געווען א גרויסער, היסטאָרישער, ענט־שיידענער מאָמענט, און עס איז געווען אויפ׳ן פּלאַץ דער פּאַסיגער פיהרער, דער מאַן מיט׳ן נאָמען, מיט דעם צוטרויען, מיט דעם מאַרך און נשמה. דעבס איז געווען דער פּאָפּולערסטער מאַן אין דער וועלט פון אַמעריקאַנער ארבייט, אָבער — אומגליקליכער־ווייזע פאַר זיין אידעע איז ער אויך געווען דער שטאַרקסטער מאַן אין דער באַוועגונג, און די „פּאַרנינפּטיגע מענער" פון דער א. פ. אָוו ל. האָבען גע׳פּסקנ׳ט, אַז „עס וואָלט געווען ניט קלוג און העכסט שעדליך פאַר די אינטערעסען פון ארבייט ווייטער פאָרט־צוזעצען אָדער צו פאַרשפּרייטען דעם סטרייק", און זיי האָבען גע־ראַטען די ארבייטער — צוריקצוקעהרען זיך צו דער ארבייט. דאָס איז געשעהן דעם 10טען יולי, דעם זעלבינגען טאָג, ווען די אייזענ־באַהן קאָמפּאַניעס האָבען צוריקגעוויזען דעבס׳עס פאָרשלאַג פאַר פריעדען. סעמועל גאָמפּערס, דער פיהרער פון דער א. פ. אָוו ל.,

האָט געשריבען די ענטשיידונג, וואָס האָט פּונקט אזוי, דאָס מאָל פון קאָנסערוואטיווען זייט, אויף יאָהרען צוריקגעשטויסען די גאַנצע ארבייטער באוועגונג, ווי עס האָט אמאָל, די אנארכיסטישע אגי־טאציע פון כלומרשט עקסטרעם־ראדיקאַלען זייט, אָפּגעשטויסען די ארבייטער באוועגונג אויף יאָהרען צוריק דורך דער אגיטאציע, וואָס האָט אונדירעקט געבראכט צו דער היימארקעט טראגעדיע.

די באוועגונג, די לעבעדיגע עלעמענטען אין דער ארבייטער וועלט, אלץ, וואָס דענקט און פיהלט עהרליך אין דער גאַנצער גע־זעלשאַפט, אלע זיינען געווען אויפגעבראכט אויף דער ענטשיידונג פון מר. גאָמפּערס. אָבער די זאַך איז געווען אָפּגעטאָן. דער לעצ־טער קלאַפּ אויף די געבויגענע קעפּ פון די סטרייקער איז געקומען פון אַן „איינגענער" האַנט. בלויז דריי טעג נאָך האָט געדויערט ביז די רעגירונג האָט אטאקירט דעבס'ען פאר „פּארלעצונג פון גע־ריכט", דערפאר וואָס ער האָט פאָרטגעזעצט דעם סטרייק נאָכ־דעם, ווי א געריכטליכע באשריינקונג (אינדזשאַנקשאָן) האָט ער־קלעהרט דעם סטרייק אומגעזעצליך. אין צוויי טעג ארום האָט מען פארשפּארט, אַנגעקלאָגט און געשטעלט אונטער 10,000 דאָלאָר ערבות יעדערען פון דעבס'עס 43 אקטיווע חברים.

דעבס'עס ערשטער ארעסט, דעם 10טען יולי, האָט ארויסגע־רופען א שטורעם פון אויפרעגונג. ניט ווייניגער פון 20 טויזענד ארבייטער זיינען אויף דער איינענער איניציאטיווע ארויס אין סטרייק, ווארטענדיג אויף א באַפעהל פון זייערע באטרעפענדע יו־ניאָנס. דער הויפּט פון די „נייטס אָוו לייבאָר" האָט ארויסגעלאָזען אַן אויפרוף צו גונסטען פון דער „א. ר. יו." 1000 צייטונגס־פאר־קויפער אין שיקאַגאָ האָבען ערקלעהרט א באָיקאָט אויף די טעגליכע צייטונגען אין שטאָדט, וואָס האָבען געהאַלטען דעם שונא'ס צד. דער סטרייק איז געווען צו ענד. דער קאַמף, וואָס האָט געקאָסט די סטרייקער 12 לעבענס, 515 ארעסטירטע דורך דער שטאָאט־פּאָליציי און 190 אויפ'ן באַפעהל פון פעדעראַלע געריכטען, און דעם לאַנד ניט ווייניגער פון 80 מיליאָן דאָלאר אין געלט־פארלוסט, דער גיגאַנטישער קאַמף איז געוואָרען דאָס אייגענטום פון דער גע־שיכטע.

דעבס'עס צווייטער ארעסט אויף דער קלאגע פון געריכט־פאר־לעצונג (קאָנטעמפּ אָוו קאָורט) האָט זיך אָנגעשטויסען אויף א וואנט פון אָפּגעפּרעמדקייט אין די פיהרענדע ארבייטער רייהען, א דאנק דעם באשלוס פון הער גאָמפּערס'עס קאָנפערענץ. פון טורמע האָט דעבס מיט זיינע חברים אפּעלירט „צו יעדען מאן און פרוי, פריינד פון יושר, ארבייט, מענשליכקייט און גערעכטיגקייט" אָנצוהאלטען דעם באָיקאָט אויף די פּולמאַן וואגאָנען. „מיר גלויבען אין דעם פאָלק פון אמעריקא. מיר ווילען פּאָרטזעצען מיט יעדען געזעצלי־כען מיטעל אונזער קאמף. מיר וועלען זיך ניט אונטערגעבען. טורמעס וועלען אונז ניט אָפּשרעקען". דער אופרוף איז געווען גע'חתמ'עט : „הויפּטקווארטיר פון דער אמעריקען רעיוועי יוניאָן. טורמע פון קוק קאונטי (שיקאגאָ), דעם 22טען יולי". אָבער עס איז שוין געווען נאָכ'ן סטרייק. די קליינע סקיצע „אראָפּגענומען פון דער שווארצערליסטע", אין דעם באנד פון דעבס'עס שריפטען ווארפט אביסעל ליכט אויף דעם, וואָס די געוועזענע סטרייקער האָ־בען געהאט אויסצושטעהן פאר זייער מענשליכען און אמת־פּראָלע־טארישען סימפּאטיע־סטרייק.

## אויפ'ן שוועל פון סאָציאליזם.

זיין ערשטע פּאָליטישע רעדע האָט דעבס געהאלטען אין יאָהר 1878 פאר דער דעמאָקראטישער פּארטיי. אין יאָהר 1885 איז ער ערוועהלט געוואָרען, אלס קאנדידאט פון דער דעמאָקראטישער פּארטיי, פאר דעם אמט פון אסעמבלימאן, אין דער לעגיסלאטור פון שטאאט אינדיאנא. אין פּאָליטיק איז דעבס געגאנגען, ווייל ער האָט געוואָלט העלפען דערשלאָגען זיך גינסטיגע געזעצגעבונג פאר דעם ארבייטער קלאס, ספּעציעל פאר די אייזענבאהנער. אין דעם פּאָליטישען שפּיעל גופא איז דעבס קיינמאָל ניט געווען פאר־אינטערעסירט, און ער האָט קיינמאָל ניט געזוכט דעם פּאָרטייל און די אמביציעס, וואָס פּאָליטיק העלפט ערווערבען. אין די שפּעטערע יאָהרען, ווען עס איז ענטשטאנען די פּאָפּוליסטישע באַ־וועגונג (די פאָלקס־פּארטיי), שטעלט זיך דעבס מיט די פּאָפּוליס־טען, הגם אויף דעמאָלט באטראכט ער זיך אלס דעמאָקראט לויט

פּאַרטיי־אָנגעהעריגקייט. אַזוי שפּעט, ווי אין 1894 זאָגט ער אין א רעדע, אז ער איז א פּאָפּוליסט. פון סאָציאַליזם איז ער נאָך אַלץ ווייט. שטאַרקע קעמפער קומען צו א נייער אידעע, צו א גאַנץ נייעם ציעל אין זייער קאַמף, ניט דורך קאַבינעט־השערות, נאָר טאַקי דורך דעם קאַמף גופא. דעבס דערקעמפער איז געקו־מען צום סאָציאַליזם דורך דער לאָגיק פון דעם קאַמף, וואָס ער האָט געפיהרט.

דער פּולמאַן סטרייק, זיין ערפאָלג אויף דעם עקאָנאָמישען וועג און זיין אונטערדריקונג מיט דער הילף פון דער פּאָליטישער און פּאָליציישער מאַכט פון שטאַאַט, האָט געצוואונגען דעבס'ען צו פאַרטראַכטען זיך וועגען דער פּאָליטישער זייט פון דער ארבייטער פראַגע. ער האָט געזעהן, אַז די אייזענבאַהן־ארבייטער האָבען ארויסגעוויזען מערקווירדיגע סאָלידאַריטעט, אַז די ארבייטער פון אנדערע פאַכען האָבען געהאָלפען די ארבייטער, — פריהער אין באָיקאָט און שפּעטער אין סטרייק. אַלזאָ, די אייניגקייט פון דער ארבייטערשאַפט אין דעם פאַל איז געווען א פאַקט, און עס האָט טאַקי פון אָנהויב אויסגעוויזען, אַז די „אַמעריקען רעילוועי יוניאָן", וואָס האָט געפיהרט דעם גרויסען קאַמף, וועט ארויסקומען ער־פאָלגרייך. אָבער — די קאָמפּאַניעס, דער גאַנצער בעלי־בתים קלאַס, האָבען זיך פאַראייניגט און געקראָגען צו זייער דיענסט די מאַשינעריע פון דער רעגירונג. און מיט דער הילף פון דער רע־גירונגס־מאַשינעריע — די געריכטען, די פּאָליציי און דאָס מי־ליטער — איז דער גלענצענדער זיעג פין די ארבייטער פאַרוואַנ־דעלט געוואָרען אין א מפּלה. פאַר דעבס'ען איז קלאָהר געוואָרען, אַז פאַר דעם זיעג פון דער ארבייטער זאָך פאָדערען זיך צוויי תנאים, ניט איינער, ווי ער האָט פריהער געמיינט: עס איז ניט גענוג די עקאָנאָמישע אייניגקייט און עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציע, עס איז אויך נויטיג אָרגאַניזאַציע און געמיינשאַפטליכע אַקציאָן אויף דעם פּאָליטישען געביט.

די רעגירונג האָט געטאָן אַלץ וואָס זי האָט געקאָנט צו שטער־סען אַלץ מעהר ליבקס דעבס'עס וועלט־אַנשויאונגען. זעקס מאָנאַ־טען האָט מען איהם אָפּגעהאַלטען אין דער וואודסטאָקער טורמע

פאר „פארלעצונג פון געריכט“ און פון דארטען האט מען איהם טאג־
איין, טאג־אויס מיט עטאפ געפיהרט קיין שיקאגא — 55 מייל —
וואו מען האט איהם גע׳משפט פאר קאנספיראציע און אלע אנדערע
מעגליכע און אוממעגליכע פארברעכענס. דאס האט די אסאצי־
אציע פון די אייזענבאהן־פארוואלטערס געזוכט נענצליך צו דער־
שטיקען די „א. ר. יו.“ דורך ענדלאזע פארפאלגונגען דעם פרעזידענט
און לייטענדען גייסט פון דער יוניאן — דעבס׳ען. ערשט דעמאלט
האט גענומען א סוף צום פראצעס, ווען די פראקוראטורע האט
זיך דערוואוסט, אז דעבס און זיינע אדוואקאטען האבען אין זייער
באזיץ דאקומענטען, וואס דערווייזען שווארץ אויף ווייס און אוי־
סער ספק, אז די אייזענבאהן־קאמפאניעס און זייערע גערונגענע
אגענטען, און ניט די ארבייטער, זיינען שולדיג אין די פארברע־
כענס, פאר וועלכע מען האט אנגעקלאגט די ארבייטער. דעמאלט
איז דער פראצעס פלוצלונג אונטערבראכען געווארען אונטער דעם
אויסרייד, אז איינער פון די צוועלף געשווארענע ריכטער (דזשור־
ראָרס) איז קראנק. און מערקווירדיגערווייזע איז עס קיינמאל ניט
געלונגען דעבס׳ען און זיינע אדוואקאטען צו פארענדיגען דעם פראָ־
צעס: דער קראנק געווארענער געשווארענער ריכטער איז קראנק
עד היום, און קיין אנדערער אויף זיין פלאץ ווערט אלץ ניט געפו־
פען. 18 מאנאטען איז דעבס געשטאנען אונטער דער יוריס־
דיקציע פון געריכט, און ווען ער איז פריי געווארען פון דער קאָ־
זיאנער השגחה האבען ערשט פריוואטע דעטעקטיוון, אנגעשטעלט
פון די קאמפאניעס, פון איהם „די אויג ניט אראפגענומען“ צוויי
יאהר נאכאנאנד. מען האט נאכגעשפירט יעדען טריט זיינעם, מען
האט אונאויפהערליך געשטערט זיין ארבייט. וואו ער האט ארגא־
ניזירט אייזענבאהן־ארבייטער האבען זיי די קאמפאניעס תיכף
ומיד ענטלאסען. זיי איז סוף כל סוף געלונגען צו פאריאגען דעם
בראווען גייסט פון דעם צולעכערטען און צושאסענעם קערפער פון
דער „אמעריקען רעילוועי יוניאן“.

אין זיין דערצעהלונג „ווי איך בין געווארען א סאציאליסט“
דערצעהלט דעבס, אז שיין אין דער וואודסטאקער טורמע האט ער
„דערזעהן דאס ליכט“: „מיט יעדער פאסט פלעג איך באקומען בי־

„בער, פאמפלעטען און בריעף, וואָס סאָציאַליסטען האָבען צו מיר „געשיקט. איך האָב געלייענט, געטראַכט, און גענומען פארנאַנ־ „דערצוגלידערען דעם סיסטעם, אין וועלכען עס לעבען די אַר־ „בייטער, און א דאַנק וועלכען מען קאָן מיט איין שטריך צוקלאַפּען „און פארניכטען דעם ארבייטער, מעג ער זיין ווער וויים ווי גוט „אָרגאַניזירט. די שריפטען פון בעלאַמי און בלעטשפאָרד האָבען „שוין לאַנג געמאַכט אויף מיר אַן איינדרוק. אויך גראָנלאַנד׳ס „קאָ־אָפּעראַטיווע געזעלשאַפט״. אָבער די שריפטען פון קאַרל „קאוטסקי זיינען געוועזן אזוי קלאָהר און איבערצייגענד, אז נים „נאָר האָב איך באַגריפען זייער שכל, נאָר איך בין באמת היגגערי־ „סען געוואָרען פון דעם גייסט פון סאָציאַליזם, וואָס זיי האָבען פאַר „מיר ענטפּלעקט, און איך דאַנק איהם און אַלע וואָס האָבען מיר „דעמאָלט געהאָלפען ארויסצוקומען פון דער פינסטערניש אין דער „ליכט. וויקטאָר בערגער, דער אָנפיהרער און פּיאָנער פון סאָ־ ציאַליזם אין מילוואָקי, האָט באַזוכט דעבס׳ען אין וואודסטאָק און דעבס איז נאָך מעהר באַפעסטיגט געוואָרען אין זיין נייעם גלויבען.

דעבס׳עס רעדע וועגען „פרייהייט״, וואָס ער האָט געהאַלטען ארויסקומענדיג פון טורמע דעם 22טען נאָוועמבער 1895, ווייזט זיין נייע וועלט־אַנשויאונג. ער איז שוין א סאָציאַליסט. אָבער נים אכטענדיג דערויף, וואָס ער האָט זיין סאָציאַליזם באַקומען, לוים זיינע אייגענע ווערטער, פון קאוטסקי׳ס שריפטען, איז ער וועזענטליך פארשידען פון דעם דייטשען סאָציאַליזם, וועלכער איז אזוי מעטאָדיש, סיסטעמאַטיש, זאַכליך און טרוקען — אויסערליך. דעבס׳עס סאָציאַליזם, אין זיין רעדע וועגען „פרייהייט״, איז אויך נים דער אמעריקאַנער סאָציאַליזם פון די שפּעטערדיגע יאָהרען, — א ריין פּאָליטישע אויפפאַסונג פון די פּאָליטישע קאַמפּס־מעטאָדען ווי צו ערוועהלען אויף א געזעצליך־פּאַרלאַמענטאַרישען אופן די פּאָליטישע מאַכט אין א לעגאַלער רעפּובליק. דעבס טראַכט, באַ־ נעמט און ברייננט ארוים זיין סאָציאַליזם אויף א גאַנץ באַזונדער אופן. ער רעדט אין טערמינען פון אמעריקאַנער געשיכטע, ער בוים אויף ערפאַהרונגען פון דער אמעריקאַנער ווירקליכקייט, אָבער זיין שוואונג איז פיעל ברייטער ווי דער געדאַנקען־לויף פון דעם

אמעריקאנער מארך. זיין פראנצויזישע בלוט, אויסגעקנאטען אין אמעריקאנער רעאליזם, שאפט א באזונדערע אוניווערסאליטעט. ער איז אמעריקאניש אין פארמע, אבער טיעף מענשליך אין עצם. ער איז א סאציאליסט לויט דער איבערצייגונג און א הומאניסט — אין אויסדרוק. דעבס דערנעהנטערט זיך מעהר פון אלץ צו דעם טיפ סאציאליסט, וואס זשארעס איז געווען. ניט לאסאל אדער בעבעל, ניט היינדמאן אדער קעיר־הארדי, נאר די שטארקסטע דערנעהנטערונג צו דעם גרויסען פראנצויזישען אידעאליסט און קעמפער, סאציאליסט און הומאניסט.

דעם זעלביגען טאג, ווי דעבס האט געהאלטען זיין רעדע וועגען „פרייהייט", וואס באצייכענט זיין באקעהרונג צו דער סאציאליסטישער פילאזאפיע, האט דער סאציאליסטישער זשורנאל „דהי קאמינג ניישאן" אפגעדרוקט דעבס'עס אויפרוף איינצופיהרען די סאציאליסטישע אדער קא־אפעראטיווע געזעלשאפטס־ארדנונג מיט דער הילף פון שטים־קאסטען. ער האט אלזא באגריפען דעם געדאנק פון סאציאליזם און דעם מעטאד פון סאציאליזם. און דאך זיינען די ביידע צווייגען פון איין ווארצעל געבליבען פארלויפיג אפגעזונדערט אין זיין דענקונגס־אפאראט. פאליטיש איז ער נאך אלץ פארבליבען א דעמאקראט מיט א פאפוליסטישער נייגונג, און ווען די דעמאקראטישע פארטיי־קאנווענשאן האט נאמינירט אלס קאנדידאט פאר פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאאטען דעם יונגען בירגערליכען ראדיקאל וויליאם דזשענינגס ברייען, האט דעבס פאר איהם געארבייט זעהר ענערגיש.

ערשט אין 1897 האט זיך דעבס פאלשטענדיג אפגעקעהרט פון די אלטע פארטייען און פון קאפיטאליזם אין דער פאליטיק. אויף דעם צוזאמענפאהר פון דער „אמעריקען רעילוועי יוניאן", אין יוני 1897, האט דעבס גענומען די איינציג לאגישע שטעלונג צו וועלכער עס האט איהם געפיהרט זיין גאנצע קאריערע. דעם 28טען יוני 1897 האט דעבס געגרינדעט די „סאשעל דעמאקראסי" פון די שיריים פון דער „אמעריקען רעילוועי יוניאן" צוזאמען מיט נאך איניגע פערזאנען און קערפערשאפטען. די נייע „סאציאלדעמאקראטיע" איז נאך ניט געווען קיין סאציאליסטישע אין אלגע־

מיינעם זינען, מיט א קלאָהרער וועלט־אַנשויאונג און טאַקטיק. פּלע־נער פון סאָציאַליסטישער קאָלניזאַציע האָבען פארנומען א קענ־ינגען פּלאַץ אין דעם אקציאָנס־פּראָגראַם פון דער פּארטיי. אוטאָ־פּיזם אין דער טאַקטיק און עקלעקטיזם, צונויפמישונג פון פּרינ־ציפּען אין דער וועלט־אַנשויאונג, זיינען געווען כאראַקטעריסטיש פאר דער באַוועגונג. אָבער דעבס אליין האָט שוין געוואוסט קלאָהר, וואָס ער מוז וויסען. אין א יאָהר ארום, אויפ'ן ערשטען צו־זאַמענפאָהר, דעם 7טען יוני 1898, איז די „סאָשעל דעמאקראַסי" רעאָרגאַניזירט געוואָרען און אויף איהר פּלאַץ איז ענטשטאַנען די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּארטיי פון אַמעריקא, וועלכע איז שוין געווען פיעל מעהר אויסגעהאַלטען סאָציאַליסטיש אין דעם מאַרק־סיסטישען אָדער אייראָפּעאישען זינען. די ס. ד. פּ. האָט גלייך גע־האַט א באַדייטענדען פּאָליטישען ערפאָלג. אין 1899 האָט זי דער־וויזען צו ערוועהלען דריי קאַנדידאַטען אין שטאַאַט־לעגיסלאַטורע פון מאַסאַטשוזעטס, און אין 1901 האָט זיך די ס. ד. פּ. פאַראיי־ניגט מיט א גרויסער טייל פון דער ס. ל. פּ. (סאָציאַליסטישע אַר־בייטער פּארטיי), וואָס האָט זיך אָפּגעשפּאָלטען פון דער נאַציאָ־נאַלער אדמיניסטראַציע מיט דעליאָנ'ען אַן דער שפּיץ; און די נייע פאַראייניגונג האָט אָנגענומען דעם נאָמען „סאָשעליסט פּארטי" (סאָציאַליסטישע פּארטיי). אין די פּרעזידענט־וואַהלען פון 1900 האָבען ביידע טיילען, נאָך איידער זיי האָבען זיך פאַראייניגט, גע־שטיצט די נאַציאָנאַלע קאַנדידאַטען־ליסטע פון דער ס. ד. פּ. מיט דעבס'ען אַלס פּרעזידענט־קאַנדידאַט. דעבס האָט געצויגען — 97,730 שטימען. די אַלטע ס. ל. פּ. — אינגאַנצען 34,191 שטי־מען. „דזשין" דעבס איז געוואָרען דער באַנער־טרעגער פון דעם אַמעריקאַנער סאָציאַליזם. ער האָט זיך אָפּגעטרייסעלט פון אַלע אוטאָפּיעס און אילוזיעס און האָט זיך געשטעלט אין די רייהען און אונטער דער פאָהן פון אונקאָמפּראָמיסליכען, פּרינציפּיעל־רע־וואָלוציאָנערען סאָציאַליזם.

## דעבס — דער סאָציאַליסטישער טעאָרעטיקער.

דעם 22טען מערץ 1899 ווערט אין נויאָרק אָפּגעהאַלטען אַ קאָנ־פערענץ פון אַלערליי קערפּערשאַפטען מיט גוטע, ליבעראַלע כונות. דער אבזיכט פון דער קאָנפערענץ איז געווען — גרינדען אַ נייע פּאַרטיי, און דעבס האָט פאָרמולירט זיין שטעלונג צו דער באַווע־גונג :—„איך וועל זיין אָפענהערציג מיט די העררען, וואָס זיינען „דאָ פאַרזאַמעלט. איך בין אַ סאָציאַליסט. איך גלויב אין גע־„מיינשאַפטליכען אייגענטום ניט נאָר פון די מיטלען פון פּראָדוק־„ציאָן און פאַרטיילונג, נאָר אַפילו פון דעם גאַנצען ערד־קוגעל. „אַזאַ פאַראייניגונג ווי די, וואָס איז דאָ פאַרזאַמעלט, וועט ניט האָ־„בען קיין ערפאָלג, און אויב זי זאָל יע האָבען ערפאָלג, איז עס ניט „אַנדערש, ווי ווען זי איז מקריב אַ פּרינציפּ. איך האָב געפּרואווט „פאַראייניגען מענשען מיט פאַרשיידענע אַנזיכטען. איך האָב „אויסגעפּרואווט די טאַקטיק פון ניט מעהר ווי איין שריט פאַר איין „מאָל. איך בין געווען אַן אָפּאָרטוניסט. אָבער נאָך יאָהרען פון „אַרבייט, אַגיטאַציע און ערפאַהרונג בין איך געקומען אויפ'ן פּעס־„טען באָדען פון סאָציאַליזם און פון דעם באָדען פון סאָציאַליזם, „מיינע הערען, וועל איך מעהר ניט אַראָפּ“. דעבס האָט אָפען געזאָגט, אַז ער וועט ליעבער זעהן 10 טויזענד סאָציאַליסטען, וואָס זיינען אייניג אין ציעל און מוטיג אין טאַט, וואָס ווייסען וואָס זיי ווילען און זיינען בארייט צו קריגען וואָס זיי ווילען דורך ענטשיי־דענדען קאַמף, איידער אַ מיליאָן מענשען פון פאַרשיידענע אַנזיכ־טען, וואָס האָבען פאַרשיידענע אַנזיכטען, און וועלען ניט וואַגען מעהר ווי איין שריט אויף איין מאָל.

דעבס האָט געהאַלטען וואָרט. ער איז פאַרבליבען טריי צו דעם פאַרשפּרעכען, אין גרונד גענומען — טריי צו זיך אַליין, ווייל ער איז אין עצם אַלעמאָל געווען דער היפּוך פון אָפּאָרטוניזם און קאָמפּראָמיסלעריי. ער איז דער אמת'ער טיפּ פון אַ רעוואָלוציאָ־נער, — ניט אַ „פייער־שלינגער“ און „פראַזען־פרעסער“, נאָר אַ פּרינציפּיעלער און דורכגעטראַכטער רעוואָלוציאָנער פון געדאַנק און טאַט.

פיער מאָל איז דעבס געווען קאַנדידאַט פאַר פּרעזידענט פון

די פאַראייניגטע שטאַאַטען אויף דעם ליסט (טיקעט) פון זיין פּאַר־טיי, און די צאָהל נאָכפאָלגער פון דער פּאַרטיי, וואָס האָבען זיך קאָנצענטרירט ארום זיין נאָמען, איז אלעמאָל געשטיגען. אין 1900 איז די צאָהל געווען 97,730, אין 1904 — 409,000, אין 1908— 424,488, אין 1912 — 901,361.

דעבס'עס טאַקטישע וועלט־אַנשויאונג פּאַלט צונויף מיט וואָס מען קאָן באַצייכענען אַלס דעם מיטען, דעם צענטער פון דער סאָ־ציאַליסטישער פּאַרטיי, און דערמיט ערקלעהרט זיך זיין גרויסע פּאָפּולאַריטעט אין דער גרויסער מאַיאָריטעט מיטגליעדער און נאָכ־פּאָלגער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. ער איז ניט קיין רע־פאָרמיסט און ניט קיין רעוואָלוציאָנער פון פּראַזע. זיינע גרויסע ערפאַהרונגען אין געדיכטען עקאָנאָמישען קאַמף דערלאָזען איהם ניט ער זאָל אריינפאַלען אין רעפאָרמיסטישען זומפּ און זיין קאָנ־סטרוקטיווער פּאָליטישער מוח האַלט איהם אָפּ פון הינגעריסען צו ווערען דורך דער אַנאַרכיסטישער פּראַזע. „איך בין איבערצייגט, „אַז דאָס וויכטיגסטע אין אונזער באַוועגונג זיינען — דער פּאָ־„ליטישער כאַראַקטער און די רעוואָלוציאָנערע ענטשלאָסענהייט פון „דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אַלע שטימען פון בירגער וועלען „אונז קיין גוטעס ניט טאָן, אויב אונזער פּאַרטיי זאָל אויפהערען „צו זיין אַ רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי און זי זאָל זיך בלויז יאָגען „נאָך וואָס מעהר שטימען ביי די וואַהלען, כדי וואָס גיכער צו „ברייננגען דעם טאָג פון ערוואַרטעטען זיעג... שטימען פאַר סאָ־„ציאַליזם זיינען ניט קיין סאָציאַליזם, פּונקט ווי אַ מעניו (אַ ליסטע „פון שפּייזען) איז ניט קיין עסען... שטימען וועלען קומען גיך גע־„נוג און מיר דאַרפען זיך נאָך זיי ניט יאָגען. מיר דאַרפען נאָר „קלאָהר מאַכען, אַז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי וויל בלויז די שטי־„מען פון די יעניגע, וואָס ווילען סאָציאַליזם. אַלס רעוואָלוציאָ־„נערע פּאַרטיי פון ארבייטער קלאַס, איז די סאָציאַליסטישע פּאַר־„טיי קעגען יאָגען זיך נאָך עמטער בלויז צוליעב די עמטער. אַזוינס „איז דער ציעל פון די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען מיט זייערע „באָסעס“ און „בודעל“ (פּאָליטיקאַנען און כאַבאַר) און האָט ניט „קיין פּלאַץ אין אַ פּאַרטיי, וועמענס אויפגאַבע עס איז די ענדגיל־

„טיגע באַפרייאונג“. דעבס איז גענען פֿאַרוואַנדלען די פּאַרטיי
„אין אַן אַפּאַרט צו זאַמלען וואַהל־שטימען. אָבער ערנסטע, פּרינ־
„ציפּיעלע פּאָליטישע אַקציאָן איז וויכטיג. ער טרייסעלט זיך אָפּ
„פון שותּפות פֿון אַנטי־פּאָליטישען אַנאַרכיזם. ער איז אין דעם
„פּרט אויסגעשפּראָכען : „איך גלויב אין קאָנסטרוקטיווע פּאָלי־
„טישע אַקציאָן. איך האַלט, אַז מען דאַרף ערוועהלען אַזוי פיעל
„קלאַסען־באַוואוסטע אַרבייטער אויף פּאָליטישע עמטער, ווי מיר
„קאָנען, ספּעציעל אַלס מעיאָרס, ריכטער, פּאָליצעי־פּאַרוואַלטער,
„שטאַאַטליכע און נאַציאָנאַלע געזעצמאַכער... די וואָס לייקענען
„פּאָליטישע אַקציאָן זיינען פּאַקטישע אַנאַרכיסטען, און עס איז נאָך
„קיינמאָל קיין גוטעס ניט אַרויסגעקומען דערפֿון, וואָס סאָציאַליס־
„טען האָבען געמאַכט יד אחת מיט אַנאַרכיסטען און דערפֿון וועט
„אויך קיינמאָל קיין גוטעס ניט אַרויס... אין קורצען גערעדט, מיר
„קאָנען פּאַרוואַנדלען אונזער פּאַרטיי אין אַ מאַשין, וואָס קריגט
„וואַהל־שטימען און געהן פּאַרלאָרען צוזאַמען מיט דער מאַשין ;
„אָדער — מיר קאָנען האָבען די קאָ־אָפּעראַטיווע געזעלשאַפטס־
„אָרדנונג און די רעגירונג פֿון אַרבייטער־קלאַס,ביידע צוזאַמען
„זיינען ניט מעגליך“.

## דעבס — דער אינדוסטריעלער יוניאָניסט.

דעבס גלויבט, אַז די עקאָנאָמישע פּאַראייניגונגען פון די אַר־בייטער, זייערע יוניאָנס, דאַרפֿען זיין פּונקט אַזוי זעלבסטשטענדיג, אונאַפּהענגיג, קלאַסען־באַוואוסט און סאָלידאַריש אָרגאַניזירט אין זייער אַקציאָן, ווי די פּאָליטישע פּאַראייניגונגען פון אַרבייטער־קלאַס — די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי דאַרף זיין. דעבס האָט דערפֿאַר ניט געקאַרגט קיין ווערטער פון קריטיק און פֿאַרדאַמונג פֿאַר די מעטאָדען פון די פיהרער פון פֿאַך־יוניאָניזם, אַנשטאַט אינ־דוסטריעלען יוניאָניזם, אין דער א. פּ. אָוו ל. און ניט ווענינער שאַרף האָט ער אָנגעגריפֿען די פּשרה־מעטאָדען און פּאָליטיק פֿון קלאַסען־האַרמאָניע, וואָס די פיהרער פֿון דער אַרבייטער פֿעדעראַ־ציע (א. פּ. אָוו ל.) האָבען געפּראַוועט אין די באַציהונגען פֿון די אַרבייטער מיט די בעלי־בתים און אין דער „סיוויק פֿעדערייש‏אָן“

—אַ ספּעציעלע אָרגאַניזאַציע, וואָס איז באַשאַפען געוואָרען פון קאַפּיטאַל צו דערנעהנטערען „גוטע" אַרבייטער־פיהרער מיט „גוטע" קאַפּיטאַליסטען. דעבס שרייבט: „די א. פ. אָוו ל. האָט אַ סך „מיטגלידער. אָבער דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס האָט פאַר איהר „קיין מורא ניט, גראַד — פאַרקעהרט. עפּעס מוז דאָך זיין ניט „גלאַט מיט דעם סאָרט יוניאָניזם, ווען מען פיהרער עס זיינען „גלייכצייטיג אונטערשטיצער פון קאַפּיטאַליזם. עפּעס איז ניט „גלאַט מיט דעם מין יוניאָניזם, וואָס מאַכט יד אחת מיט אַזאַ קאַ־ „פּיטאַליסטישער פאַראייניגונג, ווי די „סיוויק פעדערײשאָן", ווע־ „מענס איינציגע אויפגאַבע עס איז איינצושלעפערן דעם אַרביי־ „טער־קלאַס, בעת דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס ליידיגט אויס די „קעשענעס פון די אַרבייטער... די אַלטע פאָרמע פון יוניאָניזם „באַפרידיגט מעהר ניט די נויטען פון דעם אַרבייטער־קלאַס. די „אַלטע טרייד־יוניאָנס האָבען ניט ערפילט זייער שליחות און אַרוי־ „בערגעלעבט זייער ניצליכקייט. זיי זיינען איצטער גאַנץ באַ־ „שטימט רעאַקציאָנער, און אַנשטאַט די אינטערעסען פון די אַר־ „בייטער, וואָס האַלטען אויס די יוניאָנס, דיענען זיי די אינטערע־ „סען פון די קאַפּיטאַליסטען, וועלכע עקספּלואַטירען די אַרבייטער".

אַזעלכע אויסערונגען האָט דעבס געמאַכט ניט איינמאָל און ניט צופעליג. זיין געגנערשאַפט צו די עקזיסטירענדע יוניאָנס און זייערע נאַציאָנאַלע פיהרער איז אַזוי אַוועק אַזוי ווייט, אַז אין 1905 האָט דעבס גענומען אַ האַנד אין דער אָרגאַניזירונג פון דער איי־ דאָבעליו־דאָבעליו (די אינדוסטריעלע אַרבייטער פון דער וועלט), אַ נאַציאָנאַלער פאַרבאַנד פון אַלטע און נייע טרייד־יוניאָנס, וואָס האָט געזאָלט קאָנקורירען מיט דער אַלטער א. פ. אָוו ל. ערשטענס, דורך אַגרעסיווער און פּרינציפּיעלער טאַקטיק און, צווייטענס, אָר־ גאַניזירענדיג ניט נאָר די געאיבטע, פאַכאָווע אַרבייטער, נאָר אויך די ניט־געלערנטע און ניט־אָרגאַניזירטע (קאָמאָן לייבאָרערס). דעבס איז געווען זעהר ענטוזיאַסטיש פאַר דער נייער באַוועגונג. ער האָט זיך אין איהר אַריינגעוואָרפען מיט דעם אַלטען ברען און פייער. עס איז איהם אויך געלונגען הינצורייסען אַ באַדייטענדע צאָהל אָרגאַניזאַציעס פון דער א. פ. אָוו ל. אָבער לאַנג איז דעבס ניט

געשטאנען מיט די „א. וו. וו.“ (די אינדוסטריעלע ארבייטער פון דער וועלט). דער פארבאנד האט זיך גיך צושפאלטען אין צווייען. א טייל איז אוועק נאך דעניעל דעליאנ׳ען און די פארבליבענע ס. ל. פ. און א צווייטער טייל מיט הייוואוד׳ען אן דער שפיץ איז געווארען פארשלעפט אין די דרכים פון אנארכיזם. און פאר קיין איינער פון די צוויי ריכטונגען האט דעבס ניט געהאט קיין צופיעל ליעבע.

דעם יאהר וואס נאך דער גרינדונג פון דער „א. וו. וו.“ האט דעבס געהאט די געלעגענהייט צו שטילען דעם פייער פון זיין נשמה אין דעם קאמף פאר דער באפרייאונג פון מאיער, הייוואוד און פעטיבאן, די דריי אנגעקלאגטע בעאמטע פון דער וועסטליכער פעדעראציע פון מעטאל-גרעבער. דעבס׳עס אויפרוף: „וואכט אויף, איהר שקלאפען!“ איז א מערקווירדיגער דאקומענט, וואו יעדע שורה איז פייער, יעדער אויסדרוק — פלאם: „אויב זיי וועלען פארזוכען צו דער׳הרג׳ענען מאיער, הייוואוד און זייערע „ברידער, וועט, צום וועניגסטען, א מיליאן רעוואלוציאנערען באגעגענען זיי מיט דער ביקס אין האנד“. דער קאמף איז געווען ערפאלגרייך. אפילו די בעאמטע פון דער א. פ. או ל. זייגען געצוואונגען געווען זיך איינצושטעלען פאר די פארפאלגטע ארבייטער-פיהרער. דעבס׳ען קומט פיליכט דער גרעסטער דאנק, וואס הייוואוד האט איינגעהאלטען זיין קאפ אויף זיינע פלייצעס.

הייוואוד איז שפעטער געווארען דער פיהרער פון די זעלביגע „א. וו. וו.“, וועמען דעבס האט ביטער באקעמפט פאר איהרע אנארכיסטישע מעטאדען, און דעבס האט ניט געשאנעוועט דעם מענשען, וועמענס לעבען ער האט געהאלפען ראטעווען. הייוואוד איז ארויסגעטראגען פאר סאבאטאזש-טאקטיק און פאר אלע אנדערע מעטאדען פון אנארכיסטישען סינדיקאליזם. אבער דעבס איז פארבליבען טריי צו זיך אליין. יע, רעוואלוציאנערע פרינציפען זיינען וויכטיג און א רעוואלוציאנערע טאקטיג איז נויטיג. ווי ער דריקט זיך אוים: „מיר וואלטען זיכער געהאט מעהר ערפאלג, אנווענדיג „רעאקציאנערע פרינציפען מיט א רעוואלוציאנערע טאקטיק איידער „אננעמענדיג רעוואלוציאנערע פרינציפען און פארפאלגענדיג א

„רעאקציאָנערע טאקטיק“. זיכער אזוי : „אלס רעוואָלוציאָנער „האָב איך ניט קיין באזונדער דרך ארץ פאר קאפיטאליסטישע גע־ „זעצען וועגען אייגענטום, און מיין געוויסען וואָלט מיך ניט גע־ „פלאגט פאר איבערטרעטען די געזעצען. איך האלט, אז אלע „אזעלכע געזעצען זיינען פארפאסט געוואָרען דורך שווינדעל, נאַ־ „רעריי און קאָרופציע מיט דער איינציגער אבזיכט צו בארויבען, „באשווינדלען און פארשקלאפען דעם ארבייטער־קלאס. אָבער „דערפון איז ניט געדרונגען, אז איך האָב בדעה צו ווערען אן איינ־ „צעלנער געזעץ־פארלעצער און שלאָגען זיך מיט מיין איינציגען „קאָפּ געגען די שטיינערנע ווענט פון אייגענטום געזעצען. מאנכער „וואָלט אפשר געטראכט, אז דאָס איז שטארק, אָבער דאָס וואָלט „אזוינס ניט געווען. דאָס וואָלט געווען אין דער אמת'ען נאָר „שוואכקייט און דומהייט. ווען איך זאָל זיין בכח צו אומשטירצען „דעספּאָטישע געזעצען, וואָלט איך דאָס געטאָן אָהן ספק, ניט „צווייפלענדיג איין רגע. אָבער איך בין ניט בכח צו טאָן עס, בין „איך — אונטער פּראָטעסט, ניט מחמת איך גלויב דעריין — גע־ „זעץ־געהאָרכזאם, און איך ווארט אויף דער צייט“.

דעבס איז געגען געוואלד־טאקטיק, ווייל סוף כל סוף איז אזא טאקטיק נוצלאָז : „אויף וויפיעל דער ארבייטער־קלאס באזיצט „מאכט, וואָס שטיצט זיך אויף קלאסען־באוואוסטזיניגקייט, איז „געוואלד דורכאויס איבעריג ; און אויף וויפיעל ער באזיצט ניט „אזא מאכט איז געוואלד דורכאויס שעדליך. איך בין געגען יעדער „טאקטיק וואָס שליסט איין גנבה, קאָנספּיראציע, אינטריגעס און „קאָן דורכגעפיהרט ווערען נאָר דורך געוואלד־טאט“.

## דעבס'עס לעצטער פּראָצעס.

די פאקטען פון דעבס'עס לעצטען פּראָצעס, אויף דער בא־ שולדיגונג, אז ער האָט איבערטראָטען דעם אזוי גערופענעם „שפּיאָ־ נאזש־געזעץ“, קאָנען דאָ ניט באריהרט ווערען. ווי דעבס האָט זיך געהאלטען אין דעם לויף פון דעם פּראָצעס, אין געריכט־זאַל און ווי ער האָט דערוויזען צו דערהויבען זיין אייגענעם פּראָצעס צו דער מדרגה פון א פּרינציפּיעלען קאמף, פאר דער פרייהייט פון געוויסען און פון וואָרט, ווערט אויסגעצייכענט געשילדערט אין מאקס איסט־

מאַנ׳ס אַרטיקעל „דעבס אין געריכט זאָל“, וועלכען דער לעזער געפינט אנדערשוואו אין דעם באַנד. אויך וועט דער לעזער געפינען אין דעם באַנד דעבס׳עס רעדע פאַר די געשוואָרענע און פאַר׳ן ריכטער, איבערגעגעבען מיט אומפאַרמיידליכע (האָפענטליך, נאָר ביז דער נעקסטער אויסגאַבע) פאַרקירצונגען. איינס זאָל דאָ באַמערקט ווערען. אין דעם גאַנצען פּראָצעס, ווי אין אַלע זיינע איינצעלהייטען, ערשיינט „דזשין“ דעבס דער זעלבער ליעבער אַלטער און בראַווער דעבס, ווי אין זיין ערשטער גרויסער ערפאַהרונג בעת און נאָך דעם פּולמאַן סטרייק. אויסגעגלייכט, שטרענג, ערהאַבען קוקט ער אַרונטער אויף זיינע ריכטער, און ניט שפּאָט און ניט צאָרן האָט ער פאַר זיי, נאָר מיטלייד, אמת׳ען, טיעפען, מענשליכען מיטלייד. ער ווייס, אַז זיי זיינען אַלע פאַרבלענדט, אַז דאָס האָט די צייט פאַרכאַפּט אין איהרע בייזע צוואַנגען זייער אָרימען געוויסען און — זיי קאָנען זיך ניט העלפען. זיי צאָהלען שטייער, רכש צו זייער צייט מיט די טעות׳ען און פאַרבלענדונגען פון דער צייט. אָבער ער, דעבס, זעהט דעם אמת פון דער צוקונפט, און דורך יעדען גליעד פון דעבס׳עס גרויסען, שעהנעם, אַזוי וועניג ערדישען, שוין אַביסעל געבויגענעם קערפּער, פון זיינע וואונדערבאַרע, גוטע, טיעף־מיטליידענדע און אונענדליך גערעכטע אויגען קוקט אַרויס אָט די גערעכטיגקייט פונ׳ם מאָרגען. יע, זיי וועלען איהם פאַר׳משפּט׳ען, אָבער ער ווייס בעסער, ער איז זיי מוחל

און די צייטווייליגע ריכטער באַגרייפען עס און דערפיהלען א שרעק, א רעליגיעזען ציטער. און דורך די קאַלטע, סקאַרבאָווע, פאַרגליווערטע ווערטער פון זייער אורטייל : 10 יאָהר טורמע, ענטפּלעקט זיך פאַר זיי דער מיין פון דעם גרויסען כח, וואָס קוקט אַרויס פון דעבס׳עס אויגען, וואָס רעדט אַרויס פון דעבס׳עס מויל, וואָס איז דעבס׳עס נשמה — דער כח פון אמת און גערעכטיגקייט, דער כח פון מענשען־ליעבע. און ווי נישטיג, ווי אומבאַהאָלפען עס שטעלט זיך אַרויס די אָפיציעלע, קאַזיאָנע גערעכטיגקייט לגבי דער העכערער און טיעפערער גערעכטיגקייט, וועמענס פלאַמיגען אַפּאָסטאָל און אונערשראָקענעם דיענער זיי משפּט׳ען, זיי, די אָנגעשטעלטע און באַצאָהלטע פון דעם אָפּגאָט פון געלד.

זיי וועלען אפשר פאַר׳משפּט׳ען דעבס׳ען אין דער לעצטער אינסטאַנץ און איהם אויף פאַרשפּאַרען. אָבער די אייזערנע גראַטעס און שטאָלענע קייטען וועלען ניט מעהר איינהאַלטען ווי דאָס פּיזשע אין דעם 63 יאָהריגען דעבס׳ען. זיין גייסט וועט קיין גראַטע ניט איינהאַלטען, זיין רוף וועט קיין פּאַטרול ניט אָפּשטעלען, זיין ליעבליכער, ברייטער, צוגלייך קינדיש־ריינער און פּאַטערליך צאַרטער שפּייכעל וועט געהן אין די שעפּער און אין די פּעלדער, אין די קוילען־גריבער און אין די שטאָדטיגע קעלערס און ער וועט וועקען, רופען, ערמונטערען און באַוועגען צו פּראָטעסט און קאַמף, צו זיעג און גערעכטיגקייט.

לאַנג לעבען זאָל יודזשין וויקטאָר דעבס! אייביג וועט לעבען „דזשין" דעבס!

---

ווען דעבס איז צום ערשטען מאָל פאַרשפּאַרט געוואָרען אין דער וואודסטאַקער טורמע (18טען יולי, 1895), האָבען זיינע עלטערען, דעניעל און מאַרגאַרעט דעבס, צוגעשיקט איהם די קורצע אָבער פיעל־זאָגענדע טעלעגראַמע: „שטעה פעסט פאַר דיינע פּרינציפּען, אָבגעזעהן פון קאָנסעקווענצען. דיין פאָטער און מוטער". עס איז א גרויסער גליק צו האָבען אזעלכע עלטערען.

ווען דעבס איז פאַר׳משפּט געוואָרען דעם צווייטען מאָל (אין סעפּטעמבער, 1918), זיינען זיינע עלטערען שוין מעהר ניט געווען צווישען די לעבעדיגע. אָבער מיליאָנען מענשען האָבען זיך אָפּגערופען: „דעבס, דו וועסט בלייבען טריי צו דיינע פּרינציפּען. מיר שווערען, מיר וועלען דיר נאָכטאָן. גלויב אין אונז, ווי מיר גלויבען אין דיר". די ווערטער זיינען ניט ארויסגעזאָגט געוואָרען, קיינער וואָלט זיי ניט געדרוקט. אָבער דעבס האָט זיי געלייענט אין די שטומע בליקען פון א אונטערדריקטער געזעלשאַפט, און זיין האַלטונג אין געריכט־זאַל האָט די ווערטער געגעבען דעם אויסדרוק, וואָס נאָר ער האָט געקענט. זיינע 10 יאָהר פּיזישער טורמע וועלען פאַרשפּאָרען דער גאַנצער מענשהייט מעהר ווי צעהנדליגע יאָהרען גייסטיגע טורמע.

# יודזשין וויקטאר דעבס

## פאלקס־טריבון, פאעט און מענש

פון מ. ווינטשעווסקי

---

## 1.

## דעבס׳עס ערשטער ארויסטריט.

דער יאהר 1897 שפילט א בעדייטענדע ראלע אין דער געשיכטע פון אונזער באוועגונג דא אין אמעריקא. אפילו ווען מען זאל האלטען אין אויג ניט מעהר ווי דעם דאפעלטען פאקט פון דער גרינדונג פון דעם „פארווערטס“ און דער אפשטעלונג (אויף גאנצע פינף יאהר, ווי עס האט זיך שפעטער ארויסגעשטעלט) פון דער „צוקונפט“, וועלכע זיינען ביידע פארגעקומען אין 1897, וואלט דאס אליין גענוג זיין צו כאראקטעריזירען די באדייטונג פון דעם דאזיגען יאהר, הגם ביידע געשעהענישען זיינען געווען אידישע און לאקאלע: ארגאנען פון די אידישע גאס אין ניו יארק. ריידען־רייד איך פון דער באוועגונג בכלל, אבער די „באוועגונג בכלל“ פון יענע צייטען איז — צווישען אונז זאל דאס בלייבען! — געווען א דייטש־אידישע, מיט א אידיש־דייטשע און אן עכט־דייטשע פרעסע. פאר די צוקונפטיגע אמעריקאנער ארבייטער האבען מיר ארויסגעגעבען ענגלישע צייטונגען, וועכענטליכע. דער טעגליכער „ניו יארקער פאלק“ איז געקומען 14 יאהר שפעטער ווי אונזער אידישער „אבענדבלאט“ און 30 יאהר נאך דער גרינדונג פון די דייטשע „פאלקסצייטונג“.

מיר האבען דאמאלס ניט פארשטאנען דאס, וואס לכל הפחות א טייל פון אונז פארשטעהט היינט, היינו: אז דער עכט־אמעריקאנער ארבייטער איז א קליינער חלק פון דעם ארבייטער קלאס אין אמעריקא און ווערט אין איהם בטל בששים. דער פועל יוצא דערפון איז געווען, אז מיר האבען געווארט אויף דער ערוואכונג פון

דעם אמעריקאנער ארבייטער. ווי פרומע אידען ווארטען אויף תחית המתים, לעתיד לבוא.

מיר פלעגען זיצען און פילאָזאָפירען און זיך ברעכען די מוחות פאַרוואָס די אמעריקאנישע, די ריין־אמעריקאנישע ארבייטער, צו וועלכע מיר לייגען צו אויף דעם וועכענטליכען „פיפל“ אליין איבער הונדערט דאָלאר א וואָך, און אויף וועלכע מיר לייגען אוועק כוחות, וואָס זיינען אפשר ווערט פיעל, פיעל מעהר, בלייבען פון ווייטען, און ווילען פון אונז ניט הערען און ניט וויסען.

מיר פלעגען ווארטען אויף דעם אמעריקאנישען, עכט־אמעריקאנישען פראָלעטאריער, אז ער זאָל ענדליך זיך אויפכאפּען פון שלאָף, זיך אויסרייבען די אויגען, זיך ארומקוקען כדי צו זעהן וואו ער האלט אין דער וועלט, און קומען צו אונז.

דערוויל מאכט זיך א גרויסער קאמפּיין. עס נעהט א פּרעזידענטשאַפט־וואהל. מיר, סאָציאליסטען, אָרגאניזירט אין א שטיקלאך 18 סטייטס אלס „סאָציאליסטישע ארבייטער פּארטיי“ (ס. ל. פּ.), נעהען צום צווייטען מאָל אינ׳ם וואהלקאמף מיט א טיקעט, וואָס האָט אין זיך א קאנדידאט פאר פּרעזידענט.

מיר שרייען: עס לעבע מעטשעט! עס לעבע די פּארטיי! אָבער אין גרונד הארצען ווייסען מיר גאנץ גוט, אז אונזער אָרעמער מעטשעט ווערט פון קיינעם ניט גענומען ערנסט; אז אונזער פּארטיי איז אלס אזעלכע נור באקאנט אין „אונזער אייגענעם מוראווייניק“, ווי דער אלטער קרילאָוו וואָלט געזאָגט. און די ברייטע פאָלקסמאסען ווייסען אפילו ניט אז מיר עקסיסטירען.

און דער גרויסער טאָג אין נאָוועמבער (1896) קומט, און אין אלע אונזערע 18 סטייטס פאלען בסך הכל א קָימאַ לָן פון 36 טויזענד וואוטס, א העלפט דערפון אין ניו יארק און אין ברוקלין. דאמאָלס נאָך צוויי באזונדערע שטעדט.

אין דער צייט פונ׳ם קאמפּיין ווארפט זיך איין זאך שטארק אין אויג.

מיט צוויי יאָהר פריהער איז דורך דעם גרויסען פולמאן סטרייק אין אונזערע קרייזען באקאנט געוואָרען אן אמעריקאנער יוניאָן־פיהרער, א לאָקאָמאָטיוו־הייצער פון פאך, מיט׳ן נאָמען דעבס.

דער מאַן איז גע׳משפט און פאַר׳משפט געוואָרען, און האָט צוגעבראַכט גאַנצע זעקס חדשים אין וואודסטאָק געפענגניש אין אי־לינאָי. מיר האָבען געוואוסט, אַז ער האָט זיך זעהר בראַוו געהאַל־טען אין געריכט, און אַז ער איז ראַדיקאַל געוואָרען.

און דאָ געהט אָן אַן אינטערעסאַנטער קאַמפּיין. געגען דעם רעפּובליקאַנער קאַנדידאַט מעק׳קינלי לויפט אַ יונגער דעמאָקראַט מיט׳ן נאָמען ברייען, וויליאַם דזשענינגס ברייען, וועלכער האָט גענומען מיט שטורעם די דעמאָקראַטישע קאָנווענשאָן, אַרויסקו־מענדיג מיט פייער און פלאַם געגען „וואָל־סטריט“, געגען די „גאָלד־אַריסטאָקראַטיע“ און אַזוי ווייטער.

אין תוך גענומען איז ברייען געווען אַ סימפּאַטישע ערשיי־נונג צוליעב זיין טעמפּעראַמענט, זיין רעדנערקראַפט און זיין אָנ־גריף אויף די הויכע פינאַנץ, הגם זיין פּלאַטפאָרמע איז געווען אַ לעכערליכע. צו געווינען די פאַרמערס, וועלכע האָבען דאַן געהאַט אַן אייגענע האַלב־סאָציאַליסטישע פּאַרטיי (די פּאָפּוליסטען), איז ברייען אַרויסגעטראָטען אויף אַ שטעקענפערד, מיט אַ דעמאָקראַ־טישען קאָפּ און אַ פּאָפּוליסטישען עק, האַלטענדיג אין דער האַנט אַ פאָהן מיט׳ן דעוויז: „16 צו 1“, וואָס די באַדייטונג דערפון איז געווען, אַז גאָלד זאָל האָבען ניט מעהר און ניט ווייניגער ווערט ווי זילבער, 16 מאָל אַזוי פיעל אין געוויכט, מיט אַנדערע ווערטער הייסט דאָס, אַז זילבער זאָל האָבען אַ שטענדיגען ווערט און זאָל אָוועקנעמען דעם מאָנאָפּאָל אויף דעם „סטענדערד“, וואָס דריקט אויס אַלע פּרייזען, פון גאָלד אַליין.

אין דעם קאַמפּיין געפינען מיר דעבס׳ען אין דעם דעמאָקראַ־טיש־פּאָפּוליסטישען לאַגער און פאַר אונזער פּאַרטיי, מיט דע־ליאָנ׳ען בראש, איז ער ניט בעסער ווי גאָמפּערס׳ און די אַנדערע „אַמעריקאַנישע“ אַרבייטער־פיהרער.

גאָמפּערס׳ען גופא האַלטען מיר — די ס. ל. פּ. — אין איין אָנגרייפען. דער היינטיגער לעזער דאַרף פאַרשטעהן אַז אַרום דעם סוף פון 1896 איז, ערשטענס, די „אַמעריקאַן פעדערייש**אָ**ן אָוו לייבאָר“ נאָך געווען זעהר שוואַך: האָט זיכער נאָך ניט געהאַט קיין צעהנטהלק פון איהר היינטיגע צאָהל מיטגלידער און, צווייטענס,

איז גאָמפּערס נאָך דאַמאָלס ניט געזעסען אַזוי פעסט אין זאָטעל ווי ער זיצט היינט. מיט קנאַפּע צוויי יאָהר פריהער האָט איהם אַ מאַיאָריטעט אין דער קאָנווענשאָן (דאַכט זיך אין דענווער) געמאַכט אויס קאַפּעלוש־מאַכער, ערוועהלענדיג מק.־ברײַדי׳ן אַלס פּרעזי־דענט, און דאָס טאַקע מיט דער הילף פון סאָציאַליסטישע שטימען.

מעהר ווי דאָס. די ס. ל. פּ., מיט דעניעל דעליאָן און הונאָ פּאָכט אַלס איהרע פיהרער, האָט דאַן געהאַלטען אין בויען אַן אָפּאָ־זיציאָנס צענטראַלע נעגען די קאָנסערוואַטיווע „אַמעריקאַן פּע־דערײשאָן אָוו לייבאָר". די נייע „סאָשעליסט טרייד ענד לייבאָר אַלייענס" (דער אומגעלומפּערטער נאָמען האָט זיך גוט צוגעפּאַסט צו דעם ניי־געבאָרענעם לעבערילכען מפּיל־קינד) האָט כלומר׳שט געוואָלט פאַרבינדען דעם סאָציאַליזם מיט׳ן טרייד־יוניאָניזם און דאָס מיט אַמאָל „פּאָ פּריקאַזו יעווא וועליטשעסטוואַ". דעליאָן און זיינע חברים האָבען ניט געהאַט קיין צייט צו וואַרטען און האָבען באַשלאָסען צו צוברעכען די א. פ. ל. און צו בויען אויף דעם פּלאַץ פון דער איינגעפאַלענער חורבה אַן „אמת׳ע סאָציאַליס־טישע לאַנד צענטראַלע פון סאָציאַליסטישע ארבייטער יוניאָנס". געזאָגט האָט מען, פאַרשטעהט זיך, אַז מען ברעכט ניט, מען קאָנ־קורירט ניט, מען בויט בלויז דאָרטען, וואו די „לייבאָר פייקירס" האָבען נאָך גאָר קיין אָרגאַניזאַציעס ניט, אָבער די לאָגיק פון די פאַרהעלטניסע האָט געפיהרט צו וויינינסטענס אַ פּרוב צו ברע־כען דאָס אַלטע און בויען פון דאָס ניי.

דאָ איז ניט דער אָרט אַריינצוגעהן ווייטער און טיפער אין דעם ענין. עס וועט גענוג זיין צו זאָגען, אַז די לאַגע האָט אַריינ־געבראַכט רייסערייען און בורעניגעס אין אונזערע רייהען אַליין, און דערפאַר איז לייכט צו פאַרשטעהן, אַז דער יונגער סאָציאַליסט, הגם ניט יונגער מאַן, דעבס האָט צו אונז ניט געקענט צושטעהן גלייך ביים אַרויסקומען פון וואודסטאָק געפענגניש.

דעם ערשטען יאַנואר 1897 האָט ער אין דעם אָרגאַן פון דער „אַמעריקאַן ריילוויי יוניאָן" אָפּגעדרוקט זיין מאַניפעסט, זיך ער־קלערענדיג פאַר אַ סאָציאַליסט. אין דיזען זעהר געפיהלפולען און אויספיהרליכען סטייטמענט האָט ער, אַזוי ווייט ווי איך געדיינק,

נאָך נים אויסדריקליך „אינדאָרסט“ די עקזיסטירענדע סאָציאַליס־טישע ארבייטער פּארטיי, הגם ער האָט אָנגעצייגט, אז ער האָט מעהר קיין שום שייכות נים מיט די ביידע קאפּיטאַליסטישע פּאַר־טייען. די פּאָפּוליסטען זיינען אין יענעם קאמפּיין אָהן ווידוי, אָהן א צוואה, און אָהן שמשים ארוים פון דעם פּאָליטישען ספר־החיים, הויל דורך דעם פאקט פון זייער פּארשמעלצען זיך מיט ברייען'ען. אָפּיציעל האָט זיך די פּאָפּוליסטישע ליכטעל נאָך גע־שמילקעט א געוויסע צייט, אָבער זי האָט מעהר נים געלויכטען און איז נעווען נים מעהר ממשות'דיג ווי דעליאַנס „אַלייענס“. ווענען די פּאָפּוליסטען האָט ביי דעבס'ען דערפאַר נים געקענט זיין קיין שום פראַגע אין דעם דאָזיגען קריטישען מאָמענט.

צו געבען דעם היינטיגען לעזער א באגריף וועגען די לאַגע אין דער סאָציאַליסטישער ארבייטער פּארטיי און דעבס'עס שייכות צו איהר, וואָלט מען געדאַרפט דערצעהלען די געשיכטע פון די פיעלע פארשידענע שפּאַלטונגען אין דער דאָזיגער פּארטיי, איינע פון וועלכע איז געווען דער „ספּליט“ אויף דער איסט־סאַיד, וואָס האָט געפיהרט צו דער גרינדונג פון דעם „פאָרווערטס“ און צו דעם אונ־טערגאַנג פון דעם דעליאָניסטישען „אבענדבלאַט“. דאָס, ווי איך האָב שוין פריהער באמערקט, איז דאָ נים מעגליך, איך וועל מיר דערפאַר ערלויבען איבערצונעבען א קליינעם שטימונגס־ארטיקעל פון יענער צייט, וואָס איז ערשינען צוערשט אין דער „צוקונפט“ (אין איינעם פון די לעצטע נומערן, איידער דער זשורנאַל איז אויף פינף יאָהר פארמאכט געוואָרען) און דאַן אין דעם ענגלישען „סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטיק העראַלד“, דעם אָרגאַן פון דער נייער פּארטיי.

„דער פּוסטער טעמפּעל“ קען נאַטירליך נים געבען די גע־שיכטע, נים די פּאַסירונגען פון יענער צייט. ער קען אָבער — אויב ער קען עס, דאָס מוז איבערגעלאָזען ווערען פאַר'ן לעזער צו אורטיילען — איבערגעבען די אַטמאָספערע, די שטימונג פון דער דאָזיגער פּעריאָדע.

באמערקען וועל איך דאָ נור איידער איך נעם זיך איבערגע־בען דעם „פּוסטען טעמפּעל“, אָדער, ריכטיגער, אריינפיהרען דעם לעזער אין איהם, אז דאָס, וואָס איך האָב געפיהלט און דורכגע־

לעבט ביין שרייבען האָבען פיעלע אַנדערע געפיהלט פריהער און שפּעטער, נאָר אָהן ווערטער. די פאַרפאָלגונגען פון אפּיקורסים אין דער ס. ל. פּ., פאַר די קלענסטע חטאים, פאַר די אומבאַדייטענדסטע קריטישע באַמערקונגען בנוגע צו די פיהרער און רעדאַקטערע און די כלי־קדש פון דער „פּאַרטיי“, — דיזע פאַרפאָלגונגען האָבען אָפּט דערמאָנט דעם זייטיגען מענשען אָן די אַמאָליגע שפּאַנישע אינקוויזיציע. די ס. ל. פּ. פאַרשטעהט זיך, האָט ניט געקענט זיין אַזוי גרויזאַם, אַזוי שרעקליך, אַזוי אומבאַרמהערציג, אפילו ניט אַזוי פאַנאַטיש ווי איהר שפּאַנישער פּראָטאָטיפּ, אָבער זי איז געווען פון דעמזעלבען מין; פון דעם טיגער׳ס משפחה, אָבער בלויז אַ קאַץ; געפעהרליך, אָבער נור פאַר מייז.

## 2.

## דער פוסטער טעמפעל.

### (אַ געדיכט אין פּראָזאַ)

איז דאָס געווען אַ חלום?

* * *

אין דעם ווייטען, וויסטען אָריענט שטעהט שטאָלץ אויף אַ הויכען באַרג, אויף אַ פעלזיגען גרונד, אויף אַ פעסטען, אייביגען פונדאַמענט אַ פּראַכטפולער, גרויסער טעמפּעל.

איינער פון פיעל.

דורך טויזענטער יאָהרען איז ער געבויט געוואָרען — ביז ער האָט דערגרייכט זיין איצטיגע געשטאַלט.

ביין אריינגאַנג זעהט זיך אַ קאָלאָנאַדע פון מעכטיגע זיילען, יעדער זייל אַ מאָנומענט פון וויסענשאַפט, קונסט און מענשליכע ארבייט.

אויבען איבער׳ן הויכען טורעם פלאַטערט אַ רויטע פאָהן.

אין די פענסטער פון מזרח און פון מערב קוקט אריין אין דער פריה און פון אָווענט די זון, צושמייכלענדיג אַ גוטען מאָרגען פון איין זייט און אַ גוטען אָווענט פון דער צווייטער זייט.

אמאָל איז דאָרטען, אין דעם דאָזיגען טעמפעל, געווען ליעב־

ליך, פרעהליך, װאַרעם, — װאַרעם אין די הערצער פון די טעמפעל־באַזוכער.

און היינט?

אַמאָל פלעגט דאָרטען אינעװעניג אַרומשװעבען דער ליעבע׳ס גייסט, און מען פלעגט זיך פיהלען ברידערליך. הערצער פלעגט ציעהען צו הערצער, ליפּען פלעגען שמאַכטען נאָך ליפּען, און אָהן װערטער פלעגט איינער פאַרשטעהן דעם אַנדערן. פריידען, געטיילטע צװישען טויזענטער, פלעגען דורך די סאַמע טיילונג װערען נאָך גרעסער. ליידען, צונויפגעשמאָלצענע אין איין מאַסע, פלעגען פון דעסטװעגען װערען קלענער דוקא דורך די אַלגעמיינע פאַרשמעלצונג. האָפנונגען פון טויזענטער פלעגען צוזאַמען פאַרשטעלען איין גרויסע, הערליכע צוקונפט, — איין איינציגע. דער שרעק פאַר בייז, אַנטרעפענדיג ברידערליך פאַראייניגטע מאַסען, פלעגט פאַרשװינדען...

און היינט?

אַמאָל האָט אין דעם טעמפּעל געהערשט אַן אַלגעמיינע טאָלעראַנץ פון מענשען צו מענשען, װאָס האָט פאַרטריבען יעדע פאַרפאָלגונגס־מאַכט, האָט געמאַכט פון אַ פאַרברעכען אַ טעות און האָט ליעבעפול פאַרצייהט דעם טעות; װאָס האָט אין פריינדליכע חברים־קרייזען ניט אַריינגעלאָזען דעם חשד און ניט אַרויסגעלאָזען דעם צוטרויען.

און היינט?

אַמאָל איז אינעװעניג, אינ׳ם טעמפּעל, געװען אַ הייליגע התלהבות, װאָס האָט געהאַלטען װאַרעם אַלע הערצער, שטראַהלענד אַלע פּנים׳ער, ליכטיג אַלע אויגען, ענטוזיאַסטיש אַלע געמיטער.

און היינט?

אַמאָל האָט דאָרטען אויסגעזעהן פול, הגם בלויז אַ קליין הייפעלע עולי לרגל פלעגען באַזוכען דעם טעמפּעל, הגם אפילו דיזע עטליכע פלעגען קומען נור אויף אַ װיילע, קומען און אָפּט באַלד אװעקגעהן...

און היינט?

* * *

מיר האָט זיך אָפּגעדוכט, אַז אַ שווערער, פלוך־באַלאָדענער וואָלקען האָט פאַרצויגען דעם פּרעכטיגען טעמפּעל און האָט פאַרדונקעלט דאָס ליעבע ליכט; אַז די מענשען אינעווייניג פיהלען זיך געצוואונגען, קאַלט און פרעמד איינער צום אנדערן; אַז זיי, די מענשען, ווערען כסדר ווייניגער און ווייניגער אין צאָהל, בעת דער טעמפּעל זעהט אויס אַלץ פוסטער און פוסטער.

און איך האָב, דוכט מיר, געהערט אַ בת־קול, וואָס האָט געזאָגט:

„דו וואונדערסט זיך, מענשענקינד?

„אָבער דאָרטען איז טונקעל, ווייל אַ בייזער גייסט האָט איינגעשראָקען די גלויביגע מענשען און איצט האָבען זיי מורא פאַר די ליכטיגע זון.

„דער אמת, אויף וועלכען מען האָט אַלע געבויט, האָט זיך פונ'ם טעמפּעל ארויסגעקרוישקעט און איצט איז דאָרטען אַלץ פאַרשטעלט און פאַלש.

„דאָרטען איז קאַלט, ווייל אַ פּראַקטישער, מאַטעריעלער טייוועל האָט פאַרטריבען דעם ענטוזיאַזם, די ברידער־ליעבע, די גלייכהייט. זיי אַלע דריי האָבען ארויסגעצויגען און איצט איז דאָרטען קאַלט.

„און ניט קוקענדיג אויף די גרויסע מענשענמאַסע איז דער טעמפּעל פוסט, מחמת דער דעמאָן פון רדיפה, פון אונטאָלעראַנץ, האָט ארויסגעשטופּט די געדאַנקענפרייהייט און איצט איז דאָרטען פוסט. יע, — די פרייהייט האָט ארויסגעמופט און דער טעמפּעל האָט מעהר קיין אינהאַלט ניט.

„אהא! ארויסגעמופט! עפּעס אַן אַמעריקאַניש וואָרט, ניין? און, דאַכט זיך, דער פּולער־פוסטער, ליכטיג־פינסטערער, גרויס־קליינליכער טעמפּעל איז גאָר ערגיץ ווייט, ווייט אינ'ם מזרח־לאַנד...

* * *

איז דאָס געווען אַ חלום?

ניין. אָה, ניין! אָבער באַלד און גיך וועט קומען די צייט, ווען דער טעמפּעל וועט פון דאָס נייע ווערען פול, און וואַרעם,

און ליכטיג, און היימיש, און פול מיט פּראכט; ווען די זון, און איהר פולען גלאנץ וועט באַלייכטען יעדען ווינקעלע.

3.

## כאראקטעריסטישע קליינינקייטען.

דעבס האט אָפּגעדרוקט זיין „גלויבענס־באַקענטניס" דעם 1טען יאנואר 1897. אן עקזעמפּלאר פון דער צייטונג איז אָנגע־קומען אהער א טאָג צעהן, אָדער צוויי וואָכען שפּעטער. דעם 12טען פעברואר, נאָך א חדש שפּעטער, איז מיר אויסגעקומען צו „לעקטשורען" אין איסט בראָדוויי וועגען די וואהלען פון דעם פאַ־ריגען נאָוועמבער (1896).

דער רעזולטאט פון די דאָזיגע וואהלען איז אין מיינע אויגען געווען א שרעקליכער. לגבי 1895 האָבען מיר געהאט פארלאָרען זעקס־טויזענט שטימען און איך בין געווען פון יענע ניט גאנץ כשר'ע עסעלפּיניקעס (שפּעטער איז ביי מיר פון דעם ערשטען ס' געוואָרען א ז'), וועלכע האָבען געזאָגט, אז די מפּלה איז געווען א מפּלה. נאטשאלסטווא האט אזא מיינונג געהאלטען פאר א פאר־ראט: די ס. ל. פּ. האט ניט געטאָרט האָבען קיין מפּלות, אפילו ווען זי האט זיי געהאט.

פון דעסטוועגען האט איך גאנץ ערנסט געלאָזט אָנצייגען, אז איך לעקטשור וועגען דעם „זיעג פונ'ם סאָציאליזם". איך האָב געזוכט צו באווייזען, אז ניט אַכטענדיג אויף אַזעלכע טרויעריגע רעזולטאטען, ווי עס איז געווען דער רעזולטאט פון דער לעצטער פּרעזידענטשאפט־וואהל, איז ניטאָ קיין מאכט אויף דער ערד, וואָס זאָל שטערען דעם פּראָגרעס פון דעם סאָציאליזם בכלל. אלס א באַוויז — איינעם פון פּיעל —האָב איך געבראכט דעם פאקט, וואָס אזא מאן ווי דעבס איז געוואָרען א סאָציאליסט.

דיזעלבינע לעקטשור האט איך שפּעטער געהאלטען פאר ענ־גליש־שפּרעכענדע גענאָסען אין העגרי סטריט, א זונטאָג נאָכמי־טאָג, געדיינק איך. מאיר לאָנדאָן, אונזער היינטיגער קאָנגרעסמאן איז אַרויסגעשפּרונגען מיט גרויס גרימצאָרן געגען מיר דערפאר וואָס איך האָב פּוגע בכבוד געווען דעליאָנען. זיין שוועסטער האט מיר

געמאַכט די עהרע „אַראָפּצונעמען" אַ סטענאָגראַפישען רעפּאָרט פון מיין דרשה. שפּעטער האָט ער אַליין געלאַכט דערפון.

די אידעע פון ריידען ענגליש איז געווען צו אַ געוויסען גראַד אַ שטיקעל „בראַוואור", אַזוי ווי מאַנכע גענאָסען האָבען מיר געגעבען צו פאַרשטעהן, אַז איך וואָלט קיינמאָל ניט געוואַגט אַזוי אָפען צו לויבען אַ „שונא" פון דער ס. ל. פּ. אין אַ לשון, וועלכען דעליאָן און פּאָכט פאַרשטעהען.

אַ קורצע צייט שפּעטער זיינען מיר אַרויס — וועלכע אַליין, וועלער אַרויסגעוואָרפענערהייט — פון דער ס. ל. פּ., צושטעהענדיג צו דער ניי־געגרינדעטער „סאָשעל דעמאָקראַסי אָוו אַמעריקא" (ס. ד. א.), וואו דעבס האָט גלייך פאַרנומען דעם ערשטען פּלאַץ אינ׳ם מזרח־וואַנט. עס איז ניט נויטיג צו זאָגען, אַז ער איז געווען איינער פון די גרינדער.

און, דאַכט זיך, אין יוני 1897 האָט ער אונז צום ערשטען מאָל באַזוכט. דעם מיטינג וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסען.

אָפּגעהאַלטען געוואָרען איז ער אין ניט קיין זעהר גרויסע האָל אויף דער 59טער (אָדער 57טער) סטריט. די רעדע איז ניט געווען פון דעבס׳עס בעסטע. ער האָט גערעדט פאַר מענשען, וועלכע ער האָט געהאַלטען פאַר גרעסערע מומחות אין סאָציאַליזם ווי ער אַליין איז דאַן געווען. ער האָט, שיינט עס, געפיהלט, אַז ער ווערט דאָ עקזאַמינירט אין דער צייט וואָס ער רעדט. איהם האָט זיך משמעות, געוועלט אויסהאַלטען עקזאַמען. דאָס האָט געשטערט דער נאַטירליכקייט, דער איינפאַכקייט פון זיין האַרציגען פאַרטראַג.

און דאָך איז מיר קיין רעדע פון אונזער דעבס ניט געבליבען אַזוי טיף איינגעקריצט אין האַרצען ווי דוקא יענער ערשטער „אַרויסטריט".

איהר וועט זאָגען, ווייל דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס איך האָב איהם געהערט? ניין. יעדענפאַלס איז דאָס נור געווען אַ גאַנץ קליינער חלק פון דער אורזאַך צו דעם גרויסען איינדרוק. דער עיקר איז געווען אָט וואָס:

ווי יעדער גרויסער ענטוזיאַסט איז דעבס אַן אויסערגעוואוינ־

ליכער אָפּטימיסט. אָהן אמונה איז התלהבות סתם ניט מעגליך. ווען ער רעדט, און וואָס לייגנער ער רעדט, ברייגגט ער אַלץ מעהר אריין אין אייער הארץ די ווארעמקייט פון זיין אייגענע, צינדט ער אַלץ מעהר און מעהר אָן מיט זיין היילינען פלאם א פייערל ביי אייך. און דאַן הויבט איהר אָן צו פיהלען מיט זיין הארצען, צו זעהן מיט ז י י נ ע אויגען, צו גלויבען מיט דעם כח פון ז י י ן נשמה.

און דאָ זיצען מיר ארום איהם און ער רעדט. מיט אמאָל מאכט ער א „סטייטמענט“, וואָס איז אייגענטליך א מין נבואה. ער זאָגט אז מיר וועלען איבער א יאָהר, אין 1898 ציהען 200 טויזענט וואוטס, אין 1900 — 400 טויזענט, אין 1904—2 מיליאָן, און, וועלען אין 1908 ווערען די בעלי בתים פון דער מדינה, „ווי טייק פּאָזעשאָן“ איז געווען זיין אויסדרוק.

נו, איהר און איך ווייסען איצט, אין 1918, אז לעת עתה האָ־בען מיר נאָך אמעריקא פאר'ן סאָציאַליזם ניט ערָאָבערט. איך, הגם אליין א שטיקעל אָפּטימיסט, וואָלט זיכער אויסגעלאכט א פּראָפּעציייאונג, אז דאָס וועט געשעהן אין 1908, אפילו דאמאָלס.

און דאָך, ווען דעבס האָט ארויסגעעדט די ווערטער: „אין 1908 ווי טייק פּאָזעשאָן!“ ווען ער האָט דאָס ארויסגעבראכט מיט דעם גאנצען כח פון זיין גרויסע נשמה, — אין יענעם אויגענ־בליק האָב איך געגלויבט באמונה שלמה, אז אין עלף יאָהר ארום איז אמעריקא א סאָציאַלע רעפּובליק.

א האַלב שעה שפּעטער, ווער דער צויבער פון דעבס'עס היילי־גען ערנסט האָט שוין מעהר ניט געהאַלטען געפאנגען מיינע פינף חושים צוזאמען מיט די ביסעלע לאָגיק און פארשטאנד, וואָס איך פארמאָג, האָב איך נאטירליך ביי זיך באשלאָסען, אז די נבואה קען ניט מקוים ווערען; אָבער בעת מעשה איז ביי מיר ניט געווען דער מינדעסטער צווייפעל, אז דאָס זעהט ער — באספקלריה המאירה — עפּעס אזוינס, וואָס מיר, פּראָסטע שטערבליכע מענשען, קע־נען ניט זעהן.

דעם 21טען יוני, 1897, איז געגרינדעט געוואָרען די נייע פּארטיי און אין ווענינער ווי א יאָהר צייט זיינען שוין די אידישע

געגאָסען געווען שטאַרק אין צאָהל אין די רייהען פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין אַמעריקאַ.

דער נעכסטער מיטינג, ביי וועלכען דעבס האָט גערעדט, איז שוין געווען ניט אין אַ פאַרהעלטניסמעסיג קליינע האָל „אָפּטאָון“, נאָר אין ווינדזאָר טעאַטער אין די באָוערי, פאַר אַ פאָר טויזענד מענשען.

דעבס איז געווען ניט דער איינציגער רעדנער און ער איז גע־זעסען „הינטער די קוליסען“ ביז אַרום 10 אַזייגער יענעם אָוועגד. דאָרטען האָט זיך, בדרך הטבע, געבילדעט אַ קליינער קרייז אַרום איהם. ער האָט גערעדט, ענטפערענדיג אויף פראַגען, אָדער סתם אַזוי. די ווערטער זיינען געקומען צו אונזערע אויערען כמעט די־רעקט פון זיין הארצען, עפּעס אַזוי ווי גאָרניט דורך זיין מויל, עפּעס אַזוי ווי אָהן די פאַרמיטלונג פון אַ צונג.

מיט אַמאָל איז ער שטעהן געבליבען. אויף זיין פּנים איז געווען דער אויסדרוק פון שמערץ, פון פאַרלעגענהייט. עטוואָס האָט איהם וועה געטאָן, אָדער געפעהלט, אָדער באַאומרוהיגט. מיר האָבען זיך איבערגעקוקט צווישען זיך. איידער אימיצער האָט צייט געהאַט איהם צו פרעגען וואָס איהם פעהלט, האָבען מיר געהערט ווי ער זאָגט צו אַ יונגען מאַן, אַ גאַנץ יונגען מאַן לעבען אונז:

— ברודער, זעצט זיך דאָ... אָט דאָ... אויף מיין קניע...“

דאָס האָט דעבס פּלוצלונג געהאַט באַמערקט, אַז לעבען איהם, אַרויס פון דעם ענגען קרייז, איז דער „באָי“ געשטאַנען, ניט האָ־בענדיג וואו זיך צו זעצען. ניט זעהענדיג קיין שטול אויף דער סצענע הינטער'ן פאָרהאַנג, האָט איהם געקרענקט צו זעהן דעם יונ־גען מאַן שטעהענדיג, און אַלס אַ לעצטען מיטעל ארויסצוקומען פון דער שווערער לאַגע האָט ער איהם אָנגעבאָטען זיין שויס.

אין אָט דעם אָנגעבאָט, וועלכען דער יונגערמאַן האָט, נאַטיר־ליך, ניט אָנגענומען, האָט זיך ניט געמערקט די מינדעסטע אַפעקט־טאַציע. דאָס איז געווען אַבסאָלוט ספּאָנטאַן, ערנסט, ליעבע־פול. דאָרין האָט זיך אַרויסגעוויזען זיין גרויסע, גרויסע הארץ קלאָרער און דייטליכער ווי דאָס וואָלט געקענט זיין דער פאַל ווען אפילו

א גרויסער וואָרט־מאָלער וואָלט איהם באשריבען אין קליינע אותיות׳לעך אויף פיעל גרויסע בויגענס פּאַפּיער.

שפּעטער, אויב איך וועל ניט פּארגעסען, וועל איך פּיעלייכט איבערגעבען אַנאַנדער אַנעקדאָט, וואָס כאראקטעריזירט אונזער „דזשיען". דערוויילע מוז איך בלייבען ביי דעם דאָזיגען מיטינג.

אין 1908 איז אַרויסגעגעבען געוואָרען א באנד פון דעבס׳עס שריפטען און רעדען מיט זיין ביאָגראַפיע. אויף דעם פארלאנג פון די אַרויסגעבער האָב איך, ווי אַנדערע פריינד פון דעבס, צוגעשיקט אַ קורצען נאָטיץ פאר׳ן בוך, וועלכען מען וועט מיר ערלויבען דאָ איבערצוגעבען אויף אידיש — צווישען זיך רעדענדיג, איז עס דאָ נאָך פּאַסענדער ווי עס איז אפשר געווען אין דעם דאָזיגען בוך. א שייכות האָט דאָס צו דעם מיטינג אין ווינדזאָר טעאַטער, ארום וועלכען מיר רעדען. אָט איז דער קורצער ארטיקעלע :

„דער אַל־מענשליכער, אינטער־ראַסען לשון פון ליעבע.

„אין יאַנואַר 1897 איז דעבס צוגעשטאַנען צו דער אינטער־נאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באוועגונג.

„זעקס וואָכען שפּעטער האָט דער שרייבער, וועלכער איז דער־פאר געוואָרען אויסגעלאַכט און אויסגעפייפט פון מאַנכע אַלטע חברים, עפענטליך באגריסט אונזער „דזשינ׳ס" אַנשלוס אָן אונ־זערע רייהען, אלס א סימבאָל פון א ר ב י י ט ׳ ס ערוואַכונג.

„אין א קורצע צייט ארום איז געגרינדעט געוואָרען די סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטיע פון אמעריקא, און איך האָב דעבס׳ען געטראָפען אין ניו יאָרק אלס א מיטגליעד פון דער נייער פּארטיי.

„ביי יענער געלעגענהייט האָט ער אַדרעסירט א פאַרזאַמלונג, אין וועלכער עס האָבען זיך איינגעפונען פיעלע הונדערטער פון מיינע לאַנדסלייט. זיי האָבען קאַם־קאַם פארשטאַנען איין וואָרט פון יעדע פינף, וואָס זיינען ארויסגעקומען פון דעבס׳עס מויל און דאָך האָבען זיי קלאָר באגריפען דעם מאַן און די באדייטונג פון זיין בשורה אלס א גאַנצע און זיי האָבען זיינע ווערטער הארציג אַפּ־לאָדירט.

„נו, דאָס איז געווען דער אַל־מענשליכער, אינטער־ראַסען לשון

פון ליעבע, וואָס האָט דערגרייכט זייערע הערצער כמעט אָהן דער הילף פון ווערטער.

„און פון יענעם טאָג אָן האָבען זיי, ווי איך אליין, איהם געליעבט ווי זייער גרויסען ברודער, זייער חבר, דעם גרעסטען פאַרקעמפער פון זייער גרויסער, הייליגער זאַך".

טיעף אין מיין זכרון האָט זיך איינגעקריצט אנאנדער מיטינג מיט דעבס'ען אין ניו יאָרק. דאָס איז געווען א קליינע פאַרזאַמלונג אין אַן אָרעמען זאַל אין דער איירישער געגענד אויף דער איסט סייד.

ביי יענעם מיטינג האָט דעבס שטאַרק אָנגעגריפען די פּאָליטיק פון דער ס. ל. פּ., ספּעציעל דעליאָנ'ס האַלטונג לגבי סעמועל גאָמפּערס. ער איז, פאַרשטעהט זיך, אליין אפילו צו יענער צייט שוין געווען א געגנער פון גאָמפּערס'עס עק־פּאָליטיק, פון גאָמפּערס'עס נאָכשלעפּען זיך נאָך די דעמאָקראַטען. ער איז אָבער געווען געגען די טאַקטיק פון פּערזענליך אָנגרייפען דעם געגנער, פון כסדר שרייען: „פייקער, פייקער!", וואָס האָט דערוועקט סימפּאַטיע צום אָנגעגריפענעם און האָט איהם כסדר געמאַכט נייע פאַרעהרער און אָנהענגער.

„יעדעסמאָל ווען גאָמפּערס ווערט ערוועהלט פּרעזידענט אין דער אַמעריקאַן פעדערייישאַן, איז דאָס דעליאָנ'ס ארבייט!" — האָט ער געדונערט.

פאַרבייגעהענדיג, ביי יענעם מיטינג האָט מאיר לאָנדאָן געהאַלטען א קורצע רעדע, וועלכע איז געווען צווישען די בעסטע, וואָס איך האָב פון איהם געהערט סאַי פריהער, סאַי נאָכדעם.

## .4

## דעבס אין כעס.

א רייד ברענגט אויף א רייד.

די לעצטע עטליכע שורות וועגען דעליאָנ'ען און דעבס'ען דערמאָנט מיר אָן אנאנדער מיטינג אין דעם יאָהר 1898 אין ניו יאָרק... מחשבות'ן, איידער איך פאַרגעס, לאָמיך דאָ דערצעהלען א קליינעם אינצידענט אין שיקאַגאָ.

פאַר זיין רעדע אין דעם ווינדזאָר טעאַטער האָבען מיר איהם געגעבען 25 דאָלאַר, וועלכע ער האָט ניט געבעטען, אָבער אָהן ווערמער אָנגענומען. ווען איך בין געקומען קיין שיקאַגאָ צו דער ערשטער קאָנוועגשאַן פון דער ס. ד. א. (די „דעבס־פּאַרטיי“, אָדער די „דעבסיאַנער“ האָבען אונז גערופען די ניו יאָרקער דייטשען, וועלכע זיינען דאַן נאָך געשטאַנען אין דעם געגנערישען לאַגער), בין איך אריינגעפאַלען אין דער קאָנטראָל־קאָמיטע צוזאַמען מיט סימאָור סטעדמאַן, אויב איך האָב ניט קיין טעות. אַזאַ מזל איז שוין געווען מיינער! וואו נאָר ציפערען, געלד — קריכט דאָס צו מיר! איך וועל זיך גאָרניט וואונדערען ווען דער מלאך דומה וועט מיר דערלאַנגען זיין חטאים־לעדזשער דורכצוזעהן אזוי ניך ווי איך וועל אָנקומען אויף יענער וועלט.

בקיצור, איך האָב זיך גענומען דורכזוזעהן די חשבונות פון דער ס. ד. א. זינט זי איז געגרינדעט געוואָרען, און דאָס ערשטע וואָס האָט זיך מיר אַ וואָרף געטאָן אין די אויגען איז געווען אַ הכנסה:

„דורך גענ. דעבס פון אַ מיטינג אין ווינדזאָר טעאַטער אין ניו יאָרק — 25 דאָלאַר“.

איך, וועלכער האָב אין דיזעלביגע ביכער געזעהן ווי מיזער־אַבעל ווענינ די יונגע אָרעמע פּאַרטיי האָט געצאָהלט איהרע לעק־טשורערס און מיט וואָס דעבס האָט דאַן געלעבט, האָב מיינע אויגען ניט געקענט טרויען. אינטערעסאַנט איז, אַז דאָס געלד האָבען מיר איהם געגעבען ספּעציעל און אויסדריקליך פאַר איהם אַליין, ניט פאַר דער פּאַרטיי.

איצט קען איך געהן ווייטער אין דער אָנגעהויבענער שילדערונג.

* * *

אין דעם יאָהר 1898 האָבען מיר, ווי געזאָגט, דעבס'ען געהאַט אויף נאָך אַ גרויסען מיטינג, אויך אין איינעם פון די טעאַטערע — יעמאָלט זיינען זיי געווען מעהר ווי היינט — אַ זונטאַג אָוועגד.

דעם פרייטאַג פריהער איז אין דעליאַנ'ס ציימונג געווען (אין דעם בריעף־קאַסטען) אַן ענטפער צו בלומר'שט אַ קאָרעספּאָנדענט, וואו עס איז אין אַ האַלב־פאַרשטעלטער, האַלב־אָפענער פאָרמע באַ־הויפּטעט געוואָרען, אַז דעבס פאָהרט אַרום איבער דער מדינה אויף

„פאסעס“ פון די אייזענבאהן־מאגנאטען. מיט אנדערע און קלא־רערע ווערטער הייסט דאס, אז דעבס ארבייט געגען די ארבייטער, ווייל ער אזוי פארקויפט צו די אייזענבאהן־מאגנאטען.

ארויסגעשטעלט האט זיך אויף דער קאנווענשאן אין שיקאגא, אז דעבס, וועלכער איז שטענדיג ארומגעפאהרען איבער'ן לאנד, און האט יענעם יאהר אליין גערעדט אויף 117 מיטינג אין 170 טעג, דאס הייסט פינף מאל א וואך, בעסער געזאגט: אין פינף שטעדט יעדע וואך, פארברענגענדיג נעכט אויף דער באהן, האט קיינמאל ניט באנוצט קיין שלאף־וואגאן, מחמת פאר איהם איז דער פולמאן־באיקאט נאך אלץ געווען אין קראפט.

אויסגעפונען האבען מיר אויך, אז די אייזענבאהן־קעניגע האבען אויף דעבס'ען נאך אלץ געהאט אן אויג און מעהר ווי איין אויג, און אז זיי האבען קיין ארבייטער־פיהרער אזוי ניט געהאסט ווי איהם.

א נאכט, געדענק איך, זיינען מיר אין שיקאגא דורכגעזעסען מיט דעבס'עם ברודער טעאדאר און מיט קעליהער, איינעם פון די געוועזענע העכערע בעאמטע פון דער רעילוועי־יוניאן, און וואס מיר האבען זיך פון זיי אנגעהערט, האט געקענט אנפילען א דיקען בוך. דעבס אליין האט ניט געוואוסט ווי אפט זיין לעבען איז געווען אין געפאהר דורך די אינטריגעס פון אייזענבאהן־שפיאנען און פינקערטאנס.

און דא ביי אונזער מיטינג קריגט דעבס צו זעהן דעם „פיפל“ מיט יענעם ענטפער אינ'ם בריעף־קאסטען.

אין מיטען פון זיין רעדע האט ער פון וועסטעל־קעשענע ארויסגענומען דעם „קליפינג“ פון דעליאנ'ס ציימונג און אין א טאן, וועלכען מיר האבען פון איהם פריהער קיינמאל ניט געהערט, האט ער אין קורצע געצעהלטע ווערטער אויסגערופען:

„דער מאן, וואס שרייבט דאס וועגען מיר, איז א פארדאמטער קלאסען־באוואוסטער ליגנער!“

און א דונער פון אפלאדיסמענטען האט אפגעהילכט אלס ענט־פער פון דער גרויסער פארזאמלונג.

מיט יאהרען שפעטער האט ער מיט דעמזעלבען מאן „גע־

שעיקט הענדס“, בעת ער האָט מיט איהם צוזאמען ווידער אמאָל פּרובירט גרינדען אַנאַנדער מין „אַלייענס“ געגען די רעאַקציאָנערע פעדערײשאַן אָוו לייבאָר. זיין גרויסע הארץ קען האַלטען אַ כעס נאָר געגען דעם געגנער אינ׳ם קאַפּיטאַליסטישען לאַגער. אונז אָבער האָט יענער שלום־עליכם וועה געטאָן טיעף אין הארצען.

לאַנג האָט די אחדות מיט׳ן אַלטען דעליאָן, איבריגענס, ניט אָנגעהאַלטען.

## .5

## אונזער „פּייערמאַן“.

אין דעם יאָהר 1908 האָבען מיר זיך געגרייט צו אַ פּרעזי־דענשיאַל עלעקשאַן. דעבס איז צום דריטען מאָל געלאָפען אויף דעם סאָציאַליסטישען טיקעט „פאַר פּרעזידענט“.

ביי יענער געלעגענהייט איז אין דער „צוקונפט“ ערשינען דער פאָלגענדער ארטיקעל אונטער דעם קעפּעל „ד ע ר ה י י צ ע ר“:

„נאָך איז די זון ניט אויפגעגאַנגען אָדער זי האַלט ביים אויפ־געהן.

נאָך זיינען די מיליאָנען פעסט־איינגעשלאָפענע — אזוי פעסט איינגעשלאָפענע, אַז זייער שלאָף איז ניט געשטערט געוואָרען ניט פון חלומות, ניט פון די הארטקייט פון דעם געלעגער און אפילו ניט פון אַן אָרטיגען דונער דאָ אָדער דאָרטען — נאָך זיינען זיי ניט אויפגעוואַכט, אָבער זיי ריהרען זיך שוין אומרוהיג, זיי וואַרפען זיך שוין פון איין זייט אויף די אַנדערע, אייניגע שוין מיט האַלב־אָפענע אויגען.

און פעסט זיינען די דאָזיגע מיליאָנען געשלאָפען דורך די לאַנגע, כמעט אונענדליכע, פינסטערע, טרויעריגע נאַכט, וואָס קומט איצט, דאַכט זיך צו אַן ענד, מחמת מען האָט געהאַט זיי איינגע־שיכור׳ט מיט אַ שלאָפטרונק געברויט אין כשוף־ברויערייען; מען האָט געהאַט פאַרדולט זייער פאַרשטאַנד מיט אַ פּאָליטיש־רעליגיע־זען עטהער; מען האָט געהאַט זיי איינגעזונגען מיט מזמורים און געזאַנגען, פאַרפאַסט פון מענשען, וואָס באַדאַרפען די בייזע נאַכט, כדי צו לעבען אַ גוטען טאָג; מען האָט זיי איינגעשלעפערט מיט

אַ קריאת־שמע, און וועלכער מלאכים זיינען זיי געשטאַנען ביי דער זייט, צוקאָפּענס, צופוסענס, אָבער אַזוי גיך ווי זיי האָבן צוגעמאַכט די אויגען, האָבען די שדים און די מלאכי חבלה באַנוצט זייער ענגעל־באַשיצטען שלאָף, כדי צו שינדען זייער הויט, כדי אויסצורריידינגען זייערע קעשענעס, כדי אַנצוטאָן קייטען און קאַנדאַלען אויף זייערע הענט און זייערע פיס, כדי צו מאַכען הייזער פוסט און קברים פול.

איצט האַלטען זיי ביים ערוואַכען. די זון האַלט ביים אויפגעהן. די ליעבע שמייבעלס, טריאומפירענדיג איבער דעם האַס, וואָס קריצט די ציינער און גלאָצט מיט די אויגען, פאַר זיך זעענדיג זיין אונטערגאַנג, דעם אָנהויב פון׳ם סוף.

און ווער עס איז אַליין שוין אויפגעשטאַנען, דער זעהט ווייט אינ׳ם מזרח פון דעם האָריזאָנט די ערשטע מאָרגען־רויטקייט, דערווייל נאָך שוואַך און מאַט, ווי זי ברעכט זיך דורך דורך די נעדיכטע כמאַרע, וואָס פאַרשווינדט, דורך די נאַכט, וואָס פאַרגעהט.

* * *

ניין, נאָך איז די זון אין גאַנצען ניט אויפגעגאַנגען. נאָך שלאָפט די גרויסע, ברייטע מאַסע. נאָך איז די ווירקונג פון׳ם שלאָפטרונק כמעט אומעטום שטאַרק.

און דערצו געהט ביי אונז אין אַמעריקא די זון סתם שפּעטער אויף ווי אין אייראָפּעאישע לענדער — שפּעטער ווי אין פּאַריז און לאָנדאָן, פיעל שפּעטער ווי אין בערלין.

און דערצו איז אונזער פאָלק אַן ערב־רב, אַ מישמאַש פון אַלערליי פעלקער־ראַסען, מיט אַלערליי לשונות ווי דער דור־הפלגה אַמאָל, מייסטענס נאָך ניט אַקלימאַטיזירטע מענשען, מייסטענס אַזעלכע, וואָס ווערען דאָ צוטומעלט גאָר אָהן אַ מהומה, שכור גאָר אָהן ווייִן, און זיינען אָפּט שלאָפערס און נאַכט־וואַנדלער אפילו ביי דער אַרבייט, בעת דער קערפּער ריהרט זיך, די פיס רעגען זיך, די הענד שאַפען, אָדער דער מח דרעמעלט.

פון דעסטוועגען —

דורך די נאַכט, ניט אַכטענדיג אויף די פינסטערניש, אויף די פייכטע, קאַלטע לופט, אויף די געפאַהרען אַרום און אַרום ; זיך

ניט שרעקענדיג ניט פאר די אייגענע שוואכקייט, ניט פאר די פאראייניגטע מאכט פון רויב־חיות און קריכענדע שרצים; ניט בעטענדיג קיין הילף פון אויבען, קיין סימפּאַטיע פון אונטען, קיין שטיצע פון דער זייט, האָבען זיך אַ הייפעלע מענשען צונויפגענומען, האָבען אָרגאַניזירט אַ „טריין" און האָבען גענומען געהן דורך דער מדינה, וועקען די שלאָפערס און אָנזאָגען די בשורה פון דעם טאָג, וואָס ווערט געבאָרען — דעם טאָג פון ליכט, און ליעבע, און לופט, און לעבען פאר אַלעמען, ארויפנעמענדיג אויף זייער צוג יעדען אויפגעוואכטען, וואָס וויל העלפען וועקען.

* * *

און די נאכט האָט געלאַכט.

לעבערליך קליין האָט אויסגעזעהן דער צוג; קנאָפּ, זעהר קנאָפּ איז געווען דער קוילענפאָררעאט; אויף דעם לאָקאָמאָטיוו האָט זיך געזעהן אַן אויסלענדישער מאשיניסט מיט אַ פאר'חלומ'טען קאָפּ אויף זיך, מיט אויסלענדישע ספּאקולען אויף די אויגען. ווער עס זאָל אונטערגעבען פייער איז אזוי גוט ווי נאָרניט געווען.

פון סטאַנציע צו סטאַנציע פלעגט דאָ צוקומען אַ וואַגאָן מיט עטליכע נייע פּאסאזשירען, דאָ אָפּקומען. דער קול פון די וועקער צו די שלאָפערס פלעגט פארהילכט ווערען אין דעם ווינד און דעם וועטער. האָט זיך אימיצער ערגעץ־וואו אָפּגערופען, איז דאָס אָפט געווען דער אָפּקלאַנג פון דעם אייגענעם קול. און ברענמאטעריאַל האָט געפעהלט, חוץ אַ פּאָר שטארקע, מוסקעלהאפטע הענד צו קאָרמענען דעם פייער.

דער צוג איז געווען קליין, זיין פּראָגרעס לאַנגזאַם, כמעט אונבאמערקבאַר.

און די לאַנגע נאכט, אין דער שטיל, האָט זיך געקייכט פאר געלעכטער.

* * *

מיט אַמאָל, אויף איין סטאַנציע, איז אין איין וואַגאָן אויפגעשטאַנען אַ מאַן, אַ פּאסאזשיר אָקאָרשט ארויפגעגאַנגען אויף דעם טריין, אונבאמערקט פאר דער מאַסע.

זיינע הענט זיינען געווען פּראָלעטאריער־הענט, זיין קול — אַ

פיין־קולטיווירטע שטים און זיין הארץ — אזוינס, וואס האט זיך געפיהלט אין יעדען טאן פון זיין קול, אין יעדער באוועגונג פון זיינע הענט.

דער מאן האט גערעדט, ארויסשיקענדיג זיינע ווערטער עפעס ווי א קול אין מדבר, און האט געזאגט :

„ברידער, מיר מאכען ניט קיין פארטשריט ; דער וועג איז נאך לאנג ; עס וועט נאך ניט אזוי גיך אנהויבען צו טאגען.

„געהן — געהען מיר אויף דעם געראדען וועג. אונזער מאשי־ניסט, אמת טאקע ניט קיין היגער, איז אפשר א הארעלע אלט־מאדיש פאר א מדינה, וואו רויבער שטעלען אפ א טריין צוליעב האבזוכט און רינדער דורך דומהייט, אבער דעם לאקאמאטיוו פאר־שטעהט ער מיט יעדען רעדעלע און שרייפעלע און האקענדעל אין איהם.

„מיר אליין ווייסען אונזער ציעל, און עס זעהט זיך ניט די סכנה, אז דער צוג זאל חלילה אראפ פון די שינעס, פארקריכענדיג אן א זייט, אדער אין גאנצען געהענדיג לאיבוד.

„אלץ וואס איז נויטיג, איז שנעלער מאכען דעם גאנג. וואַ־גאנעס וועלען שוין צוקומען און זיך אנשליסען אן אונזער טריין ; קוילען וועלען זיך שוין געפינען און פארווערטס וועט געהן א לאנ־גער צוג, וואס וועט זיך פארגרעסערען פון מינוט צו מינוט, אויף יעדער סטאנציע. ביז פון א סך, א סך וואגאנעס וועלען הונדער־טער, טויזענדער קולות זיך צונויפגיסען דא און דארטען : ברי־דער, עס טאגט !„

אזוי האט גערעדט דער נייער פאסאזשיר.

אימיצער האט זיך אפגערופען און האט געפרעגט :

„גוט, דו זאגסט : א צוג־פיהרער, א מאשיניסט האבען מיר. צו איהם דארף מען אבער האבען איינעם וואס זאל כסדר אונטער־לעגען ברען־מאטעריאל, זאל כסדר אנהאלטען און אויפהאלטען דעם פייער מיט די פלאמען. ווער וועט זיין אונזער הייצער ?“

„איך, אויב איהר ווילט — האט דער מאן באשיידען און שטיל געענטפערט — דאס איז, איבריגענס, מיין פאך : איך בין א הייצער“.

* * *

ער איז אַרויף אויף דעם לאָקאָמאָטיוו.

פון דעם אויגענבליק אָן געהט דער צוג דורך די נאַכט. ער ווערט גרעסער, לענגער, פולער און לעבעדיגער.

די וועקער וואַקסען אין צאָל, ביי זיי אַליין שטייגט דער מוט, וואַקסט די האָפנונג, ווערט פאַרשטאַרקט די זיכערהייט פון דעם העלען, קלאָרען טאָג וואָס קומט, און פון אַ זיגע איבער אַלע שוועריגקייטען און שטערעניסען.

עס בייטען זיך די צוג־פיהרער, עס קומען און געהען קאָנדוקטאָרען, אָבער געליעבט פון אַלעמען, שטעהט דער הייצער אויף זיין פּאָסטען, אימער פון דאָס ניי אויפלעבענדיג די פלאַמען, צינדענדיג, הייצענדיג, לייכטענדיג.

ווער די וועג־ווייזער זאָלען ניט זיין, דאָס ברען־מאַטעריאַל קומט פון דעבס, — פון יודזשין וויקטאָר דעבס.

און דעם צוג אין זיין גאַנג באַגריסט פון וויימען די אויפגעהענדע זון, וואָס ברענגט דעם הערליכען טאָג.

VI

## פּאַרטיימאַן, פריינד און מענש.

ביז יולי 1899 איז די ס. ל. פּ. אַלס אַן אומגעטיילטע גאַנצע געשטאַנען קעגען די נייע פּאַרטיי. אין יענעם חדש איז אין דער ס. ל. פּ. פאָרגעקומען אַ נייע שפּאַלטונג. דער „פאָלקסצייטונג'ס־עלעמענט“, ד. ה. די אַלטע גוואַרדיע פון די דייטשען מיט עטליכע אויסנאַמען (פּאַכט, קוהן, פיעביגער און אַנדערע) און צוזאַמען מיט יענע אַ טייל פון די אידישע גענאָסען, וואָס זיינען ביז דאַן געבליבען אין דער ס. ל. פּ., האָבען געבילדעט אַ נייע פּאַרטיי, וועלכע איז אין תוך גענומען געווען אַ דריטע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. איך זאָג: „אין תוך“, מחמת די נייע פּאַרטיי האָט געשריען, אַז די ס. ל. פּ. דאָס איז זי, און ניט דעליאָנ'ס אַלטע אָרגאַניזאַציע, אָדער דאָס וואָס פון איהר איז געווען איבערגעבליבען. דאָסזעלבע האָט, פאַרשטעהט זיך, „געקליימט“ די דעליאָניסטישע פּאַרטיי. קיינע פוןביידען האָט ניט צוגעגעבען, אַז עס איז דאָ מעהר ווי

אײן ס. ל. פּ. אין אַמעריקאַ און די אײנע — דאָס איז זי, און ניט יענע. אויך איז געווען אַ צייטונג „פּיפּל" ביי יעדער פון ביידען, און יעדער פון די „פּיפּעל'ס" האָט זיך געהאַלטען פאַר דעם אײנציגען, עכטען, אמת'ן „פּיפּעל". פאַר אַ זייטיגען מענשען זיינען די צוויי פּאַרטייען געווען זעהר עהנליך צו שעקספּיר'ס צוויי דראָמיאָ'ס און דער גאַנצער טומעל ניט מעהר ווי די „קאָמעדי אָוו עררארס". אין וועלכע דיביידע דראָמיאָ'ס מיט זייערע בעלי־בתים זיינען באַטייליגט.

נור ניט דאָס אַלץ בין איך אויסען. וואָס מיר ווילט זיך דאָ זאָגען איז, אַז אַזוי גיך ווי די שפּאַלטונג אין דעליאָנ'ס אָרגאַניזאַציע איז פאָרגעקומען, האָבען מאַנכע פון אונז אָנגעהויבען צו רעדען וועגען שלום מיט דעם אָבגעשפּאָלטענעם טייל, — מיט זיי, וואָס דעליאָן פלעגט רופען „קאַנגארו'ס", אָנגעפיהרט פון מאָררים היל־קוויט.

עס וואָלט נעמען צו לאַנג דאָס צו דערצעהלען, און איך וועל דאָ נאָר זאָגען, אַז עס האָט איין צייט שוין געהאַלטען זעהר נאָהנט פון אַ שלום צווישען אונז, די „דעבסיאַנער", מיט די אַנטי־דעליאָניסטען, און פּלוצלונג זיינען אָפּגעבראָכען געוואָרען די אונטערהאַנדלונגען. נאָך אונזער מיינונג, זיינען אין דעם שולדיג געווען בערגער פון וויסקאָנסין און סטעדמאַן מיט זיינע פריינט פון שיקאַגאָ.

איך אַליין האָב איצט פּונקט אַזוי שטאַרק געפיהלט די נויטווענדיגקייט פון שלום, ווי איך האָב פריהער (לגבי דעליאָנען) געהאַלטען פאַר מלחמה. מיט געוויסע עלעמענטען אין דער אַנטי־דעליאָניסטישער ס. ל. פּ. האָבען מיר שוין לאַנג געהאַט געמאַכט אַן אומאָפּיציעלען וואַפענשטילשטאַנד און סימפּאַטיש צו דעבס'ן האָט זיך געהאַלטען די גאַנצע צייט דער אומפּאַרגעסליכער אַלעקסאַנדער יאָנאַס.

דערווייל האָבען מיר — די נייע פּאַרטיי — שוין געהאַט אייגיגע ערפאָלגען אין מאַסאַטשוסעטס. מיר האָבען געהאַט ערוועהלט צוויי אַסעמבלימען און האָבען זיך געגרייט צו ערוועהלען אַ מעיאָר אין הייווערהיל, וועלכען מיר האָבען שפּעטער טאַקע ערוועהלט.

אין דיזען קעמפּיין האָבען די גענאָסען אראָפּגעבראַכט „אונ־זער דזשיען“. איך האָב באַנוצט די געלעגענהייט איהם צו שרייבען און צו בעטען, אַז ער זאָל אין זיין רעדע אַרויסקומען פאַר שלום. ער האָט מיר געענטפערט זעהר פריינדליך, און אפשר ליעבעפולער ווי איך האָב עס פאַרדיענט, אָבער ער האָט נאָך די צייט געהאַלטען פאַר ניט רייף צו רעדען וועגען פאַראייניגונג.

דאָס איז דעבס, מיט זיין גאַנצער „ווייכקייט“ און פלעקסי־ביליטעט, קאָן ער זיין פעסט ווי א פעלז אין זיין שטאַנדפּונקט און קיינער וועט איהם ניט באַוועגען רעכטס אָדער לינקס, ווען ער נעמט זיך פאָר א געוויסע זאַך און זעהט פאַר זיך א געוויסען וועג, — זיין וועג. נאָר וועגען דעם וועלען מיר נאָך רעדען.

א צייט שפּעטער האָבען מיך די באַלטימאָרער גענאָסען איינ־געלאַדען צו קומען צו זיי אויף א לעקטשור. אַזוי ווי איך האָב געוואוסט, אַז דעבס דאַרף דאָרטען רעדען איין זונטאג נאָכמיטאג, האָב איך אָנגענומען די איינלאַדונג צו רעדען ביי א אידישען מי־טינג פון אָוועגט. ביין כונה איז געווען צו זעהן דעבס'ן „אין די אינטערעסען פון איינינקייט“. אַז דערמיט איז געווען פאַרבונדען א הייסער וואונש ווידער אַמאָל זיך צונויפצוטרעפען מיט איהם פערזענליך און צו דריקען זיין האַנט, דאַרף איך ניט קיין צופיעל ווערטער אום עס צו זאָגען.

און מיר זיינען צונויפגעקומען ביי איהם אין האָטעל. א לאַנ־גע צייט האָבען מיר זיך אונטערהאַלטען. געדולדיג האָט ער אויס־געהערט אַלע מיינע אַרגומענטען. איך האָב געזוכט איהם צו באַ־וויזען, אַז ספּעציעל וויקטאָר בערגער איז אַבסאָלוט אומגערעכט און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער.

ער האָט אויף מאַנכע פון מיינע טענות געענטפערט מיט צו־שטימונג, מאַנכע ווידער האָט ער באַשטריטען, אָבער אין אַלגע־מיין האָב איך געזעהן, אַז מיר קאָנען לייכט קומען צו א טאָלק.

ווען אָבער איך האָב גענומען קריטיזירען פערזענליך בערגער'ן האָט זיך אויף זיין פּנים באַוויזען א קליינער וואָלקען, און ווען איך בין געווען צו־ענד מיט מיין אָנקלאַגע, האָט ער מיר א נעם געטאָן

מיין רעכטע האַנט און האָט ענערגיש און האַרציג פּראָטעסטירט, זאָגענדיג:

„אָה, וויקטאָר איז אָלראַיט!"

דאָס און ניט מעהר. דאַן האָב איך געפיהלט, אַז איך האָב איהם מיט מיינע ווערטער וועה געטאָן, שטאַרק וועה געטאָן. פאַר איהם איז אַ פריינד אַ פריינד, צי ער שטימט מיט איהם אָדער ניט. דער עיקר אָבער איז, אַז וויקטאָר בערגער איז געווען זיין וועג־וויי־זער אויף דעם וועג צו סאָציאַליזם, און דאָס האָט ער אויף אַ רגע ניט פאַרגעסען.

און אָט איז דער אַנעקדאָט, וועלכען איך האָב אויבען צוגעזאָגט צו דערצעהלען... („אויב איך וועל ניט פאַרגעסען").

נאָך דיזער אונטערהאַלטונג זיינען מיר געגאַנגען צום טעאַ־טער, אין וועלכען ער האָט געזאָלט רעדען. מיר — דאָס הייסט ער, עטליכע גענאָסען און איך.

דער טאָג איז געווען אַ שעהנער, דער גאַנג זעהר אַנגענעם. אימיצער האָט דעבס'ן אַרויסגערופען אויף אַ געשפּרעך און ער האָט זעהר לעבהאַפט גערעדט.

פּלוצלונג האָט ער זיך האַסטיג אָפּגעקערט פון אונז, האָט אַרויסגעשטאַמעלט די ווערטער: „ברודער! קאָן איך אייך מיט עפּעס העל..." ער האָט דאָס דאָס וואָרט „העלפען", ניט אַרויסגע־רעט, אין זיין שטים האָט זיך געהערט אַ געוויסע פאַרלעגענהייט. עס איז געווען קלאָר, ער האָט מורא געהאַט, אַז ער האָט אימע־צען באַליידיגט.

וואָס האָט דאָ פּאַסירט?

אַ קלייניגקייט: קעגען אונז איז געווען געקומען זונטאָגדיג, אָבער אָרעם אָנגעטאָן, אַ בלאַסער, קרענקליכער, שוואַכער מאַן פון אַ יאָהר 40. זיין אָנבליק האָט אונזער דזשיען אַ נעם געטאָן ביים האַרצען מיט דער שנעליגקייט פון אַ בליץ־שטראַל. ער האָט איהם געוואָלט מיט עפּעס העלפען... די רעכטע האַנט האָט זיך אַ לאָז גע־טאָן צו דער קעשענע... איז ער אָבער אַזוינער, וואָס וועט נעמען אַ נדבה? אפשר וועט ער זיך געפינען באַליידיגט? וואָס טוט מען? די גאַנצע סצענקע האָט אפשר גענומען אַ צעהנטעל פון אַ מי־

נוס. דער מאַן האָט פריינטליך אַ שמייכעל געטאָן און איז זיך לאַנגזאַם אַוועקגעגאַנגען. מיר אָבער האָט זיך אַרויסגעוויזען מיין גרויסען פריינד'ס האַרציגקייט, גוטסקייט, ערעלקייט פיעל שטאַרקער און קלאָרער ווי ווען עס איז פריהער אָדער נאָכדעם.

## VII

## במה כחו גדול?

אַלס איינער, וואָס האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אין דער מאָדערנער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, כמעט צוזאַמען מיט איהר, האָב איך, נאַטירליך, געקאַנט אַלע פיהרער, רעדנער, שרייבער פון אונזער אויבען־אָן. די, וואָס איך האָב ניט געקאָנט פּערזענליך (ווי למשל, לאַסאַל, ווייל איך בין צו שפּעט געבאָרען געוואָרען, אָדער זשאָרעס, ווייל איך בין שוין געווען אויסגעוואַנדערט פון דער אַלטער וועלט ווען ער איז אַלגעמיין באַקאַנט געוואָרען) האָב איך זיי געקאָנט פון זייערע שריפטען, דורך זייערע געדרוקטע רעדעס, פון באַשרייבונגען.

עס איז פאַר מיר דערפאַר ניט שווער צו פאַרגלייכען דעבס'ן מיט אַנדערע גדולי הדור. און איך בין ניט אַזוי שטאַרק פאַרבלענדט דורך מיין טיפע, אומענדליכע ליעבע צו איהם, ניט צו זעהן זיינע שוואַכע זייטען, דאָס, אין וואָס ער דערגרייכט ניט אַנדערע גדולים אין דער באַוועגונג.

און צייטענוויין שטעל איך זיך אַליין די פראַגע: „במה כחו גדול?“ מיט וואָס האָט ער פאַרנומען מיין האַרץ, טויזענדער אַנדערע הערצער? וואָס איז דאָס פאַר אַ מאַגנעט אין איהם, וואָס ציהט צו איהם די גרויסע מאַסען? וואָס ברענגט צו זיינע מיטינגען, ספּעציעל אין'ם וועסטען, וואו דער פאַרמער־עלעמענט איז שטאַרקער ווי ביי אונז, הונדערטער און טויזענדער פון מיילען און מיילען אַרום?

און איך זאָג צו זיך אַליין:

ער האָט דאָך זיכער ניט די אוניווערסאַלע געלערנטקייט פון אַ לאַסאַל, אויך ניט זיין זשעניע אַלס פיהרער און גרינדער? ווייל דעבס איז דאָך אין תוך דאָס, וואָס פּיסאַרעוו האָט אָנגערופען „אַ

דענקענדער פּראָלעטאַריער", דאָס און ניט פיעל מעהר? געוויס, ער איז אַ פּאָעט, אָבער...

און ער קומט אויך ניט צו זשאַן זשאָרעס, דעם אַקאַדעמיקער, דעם מאַן, וואָס איז אַראָפּגעקומען אויף אונזער אַרבייטער פּלאַט־פאָרמע דירעקט פון דעם פּראָפעסאָרשען קאַטעדער, און האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזען אַלס אַ גרויסער שטאַאַטסמאַן, רעדנער און פּאַרטיי־פיהרער.

דעבס אַליין וועט, אין דעם פּרט, אייך צוגעבען, אַז וועגדעל פיליפּס שטעהט אפשר אויך העכער פאַר איהם. — פיליפּס דער פּריוויליגיערטער, די גרעסטע, פּערזענליבע, ד. ה. אינדיווידועלע קראַפט אין דער באַוועגונג פאַר די באַפרייאונג פון די אַפריקאַנער אַמעריקאַנער פון שקלאַפעריי...

און וואָס איז שייך צו אויגוסט בעבעל איז דאָך גאָר קיין פאַר־גלייך ניט מעגליך, ווייל בעבעל און דעבס באַגעגענען זיך בלויז אויף דער פּלאַטפאָרמע, אָבער ניט אויף קיין טריבונע פון ערגעץ אַ פּאַרלאַמענט, פּשוט ווייל דעבס'ן פעהלט, פריהער פאַר אַלץ, די געלעגענהייט דערצו. וואָלט דאָס אפילו געווען דער פאַל, גלויב איך ניט, אַז ער וואָלט ווען עס איז געוואָרען דער גרויסער פּאַרלאַ־מענטאַריער, וואָס בעבעל איז געווען.

מיט קיער האַרדי וואָלט ער אַ פאַרגלייך מעהר ווי אויסגע־האַלטען, ווען מיר וואָלטען זיך אונטערגעאיילט איהם. דעבס'ן, אַריינצושיקען אין וואַשינגטאָנער רעפּרעזענטאַנטען־הויז, דאָס איינ־ציגע איז נאָר, וואָס, גרויס ווי האַרדי איז געווען, איז ער צו אונזער דזשיען ניט געקומען אַלס רעדנער.

נו, טו ווי זשע קומט עס, אַז דער נאָמען דעבס — בלויז דער נאָמען — רופט אַרויס געפיהלען ביי מיליאָנען מענשען, וואָס אַנ־דערע נאָמען האָבען ניט אַרויסגערופען אין אַנדערע לענדער, און דעבס איז קיינמאָל ניט געווען אַזאַ געלעהרטער ווי לאַסאַל, אַזאַ שרייבער ווי פּלעכאַנאָוו, אַזאַ לאַנגיעהריגער פּאַרלאַמענטאַריער ווי בעבעל, און אַזאַ שטורם־באַוועגונג ווי וועגדעל פיליפּס, אַזאַ זשור־נאַליסט ווי וויקטאָר אַדלער און אַנדערע וואָס איך וואָלט געקאָנט אָנרופען?

איז דער תירוץ: האַרץ, נשמה, מענשען־ליעבע! ווי גיט מען אָבער אייך דאָס צו פאַרשטעהן?

אין פלוג האָט יעדער פון אונז אַ האַרץ און עפּעס אַזוינס ווי אַ נשמה; מענשען־ליעבע איז מעהר אָדער ווענינער אויך ביי אונז אַלעמען פאַראַן. מיט וואָס צייכענט זיך אויס דעבס?

ער צייכענט זיך פון אונז אַלעמען אויס דערמיט, וואָס ער א י ז דאָס, וואָס מיר ה אָ ב ע ן.

האַרץ, נשמה, ליעבע — דאָס א י ז ע ר; ער איז לויטער האַרץ, אַ גרויסע נשמה און די מענשען־ליעבע אַליין.

איך האָב געקאָנט פּעטער לאַווראָוו, איינעם פון די גרעסטע און עדעלסטע רוסען. ער איז געווען גוט און ליעבעפול, אַ מענש מיט אַ וואונדערבאַרע האַרץ. אָבער ער איז ניט געווען, ווי דעבס, כולו האַרץ. חוץ דעם איז ער געווען אַ פּראָפעסאָר, אַ מענש עפּעטער אין די עולמו׳ עליונים, אָהן אַן אויג פאַר די אַרומיגע, אָרעמע וועלט אַזוי לאַנג ווי זיין מח איז געווען מיט עפּעס פאַרטאָן.

פּעטער קראָפּאָטקין איז אַ מענש מיט אַ גרויסע, גרויסע נשמה און דאָסזעלבע איז געווען סערגיי סטעפּניאַק. דיזער מאַן, וואָס האָט אַריינגעלאָזען אַ מעסער אין מעזענצעוו׳ס ברוסט, ערמאָרדענדיג דעם קיסר׳ס סאַטראַפּ, איז געווען די גוטסקייט אַליין, האָט געהאַט אַ האַרץ, וואָס האָט, ווי ארץ ישראל, געפלאָסען מיט מילך און האָניג. ניט ער, ניט קראָפּאָטקין זיינען צו פאַרגלייכען מיט אונזער דזשיען.

עהנליך צו איהם זיינען געווען: אין גוטסקייט די באַבושקאַ ברעשקאָווסקאַיאַ; אַלס אַ גרויסע נשמה — די העלדין פון דער פּאַריזער קאָמונע, לואיזע מישעל, און אַלס פּאַרקערפּערונג פון מענשען־ליעבע — אַ אידישע פרוי, לאַנג שוין טויט, איבער אַ האַלבען יאָהרהונדערט אַוועק פון דער וועלט, אָבער אַרום איהר איז מיר ניט באַקוועם צו רעדען.

די דריי זיינען אָבער געווען אַלע פרויען, וואו האַרץ, נשמה און מענשענליעבע זיינען ניט אַזוי זעלטען ווי צווישען אונז מאַנסבילען.

* * *

ווען דעבס רעדט פון דער פּלאַטפאָרמע, איז זיין שלאַנקער

קערפּער אויסגעבויגען און ער שיינט צו זיין כסדר אין געפאהר אריבערצופאלען צום פּובליקום צו. דאָס בויגט זיך זיין נשמה צו אייך, דאָס געהט זיין הארץ אוים צו אייך, דאָס שטרעבט זיין גאַנצעם וועזען זיך מיט אייך צו פאַרשמעלצען, צו ווערען איינס מיט אייך.

און זיין זשעסט! ער שטעלט אוים זיינע הענט עפּעס אַזוי ווי אַרומצונעמען מיט זיינע אָרעמס, צוצודריקען צו דער ברוסט זיין גאַנצען עולם, אויף דעם אופן אַריינברענגענדיג אין דער אוידיענס זיינע געדאַנקען, זיינע געפיהלען, זיין הייסען וואונש צו מאַכען דאָס לעבען שעהנער, די מענשען פרייער, בעסער, עהרליכער און אויפגעקלערטער, און דעם יאָמער־טאָל, אין וועלכען מיר קוועלען זיך, פאַר א גן־עדן.

עס איז ביי אונז געוואָרען א מאָדע, צו פאַרגלייכען יעדען בעל־דרשן מיט די נביאים, זינט מיר זיינען געקומען צו זיך און האָבען ארויסגעפונען, אַז מיר זיינען אידען און אַז דער תנ"ך, וואָס האָט געהאט אַן איינפלוס צום גוטען, אָדער צום בייזען, אויף די ערציהונג פון אכטציג דורות מענשען אין אַלע עקען און ענדען פון דער וועלט, איז אונזער ירושה, כמעט אונזער עקזיסטענץ־בארעכטיגונג אלס א פאָלק, און וואָס איז שייך די נביאים זיינען זיי אונזער שטאָלץ.

עס בעט זיך דערפאַר שוין היינט אַן ענטשולדיגונג ווען מען מאַכט אַזאַ פאַרגלייך. פון דעסטוועגען גלויב איך ניט, אַז דאָס איז נויטיג אין אונזער פאַל.

דעבס קאָן האסען, ווי ער קאָן ליעבען. ווען ער פרעדיגט, ווען ער קומט אריין אין עקסטאַז, דערהערט זיך דער אידישער נביא, ווייל ער האַסט דאָס שלעכטע אין דער מענשהייט און קיינמאָל ניט אין דעם מענשען, און ווער רעדט דעם מענשען גופא, דעם יחיד אליין. מיט דעם איינציגען באשעפטיגט ער זיך קיינמאָל ניט, ניט לויבענדיג, ניט שמייסענדיג. אַזוי פעהלט אויך אין זיינע רעדעס דער „איך". ער אַליין שטעהט כסדר אָן א זייט, הגם אין יעדער פראַזע מערקט זיך, פיהלט זיך זיין גרויסע אינדיווידואַליטעט. אַזוי

רעדט עמוס, אזוי רעדט ישעיה, אזוי רעדען די מייסטע אנדערע נביאים.

און ווי זיי, איז ער א פּאָעט, אַן אמת׳ער, „גאָט־געבענשטער" פּאָעט. דער געוואוינליכער אמת קריעגט ביי איהם א דיכטערישען אויסדרוק, די איינפאַכסטע באמערקונג קומט ביי איהם ארויס מיט א פּאָעטישען שוואונג, מיט א מעלאָדישען ריטהם, מיט א צונגענ־בענעם ספּעציעלען חן. און איהר הערט זיך צו צו איהם און איהר זאָגט צו זיך אליין: דאכט זיך גאָר ניט קיין נייעס און דאָך עפּעס נייַ; דאכט זיך א וואָרט פון דעם אלטעגליכען, וואָכעדיגען ווער־טער־בוך, און דאָך עפּעס יום־טוב׳דיג אין זיין אָנבליק!

און ווי אונזערע נביאים, שטראָפט ער און טרויסט, שמייסט ער און גלעט, גיט ער א נחמה בעת ער שילדערט יסורים.

און ווי זיי, באשעפטיגט ער זיך ווייניגער מיט דער פארגאַנ־גענהייט ווי מיט דער צוקונפט. בליקט ער כסדר מאחורי הפרגוד, שטרעבט ער צום העכסטען: צו א מין פארבאָרגענע גאָטהייט, צו א גרויסען ליכט לעתיד לבוא, ליעבט ער צו פּראָפעצייען וועגען די קומענדיגע הערליכקייט פאר די מענשליכע ראסע.

ער לייענט, ווי זיי, כסדר יענע אומגעשריבענע, דערוויל נאָך אומגעשריבענע, בלעטער פון א קינפטיגע וועלט־געשיכטע וועגען קומענדיגע צייטען. און זיין בליק איז קלאָר, און יענע צייטען שטע־הען איהם פאר די אויגען, און ער לעבט אין דער וועלט, פאר וועל־כער מיר שטרעבען.

און דאָס קומט איהם אַן לייכט, ווייל ער זעהט ניט בלויז מיט די אויגען, נאָר אויך מיט׳ן הארצען, מיט זיין גרויסען, ליעבעפולען הארצען.

* * *

איצט נאָך איין וואָרט, און איך בין צו־ענד.

מיט עטליכע יאָהר צוריק איז מיר אויסגעקומען זיך צו טרע־פען מיט אונזער דזשיען אין זיין האָטעל אין ניו יאָרק ביי א געווי־סע געלעגענהייט. איך האָב מיט זיך געהאט צוויי פריינדינען, איי־נע פון זיי זעהר א נאָהענטע קרובה — מיין טאָכטער.

אז ער האָט זייערע יונגע הערצער עראָבערט אָהן א קאמף איז

זעלבסטפארשטענדליך. עטליכע ווערטער לוינט צו פארלירען וועגען דעם פאָלגענדען אינצידענט ביי יענעם באזוך.

בעת מיר דריי האָבען זיך מיט איהם אונטערהאלטען, האָט מען איהם צוגעטראָגען א וויזיט־קארט פון א מאן, וואָס האָט איהם געוואָלט זעהן. מיר האָבען איהם געבעטען זיך ניט צו לאָזען שטערען און דער באזוכער איז אריינגעקומען.

דאָס איז געווען, ווי עס האָט זיך באלד ארויסגעוויזען, א רעפּאָרטער פון א צייטונג.

ער האָט דעבס'ן געשטעלט עטליכע פראגען און איידער דער אָרימער רעפּאָרטער האָט געהאט צייט זיך ארומצוזעהן, איז ער געווען מיט לייב און זעעל געפאנגען פון איהם, וועלכען ער האָט געוואָלט עקספּלואטירען.

פון צייט צו צייט, אריינגעמענדיג דעם רעפּאָרטער'ס ביידע הענט אין זיינע און איהם אדרעסירענדיג אלע וויילע אלס „ברודער", האָט ער איהם בעארבייט אויף אלע זייטען, פארוואנדלענדיג א וואולגארען צייטונגסמאן אין א מאָדערנעם סאָציאליסט.

דער ערנסט, די רעדנער־קונסט, דער ענטוזיאזם, וועלכער דער גרויסער פאָלקס־טריבון האָט געברויכט פאר איין איינציגע רעפּאָרטער'שע נשמה, זיינען געווען דיזעלביגע, פונקט די זעלביגע מיט וועלכע ער אדרעסירט א פארזאמלונג פון דרייטויזענד מענשען. בלויז דער קול איז געווען, כדרך הטבע, שטילער, כמעט א „וויספּער", אָבער, דוקא צוליעב דעם, ליידענשאפטליכער און איינדרוקספולער.

דאָס איז דעבס אין פּריוואט־לעבען.

לאָמיר האָפען, אז מיר וועלען איהם האָבען אין אונזערע קרייזען אויף לאנגע, לאנגע יאָהר. אזוי לאנג ווי ער איז ביי אונז און מיט אונז, וועט דעם אמעריקאנער סאָציאליזם ניט פעהלען זיין נשמה.

ענדע סעפּטעמבער, 1918.

# שריפטען און רעדעס פון י. וו. דעבס

## זאָל לעבען די רעוואָלוציע!

ביי יעדען זון אויפגאנג שיק איך א הארציגען גרוס צו אַלע ארבייטער פון דער וועלט. זיי זיינען מיינע קאמעראדען. און איך זוך ניט קיין העכערען כבוד, ווי צו טיילען זייער שיקזאַל, און קיין גרעסערע עשירות, ווי צו האָבען זייער אכטונג און ליעבע.

און איך שליס זיי אַלעמען איין, אַלע זיינען גלייך, אָהן אונטערשיד פון ראַסע, גלויבען אדער געשלעכט; און מיין גרוס און מיין ליעבע צו זיי אַלעמען געהט מיט דער זון אויף איהר וועג ארום דער וועלט.

אין פארלויף פון הונדערטער און הונדערטער יאָהרען זיינען אַט די ארבייטער, די באַשאַפער פון אַלע זאכען, די לעבעדיגע און אטמענדיגע גרונדשטיינער פון דעם גאנצען סאָציאַלען געבוי, זיי זיינען געוועזען באַלאַדען מיט קייטען און געבויגען צו דער ערד; אָבער ענדליך! ענדליך! אָנגעריהרט פון דעם צויבער פון זייער געמיינשאַפטליכען עלענד, באַגייסטערט פון זייער סאָלידאַריטעט, הויבט אָן זייער פארבאָרגענע קראַפט צו צירקולירען אין זייערע אָדערען, זיי לערנען זיך, ווי צו שטעהן גלייך. און אויפהויבענדיג זייערע אויגען, דערזעהען זיי, אז אַ נייע זון איז אויפגעגאַנגען אויף זייער טריעבען הימעל.

אין זייער לאַנגער קנעכטשאַפט האָבען זייערע הערצער געשלאָגען, און איצט קלאַפען זיי אינאיינעם, ווי איין גרויסע הארץ פון דעם מענשליכען מין. מיט דעם ליכט פון ליעבע אין זייערע אויגען און מיט אויסגעשטרעקטע הענט באַגריסען זיי איינער דעם אנדערען: „קאמעראַד!" און אין דעם קלאַפען פון זייערע הערצער קען מען הערען דאַס פויקען פון דער פראָלעטארישער רעוואָלוציע.

געגריסט זייט, זיהן און טעכטער פון דער הערליכער אינטערנאַציאָנאַלער ארמיי, מיט וועלכע איך מארשיר שטאָלץ צום זיעג אדער צום טויט!

# פרייהייט.

(א רעדע געהאַלטען ביי בעטערי „ד“, שיקאַגאָ, ווען מען האָט דעבס׳ן באַפרייט פון וואודסטאָק דזשייל, נאָוועמבער 22, 1895).

עס איז נאָך קיין צווייפעל ניט, אַז דער גייסט פון 1776 לעבט נאָך. די פלאַמען פון פרייהייט און פון ערהאַבענע שטרעבונגען זיינען נאָך ניט אויסגעלאָשען. איך באַגריס אייך היינט, ווי מענשען, וואָס ליעבען פרייהייט און פאַראַכטען דעספּאָטיזם. איך פאַרשטעה די באַדייטונג פון דער איצטיגער דעמאָנסטראַציע און קען אָפּשאַצען די עהרע, וואָס האָט מעגליך געמאַכט פאַר מיר צו זיין היינט אייער גאַסט. די רעכטפערטיגונג און פאַרעהרליכונג פון די אַמעריקאַנער פּרינציפּען פון רעגירונג, ווי זיי זיינען פּראָקלאַמירט געוואָרען אין דער אומאַבהענגיגקייטס ערקלערונג, — דאָס איז דער ערהאַבענער ציעל פון דער איצטיגער פאַרזאַמלונג.

ריידענדיג פאַר זיך פּערזענליך, בין איך ניט זיכער, צי איך דאַרף זיך איצט פרעהען, אָדער זיין טרויעריג. איך בין זיך מודה, אַז איך צווייפעל, צי איך בין היינט באַפרייט געוואָרען פון געפאַנגענשאַפט, אָדער פאַרקערט, איך קער זיך היינט אום פון פרייהייט צו קנעכטשאַפט. זיכער איז, אין דעם ליכט פון די לעצטע געריכטליכע פאַרהאַנדלונגען, אַז איך שטעה איצט צווישען אייך בארויבט פון מיינע קאָנסטיטוציאָנעלע רעכט פון א פרייען מענשען, בארויבט פון דעם הייליגסטען רעכט פון אַמעריקאַנער בירגערשאַפט. און וואָס איז ריכטיג וועגען מיר, איז אויך ריכטיג וועגען יעדען אַנדערען בירגער, וואָס האָט דעם מוט צו פּראָטעסטירען געגען דער הערשאַפט פון אָרגאַניזירטען קאַפּיטאַל אָדער צווייפלען אין דעם אבסאָלוטען רעכט פון דער הערשאַפט פון גאָלד. ניט געגען דעם געזעץ אָדער דורכפיהרונג פון געזעץ באַקלאָג איך זיך. ניין, איך לאָז דאָ הערען מיין פרידליכען פּראָטעסט געגען דער אבשייליכער פאַרגוואַלטיגונג פון דער קאָסטיטוציע, געגען דער פאָלשטענדיגער אָפּשאַפונג פון געזעץ און דער אומגעזעצליכער

פארבאפונג פון געריכטליכער מאכט, קורץ, געגען דעם דעספאטיזם, וואס האט מיך און מיינע חברים געבראכט אין געפענגניש. און יעדער עהרליכער אנאליז פון די געריכטליכע פארהאנדלונגען וועט מוזען אויפדעקען דעם גאנצען העסליכען אמת פון דער אנקלאגע געגען מיר.

אין א בריף, וואס דער עהרווירדיגער ריכטער טראמבאל האט ניט לאנג צוריק געשריבען, זאגט ער אזוי: „אויב מען זאל דער־פיהרען די דאקטרין, וואס איז ערקלערט געווארען אין דעם דעבס פראצעס, ביז צו דעם לאגישען שלוס, וועט יעדער בירגער איבער־געגעבען ווערען אין די הענט פון א וועלכען עס איז פעדעראלען ריכ־טער, וואס וועט, צוליעב פאראורטיילען אדער בייזוויליגקייט, איהם קענען אריינווארפען אין געפענגניש". דאס איז א דורכגעטראכטער שלוס פון איינעם פון ריינסטע, פעהיגסטע און באריהמטסטע ריכ־טער, וואס די רעפובליק האט ארויסגעגעבען. די אויטאריטעט פון ריכטער טראמבאל אין דער פראגע וועט ניט באשריטען ווע־רען פון קיין מענשען, וואס איז עהרליך אין זיינע מיינונגען און אורטיילען.

און איצט האלט איך פאר געהעריג און צייטמעסיג צו פאדערן א משפט פון געשווארענע ריכטער. די אייזענבאהן קארפאראציעס, וואס האבען דא, אין שיקאגא, זייער צענטער, האבען דאס אויפ־געהעצט געגען מיר די באשולדיגונג אין א פארשווערונג, און איך פאדער, מען זאל מיך משפט'ן און אורטיילען, צי איך בין שול־דיג, צי אומשולדיג. איהר געדיינקט געוויס, אז מיין פראצעס פון לעצטען ווינטער איז פלוצלונג אונטערבראכען געווארען צוליעב דער קראנקהייט פון איין געשווארענעם ריכטער. מען האט דאן געזאגט, אז דאס איז נאר געווען אן אויסרייד צו פארווארפען דעם פראצעס און אויף אזא אופן ניט דערלאזען, אז דער שיינבאר אומפארמיידליכער גינסטיגער ווערדיקט זאל ארויסגעבראכט ווע־רען, ווייל אזא ווערדיקט וואלט געווען א זעהר אומבעקוועמער און אומאנגענעהמער קאנטראסט צו דעם אורטייל, וואס ריכטער וואודס האט פאר דעם ארויסגעגעבען אין אן עהנליכען פראצעס. צי דאס איז ריכטיג, צי ניט, ווייס איך ניט. איך ווייס אבער, אז מען האט

מיר ניט נעגעבען קיין פּראָצעס, און איך פאָדער דאָ איצט, מען זאָל מיך געריכטליך פּראָצעסירען. איך בין באַשולדיגט געוואָרען אין אַ פאַרשווערונג צו באַגעהן אַ פאַרברעכען. אויב איך בין שולדיג, דאַן מוז איך געהן אין געפענגניש. און וואָס איך פאַרלאַנג איז אַ גערעכטען משפּט און קיין גנאַדע. אויב מען האָט אין דער פּרעס ריכטיג ציטירט די אַדוואָקאַטען פון דעם רעגירונגס צד, אָדער פון די אייזען־באַהנען, וועט מען מיין פּראָצעס „ניט צואיילען", ווייל זיי „ווילען ניט עס זאָל פאַלען אויף זיי דער פאַרדאַכט, אַז זיי ווילען פאַרפאָלגען די באַשולדיגטע". מיט פאַראַכטונג וואַרף איך צוריק אַזאַ גוטסקייט. איך פאָדער איינפאַכע גערעכטיגקייט. איך בין גאָר ניט גענייגט צו ענטלויפען פון דער פולער פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר מיינע האַנדלונגען. איך האָב געהאַט צייט אַלץ דורכצוטראַכטען, און ענטשלאָסען ערקלער איך, אַז אונטער דיזעלבע אומשטענדען וועל איך זיך האַלטען ביי דערזעלביגער טאַקטיק. וואָס אַנבעטרעפט מיינע האַנדלונגען, דאַרף איך קיין זאַך ניט פאַרטיידיגען אָדער באַדויערן.

ערלויבט מיר אייך צו פאַרזיכערען, אַז איך בין אָהער ניט געקומען צו באַוויינען מיין שיקזאַל. איך ווייס ניט פון ווערטער פון דערשלאָגענקייט און פאַרצווייפלונג. ווי פינסטער די צוקונפט זאָל ניט אויסווייזען פאַר אַנדערע, איך גלויב אין דעם ענדליכען טריאומף פון רעכט. אין מיין האַרצען געפינען אַן אָפּקלאַנג די געפיהלען פון פּאָעט, וואָס זאָגט:

„אָ מאַכט זיך אויף, איהר טויערען פון געפענגניש!
אָ ווינטען, צולאָזט די שטריפען און שטערען!
אָ מענשען, פאַרדאַמט ווידער אין צאָרניגע ווערטער
די הערשאַפט פון פאַרבאָט און פון צאָרען!
מיר שווערען ביי די געבורט וועהען פון פרייהייט,
אַז מיר ווערען ניט טראָגען די קייטען פון קנעכטשאַפט.

„אָ קלאָג מיט פרייד, געפענגניש גלאָק!
פּראָקלאָמיר די וואַרהייט, דו אייזערנע צונג!
אָ, ווינטען און בליצען, איילט אייך אָנצוזאָגען,

אז אונזער לאַנד איז ניט דאָס לאַנד פון אַ צאַר!
מיר שווערען ביי אַלע געטליכע נביאים,
אז מיר וועלען באַשיצען דעם אַלטאַר פון פרייהייט.

אַ טרייע פרייע מענשענקינדער!
אַ זיהן פון מענשען, וואָס האָבען געוואַגט צו שטרעבען!
בלאָזט ווידער פאַנאַנדער די פרייהייטס פלאַמען
און באַלויכט מיט רוהם דעם פרייהייטס הימעל.
דאַן שווערט ביי גאָט׳ס אייביגען טראָן,
אז אַמעריקא זאָל זיין די חיים פון פרייהייט.

אַ אַרבייטער! אַ אַרבייטענדע מחות!
אַ מענשען פון מוט און פון ווילען!
ווייט און ברייט צושפרייט דעם גרוס פון אַרבייט,
ביז פרייהייט וועט קלינגען אין יעדען האַרץ,
און ווי וועלען אין ים וועלען די אויסגעשרייען פון די פרייע
שטורמען איבער׳ן גאַנצען לאַנד פון ברעג צו ברעג״.

פרייהייט איז ניט אַ וואָרט פון מאָדערנער אָפּשטאַמונג. פרייהייט און קנעכטשאַפט זיינען אוראַלטע ווערטער, ווי גוטס שלעכטס, רעכט און אומרעכט; זיי זיינען נעגענזעצליך און געהען צוזאַמען.

עס איז ניט געווען קיין פרייהייט אויף דער וועלט, וואָס זאָל קומען ווי אַ מתנה פון הימעל, פונקט ווי זונשיין און רעגען, און דער מענש זאָל פאַר איהר ניט דאַרפען קעמפען. די פאַלשטענדיגע ערנידערונג פון דעם מענשען איז געקומען דאַן, ווען אונטערוואַרפענקייט און קנעכטשאַפט האָבען ארויסגעצויגען פון איהם דעם לעצטען פונק פון די נאָבעלע אייגענשאַפטען פון זיין נאַטור און האָבען אוועקגענומען פון איהם יעדען ווידערשטאַנד און יעדען ווילען, פאַרוואַנדלענדיג איהם אין אַ געהאָרכזאַמען שרויפעל פון דער אונטערדריקונגס־מאַשין.

אונזער היינטיגע טעמא איז פערזענליכע פרייהייט. צו באַצייכענען איהר פולע הויכקייט, טיפקייט און ברייטקייט, וועלען מיר זי אָנרופען אַמעריקאַנער פרייהייט; דאָס, וואָס די אַמעריקאַנער זיינען געוועהנט געוואָרען צו באַזינגען זינט די רעפּוב־

ליק איז געגרינדעט געוואָרען, און וואָס פיעלע טויזענטער אמעריקאנער באזינגען נאָך ביז היינטיגען טאָג, ניט איינזעהענדיג, אז ווען מען ווארפט אריין איין מענשען אין געפענגניש געגען אלע קאָנסטיטוציאָנעלע גאראנטיען, שטעלט מען דערמיט אין געפאהר די פרייהייט פון אלעמען. זאָגענדיג דאָס, דריק איך אויס די אנגסט, וואָס האָט אייך געבראכט אהער צו דער היינטיגער גרויסער פארזאמלונג.

צום ערשטען מאָל אין דער געשיכטע פון אלע צייטען זיינען די היילינע רעכט פון מענשען, „לעבען, פרייהייט און שטרעבען צו גליק", פראָקלאמירט געוואָרען דעם 4טען יולי 1776.

דאַן זיינען דאָס אומגעוואָרפען געוואָרען קרוינען, טראָנען און די געטליכע רעכט פון קעניגען, און דער מענש איז ארויפגעשטיגען צו דער גלאָררייכער פרייהייט און איז געוואָרען זיין אייגענער האר. דאַן האָט דאָס דער גייסט פון פרייהייט גערעדט צו אלע מענשען אין דער הויכער שטים פון אייביגען אמת און האָט זיי געהייסען באשטעהן אויף זייערע געטליכע רעכט און זיך באפרייען פון קנעכטשאפט. דאָס איז געווען א דעקלאראציע, וואָס די אומענדליכקייט האָט אונטערגעשריבען. און דער מענש איז אויפגעשטאַנען, ווי דער געקרוינטער הערשער פון דער וועלט, פריי ווי דער שטראָם פון ים, פריי ווי די ווינטען וואָס בלאָזען. אין יענעם מאָרגען, ווען די באשאפונג איז געענדיגט געוואָרען, האָבען די מאָרגען שטערן און די זון פון גאָט געזונגען אין כאָר דאָס ליעד פון פרייהייט.

דאָס איז אפשר א פאנטאזיע, אָבער אין די אומענדליכע טיפען פון דער פאָרשטעלונגען קען איך ניט געפינען קיין פאסיגערע טעמא, וואָס זאָל קענען אריינגעשפונען ווערען אין די האַרמאָניען פון פרייהייט. דער באשעפער האָט באטראכט זיין ארבייט און האָט געזאָגט, אז זי איז גוט; אָבער אין מענשליכע אנגעלעגענהייטען קען קיין זאַך ניט זיין גוט אָהן פרייהייט, אזוי ווי עס קען ניט זיין לופט אָהן זויערשטאָף, אָדער וואסער אָהן וואסערשטאָף, אזוי קען ניט זיין גוט אָהן פרייהייט.

מעג דער באשעפער האָבען פארזייהט די פעלדער פון עטער

מיט ליכטיגע שטערען און באַציערט די ערד מיט אונצעהליגע שעהנ־קייטען פאַר דעם מענשען'ס פארלאַנגען. מעג די לופט און דער אָקעאַן פול זיין מיט די וואונדער פון די אונצעהליגע לעבענס־פאָרמען, ארויסצורופען דעם מענשען'ס באַוואונדערונג און נייגע־רינקייט. מעג די נאַטור צושפּרייטען אַרום איהר שעהנהייט און ארויסברייננען די מעלאָדיען פון איהרע מיליאָנען שטימען פאַר דעם מענשען'ס פארלאַנגען. דאָס אַלץ וועט זיין אומזיסט, ווייל ווען פרייהייט איז פאַרטריבען, איז דער מענש אַ קנעכט, און די וועלט וועט שוועבען אין רוים און וועט זיך דרעהען אַרום דער זון ווי אַ באַגולדעטע געפענגניש; און כאָטש זי איז אויסגעפאַרבט אין אַלע באַצויבערענדע קאָלירען און שאַטירונגען, וואָס די אונענדליכע קונסט האָט צו איהר דיענסט, וועט זי דאָך מוזען בלייבען אַ פלעק צווישען די שיינענדיגע ספערען פון דעם שטערענדיגען הימעל; און די, וואָס זוכען אויס פון אַלע שפּראַכען, לעבעדיגע און טויטע, די גלענצענדסטע פראַזען פאַר ווענדונגען צו דער פרייהייט, העל־פען פאַרגרייבינגען דעם גרעסטען ליגען, וואָס די געשיכטע האָט יועו עס איז געוואוסט. שאַפט אָפּ די פרייהייט, עס מאַכט ניט אויס מיט וואָס פאַר אַ קלוגער גיהונם'שער קונסט דאָס זאָל געטאָן ווערען, און דער רוקען מאַרך פון דער מענשהייט וועט אָפּגעטיילט ווערען, און די וועלט וועט דורך דעם אומבאַשרייבליכען פאַרברעכען פאַראַ־ליזירט ווערען.

נעמט אַוועק די קייטען פון דעם קנעכט, גיט איהם פרייהייט, און ער ווערט אַ בירגער פון אַ נייער וועלט. ער קוקט זיך אַרום און דערזעהט לעבען און פרייד אין אַלץ אַרום איהם. זיין נשמה שפּרייט זיך אויס איבער אַלע גרענעצען. באַפרייט דורך דעם גייסט פון פרייהייט, שטרעבט ער צו פאַרקערען מיט אַלץ, וואָס איז ערהאַבען און שעהן; ער פיהלט זיך צוגעבונדען צו די העכערע אינטעלעקטען, און ער טרעט אַרויס, ערלייזט פון דעם טיערישען צושטאַנד, פון אומוויסענהייט און אַבערגלויבען, אַ נייע באַשעפע־ניש, אין וועמעס ברוסט עס קלאַפּט אַ גלאָררייך לעבען.

איז דען ווען געוועזן אַזאַ פעדער, אָדער אַזאַ צונג, פון דעם אוראַלטען מענשען ביז צו דעם העכסטען אינטעלעקט פון אונזער

דור, וואס וואלט געוועז אימשטאנד צו געפינען די נויטיגע ווערטער, צו פארפלוכען דאס מעהר ווי סאטאנישע פארברעכען: מען האט ארויסגע׳גנב׳עט דעם טייערן שטיין פון פרייהייט פון דער מענשליכער קרוין, און מען פאראורטיילט דעם קרבן פון דעם רויב צו קנעכטשאפט אדער צו געפענגניש! און דאס אלץ נאר אום צו באפרידיגען יענע מאנסטערס פון אומגערעכטיגקייט, וועמעס אטעם פארברענט די לופט און פאר׳סם׳ט יעדען קוואל און יעדען שטראם, וואס וואלט באדארפט זיין א ברכה פאר דער וועלט!

מען וועט אפשר צווייפלען, צי עס לוינט גאר אפצוגעבען צייט אויף אוועקצושטעלען אזעלכע פראגען. איך וועל זיי דאריבער ווייטער ניט באטראכטען, איך וועל זיך איצט אומקערען צו דער ווירקליכקייט אין מיין טעמא. ווי אמעריקאנער, האבען מיר זיך אלעמאל באריהמט מיט אונזערע פרייהייטען און באריהמען זיך נאך איצט. זיי זיינען אמאל געוועזן דער רוהם פון דער נאציאן. און אויב אייניגע פון זיין זיינען פארשוואונדען, דארפען מיר געדענקען, אז עפעס איז נאך געבליבען. אמעריקאנער, וואס געפינען זיך אויסערהאלב דער געפענגניש, וואו עס קענען ניט גרייכען צו זיי די רוסישע „אינדזשאנקשאנס", דעם דעפּיוטי מארשאל׳ס שטעקען, די שטיקענדע האנט פון קארפּאראציעס און די פארשקלאפענדע מאכט פון דער פלוטאקראטיע, זייענדיג זיכער געגען די מאשין ביקסען פון דער רעגירונג און וויסענדיג גוט, וואו עס געפינען זיך די אלערליי געזעצליכע פאסטקעס, — אזעלכע אמעריקאנער קענען באגייסטערט ווערען פון דער עקזיסטירענדער פרייהייט, אבער אויך זיי ווערען פארפאלגט אויף יעדען וועג און שטעג פון לעבען פון די בלוטהינט פון אוזורפירטער אומקאנסטיטוציאנעלער מאכט. און ווען די נאכט לאזט אראפ איהר שווארצען פארהאנג, זיינען זיי גליקליך, וואס זיי געפינען זיך ניט אין געפענגניש, כאטש זיי זיינען נאך אלץ לוין שקלאפען פון דער פלוטאקראטיע. ווען אט די פלוטאקראטיע וואלט זיך דערזעהן אין דער הימלישער שטאדט, וואלט זי זיכער צובראכען און צושטערט יעדען וועג, וואס פיהרט צו דעם טראן פון דער אייביגקייט, און וואלט צוגע׳גנב׳עט דאס גאלד, מיט וועלכען יעדער וועג איז אויס־

געליינט; זי וואָלט זיכער פארגוואַלטיגט דאָס העכסטע געריכט פון הימעל, נאָר אום ארויסצורייסען אן ענטשיידונג, אז דאָס געבאָט „לא תגנב" איז אומקאָנסטיטוציאָנעל.

פרייהייט, דאַרף מען וויסען, איז נאָר פאר די, וואָס וואגען צו קעמפפען און עראָבערען דעם טייערן אוצר. עס איז געזאָגט געוואָרען, אז „די ליעבע צו פרייהייט ווערט געגעבען צוזאמען מיט'ן לעבען; אז ווען פרייהייט איז פארטריבען, ווערט דאָס לעבען א קללה"; אז „איין שעה פרייהייט איז ווערט א גאנצע אייביגקייט פון קנעכטשאַפט". עס וואָלט געוועזען גאנץ לייכט צוזאמענצושטעלען לאנגע גאָלדענע זאצען צו פארהערליכען די פרייהייט, ביז דער פארשטאנד וואָלט מיעד געוואָרען פון ענטציקונג, וואָלט איינגעשלעפערט געוואָרען; און דאַן וואָלט דער פארשטאנד ניט באַמערקט, ווי ביסלאַכווייז און איינע נאָך דער אנדערער פארשווינדען די בענשונגען, וואָס מיר האָבען אַזוי איבערטריבען, און דאָס וואָלט נאָר געוויזען, ווי ריכטיג עס איז דער כלל, אז „אייביגע וואכזאמקייט איז דער פרייז פון פרייהייט".

לוינט דען צו ווידערהאָלען, אז אַלע מענשען ווערען געבאָרען פריי, און אז שקלאַפעריי און קנעכטשאַפט ווידערשפּרעכען דעם באשעפער'ס ווילען און שטאמען אָפּ פון מענשליכער פארדאָרבענהייט?

אויב פרייהייט איז א רעכט פון געבורט, וואָס די שטארקע האָבען אַפּגענומען ביי די שוואכע, אָדער וואָס איז געשטעלט געוואָרען אין געפאהר פון די, וואָס האָבען געזאָלט וואכען איבער איהר, ווי געוויסע פריסטער פלעגען וואכען איבער זייערע הייליגע געטליכע פייערען, דאַן וואָס בלייבט צו טאָן? לאָמיר אויסלאָזען אַלע אנדערע נאַציאָנען, לענדער און שפּראַכען און פרעגען, וואָס איז די פליכט פון די אמעריקאַנער? און וואָס איז, פריהער פון אַלץ, די פליכט פון די אמעריקאַנער ארבייטער, וועמעס פרייהייטען זיינען געשטעלט געוואָרען אין געפאהר? זיי זיינען ניט געבאָרען געוואָרען קנעכט. זייערע פאָטערס זיינען געבאָרען געוואָרען פריי, קיינער האָט ניט באשריטען זייערע העכסטע רעכט, און זייערע קינדער האָבען נאָך אַלץ דאָס שטימרעכט. און „דאָס

שטימרעכט קען אויספיהרען דעם ווילען פון א פרייען מענשען, ווי דער בליץ פיהרט אויס דעם ווילען פון גאָט".

אין דעם לעצטען שפרוך איז פאַראַן אַזויפיעל אמת. עס איז ניטאָ אַזאַ זאַך אין אונזער רעגירונג, וואָס דאָס שטימרעכט קען ניט באַזייטיגען אָדער אויסבעסערן. עס קען באַשאַפען און צוריק־רופען פרעזידענטען, קאָנגרעסען און געריכטען. עס קאָן אָפּשאַפען אומגערעכטע געזעצען. עס קאָן אריינוואַרפען אין אָפּגרונט פון אייביגער פאַראַכטונג און פאַרגעסענהייט די אומגערעכטע ריכטער, אַראָפּרייסען פון זיי זייערע ריכטער קליידער און אָוועקשיקען זיי, ווי אומריינע מענשען, ווי מצורעים, וואָס זאָלען אייביג טראָגען אויף זיך די לאַסט פון זייער פאַרדיענטער שאַנד, ווי קין האָט אויף זיך געטראָגען דעם צייכען פון א מערדער. עס קען אָפּראַמען טראַסטס, סינדיקאַטען, קאָרפּאָראַציעס, מאָנאָפּאָליעס, און אַלע אַנדערע אומנאַרמאַלע ענטוויקלונגען פון געלט־מאַכט, וואָס האָבען דעם ציעל צו באַשרענקען די פרייהייטען פון די ארבייטער און פאַרשקלאַפען זיי דורך די ערנידערונג פון אָרעמקייט און פון געצוואונגענער ארבייטסלאָזיגקייט. דאָס שטימרעכט קען אָפּראַמען אָט די אַלע קאָרפּאָראַציעס, ווי דער שטורמווינט צוטראָגט די בלעטער פון וואַלד. דאָס שטימרעכט קען דאָס אַלץ טאָן און נאָך פיעל מעהר — עס קען אויך קרוינען אונזער ציוויליזאַציע מיט איהר העכסטען רוהם, מיט דער קאָאָפּעראַטיווער געזעלשאַפט.

פאַר די פאַראייניגטע מהנות פון אַמעריקאַנער ארבייטער האָט דאָס שיקזאַל אָנגעגרייט די ארבייט צו רעטען די אַמעריקאַנער פרייהייטען פון די הענט פון די ווילדע באַנדעס, וואָס האָבען די פרייהייטען געשטעלט אין געפאַהר; זיי, די ארבייטער, זאָלען פאַר־באַפּען דאָס שטימרעכט און געווינען דורך איהם צוריק די אומשעצ־באַרע ירושה און אָפּהיטען זי און איבערגעבען זי אומבאַריהרט און אומבאַפלעקט צו די קומענדע דורות.

„באַפּט אַרוים פון דעם אַש די אבות\
די גליהענדע קוילען פון זייער אַמאָליגען פייער\
און דער, וואָס וועט אין דעם שטרייט אומקומען,\
וועט צוגעבען נאָך איין פּוּהכטבאַרען נאָמען,\
פאַר וועלכען די טיראַנען וועלען ציטערען".

איצט, ווען איך שטעה דאָ צווישען אייך, פרייע, ווידער באַקליידט מיט די רעכט פון אַ פרייען מענשען, וויינינגסטענס טעאָרעטיש, וואָס קען זיין נאַטירליכער, וואָס קען זיין פּאַסיגער אין דעם איצטיגען מאָמענט, ווי זיך אומקערען צו דער פאַרהאַפטונג פון מיר און מיינע קאָלעגען־בעאַמטע פון דער „אַמעריקאַן ריילווי יוניאָן“ אין קאָונטי דזשייל פון וואודסטאָק?

איך וויל זיך ניט באַנוצען מיט דער איצטיגער געלעגענהייט צו זיין סענסאַציאָנעל, צו מאַכען זיך אליין און מיינע חברים פּראָמינענט. מיין טעמא איז אַזוי גרויס, אַז איינצעלנע קרבנות פון גערינגלליכער טיראַנייי זעהן זיך גאָר ניט אָן. און דאָך צווינגען מיך די אומשטענדען נעגען מיין ווילען צו באַרופען זיך אויף אונזערע פּערזענליכע ערפאַהרונגען. אַנדערש וואָלט דאָך דאָס געהייסען באַדויערען די אָרגאַניזירונג פון דער „אַמעריקאַן ריילווי יוניאָן“ און יעדע אָנשטרענגונג וואָס די אָרגאַניזאַציע האָט געמאַכט צו העלפען די געדריקטע, באַרויבטע, ליידענדע, הונגעריגע מענער, פרויען און קינדער, די קרבנות פון די האַבזיכטיגע, רויבערישע קאָרפּאָראַציעס. אַנדערש וואָלט דאָס געהייסען באַדויערען יעדע ערהאַבענע אייגענשאַפט פון דער מענשליכער נאַטור און ווינשען, אַז די וועלט זאָל ווערען אַן אוראַלטער וואַלד, באַוואוינט פון רויב־טיערען, אַז די ימים זאָלען אָנגעפילט ווערען מיט רויב־פיש, און אַז צווישען דער ערד און די שטערען זאָלען הערשען רויב־פויגלען.

די „אַמעריקאַן ריילוויי יוניאָן“ איז געבאָרען געוואָרען מיט אַ גוטער נשמה. איהרע אויערען האָבען פאַרנומען די מעלאָדיען פון מיטלייד, האָבען אויפגעכאַפּט דעם שטילען געוויין פון די געדריקטע. זי האָט געהאַט אויגען אַרומצונעמען מיט איהרע בליקען דאָס פעלד פון ארבייט, אַ צונג צו פאַרדאַמען אומרעכט, הענט אַרומצונעמען די אומגליקליכע און אַ ווילען אויפצוהויבען זיי פון די זומפּען פון דערשלאָגענקייט צו די בערג פון זיכערהייט און וואוילזיין.

אויב „די אַמעריקאַן ריילוויי יוניאָן“ האָט אַ פיינד, איינעם אָדער אַ מיליאָן, פאָדער איך זיי אַלעמען אויף זיך צו שטעלען פאַר־

דער ארבייטער וועלט און אנגעבען אן אורזאך, פארוואס זיי האָ־בען באשמוצט און פארפאלגט די יוניאן. איך וויל דא ניט באַ־הויפטען, אז די ארגאניזאציע און איהרע באאמטע זיינען אומפעהל־באר און מאכען קיינמאל ניט קיין טעות. איך מוז אָבער דא ערקלע־רען צו יעדען פריינד פון די אמעריקאנער ארבייטער, אָהן אונ־טערשיד, צו וועלכער פאהן אדער פאך ער געהערט, אז אויב די „אמעריקאן ריילוויי יוניאן" האט געמאכט א טעות, איז דאס גע־ווען אויף דער זייט פון מיטגעפיהל, מיטלייד און מענשליכקייט; דאס איז געווען ענטוזיאזם אין א גרויסער זאך, איבערגעבענהייט צו דעם גייסט פון ברידערליכקייט, וואס ווייס ניט קיין קינסט־ליכע גרענעצען, וועמעס באזונדערע טיילען ווערען אנגעצייכענט מיט ליניען פון אמת, וואס זיינען העל ווי בליצען, און וועמענס האריזאנט עס קען אויסמעסטען נאר דאס אויג, וואס גלויבט אין דעם מענשען׳ס ערלייזונג פון קנעכטשאפט.

פאר מיר איז נאך ביז איצט אומערקלערבאר, ווי אזוי אן ארגא־ניזאציע פון ארבייטער, וואס איז ארומגענומען פון אזא באנייס־טערונג און אזעלכע שטרעבונגען, האט געקאנט ווערען דאס ציעל־ברעט פאר די פיילען פון בייזוויליגקייט מצד דעם געריכט און דער רעגירונג.

אָבער דער פאקט בלייבט א פאקט, און ער מאכט טרויעריג פראמינענט א צושטאנד, וואס מוז ציהען די אויפמערקזאמקייט פון אלע נאכדיינקענדע מענשען אין די רייהען פון ארגאניזירטע ארבייטער און פון אלע פאטריאטישע בירגער, מיט וואס זיי זאָ־לען זיך ניט באשעפטיגען: די געריכטען, געשטיצט פון אן אדמי־ניסטראציע, וואס באקימערט זיך ניט וועגען די גאראנטיען פון דער קאנסטיטוציע, באשרענקען ביסלאכווייז די פרייהייטען פון אמעריקאנער פאלק.

ניט מיט דער אבזיכט צו ריהמען די „אמעריקאן ריילוויי יו־ניאן" ערקלער איך איצט, אז אויף איהר שיקזאל אז אויסגעפאלען צו וועקען די ארבייטער און אנווייזען זיי אויף די געפאהרען, וואס לויערען אויף זייערע פרייהייטען.

אין דעם גרויסען פולמאן סטרייק האט די „אמעריקאן רייל־

ווייי יוניאָן״ אַרויסגעפאָדערט די קאָרפּאָראַציעס אויף אַזאַ אופן, ווי דאָס איז נאָך פריהער ניט געטאָן געוואָרען. דאָס אַליין איז שוין גענוג צו מאַכען דעם סטרייק פאַר אַזוי וויכטיג, אַז אפילו די קאָנסערוואַטיווסטע מענשען אין לאַנד זאָלען בעאומרוהיגט ווערען.

מען מוז געדיינקען, אַז די „אַמעריקאַן ריילוויי יוניאָן״ האָט ניט אַרויסגעפאָדערט די רעגירונג. זי האָט ניט אַרויסגעפאָדערט ניט די געריכטען, ניט די אַרמייען. זי האָט איינפאַך אַרויסגעוויזען אַ ווידערשטאַנד, ווען די קאָרפּאָראַציעס האָבען פאַרלעצט די רעכט פון די אַרבייטער. די מאַכט פון קאָרפּאָראַציעס האָט זי אַרויסגעפאָדערט. די גערעכטיגקייט פון איהר זאַך איז געווען איהר באַוואַפנונג. די אָרגאַניזאַציע האָט געגלויבט, אַז גערעכטיגקייט וועט פאַר די אַרבייטער געווינען אַ גרויסען זיג, און די פאַקטען באַווייזען, אַז איהר גלויבען איז ניט געווען אומבאַגרינדעט.

ווען מען וואָלט איבערגעלאָזען די קאָרפּאָראַציעס צו זייערע איינענע קאַמפּס־מיטלען: געלט, פאַלשקייט, בייזוויליגקייט, באַנדיטען, געוועזענע פאַרברעכער, פּיאַוועס און אַדוואָקאַטען, וואָלטען זיי געהאַט אַ געוואַלטיגע נידערלאַגע, און די פאָהנען פון אָרגאַניזירטער אַרבייט וואָלטען מיט טריאומף געפלאַטערט אין דער לופט.

דאָס האָבען די קאָרפּאָראַציעס איינגעזעהן און געגלויבט. און אָט פאַרוואָס עס איז באַנאַנגען געוואָרען דער לעצטער שענדליכער אַקט, אין וועלכען עס האָבען זיך באַטייליגט די פעדעראַלע געריכטען און די פעדעראַלע אַרמייען, און וואָס האָט זיך געענדיגט מיט דער נידערלאַגע פאַר אַרבייט.

וואָלט דאָס געווען אַלץ, אַן איינפאַכע נידערלאַגע פון אַן אַרבייטער אָרגאַניזאַציע, ווי צוברעכען און באַרויבט זי זאָל ניט זיין, וואָלטען מיר צוליעב דעם ניט געהאַט דאָ אַזאַ גרויסע פאַרזאַמלונג פון מענשען, וואָס ליעבען פרייהייט. די באַרויבטע, אומבאַשעפטיגטע און פאַרפאָלגטע קרבנות פון דער נידערלאַגע וואָלטען געליטען אין דער שטיל, אין זייערע פוסטע היימען, צווישען זייערע וויינענדע און יאָמערנדע ווייבער און קינדער. דאָס וואָלט געווען

נאך אן איבעריגע ווידערהאלונג פון דער אלטער, אלטער געשיכטע, וואס ווערט אזוי אפט געהערט אויפ'ן וועג פון פראגרעס און ארעמ־קייט אין די לעצטע דריי־פערטעל יאהרהונדערט, וואו מוטיגע מענשען, וואס זיינען טריי צו געזעץ און צו זייערע פליכטען, זיי־נען ארוים אין סטרייק צו פארבעסערען זייער לאגע, אדער ניט צו דערלאזען אן ערנידעריגונג, און האבען געהאט א נידערלאגע.

אבער אין דער נידערלאגע פון דער „אמעריקאן ריילוויי יוניאן" זיינען פארוויקעלט פראגען פון געזעץ, קאנסטיטוציע און רעגי־רונג, וואס האבען צו זיך קיין גלייכען ניט אין דער גאנצער גע־שיכטע פון געריכט און רעגירונג אונטער דער קאנסטיטוציע פון דער רעפובליק. און אט די געריכטליכע און אדמיניסטריטיווע איבערשטייגונג פון מאכט, צו באשרענקען די רעכט פון שטאאטען און אפנעמען די פרייהייטען פון מענשען, האט דאס צוגעגעבען אזא גרויסע וויכטיגקייט דעם פולמאן סטרייק. און אזוי וויכטיג איז דער סטרייק אין אט דער הינזיכט, אז ער האט צוגעצויגען די אויפמערקזאמקייט פון די גרעסטע אויטאריטעטען אין קאנס־טיטוציאנעלען געזעץ און פון שטאאטסמענער, וואס האבען, ווי דזשעפערסאן, מיט שרעק צוגעזעהן, ווי די רעפובליק ווערט אונ־טערגעבראכען, און א דעספאטיזם ווערט אויפגעשטעלט אויף איהרע רואינען.

איך האב געזאגט, אז אין דער גרויסער שלאכט פון ארבייט, וואס איז געקעמפט געווארען אין 1894 צווישען דער „אמעריקאן ריילוויי יוניאן" און די קארפאראציעס, וואס האבען זיך פאר־אייניגט אונטער דעם נאמען „דזשענעראל מענעדזשערס אסאסי־איישאן", וואלט דער זיג זיכער געווען אויף דער זייט פון אר־בייט, אויב מען וואלט נאר איבערגעלאזען די צווי פיינדליכע צדדים אויסצוקעמפען די שלאכט צווישען זיך. און אט די בא־הויפטונג מיינע, וואס איז באוויזען און פעסטגעשטעלט געווארען, אז עס קען שוין מעהר אין דעם ניט זיין קיין צווייפעל, הויבט אויף די פראגע : וואס נאך פאר מיטלען האבען די קארפאראציעס געהאט, אויסער זייער געלט און דער מאכט, וואס זייער פאראיי־ניגונג האט זיי געגעבען?

ענטפערענדיג אויף דער פראגע, וועל איך זיך האלטען שטרענג אין די גרענעצען פון די אנגענומענע פאקטען, וו זעאיך וועל זאגען, אז דאס גאנצע לאנד איז געווען ערשטוינט צו זעהן, ווי די קארפאראציעס האבען אויסגעאיבט זייער פארדארבענדען איינפלוס אויף יענע דעפארטמענטס פון דער רעגירונג, וואס זיינען זיי נויטיג געווען צו שלאגען ארבייט אין דעם גרעסטען קאמף פאר רעכט, וואס איז ווען עס איז פארגעקומען אין די פאראייניגטע שטאאטען.

געשלאגען אויף אלע פונקטען, מיט אלע פלענער צושטערט, ביינעקומען אין טאקטיק און סטראטעגיע, ווערענד די האפנונגען פון די ארבייטער האבען אלע העלער געשיינט, און דער זיג פון די ארבייטער איז שוין געווען גאר נאהענט, האבען די פארצווייפעלטע קארפאראציעס געשפיעלט זייער לעצטען טרומף אין דעם שפיעל פון אונטערדריקונג: זיי האבען אפעלירט צו דעם פעדעראלען געריכט און צו דער פעדעראלער אדמיניסטראציע. שנעל ווי א בליץ איז געקומען דער ענטפער. דאס איז געווען אזא אויסשטעלונג פון דער פארדארבענדער הערשאפט פון געלט, וואס דאס לאנד האט נאך קיינמאל פריהער ניט געזעהן.

דאס פאלק איז שוין לאנג געווען באקאנט מיט אזעלכע אויסדרוקען, ווי „געלט איז אלץ", „געלט הערשט", און דאס פאלק האט גענוג געזעהן אין די לעגיסלאטורען פון די שטאאטען און אין קאנגרעס, ווי אט די כללים זיינען ריכטיג. דאס פאלק איז גוט באקאנט געווען מיט דזשיי גולד'ס מעטאדען פון געווינען זיינע פראצעסען דורך „קויפען א ריכטער" אין קריטישע מאמענטען. ווי די יעגער שפירען נאך די טיגערען אין די געדיכטע וועלדער פון אינדיען, אזוי האט דאס פאלק נאכגעפאלגט די מאכט פון געלט, אט די רויב־חיה, ביז עס האט ענטדעקט איהר אנהויב אין די קארפאראטיווע אונטערנעמונגען, וואס אונזער מאדערנע ציוויליזאציע האט ארויסגעבראכט. אבער נאך קיינמאל אין דער געשיכטע פון לאנד האט דאס פאלק ניט געזעהן, ווי אט די מאכט פון גאלד האט אריינגעלאזען איהרע נעגעל אין די רעגירונג פון די פאראייניגטע שטאאטען, האט זי געבויגען צו איהר אייגענעם ווילען און האט פון

איהר געמאכט א קלענליכע פּאַראַדיע אויף איהר אמאָליגע גרויס־קייט.

דאָס פאָלק האָט געזעהן, ווי אַט די מאכט פון געלט איז אַריינ־געדרונגען אין די קירך; ווי זי האָט אַנגעריהרט די קליידער פון דעם פּריסטער ביים אַלטאַר, האָט באַפלעקט זיין נשמה, פאַרפּראַרען זיין האַרץ און איהם געמאַכט פאַר אַ פאַררעטער צו זיין היילינער שבועה. און אויב ער איז געבליבען טריי צו זיינע איבערצייגונגען, אידעען און אידעאַלען, האָט זי איהם פאַרטריבען און פאַרפאָלגט און איהם געצוואונגען אומזיסט צו זוכען אַ הייליגען אָרט, וואו צו פּרעדיגען קריסטוס'עס לעהרע פון ברידערליכקייט צווישען מענשען.

דאָס פאָלק האָט געזעהן, ווי אַט די מאכט פון געלט איז אַריינ־געדרונגען אין אוניווערסיטעט; ווי זי האָט דאָרט אָנגעכאַפּט דעם פּראָפעסאָר און האָט איהם אַרויסגעוואָרפען אין גאַס: ווייל יע־דער באַפרייטער, אויפגעקלערטער פאַרשטאַנד, וואָס איז טריי דעם אמת, ווייזט אָן און באַלויכט נייע וועגען צו דעם ציעל פון מענש־ליכען גליק און נאַציאָנאַלען רוהם.

דאָס פאָלק האָט געזעהן, ווי אַט די מאכט פון געלט איז אַריינ־וויקעלט די העכסטע קונסט פון פאַלשקייט, איז געוואָרען אַלץ פרע־כער און דעספּאָטישער, האָט בארויבט און צודריקט מענשען אָהן אַ צאָהל, האָט אויפגעבויט איהרע פעסטונגען פון די ביינער פון איהרע קרבנות און איהרע פּאַלאַצען פון די פּראָפיטען פון איהר רויב; ביז עס האָט זיך באַקומען דער קאָנטראַסט פון פורפור קליידער אויף איין זייט ן שמאַטעס אויף דער אַנדערער. און אַט די קאָנטראַסטען האָבען באַצייכענט די לאַגע אין דער איצטיגער געזעלשאַפט, ווי בערג־קייטען און טיילען באַצייכענען די גרענעצען צווישען פעלקער: אויף די בערג — פּאַלאַצען מיט מוזיק און טענץ און די לוקסוסען פון אַלע קלימאַטען; אין די טאָלען — קליינע, נידעריגע, פינסטערע וואוינונגען, וואו די מוזיק איז דאָס טרויעריגע „ליעד פון דעם העמד", און די לוקסוסען באַשטעהען פון שמאַטעס און פאַרדאַרטע שטיקלאַך ברויט.

אַט די אַלע זאַכען האָט דאָס פאָלק געזעהן. אָבער איהם איז

נאך געבליבען צו זעהן אין פארלויף פון דעם פולמאן סטרייק, ווי די מאכט פון געלט האט פארכאפט איינעם נאך דעם אנדערן די דעפארטמענטס פון דער רעגירונג און האט זיי געצוואונגען אויס־צופיהרען די באפעהלען פון די קארפאראציעס. אזוי האט אין די צייטען פון שקלאפעריי דער האר געקאנט דורך די רעגירונגס־מאכט צווינגען זיין קנעכט צו זיין איהם געהארכזאם.

די קארפאראציעס זיינען צוערשט באפאלען דעם געריכטליכען דעפארטמענט פון דער רעגירונג, א דעפארטמענט, אויף וועלכען טהאמאס דזשעפערסאן האט נאך געזאגט, אז ער האט פון אנהויב אן געשטעלט אין געפאהר די גאנצקייט פון דער רעפובליק.

זיי האבען ניט געמאכט זייער אנפאל אויף די אויבער־ריכטער. א קייט איז ניט שטארקער פון איהר שוואכסטען רינג; און קארפאראציעס האבען געוואוסט, וואו אט דער שוואכער רינג געפינט זיך, און וויפיעל אנשטרענגונג עס איז נויטיג איהם דורכ־צוברעכען. ווי אזוי האבען זיי געמאכט זייער אנפאל אויף אט דעם שוואכלינג אין דער געריכטליכער קייט?

איך ווייס גאנץ גוט, אז טונקעלע אנדייטונגען, אז עמיצער האט זיך פארקויפט, זיינען ווייט ניט קיין מוטיגע פארם פון באַ־שולדיגונג. אבער שענדליך איז געווען יעדער שריט אין די פאר־האנדלונגען, וואס האבען מיך און מיינע אפיציעלע קאלעגען גע־בראכט אין געפענגניש. יעדער שריט האט זיך געשטיצט אויף פאלשקייטען און פאלשע שבועות. אין די אלע אויסזאגונגען האט מען געקענט געפינען פונקט אזוי פיעל אמת, ווי מען קען געפינען טראפישע פלאנצען אין א נארד־פאל געגענד.

צוויי מענשען האבען זיך געקריגט צוליעב דעם, וואס איינער האט דער׳הרג׳עט דעם אנדערנ׳ס הונט מיט א האק. דער באלא־באס פון הונט האט געפרעגט: „ווען מיין הונט איז אויף אייך אנגעפאלען, פארוואס האט איהר ניט גענומען א ווייניגער גע־פעהרליכע זאך ווי א האק?" דער אנדערער האט געענטפערט: „פארוואס איז אייער הונט ניט אנגעקומען אויף מיר מיט דעם טייל, אין וועלכען עס זיינען ניטא קיין ציינער?"

א שפריכווארט זאגט: „באקעמפט דעם טייוועל מיט פייער".

פארוואס קען מען אין אט דער פארבינדונג ניט אנדרייטען, אז א ריכטער, וואס באשמוצט זיין הויכען אמט אויף דעם באפעהל פון געלט־מאכט, האט זיך מסתמא באשמירט מיט דעם אויל, וואס שטאמט פון א פאס, וואס געהערט צו א קארפאראציע, און רייכטום וועט זיין די באלוינונג פאר זיין ערנידעריגענדע געהארכזאמקייט ?

אויב דאס איז ניט אזוי, זאל מיר עמיצער ערקלערען, פארוואס א ריכטער, וואס איז געבונדען מיט א שבועה צו פאלגען דער קאנסטיטוציע, זאל אין דעם טעמפעל פון גערעכטיגקייט דערשטעכען די מאגנא כארטא פון אמעריקאנער פרייהייט אין די אינטערעסען פון קארפאראציעס, אז מען זאל קאנען אפנעמען פון ארבייט איהרע הייליגסטע רעכט און ארייננווארפען איהרע פארטיידיגער אין געפענגניש ווי פארברעכער ?

איהר קענט נעמען אזעלכע דעספאטישע האנדלונגען און אנאליזירען זיי אויף דעם שטרייננגסטען אופן, צו געפינען די פארבארגענע מאטיוון ; איהר קענט אויפשניידען דעם מארך און אויפעפענען דאס הארץ ; און ווען איהר וועט פארטיג ווערען, וועט איהר געפינען א צונג אין יעדען שניט פון אייער מעסער, — א צונג, וואס וועט זאגען נאר דאס איין ווארט : געלט.

אמאל איז געווען א הונט מיט א גוטער רעפוטאציע, וואס האט געהערט א קארפאראציע, און מען האט אט דעם גוטען הונט באשולדיגט אין הרג'ענען שאף, כאטש מען האט איהם קיינמאל ניט געכאפט ביים פארברעכען. פאר דער קארפאראציע איז ער אלעמאל געווען א געהארכזאמער הונט, וואס איז געווען גרייט צו לעקען די האנט פון באלאבאס ; און די קארפאראציע האט איהם ערקלערט פאר א פרידליכען און געזעץ־ליעבענדען הונט. אבער איינמאל האט מען געמאכט אן אויספארשונג, און מען האט געפונען ביים הונט וואל צווישען די צייהן. פון דאן אן, כאטש די קארפאראציע האט איהם שטארק פארטיידיגט, האט מען איהם שוין געהאלטען פאר א הונט, וואס פארצוקט שאף.

די וועלט קען ניט וויסען, וואס פאר מעטאדען קארפאראציעס ווענדען אן ארויסצוקריגען דעספאטישע באפעהלען, וואס זיינען

פאַר זיי נויטיג. אָבער אַלע ווייסען, אַז ווען מען וואָלט נאָר גע־קענט מאַכען אַן אויספאָרשונג, וואָלט מען זיכער געפונען וואָל ביים ריכטער צווישען די צייהן.

איך האַלט זיך ניט פאַר אַ געלעהרטען אין דער פראַגע פון ערב־שאַפט. דאָך בין איך איבערצייגט, אַז מענשען ירש'ענען זייערע אייגענשאַפטען און באַזונדערהייטען פון די מאַלעקולען, פון וועל־כע זיי האָבען זיך ענטוויקעלט. ווער איז שולדיג, אויב דער מאָ־דערנער מענש האָט מעהר טייוועלשעס, איידער געטליכעס אין זיין נאַטור, ניט קוקענדיג אויף די ציוויליזירענדע איינפלוסען, די בי־כער, די סצענע, די רעדנער פלאַטפאָרם?

מיר וועלען איבערלאָזען די פראַגע אומפארענטפערט, ווי זי איז געבליבען אין דער פאַרגאַנגענהייט. מיר דאַרפען אָבער זאָ־גען, אַז מענשען, וואָס האָבען דאָס שטימרעכט, מאַכען אַ געפעהר־ליכען טעות, ווען זיי ערוועהלען גייסטיגע און מאָראַלע קריפּעלס און באַקליידען זיי מיט דעספּאָטישער מאַכט. ווען אַזעלכע באַשע־פענישען טראָגען אויף זיך די צייכענס פון אויטאָריטעט, דאַן זיינען רעכט, גערעכטיגקייט און פרייהייט אין שטענדיגער געפאַהר.

האָבען מיר דען היינט אַן אורזאַך צו באַנוצען זיך מיט שעה־נע ווערטער, ווען מיר ווענדען זיך צו דער קאָנסטיטוציע פון דער רעפּובליק? די, וואָס ווייסען פון אייגענער ערפאַהרונג, אָדער פון לעזען וועגען שטורעמס אויפ'ן ים, וועלען זיך דערמאָנען אַן שיפען מיט פון שטורעמווינט צוריסענע זעגלען, וואָס ווערען ארומגעוואָר־פען אויף די רושיגע וועלען, און וואָס לאָזען ארוים סיגנאַלען, רו־פענדיג נאָך הילף. שוין אַזוי פיעל טעג האָבען די וואָלקענס פאַר־שטעלט די זון און די שטערען, און נאָר דאָס אויג פון דעם אַל־מעכטיגען קאָן זעהן, וואוהין דאָס שיף שווימט. און היינט האָט די קאָנסטיטוציע פון אונזער שטאַאטס־שיף, די קאַרטע, וואָס האָט עס געפיהרט אין פאַרלויף פון אַ יאָהרהונדערט, באַגעגענט אַ גע־ריכטליכען שטורעם, און נאָר די געטער פון אונזערע ערלטערן קע־נען וויסען, וואוהין דאָס שיף שווימט. אמת, לאַנגפעלאָו, באַגייס־טערט פון אַ גרויסער האָפנונג, האָט געזונגען וועגען דעם גוטען אַלטען שיף:

„מיר ווייסען דעם האר, וואס האט געלייגט דיין גרונד־באלקען,
די ארבייטער, וואס האבען אויסגעארבייט דיינע שטאהלענע זייטען,
וואס האבען געמאכט יעדען מאסט, יעדען זעגעל און שטריק.
דעם שמיד־קלאץ, וואס האט געהילכט, די האמערס, וואס האבען געקלאפט,
דעם שמעלץ־אויוועז און די היץ, אין וועלכע
עס זיינען באשאפען געווארען
די אקערס פון דיין האפנונג".

אבער דער פאעט האט דאס געשריבען, איידער די קארטע, וואס האט געפיהרט דאס גוטע אלטע שיף, איז צוקנייטשט און צוריסען געווארען, און פארווארפען געווארען, ווי עפעס א פאר־עכטליכע זאך; איידער די קארפאראציעס האבען געוואוסט דעם פרייז פון ריכטער, געזעצגעבער און עפענטליכע בעאמטע פונקט אזוי גענוי, ווי ארמאר ווייס דעם פרייז פון שוויינענפלייש און שעפ־סענפלייש.

לאנגפעלאו האט געשריבען, איידער מענשען מיט קליינע קעפ און גרויסע קעשענעס זיינען דערהויבען געווארען צו עפענטליכע עמטער, און איידער די קארפאראציעס האבען געהערשט אין די גע־ריכטען און די געזעצגעבענדע קאמערן.

קיין געניאלער שרייבער, קיין באגייסטערטער פאעט קען שוין איצט ניט שרייבען אין א גייסט פון פייערדיגען פאטריאטיזם וועגען דער אלטער קאנסטיטוציע, און וועט ניט קענען שרייבען, ביז דאס פאלק וועט זיך ניט באנוצען מיט דעם אלמעכטיגען שטימרעכט צו פארריכטען די אלטע קארטע, פארמאכען די ריסען און שפאלטען, וואס די ריכטער האבען געמאכט אין איהר פאר דער בעקוועמ־ליכקייט פון מיליאנערען און קארפאראציעס.

איך בין דא היינט אויפגעלעגט צו פארטיידיגען און פארהער־ליכען פרייהייט דערפאר, ווייל איך קען איצט ווידער פארקערען מיט מיינע מיטבירגער אויסערהאלב די שלעסער און ריגלען פון דער געפענגניש.

שעקספיר האט געזאגט:

„זיס איז די ערפאהרונג פון נויט.
זי איז ווי א העסליכער און גיפטיגער פראש,
וואס טראגט אין זיין קאפ א טייערען שטיין".

איך בין אביסעל באַקאַנט מיט נויט. און מיט דער פילאָסאָפיע, אויף וועלכע איך בין פעהיג, האָב איך פון איהר ארויסגענומען אזוי פיעל „זיסע ערפאהרונג", וויפיעל זי האָט אין זיך געהאָט. אך ווייס ווענינ וועגען פרעש, אויסער דעם געריכטליכען מין; און אויב זיי האָבען יע טייערע שטיינער אין זייערע קעפּ אָדער אין זייערע הערצער, איז מיר דאָס ניט באשערט געווען צו זעהן, כאָטש די קאָרפּאָראציעס זיינען אין דעם, ווייזט אויס, געווען מעהר ערפאָלגרייך.

דער אומשטערבליכער פּאָעט האָט אויך געשריבען, אז
„אָט דאָס לעבען אונזערע, באַפרייט פון עפענטליכען באַזוך,
געפינט צינגער אין בוימער, ביכער אין מורמלענע טייכלאַך,
הרשות אין שטיינער און גוטסקייט אין אַלץ ארום".

אויב זיין הינטער שלאָס און ריגעל אין געפענגניש הייסט זיין, „באפרייט פון עפענטליכען באַזוך", דאן האָב איך פאר די לעצטע זעקס מאָנאטען זיכער געהאט אזא פרייהייט, מיט דער גאַנצער פרייד, וואָס מען קען נאָר געפינען, ווען מען הערט זיך צו צו דער שפּראַך פון בוימער, צו די באַצויבערנדע לעהרען אין די ביכער פון די מורמלענדע טייכלאַך און צו די טיפזיניגע דרשות פון די שטיינער. עס איז ניטאָ קיין איין בוים אין דעם הויף פון וואודסטאַק דזשייל, אָדער דערביי, צו וועמעס מעלאָדיען אָדער קללות איך האָב זיך ניט צוגעהערט אין געדאַנק, ווען פרייהייט, דעספּאָטיזם אָדער גערעכטיגקייט איז געווען די טעמאָ.

דער דיכטער פון אייוואָן, דער איין־איינציגער שעקספּיר פון אַלע צייטען איז געווען אויף דעם העכסטען פּונקט פון געטליכער באַגייסטערונג, ווען ער האָט געזאָגט, אז מען קען אויסגעפינען די שפּראַך פון בוימער. און קיינמאָל, זינט בוימער זיינען פאַרפלאַנצט געוואָרען אין גן־עדן, האָט נאָך די שפּראַך פון בוימער ניט ארויסגערעדט עפּעס, וואָס איז פיינדליך צו פרייהייט.

און זייענדיג אין געפענגניש, באַפרייט אויף אַ צייט פון געריכטליכער פאַרפאָלגונג, האָבען מיר די רייד פון די בוימער און די רייד פון פריינד געלערנט, אז זיסע ערפאהרונג קען ארויסגענומען ווערען פון נויט.

און ניט ווייניגער גליקליך בין איך געווען, ווען איך האב אין מיין פארשטעלונג געזעהן א בוך אין דעם מורמלענדען טייכעל, וואס האט געלאכט און געזונגען און געטאנצט אויפ'ן וועג צום ים; און אויף יעדען בלאט פון בוך איז געווען אנגעשריבען א געטליכער געזאנג צו פרייהייט און ליעבע און מיטגעפיהל, ווי די מענשליכע שטים האט ווען עס איז געזונגען.

און וואס אנבעטרעפט די שטיינער אין וואודסטאק דזשייל, האבען זיי אייביג געפרעדיגט. און זייער טעמא איז געווען אלץ וואס איז גוט און שלעכט צווישען מענשען.

אין געפענגניש בין איך געווען שטארק באשעפטיגט; און די צייט צו מאכען באטראכטונגען און געבען מיין פארשטעלונגס קראפט פולע פרייהייט איז געווען, ווען די טעגליכע ארבייט איז געווען געענדיגט, און די נאכט האט ארונטערגעלאזען איהר שווארצען פארהאנג און איינגעהילט די וועלט אין פינסטערניש, און די פינסטערניש איז נאר דורכגעבראכען געווארען פון די וואכזאמע שטערען און פון דער ערד'ס זילבערנער באגלייטערין, וואס „געהט אין באצויבערענדער שעהנהייט צו איהר נאכטיגען טראן".

אט אין אזעלכע צייטען פלעגען דאס די שטיינער אנהויבען פרעדיגען, און זיי פלעגען זיך צייטענווייז דערהויבען ביז צו דער הערליכקייט און גרויסקייט פון דער „פרעדיגונג אויף דעם בארג. *)

פיעלע וועלען אפשר צווייפלען, צי אזא זאך קען נאר אנריהרען איינעם'ס פארשטעלונגס-קראפט. מיר ווייסען, אז עזאפ האט גע־לערנט די וועלט דורך פאבלען, און קריסטוס — דורך פאראבלען, אבער איך געדיינק, אז די אלטע „שטיין פרעדיגער" זיינען גע־ווען פונקט אזוי עפיגראמאטיש, ווי אן אומפארקירצט ווערטער-בוך.

איך געדיינק, ווי אן אלטער גייסטליכער האט איין אווענט גענומען דזשארדזש מ. פולמאן פאר זיין טעקסט. ער האט גע־זאגט: „דזשארדזש איז א שלעכטע איי — זייט פארזיכטיג מיט איהר. ווארום צוברעכט איהר דעם שאלעכץ, וועט שיקאגא אין איין

*) די שטארקסטע פרעדיגונג פון יהושע הנוצרי וואס איז פאראן אין די קאפיטלעך 5, 6 און 7 פון דעם ברית החדשה פון מתתיהו.

שעה פארלירען איהר גאנצע באפעלקערונג". אלע האבען געזאגט „אמן", און די דינסט האט זיך געענדיגט.

אן אנדער אלטער פרעדיגער האט געזאגט, אז ער פרעדיגט שוין דא פון דער צייט, ווען דער מענש איז געוועזען א מאלעקול, און ער האט ערקלערט, אז ער האט די לעצטע צייט שטודירט קארפאראציעס, און זיי זיינען אן אנוואוקס אויף דער נאז פון אונזערע נאציאנאלע אינדוסטריען; זיי זיינען רויב־פויגלען, וועמעס שנאבלען און נעגעל צורייסען און פארוואונדען די איננעווייד פון ארבייט און פארוואנדלען די ארבייטער היימען אין הייעלן.

אן אנדער אלטער שטיין האט ערקלערט, אז עס וויס וועגען סטרייקס מעהר ווי קעראל ד. ראיט, און אז ער האט אליין נאך געזעהן, ווי די שקלאפען האבען געבויט פיראמידען. און גאט אליין האט געלערנט די בליצען, דונערען, ווינטען, וועלען און ערדציטערנישען צו סטרייקען און אז סטרייקס וועלען אנגעהן, מיט דער הילף פון שווערד אדער פון שטימרעכט, ביז די ארבייטער וועלען מעהר ניט ווערען אפגענארט און פארפיהרט פון זייערע פיינד; זיי וועלען זיך פאראייניגען, וועלען ערקלערען זייער אומאבהענגיגקייט און וועלען ווערען פרייע מענשען.

א יע, שעקספיר איז גערעכט געווען, ווען ער האט געזאגט, אז שטיינער קענען פרעדיגען. איך געדיינק, ווי א שפיציגער אלטער שטיין האט ערקלערט, אז ער איז געווען א טייל פון דעם ברוק פון א הימלישער גאס, איידער גאלד איז דארט אנגענומען געווארען. ער האט געהאלטען א דרשה וועגען געריכטען. ער האט געזאגט, אז די געריכטען האלטען אין איין אפלייקענען די הימלישע באפעהלען פון דעם טאג אן, ווען לוציפער איז ארונטערגעווארפען געווארען אין אפגרונד. רעדענדיג וועגען אונזער סופרים קאורט, האט ער געזאגט, אז דאס איז א נעסט פון חיות, וואס האלטען אין איין נאגען די שעהנע שלאנקע זיילען אין דעם טעמפעל פון אונזערע פרייהייטען. איך קען נאך איצט זעהן, ווי זיינע אויגען פון אונטער די שטיינערנע אויגען־דעקלאך האבען געשפריצט מיט פייער, און זיינע שטיינערנע ליפען האבען געציטערט, ווען ער

האָט ארויסגערעדט די קללות אויף דעם געריכטליכען פאררעכט פון קאָנסטיטוציאָנעלער פרייהייט.

אָבער פון צייט צו צייט פלעגט אַן אַלטער ברוכשטיין מיט א קרעכץ, וואָס האָט געקלאַפּט מיט יעדער מענשליכער פרייד אין יעדען מענשליכען וועה, פרעדיגען ליעבע און מיטגעפיהל און אַנדערע ערהאבענע געפיהלען, וואָס לעבען נאָך אפילו אין די הערצער פון שטיינער, ניט קוקענדיג אויף דער ווירקונג פון ערבליכקייט. איין אַלטער גייסטליכער האָט איבערגעלייענט די פּלוטאָקראַטישע דאָקומענטען וועגען דעם פּולמאַן סטרייק און די פּלוטאָקראַטישע קללות אויף סימפּאַטיע, ווען איין ארבייטער, באַוועגט פון געטליכער ליעבע, האָט ארויסגעוויזען סימפּאַטיע זיין ברודער אין נויט. דער גייסטליכער האָט דאָס גענומען פאר א טעמא און האָט ערקלערט, אז סימפּאַטיע איז איינע פון די אומשטערבליכסטע בלומען אין דער הימלישער שטאָדט, און אז מלאכים האָבען זי איבערגעפלאַנצט אין גן־עדן פאר דעם בליק פון אדם און חוה, און אז די ווינטען האָבען צוטראָגען איהרע זוימען איבער דער גאַנצער ערד. ער האָט ערקלערט, אז קיין מענשליכקייט, דערהויבונג, פאַרפיינערונג, פאראיידעלונג קען ניט אויסקומען אָהן סימפּאַטיע. סימפּאַטיע, האָט ער געזאָגט, ווערט דערוואַרימט אין יעדען זונשטראַהל, ווערט דערפרישט אין יעדען ווינטעל, וואָס צושפּרייט איבער דער ערד דעם דופט פון די בלומען, און בליהט מיט דעם הייליגען שיין פון די שטערען אין די טיפע הימלען.

ריידענענדיג וועגען די מענער און פרויען פון אנדערע ארבייטער אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבען סימפּאַטיזירט מיט דער „אַמעריקאַן ריילוויי יוניאָן“ אין איהרע אָנשטרייננגונגען צו רעטען די פּולמאַן שקלאַפען פון א הונגער טויט, האָט דער אַלטער פּרעדיגער ארויפגעלייגט אויף זייערע קעפּ א קרוין פון טייערע שטיינער, און ער האָט געזאָגט, אז אין אַלע אומשטענדען פון לעבען, אין נויט און אין וואוילזיין, אין שטאַרקער יוגענד און אין צייט פון אַלטקייט, אַלעמאָל וועט זייער סימפּאַטיע מיט די קרבנות פון די פּולמאַן רויבער זיין דער שענסטער מאָמענט אין זייער גאַנצען לעבען. און ווען זיי וועלען אָנקומען צו די פּערלדיגע טויערען פון

גן־עדן, וועלען זיי זיך ברייט עפענען פאר זיי, און מלאכים וועלען זיי אויפנעמען מיט פרייד געשרייען.

איך קער זיך איצט אום צו דער פראקטישער לעהרע פון הייג־טיגער „באפרייאונגס" דעמאנסטראציע. די היינטיגע פארזאמלונג באווייזט, אז די פרייהייטס ליעבענדע אמעריקאנער נעמען זיך צו דער ארבייט צו רעטען זייערע קאנסטיטוציאנעלע פרייהייטען פון די נעגעל פון מאנאפאל און איהרע געדונגענע קנעכט. דאס מיינט, אז מענשען האבען דערזעהן די געפאהר, און אז אגיטאציע, ארגא־ניזאציע און פאראייניגונג וועלען זיין די צוקונפטיגע שלאגווערטער פון מענשען, וואס ווילען פאר קיין פאל ניט שיידען זיך מיט זייע־רע הייליגסטע רעכט, וואס וועלען האבען דעם מוט אויסצושרייען, ווי פאטריק הענרי: „גיט אונז פרייהייט, אדער גיט אונז טויט!"

איך האב איבערגעטראגען מיין נעפאנגענשאפט אזוי רוהיג, ווי איך האב נאר געקענט. ווען איך וואלט געווען א פארברעכער; ווען איך וואלט געווען שולדיג אין פארברעכענס, פאר וועלכע מען דארף באשטראפט ווערען מיט געפענגניש; ווען איך וואלט ווען עס איז אויפגעהויבען מיין האנט אנטקעגען מיינע מיטמענשען, זייער לעבען אדער זייער פרייהייט אדער גוטען נאמען, — דאן וואלט איך דא ניט געווען. איך וואלט אנטלאפען פון די ציוויליזאציאנס צענטערען און וואלט זיך באזעצט ערגעץ אין א הייהל, וואו די שטים פון מיינע מיטמענשען ווערט קיינמאל ניט געהערט. אבער איך שטעה דא און פיהל זיך ניט שולדיג אין קיין פארברעכען אדער פארברעכערישער אבזיכט, איך שטעה מיט א ריינעם געוויסען. ווידער אמאל אין זונליכט און צווישען מיינע מיטמענשען, און איך טו אלץ וואס איך קען צו מאכען דעם היינטיגען „באפרייאונגס טאג" פאר אן אומפארגעסליכען טאג, איינשטימענדיג מיט דזשיימס ראסעל לאועל, אז:

„דער איז טריי צו גאט, וואס איז טריי צו מענשען; וואו נאר אן אומגערעכטיגקייט ווערט באגאנגען,
צו די נידעריגע און די שוואכסטע, אונטער דער אלזעהענדער זון.
אזא אומגערעכטיגקייט ווערט אויך באגאנגען געגען אונז; און די זיינען געמיינע קנעכט,
וואס ליעבען רעכט נאר פאר זיך אליין און ניט פאר זייער גאנצען מין".

# ווי אזוי איך בין געוואָרען אַ סאָציאַליסט

(„דהי נויאָרק קאַמרעיד“, אַפּריל, 1902)

פרייטאג אָוונט, דעם 27טען פעברואר, 1876, איז אין טער-אָט, אינדיאַנא, אָרגאניזירט געוואָרען אַן אָרטיגע אָפּטיילונג (אַ לאָקאַל) פון דער „בראָדערהוד אָוו לאָקאָמאָטיוו פייערמען“. אָר-גאַניזירט דעם לאָקאַל האָט דער דאַמאָלסדיגער גרענד־מאַסטער פון דער ברודערשאַפט יהושע אַ. ליטש. איך בין געווען איינער פון די ערשטע מיטגליעדער און אויסגעוועהלט געוואָרען פאַר דעם סעקרעטער פון לאָקאַל. ליטש, אַ טיפּישער לאָקאָמאָטיוו־הייצער פון יענער צייט, איז געווען דער גרינדער פון דער „בראָדערהוד“ ער האָט מיך גלייך צוגעצויגען צו זיך מיט זיין אומגעהובעלטער, ניט־פאַרפּוצטער עהרליכקייט, איינפאַכען האַלטען זיך און מיט דער וואַרעמקייט פון זיין שטימע.

ווי גוט געדענק איך נאָך איצט, ווי ער האַלט זיין גרויסע האַנט אויף מיין פּלייצע און קוקענדיג אין מיינע אויגען מיט'ן פריינדליכען בליק פון אַן עלטערען ברודער זאָגט ער צו מיר: „מיין זוהן, דו ביסט נאָך יונג, אָבער איך גלויב אין דיין ערענסט־קייט און אין דעם, אַז דו וועסט מאַכען אַ רושם אין דער יוניאָן“. איך האָב איהם, פאַרשטעהט זיך, פאַרזיכערט, אַז איך וועל טאָן אַלץ, וואָס מיינע כחות וועלען נאָר ערלויבען. די מיינונג, וואָס ליטש האָט געהאַט וועגען מיר, האָט ניט וועניג געשמייכעלט מיין אינגעלשער גאווה. איך האָב געהערט, אַז מיט אַ פּאָר מאָ-נאַטען שפּעטער, אויף אַ מיטינג אין סט. לואיס, אָפּגעבענדיג אַ באַריכט וועגען זיין ארבייט, האָט ער באַמערקט: „איך האָב ניט לאַנג צוריק אריינגענומען אַ פלאַקס־האָריגען יונג אין דער אָרגאַ-ניזאַציע אין טער־אָט און איך גלויב, אַז ער וועט שטעהן אַמאָל אין דער שפּיץ פון דער ברודערשאַפט“.

זיבען־און־צוואַנציג יאָהר זיינען זינט דאַמאָלט פאַראיבער, און וואָס נאָר האָבען זיי פון אַלעמען ניט געמאַכט! ווען איך

האָב ניט לאַנג צוריק באַגעגענט ליטש'ן און גערריקט זיין גוטע האַנט, האָב איך באַמערקט, אַז ער איז שוין באַשאָטען מיט שניי, וואָס צוגעהט קיינמאָל ניט... און טראַכטענדיג וועגען איהם איצט:

„די זכרונות וואַכען אויף און פליהען מיט'ן שנעלען צוג
אַזוי ווייט, און דאָך — אַזוי ליעב און נאָהנט...

אַזוי ארום בין איך אריינגעטראָטען אין אַן ארבייטער אָרגאַ־ניזאַציע. אַ נייע האָפנונג האָט צופלאַמט מיין אמביציע און אי־בערגעביטען דעם גאַנצען גאַנג פון מיין לעבען. איך בין געווען פול מיט ענטוזיאַזם און מיין בלוט איז פשוט געשפּרונגען אין מיינע אָדערען. טאָג און נאַכט האָב איך געארבייט פאַר דער יוניאָן. צו זעהן איהרע וואַך־פייערען פלאַקערען און נאָכפאָלגען דאָס וואַקסען פון איהר מיטגלידערשאַפט איז געווען דאָס זונשיין און זומער־רעגען פון מיין לעבען; אַ מיטינג פון לאָקאַל איז גע־ווען מיין העכסטער גליק און פאַר צעהן יאָהר צייט האָב איך היין איינמאָל ניט געפעהלט אויף אַ פאַרזאַמלונג פון די טרייע מיט־גלידער פון דער ברודערשאַפט.

אויף דעם צוזאַמענפאָהר אין 1878 בין איך אויסגעקליבען געוואָרען פאַר געהילפס־רעדאַקטאָר פון זשורנאַל, וואָס די ברור־דערשאַפט האָט ארויסגעגעבען, און אין יאָהר 1880 בין איך גע־וואָרען דער סעקרעטער און טרעזשורער. מיט מיין גאַנצען יוגענד־פייער האָב איך זיך אריינגעוואָרפען אין דעם ים פון קאַמף, וואָס איז געווען פול מיט האָפנונג און מעגליכקייטען. אכטצעהן שטונ־דען נאָכאַנאַנד פלעג איך זיין ביי מיין שרייב־טיש, ענטפערענדיג אויף בריף און אָנפראַגען. די נאַכט איז געווען דאָס זעלבע פאַר מיר, וואָס דער טאָג און שלאָפען האָב איך געהאַלטען פאַר אַן אומ־זיסט גע'פטר'טע צייט. און ווען מיין מוטער, אָן וועמעס אנווע־זענהייט איך פלעג, צוליעב מיין פאַרטיעפטקייט אין דער ארבייט, איינגאַנצען פאַרגעסען, האָט אין די שפּעטע נאַכט־שטונדען אמאָל פאַרלאָשען דעם לאָמפּ, פלעג איך זיך לייגען שלאָפען אומצופרידען, פּראָטעסטירענדיג. אַ, צייטען פון אונגעשטילטען ווילען און פאַר־צעהרענדער אמביציע! איך האָב געפיהלט דעם פּולס פון מיין ארבייט, און איך האָב געשפּריזט אין טאַקט מיט איהר ערפאָלג.

מיין רייזע־זאַק איז שטענדיג געווען פאַרטיג און איך בין אַלע מאָל באַרייט געווען זיך צו לאָזען, וואו די אַרבייט זאָל נאָר רופען. אַרומשלעפּען זיך איבער'ן באַהן־הויף אין שניי, רעגען און האָגעל האַלבע נעכט, אָדער ביז באַגינען; אַרויסגעוואָרפען ווערען אַלס אַגיטאַטאָר, אַרונטערגעשמיסען ווערען פון א באַהן גראַד ווען כ'האָב זיך געקליבען מאַכען א פרייע רייזע, — דאָס אַלץ איז געווען אין פּראָגראַם און האָט נאָך מעהר אויפגעוועקט דעם אַפּעטיט צום זיעג. אַמאָל אין א ווינטער־נאַכט האָט א קאָנ־דוקטאָר אין עלמיירא, נ. י. מיך זעהר ליעבליך אַראָפּגעשטופּט פון א צוג און ווען כ'האָב אין שניי אָנגעהויבען צו קלעטערען, בין איך אַריינגעפאַלען אין די אַרעמס פון א פּאָליסמאַן, וואָס האָט אויס־געהערט מיין ערפאַהרונג און איז אויפ'ן אָרט מיר געוואָרען א פריינד.

איך בין אויסגעווען פון איין עק לאַנד ביז'ן צווייטען, גע־שלאָפען אויף בענק, געגעסען פון די מיטאַג־קערבלעך ביי די פאַרשוואַרצטע הייצערס, וואָס זיינען נאָך ביז איצט אַזוי נאָהענט צו מיין האַרצען און וועלען עס פאַרבלייבען ביז מיין האַרץ וועט אין גאַנצען קאַלט און שטיל ווערען.

דורך די אַלע יאָהרען האָב איך זיך גענעהרט ביים „פּראָלע־טאַרישען קוואַל“. איך האָב געטרונקען פון זיינע וואַסערען, און יעדער צעל פון מיין קערפּער איז אָנגעזאַפּט געוואָרען מיט'ן גייסט פון אַרבייטער פאָלק. איך האָב געפיהרט א לאָקאָמאָטיוו און דורכגעטראָגען אַלע שוועריגקייטען פון באַהן־אַרבייטער. איך בין געווען מיט זיי אין זייערע לאַנגווייליגע און אומעטיגע שעה'ן. איך בין געווען מיט זיי, ווען דער לאָקאָמאָטיוו פלעגט צובראָכען ווערען און איך פלעג העלפען אַהיימברייגען זייערע פאַרבלוטיג־טע קערפּערס צו זייערע פרויען און קינדער. ווי אַזוי האָב איך געקאָנט ניט פיהלען די שווערע משא פון אומגערעכטיגקייט, וואָס ליגט אויף זיי? ווי אַזוי האָבען געקאָנט די זוימען פון אויפרעגונג ניט אַריינלאָזען טיעפע וואָרצלען אין מיין האַרץ?

און אַזוי בין איך אַלץ מעהר אַריינגעצויגען געוואָרען אין דער אַרבייט פון אָרגאַניזירען ניט נאָר די הייצערס, נאָר אויך די רעל־סען־אַרבייטער, די ברעמזער (וואָס פאַסען אויף די רעדער), די

אַרבייטער אין די באַהן־וואַרשטאַטען, די טעלעגראַפּיסטען, פּאַקטיש אַלע פאַכען און טיילען פון דער אייזענבאַהן־אַרבייטערשאַפט. באַקאַנט אַלס אָרגאַניזאַטאָר, בין איך אַלץ אָפטער און אָפטער גערופען געוואָרען צו העלפען בויען און קעמפען. עס זיינען פאַרהאַן ווייניג פאַכען, וואָס איך האָב ניט געהאָלפען אָרגאַניזירען, און נאָך ווייניגער, אין וועמעס סטרייקס איך האָב זיך אַזוי אָדער אַנדערש ניט באַטייליגט.

אין 1894 איז אָרגאַניזירט געוואָרען די „אַמעריקאַן רייל־וויי יוניאָן“, דער אַלגעמיינער פאַרבאַנד פון אַלע, אָהן אונטערשיעד פון פאַך, אייזענבאַהן־אַרבייטער, און קיינמאָל נאָך האָט קיין מוטיגערע גרופּע מענשען ניט געקעמפט דעם קאַמף פון אַרבייטער־קלאַס.

ביז יענער צייט האָב איך זעהר ווייניג געוואוסט פון סאָציאַליזם. מיר איז געווען פרעמד די גאַנצע באַוועגונג און דאָס ביסעל, וואָס איך האָב יאָ געוואוסט האָט מיך ניט אויפגעלייגט פריינדליכער צום סאָציאַליזם. איך בין געווען גענצליך פאַרנומען מיט׳ן געדאַנק פון אָרגאַניזירען אַלע באַהן־אַרבייטער, און מיין חלום איז געווען די אָרגאַניזירונג פון גאַנצען אַרבייטער־קלאַס. דאָס האָט פאַרנומען מיין גאַנצע צייט און ענערגיע. מיין טיעפּסטע איבערצייגונג איז געווען, אַז ווען די אַרבייטער פון יעדען פאַך זאָלען זיין אָרגאַניזירט און זאָלען ווירקען האַרמאָניש צוזאַמען, וואָלטען זיי געקאָנט אָפּשאַפען אַלע אומגערעכטיגקייטען, וואָס ווערען נעגען זיי באַגאַנגען, און רעגולירען די באַדינגונגען פון אַרבייט. אויב די באַלעבאַטים קאָנען האַנדלען פאַראייניגט — פאַרוואָס ניט די אַרבייטער? עס איז געווען גאַנץ פּשוט: טוט נאָך אייערע באַלעבאַטים.

עס איז איבעריג צו זאָגען, אַז איך האָב ערשט געדאַרפט לערנען די אַרט ווי עס אַרבייט די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם. אין ווירקליך, מיר איז גאַרנישט איינגעפאַלען, אַז עס איז דאָ אַ ס י ס ט ע ם. די אָפּשאַפונג פון דער לוין־שקלאַפעריי האָט גאַרנישט געהאַט צו טאָן מיט מיינע פּלענער. איך בין ערשט געווען טיעף באַזאָרגט ווי צו פאַרפאָלקאָמענען די לוין־אַרבייט און מאַכען זי פאַר אַ זאַך פון איבּיגען גליק און שעהנקייט.

פארטראכטענדיג זיך אויף יענער צייט, קומט מיר אוים זעהר מאָדנע, וואָס מיין גאנצער געדאנק איז געווען אזוי קאָנצענטרירט אויף איין־איינציגען פונקט, אז איך האָב ניט באמערקט דאָס, וואס איצט איז עס פאר מיר קלאָר ווי די זון. אזוי קלאָר, אז כ׳קאָן גאָר ניט פארשטעהן, ווי אזוי אן ארבייטער, וואס איז ניט טעמפּ און נאריש, קאָן עס ניט באמערקען.

און אפשר איז עס בעסער, וואס עס איז אזוי געוועזען. מיר איז באשערט געווען געטויפט צו ווערען אין הייליגען וואסער פון סאָציאַליזם אין א צייט פון רוישיגען קאָנפליקט צווישען קאפּי־טאל און ארבייט. דאנק איך די הימלען פאר געבען מיר אזא געלעגענהייט, צו דערזעהן דאָס ליכט אינ׳ם סאמע שטורעם פונ׳ם סאָציאלען הימעל, — דאָס ליכט וואס שטראמט מיט אלץ גרעסע־רען גלאנץ אויף דעם בריימען שליאך צו דער סאָציאליסטישער רעפּובליק.

די פאָדערשטע רייהען פון דער „אמעריקאן רייללוויי יוניאָן“ האָבען געהאט געמאכט גרויסען פאָרטשריט. א רייהע קליינע שלאכטען זיינען געוואונען געוואָרען אָהן די מינדעסטע פארלוסטען. איידער זיך צו טרעפען אין קאמף פנים אל פנים, האָבען די באלעבאטים געגעבען א רייהע קאָנצעסיאָנען צו די אר־בייטער. דערנאָך איז געקומען דער קאמף פון דער „גרייט נאָר־טהערן“ ליניע: קורץ, שארף און ענטשיידענד. דער זיעג איז געווען פאָלשטענדיג — דער איינציגער באדייטענדער זיעג, וואָס די באהן־ארבייטער האָבען ווען־ניט־איז געוואונען אין אמעריקא.

דער נאָך איז געקומען דער לעצטער קלאפּ — דער פּולמאן סטרייק — און די „אמעריקאן רייללוויי יוניאָן“ האָט ווידער געהאט א פולשטענדיגען זיעג. הילפלאָז און פאראליזירט זיינען געווען די פאראייניגטע באהן־קאָרפּאָראציעס. אָבער א רייהע קלעפּ, גאנץ אומערווארטעט, זיינען פון פארשידענע זייטען געפאלען אויף אונז. א ווייל זיינען מיינע אויגען בלינד געווען, אָבער באלד האָב איך דערזעהן דאָס אמת׳ע ליכט. אין גלאנץ פון יעדען באיאָנעט, אין רויך פון יעדער ביקס האָט זיך דער ק ל א ס ע ן ־ ק א מ ף ענטפּלעקט צו מיר. דאָס איז געווען מיין ערשטע לעקציע אין

סאָציאַליזם, כאָטש איך האָב נאָך דאַמאָלט ניט געוואוסט, אַז דאָס איז סאָציאַליזם.

מען האָט גערונגען און אַרויסגעלאָזען געגען אונז אַן אַרמיי פון דעטעקטיווס און באַנדיטען; אַלטע וואַגאָנען האָט מען גע־ברענט און אָהן אויפהער האָבען געקלונגען די פייער גלאָקען.

דעם עולם האָט מען געהאַלטען אין איין שרעקען, און די שרעקליכסטע קלאַנגען זיינען פאַרשפּרייט געוואָרען, אַז אַ רויטע באַנדע האָט אין איהרע נעגעל אַריינגעכאַפּט דעם האַלז פון שי־קאַגאָ. אינדזשאָנקשאָנס זיינען געפלויגען רעכטס און לינקס. מען האָט געהאַלטען אין איין אַרעסטירען. אונזער אָפּיס, וואָס איז געווען דאָס האַרץ פון סטרייק, איז באַפאַלען און פאַרקלאַפּט גע־וואָרען פון די „געזעצליכע" בעאַמטע פון דער פעדעראַלער רע־גירונג. צוזאַמען מיט אַ גרופּע טרייע חברים, האָב איך זיך באַלד געפונען אין שיקאַגאָ'ער טורמע, באַגלייט פון די ווילדע געשרייען פון דער גאַנצער פּרעסע וועגען קאָנספּיראַציע, פאַרראַט און מער־דעריי. דורך עפּעס אַ פאַטאַלען צוזאַמענפאַל האָט מען מיר גע־געבען די זעלבע צעל, וואָס ניט לאַנג צוריק האָט ביז זיין היגריכ־טונג פאַרנומען דער מערדער פון מאַיאָר האַריסאָן און וועלכע איז געווען בלויז אַ פּאָר טריט פון'ם אָרט, וואו די אַנאַרכיסטען זיינען מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק געהאַנגען געוואָרען. איך האָב דעמאָלט געקראָגען די צווייטע זעהר פּראַקטישע און העכסט איינדרוקספולע לעקציע אין סאָציאַליזם.

איינער פון די אַדוואָקאַטען, וועלכען מיר האָבען געזוכט צוצוציהען צו דער פאַרטיידיגונג, האָט זיך ענטזאָגט, ווייל „איהר וועט גע'משפט ווערען אויפ'ן זעלבען אָרט ווי די אַנאַרכיסטען און מעגליך — האָט ער צוגעלייגט — מיט'ן זעלבען רעזולטאַט". דעם זעלבען טאָג, איך געדענק נאָך איצט, האָט דער וועכטער אונז גע־וויזען, מסתמא אום אונז צו טרייסטען, דעם פאַרבלוטיגטען שטריק, וואָס איז באַנוצט געוואָרען אין דער לעצטער היגריכטונג. און אַזוי ווי ער האָט די דאָזיגע געזעצליכע מערדעריי בייגעוואוינט, האָט ער אונז איבערגעגעבען די קלענסטע איינצעלהייטען.

אָבער דער שטורעם האָט זיך שטופּענווייז איינגעשטילט און

מיט איהם — די בלוטדורשטיגקייט פון דער פרעסע און פון דער „עפענטליכער מיינונג". מיר זיינען ניט פאר'משפט געוואָרען צו דער תליה. און אין זעקס חדשים, וואס מיר זיינען געזעסען אין וואודסטאָקער געפענגניס האָט דער סאָציאַליזם אַלץ פעסטער און פעסטער מיך אריינגענומען אין זיינע הענד. ביכער, בראשורען, פאמפלעטען און בריעף פון סאָציאַליסטען האָב איך ערהאַלטען מיט יעדער פּאסט. איך האָב זיך אָנגעהויבען צו פארטראכטען אויף דעם סיסטעם, וואו ארבייטער אָרגאַניזאציעס קאָנען מיט איין קלאפּ צושמעטערט ווערען. די שריפטען פון בעלאמי און בלעטש־פאָרד האָבען שוין פון לאנג געמאכט אויף מיר אַן איינדרוק, ווי אויך די „קאָאָפעראטיווע רעפּובליק" פון גרונלאנד, אָבער די שריפטען פון קאוטסקי זיינען געווען אזוי קלאָר און איבערציי־גענד. איך האָב גלייך פארנומען ניט בלויז זיינע ארגומענטען, איך האָב דערפיהלט דעם גייסט פון זיינע סאָציליסטישע אויסעד־רונגען, און איך דאַנק איהם, וואס ער האָט מיר ארויסגעהאָלפען פון דער פינסטערניש צו ליכט.

ס'איז געווען גראָד אין יענער צייט, ווען די ערשטע פונקען פון סאָציאַליזם האָבען אָנגעהויבען אויפצולויכטען. וויקטאָר בער־גער — און איך האָב איהם ליעב ביז'ן היינטיגען טאָג — איז ווי אַ שליח פון דער השגחה געקומען נאָך וואודסטאָק און געהאַלטען די ערשטע לייזענשאפטליכע רעדע וועגען סאָציאַליזם, וואָס איך האָב ווען געהערט, די ערשטע רעדע, וואָס האָט אָנגעהויבען צו באוועגען מיין הארץ. אַלס אנדענקונג פון זיין וויזיט איז אין מיין ביבליאָטעק פארהאַן אַ באנד פון קארל מארקס „קאפּיטאל" מיט אן אויפשריפט פון וויקטאָר בערגער, וואָס איך האַלט עס טייער, ווי אַ זאַך פון אומשעצבארען ווערט.

די „אמעריקאַן ריילוויי יוניאָן" איז געווען געשלאָגען, אָבער ניט באזיעגט, זיי האָבען איהר ביינעקומען, אָבער ניט פארניכ־טעט. זי לעבט אין דער סאָציאַליסטישער באוועגונג. די נידער־לאגע האָט בלויז העלער געמאכט דעם וועג, וואס פיהרט צו עקאָ־נאָמישער פרייהייט, און פארשנעלערט דעם אויפגאַנג פון ברי־דערליכקייט אויף אונזער וועלט.

# די אמעריקאנער באוועגונג

דער צוואנציגסטער יאהרהונדערט זאל זיין, לויט דער פראפע־ציייהונג פון וויקטאר הוגא, דער יאהרהונדערט פון הומאניטעט.

ביז איצט איז נאך קיין יאהרהונדערט פון הומאניטעט ניט געווען. פון די ערשטע צייטען אן האט טיראניי געבליהט און פון פרייהייט איז קיין זכר ניט געווען. דאס פאלק איז געווען פאר־שקלאפט און די מאכט איז געווען אין די הענד פון איינציגע. די פאראזיטען זיינען געווען די באלעבאטים פונ׳ם לעבען אין דער צייט, ווען די ארבייטענדע מאסען האבען געלעבט אין דחקות און געשטארבען אין פארצווייפלונג.

אבער די צייט, וואס דארף קומען, איז די צייט פון הומאני־טעט און פון דעם עלענד פון דער פארגאנגענהייט וועט אויסוואק־סען די ציוויליזאציע פון דער צוקונפט.

דער נייגצעהנטער יאהרהונדערט איז געווען די צייט פון הור־מאנע און ליבעראלע שטרעמונגען, דער צוואנציגסטער יאהרהונ־דערט וועט זעהן זייער פארווירקליכונג אין דעם צוזאמענברוך פון דעספאטיזם און אין דער באשאפונג פון אן אלוועלטליכער דעמא־קראטיע, געבוים אויף פרייהייט און ברידערליכקייט.

אין יאהר 1864, ווען וויקטאר הוגא איז געווען פארשיקט, האט ער געשריבען:

„דאס פארוואנדלען פון המון אין א פאלק — וואס פאר א גרויסע אויפגאבע! פאר דעם ציעל האבען די מענשען, וואס רופען זיך סאציאליסטען, געארבייט די לעצטע פיערציג יאהר. דער פארפאסער פון דעם בוך, ווי אומבאדייטענד ער זאל ניט זיין, איז איינער פון די פיאנערען אין דער באוועגונג. אויב ער פאדערט א פלאץ צווישען די דאזיגע דענקער, איז דאס דערפאר, ווייל דארט איז דער פלאץ פון די פארפאלגטע. א געוויסע פיינדשאפט צום סאציאליזם, אמת, א בלינדע, אבער דערפאר זעהר א פאר־שפרייטע האט פאר די לעצטע פופצעהן־זעכצעהן יאהר זיך פאר־שפרייט און פארשפרייט זיך אלץ מעהר צווישען די איינפלוס־

רייכע קלאסען. זאלען מיר ניט פארגעסען, אז דער אמת'ער סאָ־ציאליזם האט פאר זיין ענד־ציעל די ערהויבונג פון דער מענשלי־כער ווירדע פון די מאסען און דערפאר איז זיין הויפט אויפגאבע די מאראלע און אינטעלעקטועלע פארפולקאמונג".

אויב דער צוואנציגסטער יאהרהונדערט, ווי מיר זיינען אלע גרייט צו גלויבען, וועט פארווירקליכען די פראפעצייהונג פון דעם פראנצויזישען פאעט און וועט ווערען דער יאהרהונדערט פון הו־מאניטעט — וועט דאס זיין דער ענטפער אויף דער סאציאליס־טישער אגיטאציע, וואס האט זיך אנגעהויבען אין פארגאנגענעם יאהרהונדערט, וועט דאס זיין די פרוכט פון דער אינטערנאציאָ־נאלער סאציאליסטישער באוועגונג.

געהענדיג אויף דעם וועג פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע, האט דאס אייראפעאישע לעבען ענטוויקעלט זיך—און אין די לעצטע יאהרען פונ'ם נייינצעהנטען יאהרהונדערט אלץ קענטיגער און גי־כער — אין דאס, וואס מיר רופען מאדערנער סאציאליזם. פאר־שטעהט זיך, די ערשטע טריט פון דער ענטוויקלונג זיינען געווען פארנעבעלט, ניט קלאר, די ריכטונג איז נאך ניט געווען זיכער און פעסטגעשטעלט.

אבער דער שאפענדער גייסט פון מענשען האט זיך ארויס־געוויזען אלץ מעהר און מעהר אין דער אינדוסטריעלער וועלט. דער געברויך פון דאמף אלס טרייב־קראפט האט זיך אלץ מעהר פארשפרייט, און נייע מאשינען האבען פארנומען א ברייטערען פלאץ און דערגרייכט איבעראל. אלץ מעהר האט זיך געלאזט פיהלען דער אומפארמיידליכער איינפלוס פון דער נייער אינדוסט־ריעלער עפאכע אויפ'ן האנדווערקער, ארבייטער און קליינעם גע־שעפטסמאן. צוזאמען מיט דער אויסשפרייטונג פון אט די נייע כחות האט זיך פארשפרייט די באוועגונג אין פארשידענע פארמען און ריכטונגען, הויפטזעכליך אוטאפישע. און ארום דער העלפט פון נייינצעהנטען יאהרהונדערט איז זי קריסטאליזירט און ברייט אויפגעקלערט געווארען פון מארקס'ען, ענגעלס'ען, לאסאל'ען און אנדערע, וואס האבען באגריפען דעם רעוואלוציאנערען גייסט פון דער באוועגונג און באפליגעלט די באוועגונג מיט דער לעהרע פון

סאָציאַליזם. זיי האָבען געגעבען דער וועלט דעם גרויסען ציעל פון פרייהייט און ברידערליכקייט און געוויזען דער מענשהייט דעם וועג צום ציעל.

די ערשטע שפורען פון סאָציאַליזם אין די פאַראייניגטע שטאאַטען געפינען מיר אין דעם שטראָם פון דער אימיגראַציע, פון דער אַלטער אין דער נייער וועלט אריין, וואָס האָט געטראָגען אין זיך די באַצילען פון אונצופרידענהייט, גענעהרט פון דעם אויסגעשפּיעלטען פעאָדאַליזם פון דער אייראָפּעאישער ציוויליזאציע.

מיר וועלען דאָ ניט זוכען צו פאַרצייכענען אין דער גענויער אָרדנונג די פיעלע פאַרזוכען פון ארום א האלבען יאָהרהונדערט, די ערשטע העלפט פון 19טען יאהרהונדערט, צו פארשפּרייטען סאָציאַליזם, אָדער האַלב-סאָציאַליסטישע דאָקטרינען צווישען אַמעריקאַנער פאָלק און ווענדען די כוואַליע פון ארבייטער אונרוהען אין דער סאָציאַליסטישער ריכטונג. די דאָזיגע צייטען זיינען געווען רייך אין סאָציאַלען און אינדוסטריעלען אומרוה, און די אַלע פּראָיעקטען און פּלענער, וואָס זיינען דאמאָלט פאָרגעלעגט געוואָרען, ווי אוטאָפּיש, אונמעגליך און אומפּראַקטיש זיי זיינען ניט געווען, זיינען זיי אָבער אין דערזעלבער צייט געווען די סימפּטאָמען פון סאָציאַלער ערוואַכונג. דאָס זיינען געווען די פאָרגענגער פון דער גרויסער ענדערונג אין דער רעגירונג און אין דער אינדוסטריע, וואָס האָט געזאָלט רעוואָלוציאָניזירען און אויסגלייכען די מענשליכע ראַסע אין דער הויך פון אַלוועלטליכער ציוויליזאציע.

מיט אכציג יאָהר צוריק איז דער טרוימער, ענטוזיאַסט און הומאַניסט ראָבערט אוען געקומען פון ענגלאַנד נאָך אַמעריקא צו פאַרזייהען זיינע אוטאָפּישע פּלאַנצען אין דעם באָדען פון דער נייער וועלט. די גאַנצע רייהע פון זיינע קאָמוניסטישע עקספּערימענטען, וואָס זיינען פאַראויס געווען פאַר'משפט צו ענטוישונג און דורכפאַל, זיינען אַן אינטערעסאַנטער שטודיום ווענען די ערשטע טעג פון דער אַמעריקאַנער באַוועגונג. און כאָטש אינ'ם ליכט פון אונזער היינטיגען פאַרשטעהן פון סאָציאַלער ענטוויקלונג קאָנען זיינע אונטערנעמונגען ערשיינען פאַר פיעלע אַלס פאַנטאַסטיש

און נאריש, דאך האבען זיינע עקספערימענטען אן אונשעצבארען ווערט, און די געשיכטע פון סאציאליזם קאן ניט געשריבען ווערען, ניט דערמאנענדיג זיין נאמען.

באשטימט ווינציגער אוטאפיש און מעהר פראקטיש און פאר־שפרעכענד איז געוועזן די פוריערליסטישע באוועגונג, וואס האט זיך פארשפרייט אין די פערציגער יאהרען און האט געשפיעלט אן אינ־טערעסאנטע און היסטארישע ראלע אין דעם סאציאלען אויפבוי פון אמעריקא.

פיעלע פון די מעהרסטע אינטעלעקטועלע מענער און פרויען פון יענער צייט זיינען צוגעצויגען געווארען צו דער באוועגונג א דאנק דער אגיטאציע פון אוען און פוריע.

מיט'ן פייערדיגסטען ענטוזיאזם האבען זיי זיך גענומען צו פארוואנדלען די אמעריקאנער וויסטעניש אין דעם פארשפראכענעם לאנד פון מילך און האניג.

די דאזיגע באוועגונג איז געוועזן דורכגעדרונגען הויפטזעכליך מיט סענטימענטען און געפיהלען. זי האט אבער געהאט א געזונטען וויסענשאפטליכען אונטערשלאג, ווי דאס באווייזען די שריפטען פון די מענשען, וואס האבען די באוועגונג געשטיצט און באגרינ־דעט.

ב ר ו ק פ א ר ם, א וואונדערבארע ערינערונג, וואס איז פארדונקעלט מיט ענטוישונג, איז געגרינדעט געווארען אין יאהר 1841 נעבען באסטאן. צווישען די פיעלע באריהמטע נעמען, וואס זיינען געווען פארבונדען מיט ב ר ו ק פ א ר ם, רופען נאך ארויס די פאלגענדע א זאנדערבארען אינטערעס ביז'ן היינטיגען טאג: ראלף וואלדא עמערסאן, דזשארדזש ריפלי, האראס גרילי, דזשיימס ראסעל לאועל, דזשאהן גרינליף וויטיער, וויליאם קאלען ברייענט, אלבערט בריסביין, עלערי טשענינג, דזשיימס פרימאן קלארק, טעאדאר פארקער, א. בראנסאן אלקאט, דזשאן טאמאס קאדמען, הענרי ד. טארא, נאטהעניעל האטהארן, דזשארדזש בענ־קראפט, טשארלז א. דאנא און דזשארדזש וויליאם קורטיס.

די ב ר ו ק פ א ר ם אסאציאציע, ארגאניזירט פון „אינ־טעליגענטען" וואס האבען ניט געוואוסט פון די געזעצען פון עקא־

נאמישער ענטוויקלונג און נויטווענדיגקייט אין דער מענשליכער געזעלשאפט, האט אויף א וואונדערבארען און ווייט־גרייכענדען אופן באפרוכטיגט די לופט מיט די זוימען פון ברידערליכקייט און גלייכהייט.

די אסאסיאציע האט ערקלערט, אז איהר ציעל איז: „גיכער גרינדליך און אלזייטיג צו רעפארמירען די געזעלשאפט, איידער צו זוכען צו פארריכטען וועלכען ניט איז באשטימטען פעהלער און באזייטיגען וועלכען עס איז אומרעכט“...

אין זייער ערשטער ערקלערונג האבען די מיטגליעדער פון ב ר ו ק פ א ר ם געמאלדען, אז די ארבייט, וואס זיי האבען אונטערגענומען איז ניט געווען „בלויז א גוטער וואונש, נאר א נויטווענדיגער טהאט צום פראגרעס, וועלכער איז נאך, — ווי יעדער מענש, וואס איז ניט בלינד, קאן עס זעהן — ווייט פון זיין ציעל“.

און ווייטער האבען זיי געזאגט: „מיר גלויבען, אז די מענשהייט, ערצויגען אין די לאנגע דורות פון ליידען און קאמף, און געפיהרט פון אזוי פיעל הייליגע, העלדען און חכמים, איז ענדליך גרייט אריינצוטרעטען אין דער אלוועלטליכער ארדנונג, צו וועלכער זי האט פון אייביג אן געשטרעבט“.

...„מיר ערקלערען, אז די העכסטע פליכט פון אונזער צייט און אונזער לאנד, — ניין, פיעל מעהר! — די איינציגע רעטונג פון אונזער לאנד און אלע איבריגע לענדער, ליגט אין דער איבערבויאונג פון דער געזעלשאפט לויט די אייביגע יסודות פון דער מענשליכער נאטור און אלוועלטליכער הארמאניע“.

די דאזיגע פאראגראפען ציינען א קלארען בליק פאר יענער צייט און ווארטען מיט קליינע ענדערונגען געקענט אריינגענומען ווערען אין א מאדערנעם וויסענשאפטליכען סאציאליסטישען פלאטפארם.

דער נאכפאלגענדער פאראגראף איז ווערט פאראייביגט צו ווערען אין דער סאציאליסטישער ליטעראטור. ער ברייננט ארויס אין אן ערהאבענער באטאנונג די איבערציינונג פון די ב ר ו ק פ א ר מ ע ר טוער אין דער ענדגילטיגער פארווירקליכונג פון זייער

חלום וועגען א צייט, וואס איז עהנליך צו א סאציאליסטישער געזעלשאפט.

זיי זאגען: „אין וואס עס זאלען ניט זיין די רעזולטאטען אין געוויסע באזונדערע פאלען, צווייפלען מיר אבער ניט, אז דער ציעל אונזערער וועט ענדליך ערדייכט ווערען, — אז דאס מענשליכע לעבען וועט זיך ענטוויקלען ניט אין דיסהארמאניע און עלענד, נאר אין הארמאניע און אין פרייד, און די באנייטע ערד וועט אויף איהר בוזעם טראגען א ראסע פון מענשען, וואס זיינען ווערט צו טראגען דעם נאמען מענש“.

דאס איז געשריבען געווארען אין יאהר 1844. און דער גאנצער האקומענט טראגט אויף זיך שפורען פון סאציאליסטישע געדאנקען און טענדענצען.

ראלף וואלדא עמערסאן האט געשריבען: „וואתרהאפטיג, איך האב גרוים דרך ארץ פאר די גרויסמוטיגע אידעאלען פון די סאציאליסטען, פאר זייערע גרויסארטיגע טעאריעס און פאר דעם ענטוזיאזם, מיט וועלכען זיי זיינען דורכגענומען“.

אלבערט בריסביין, פארק גודווין און האראס גרילי, דער לעצטער — אן אומגעוועהנליכער, אין פיעלע הינזיכטען דער שארפסטער און פראקטישסטער פון אלע — זיינען געווען די לייטענדע פיגורען אין יענער צייט.

אלע האבען זיי געהאט מענשליך בלוט אין זייערע אדערען, אלע האבען זיי געהאט דעמאקראטישע אינסטינקטען און אלע האבען זיי, מעהר אדער ווייניגער, פאראויסגעזעהן דעם שטראם פון דער צייט, וואס האט געפיהרט צו קאלעקטיווער צוזאמענלעבונג, אינדוסטריעלער פרייהייט און סאציאלער גערעכטיגקייט.

און אין דער צייט האט מארקס און זיינע חברים גערייניגט די חושך'דיגע אטמאספערע פון דער אלטער וועלט. זיי האבען פאנאנדערגעגלידערט די הערשענדע ארט און ווייזע פון דער פראדוקציאן און פון דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט אין אלגעמיין און אין זייערע פארשונגען האבען זיי ענטדעקט די פונדאמענטאלע געזעצען פון דער סאציאלער ענטוויקלונג. זיי האבען פאנאנדערגעוויקעלט די „מאטעריאליסטישע וועלט אויפפאסונג“,

— דעם וויסענשאפטליכען באזיס פון סאציאליסטישען געדאנק און טעטיגקייט.

פון דער צייט אן האט די ארבייטער באוועגונג באקומען א וויסענשאפטליכען פונדאמענט. די צעווארפענע און צווישען זיך שטרייטענדע פראקציעס האבען זיך געגומען פאראייניגען און הארמאניש צוזאמענלעבען. דער סאציאליזם איז געווארען א קלארער און אנערקענטער פאקטאר אין דעם סאציאלען און פאליטישען שיקזאל פונ׳ם פאלק.

די אמעריקאנער האבען זיך מיט אייפער ארייגעווארפען אין דער ארבייט און אריינגעזעצט טיעפע ווארצלען פון דער סאציאליסטישער פילאזאפיע אין דער אמעריקאנער ערד, אין דער נייער פיאנערען ארבייט אין אמעריקא האבען זיי נאכגעפאלגט די ביישפילען און געארבייט אונטער דעם איינפלוס פון די פיאנערען אין דער אלטער וועלט. עס האבען זיי איינגעשלונגען די סאציאליסטען, וואס זיינען אריבערגעקומען אהערצו פון אייראפא.

אלבערט בריסביין איז געוועזן איינער פון די לייטענדע גייסטער אין דער פיהרונג פון דער אמעריקאנער באוועגונג. ער איז געוועזן אן אויסגעשפראכענער סאציאליסט און אזוי פריה ווי 1840 האט ער זיינע אנשויאונגען ארויסגעבראכט אין א בוך מיט׳ן נאמען: „דער סאציאלער שיקזאל פון מענשען, אדער אסאציאציע און רעארגאניזירונג פון אינדוסטריע".

אין דעם ווערק האט בריסביין געמאכט א שטארקע פארטיידיגונג מיט איבערצייגענדע ארגומענטען פאר קאאפעראטיווע אינדוסטריע און „א גלייכע צוטיילונג פון פראפיט צו יעדען אינדיווידום".

זייענדיג אין אייראפא אין 1848 האט זיך בריסביין צום ערשטען מאל באגעגענט מיט קארל מארקס׳ען פון וועמען ער האט שפעטער געשריבען דאס פאלגענדע: „איך האב באגעגענט קארל מארקס׳ען, דעם פיהרער פון דער פאלקס-באוועגונג. די שריפטען פון קארל מארקס וועגען ארבייט און קאפיטאל און די סאציאלע טעאריעס, וואס ער האט דאמאלס ענטוויקעלט, האבען געהאט א גרעסערען איינפלוס אויף דער גרויסער סאציאליסטישער באוועגונג

גונג אין איראפא, ווי די ווערק פון וועלכען־ניט־איז אנדערען מענשען. ער האט דאס געלייגט דעם פונדאמענט פון מאדערנעם קאלעקטיוויזם, וואס האט איצט די בעסטע אויסזיכטען צו ווערען די הערשענדע סאציאליסטישע טעאריע אין איראפא. ער האט דאמאלס געהאלטען אין ווערען פראמינענט. ער איז דאמאלס געווען עטליכע דרייסיג יאהר, נידעריג, פעסט געבויט, מיט אן איידעל פנים און א גרויסען קאפ שווארצע האר. ער האט געמאכט דעם איינדרוק פון א מאן מיט גרויסער ענערגיע און פון אונטער זיינע פיינע מאנירען האט זיך ארויסגעוויזען דער פייער און די ליידענשאפט פון א גרויסער נשמה...“

„קורץ, רעדענדיג ווי מיר פארשטעהען איצט דעם קאלעקטיוויזם, פאדערט זיין טעאריע די אפשאפונג פון פריוואט אייגענטום אויף די נאטירליכע רייכטימער פון דער וועלט — אויף דער ערד, מינען, אויף ערפינדונגען און שאפונגען אין דער אינדוסטריע, וועלכע זיינען די מיטלען פון דער פראדוקציאן, און אויך אויף דער מאשינערי. די דאזיגע רייכטימער, געליפערט פון דער נאטור און באשאפען פונ׳ם מענשליכען גייסט, דארפען ווערען קאלעקטיווע אייגענטום, פארוואלטעט פון שטאאט פאר׳ן אלגעמיינעם געברויך פון יעדען איינעם. רעגירונגען דארפען מיט זיך פארשטעלען דעם קאלעקטיווען גייסט פון דער גאנצער נאציאן און אנפיהרען און פארוואלטען אלע אלגעמיינע אפעראציאנען און באציהונגען פון אינדוסטריעלען כאראקטער“.

בריסביין האט א סך געררייזט אין איראפא און באגעגענט זיך מיט די באדייטענדסטע מענשען פון די וויכטיגסטע לענדער. ער האט שטודירט די אינדוסטריעלע און עקאנאמישע צושטענדען מיט אן אויסזיכט צו פראפאגאנדירען דעם קאלעקטיוויזם אין די פאראייניגטע שטאאטען. צוריקקומענדיג א באגייסטערטער, האט ער זיך מיט ענערגיע אריינגעווארפען אין דער ארבייט פון אגיטאציע און ער איז זיכער באטראכטעט צו דער עהרע באטראכט צו ווערען אלס איינער וואס האט פיעל בייגעטראגען צו דער פיאנערען ארבייט פון דער סאציאליסטישער באוועגונג אין אמעריקא.

מיר ווילען ניט גרינגשעצען קיינעם פון די טוער פון יענער צייט און מיר מאכען ניט קיינע פארגלייכונגען מיט אנדערע — אבער די ריזיגע פערזענליכקייט און גלייכצייטיג ניט געקינסטעל־טע איינפאכקייט, צוזאמען מיט דער טיפער השגה און גרונטאווגער עהרליכקייט און אויפריכטיגקייט פון האראס גרילי רופט ארויס ספעציעלע באוואונדערונג.

גרילי׳ס איינפלוס אין די ערשטע טעג פון דער סאציאליס־טישער באוועגונג אין אמעריקא, ווען בלויז דאס דערמאנען די באוועגונג פלעגט ארויסרופען האס און פארפאלגונגען, איז נאך עד היום ניט אין גאנצען אנערקענט און אפגעשאצט געווארען. „אונזער צווייטער פרענקלין“ האט מען איהם גערופען און ער האט כשר דעם נאמען פארדיענט.

פארטאן, גרילי׳ס ביאגראף, זאגט: „די טעמא פון זיינע רעדעס איז שטענדיג געווען די זעלבע, אזוי אויך די אויפגאבע פון זיין לעבען. דאס איז געווען די „עמאנסיפאציאן פון אר־בייט“, איהר באפרייאונג פון אומוויסענהייט, פארברעכען, קנעכטשאפט, ניט־זיכערהייט און ארעמקייט. דאס איז געווען זיין אויסגעקליבענע, איינציגע טעמא, אהן אונטערשיעד צי ער האט גערעדט פון דער פלאטפארמע אדער געשריבען פאר דער ׳טריביון׳.

האראס גרילי איז געווען אין אמת׳ן זין אן ארבייטער פיהר־רער. ער איז געווען דער ערשטער פרעזידענט פון דער זעצער־יוניאן נומער 6 פון ניו יארק און ער האט שטענדיג גענומען א פארטגעשריטענע שטעלונג אין אלץ, וואס האט אנגעריהרט דעם ארבייטער קלאס.

זיינע אנזיכטען אין ארבייטער פראגען זיינען געווען פריי פון יעדען קאנסערוואטיזם. ער איז געווען, פריהער פאר אלץ, ראַ־דיקאל און פראגרעסיוו, דאס הייסט, רעוואלוציאנער. אונזערע היינטיגע ארבייטער פיהרער וואלטען געמעגט מיט כבוד פאר זיך און מיט נוצען פאר זייערע ארגאניזאציעס שטודירען זיין כא־ראקטער און זיינע שריפטען און געהן אין זיין וועג.

די רעוואלוציעס אין איירא‍פא אין 1848 האבען געצוואונגען פיעלע ראדיקאלען צו פארלאזען זייערע היימאטס־לענדער, און

דער אלגעמיינער שטראם האט פיעלע פון די דאזיגע אומרוהיגע גייסטער געבראכט צו אונזערע ברעגען און אזוי גיך ווי זיי זיינען אנגעקומען האבען זיי גלייך גענומען שפרייטען די זוימען פון רעוואלוציע און אנפיהרען די פראפאגאנדע, וואס זיי זיינען גע־ווען געצוואונגען אויפצוגעבען אויף יענער זייט ים.

די דייטשע סאציאליסטען, וואס זיינען דאמאלט אריבערגע־קומען, זיינען געווען פון דעם סארט מענשען, וואס זיינען דא נוי־טיג געווען. זיי זיינען געווען ערצויגען און דיסציפלינירט. זייער קענען אלץ איבערטראגען און זייער שרעקלאזיגקייט האט דער־מאנט אן קריעגס־וועטעראנען און זיי האבען ניט געוואוסט פון אזאווארט, ווי ענטמוטיגונג אדער דורכפאל.

צווישען די דאזיגע דרייסטע אגיטאטארען, האט וויליאם וויטלינג פארנומען אן אנגעזעהעם ארט אלס איינער, וואס האט צוגעגרייט האם פעלד פאר ארגאניזאציע און פאליטישער אקציאן.

פון דער צייט אן איז די סאציאליסטישע פראפאגאנדע גע־ווארען אקטיווער, קלארער און פיעל אויסגעהאלטענער פרינציפיעל.

די באוועגונג האט זיך גענומען באפרייען פון'ם לייכטען וואלקען פון קאמוניזם, וואס האט איהר ארומגעוויקעלט פאר דער גאנצער צייט, און זי האט אלץ מעהר אנגענומען די פארם פון אן אומאבהענגיגער פאליטישער ארגאניזאציע מיט'ן הויפט צוועק אריינצוקריגען די רעגירונגס מאכט אלס מיטעל צו באפרייען דעם ארבייטער קלאס פון לוין־שקלאפעריי.

יוניאנס, טורן־ און געזאנגס־פאראיינען זיינען ארגאניזירט געווארען אין די פופציגער יאהרען. כאטש ניט אויסגעשפראכען, דאך זיינען אלע געגאנגען אין דעם זעלבען וועג און פארפאלגט דעמזעלבען ענד־ציעל.

אין אונזער קורצען איבערבליק האבען מיר קיין פלאץ ניט צו פארצייכנען אלע פארזוכען, וואס זיינען געמאכט געווארען צו ארגאניזירען א נאציאנאלע פאליטישע ארבייטער באוועגונג אין די פאראייניגטע שטאאטען. דאס איז די ארבייט פון א היסטא־ריקער און גליקליכערווייזע איז דער היסטאריקער שוין דא. די ערשטע וויכטיגע ארבייט אין דעם געגענשטאנד איז מארים

הילקוויט'ס „געשיכטע פון סאָציאַליזם אין די פאַראייניגטע שטאַ־טען", — אַ בוך פון אַרום 350 זייטען, געשריבען אין אַ פיינעם סטיל און ס'באַהאַנדעלט פעהיג און גרינדליך אַלע ענטוויקלונגס שטופען פון דער באַוועגונג, פון אָנהויב ביז צו אונזערע טעג.

פּראָפעסאָר ריטשארד ט. עלי אין זיין „אַמעריקאַנער אַרבייטער באַוועגונג", דיסקוטירענדיג דעם אנפאנג פון מאָדערנעם סאָ־ציאַליזם זאָגט: „אונזער היינטיגער סאָציאַליזם האָט זיין אָנ־פאַנג אין די אייראָפּעאישע רעוואָלוציעס פון 1848, וואָס האָבען זיך אַזוי טרויעריג געענדיגט פאַר די פעלקער, וואָס זיינען אַרויס־געטראָטען געגען זייערע הערשער. פיעלע דייטשע אַנטלאָפענע זיינען אָנגעקומען צו אונזערע ברעגען. די פון זיי, וואָס זיינען געווען איבערגעגעבענע סאָציאַליסטען און קאָמוניסטען האָבען זיך גלייך גענומען צו פּראָפּאַגאַנדירען זייערע אידעען. וויליאַם וויימ־לינג, אַ שניידער, געבאָרען אין מאַגדעבורג אין יאָהר 1808 האָט זיך אויסגעצייכענט צווישען זיי און איז געוואָרען איינער פון די ערשטע צו פאַרזייהען די זוימען פון עקאָנאָמישען ראַדיקאַליזם, וואָס האָט שפּעטער אַזוי ענטוויקעלט די סאָציאַלע דעמאָקראַטיע פון אונזער צייט"...

„די ערשטע גרויסע געזעלשאַפט, וואָס האָט אָנגענומען און פּראָפּאַגאַנדירט סאָציאַליזם אין אַמעריקא, איז געווען צוזאַמענ־געשטעלט פון די דייטשע טורן־פאַראיינען. דער סאָציאַליסטישער טורן־פאַראיין פון ניו־יאָרק האָט אין 1850 אַרויסגעגעבען אַ קאָנ־סטיטוציע פאַר אַ פאַרבאַנד פון פאַרשיעדענע טורן־פאַראיינען. אַ פאַר־קאָנפערענץ פון איינינע דעלעגאַטען איז אָפּגעהאַלטען גע־וואָרען אין ניו־יאָרק אין שעקספּיר האָל, וואו עס פלעגען זיך פאַר־זאַמלען די פּראָגרעסיווע צווישען די דייטשע אימיגראַנטען. עס איז ענדליך באַשלאָסען געוואָרען צו רופען אַ מיטינג פון די דעלעגאַטען אויפ'ן 5טען אָקטאָבער פון זעלבען יאָהר אין פילאַדעל־פיא אום צושטאַנד צו ברייננען אַ פּערמאַנענטע אָרגאַניזאַציע. איינינע טורן־פאַראיינען האָבען זיך אָפּגערופען און דעלעגאַטען פון ניו יאָרק, באָסטאָן און באַלטימאָר זיינען אַנוועזענד געווען אויף דער קאָנפערענץ. צום ערשטען האָט זיך דער פאַראיין גע־

רופען: „פאראייניגטע טורן־פאראיינען פון נאָרד אַמעריקא". דער נאָמען איז מיט א יאָהר שפעטער פארביטען געוואָרען אויף „סאָציאליסטישער טורן פארבאנד".

דורך די זעכציגער און זיבציגער יאָהרען איז די אגיטאציע שטארק געוואקסען. לאָקאלע אָרגאניזאציעס זיינען געגרינדעט געוואָרען אין פארשיעדענע טיילען פון לאנד, אָבער זיי האָבען מעהרסטענס עקזיסטירט נאָר א קורצע צייט און האָבען געהאט נאָר א פארבייגעהענדע באדייטונג.

דער בירגער־קריעג און די באפרייאונג פון די נעגערס, וואָס האָט אריינגעבראכט מיליאָנען „פרייע" נעגערס אויפ'ן ארבייטס־מארק, האָבען שטארק געהאָלפען ענטוויקלען די קאפיטאליסטישע פראָדוקציאָן, וואָס נויטיגט זיך אין א שטענדיגען צופלוס פון נייע ארבייטס־הענט.

די יאָהרען נאָכ'ן בירגער־קריעג זיינען געווען צייטען פון אויסערגעוועהנליכער אינדוסטריעלער און קאָמערציעלער טעטיג־קייט. דער זשעני פון ערפינדונג האָט געארבייט אָהן אויפהער און אָפרוה. נייע מאשינעריע, ברייטערע אנווענדונג פון דאמף, ערפינדונג פון נייע טריעב און באוועגונגס־קרעפטען, אלץ איז גע־שטעלט געוואָרען אין דיענסט פון דער אינדוסטריעלער אויפלע־בונג. די פראָדוקציאָן איז געוואקסען ריעזיג שנעל. אייזענבאה־נען האָבען דורכגעשניטען דאָס לאנד אין דער ברייט און לייגג. דער „ווילדער וועסטען" איז געוואָרען א געדיכט באזעצטע טע־ריטאָריע.

און דאן האָבען זיך אָנגעהויבען צו באווייזען די סמנים פון ענגשאפט און ערשעפונג. די מערק זיינען איבערגעפילט געוואָרען מיט סחורות, אויף וועלכע ס'זיינען נים געווען קיין קויפער. די רעדער פון דער פראָדוקציאָנס מאשינעריע האָבען זיך געדרעהט אלץ לאנגזאמער.

די „גוטע צייטען" האָבען זיך אונערווארטעט געענדיגט. ווארשטאטען און פאבריקען האָבען זיך גענומען פארמאכען, די באהנען האָבען ארונטערגעדריקט דעם לוין און אינגאנצען אָפגע־זאָגט ארבייטער אין די טויזענדער.

דאָס לאַנד איז געווען פול מיט ארבייטסלאָזע, אין אַלע הייזער, אויף אלע ווינקלען האָט מען גערעדט מיט אנגסט און פיין, דיסקוטירט די „פּאַניק" און די „שלעכטע צייטען".

די אונאָרדנונג איז געוואַקסען און די סטרייקס זיינען געווען אין טויט געפאהר דורך די פיעלע ארבייטסלאָזע.

דער אייזענבאהן סטרייק און פיעלע אנדערע סטרייקס פון 1873 זיינען צוזאַמענגעפאַלען מיט דעם גרויסען פינאַנציעלען קריזיס פון דעם זעלבינגען יאָהר.

עס איז געווען א צייט פון פינאַנציעלען באַנקראָט, אינדוסט־ריעלער טויטקייט און אלגעמיינער דערשלאָגענקייט.

דער האַמער פון דעם „אויקציאָנער" האָט אויסגעקלאַפּט דעם טרויעריגען מאַרש נאָך דער פארשטאָרבענער „פּראָספּעריטי". איהרע שריים האָבען געפונען אַן אייביגען מקום מנוחה אין די ברייטע ארעמס פון די פּראָצענטניקעס.

אָט אין די צייטען פון „פּאַניק" און שטילשטאַנד איז צוערשט ערשינען דער „טרעמפּ" און פון דעמאָלט אָן ווערט ער א שטענדיגער און אנערקענטער בירגער אין דעם סאָציאַלען בנין פונ'ם לעבען אין די פאראייניגטע שטאַאטען.

די טרייד־יוניאָניסטישע באַוועגונג איז שנעל אויסגעוואַקסען אין די יאָהרען פון אינדוסטריעלער אויפלעבונג וואָס פאַר דער „פּאַניק". פיעלע פּאַכען האָבען באַשאַפען נאַציאָנאַלע אָרגאַני־זאַציעס און ווען עס איז געקומען דער קריזיס, האָבען אויסגע־פּלאַצט איינער נאָכ'ן צווייטען ריזיגע סטרייקס.

די אייזענבאַהן סטרייקס אין יולי 1877 זיינען געפיהרט גע־וואָרען מיט אזא ביטערער שאַרפקייט, פארשפּרייט זיך איבער אזא גרויסען שטח לאַנד און האָבען פאַראורזאַכט אזוינע אומאָרדנונגען, בלוטפארגיסונג און פארניכטונג פון אייגענטום, אז מען האָט זיך געשראָקען פאַר די געפעהרליכסטע רעזולטאַטען, אויב מען וועט ניט באַפרידיגען די קריוודעס פון די סטרייקערס. די אייזענבאַהן־סטרייקס זיינען געשטיצט געוואָרען פון די אייזענבאַהן ארבייטער אָרגאַניזאַציעס, איבערהויפּט פון דער „בראָדערהוד אָוו לאָקאָמאָ־

טיוו אינזשינירס" און דער „בראָדערהוד אָוו לאָקאָמאָטיוו פייער־מען" (די ברודערשאַפטען פון מאַשיניסטען און פייערלייט).

דאָס איז געווען איינער פון די ערשטע סטרייקס, אין וועלכע דער שרייבער פון די צייל̈ען האָט אַן אַקטיוועך אַנטייל גענומען. פיעלע אינצידענטען און סצענעס זיינען נאָך פריש אין זיין זכרון און זיי וואָלטען זיכער געווען אַן אינטערעסאַנטער קאַפּיטעל אין דער ארבייטער געשיכטע.

די דאָזיגע סטרייקס זיינען באַשריבען געוואָרען פון דעם דע־טעקטיוו על̈ען פּינקערטאָן אין אַ קוריאָזען בוך מיט'ן נאָמען: „סטרייקערס, קאָמוניסטען, טרעמפּס און דעטעקטיווס". דאָס בוך האָט אויך זיין פאָדערבלאַט דאָס בילד פון פ. מ. אַרטור, פּרעזי־דענט פון דער „בראָדערהוד אָוו לאָקאָמאָטיוו אינזשינירס", וואָס האָט זיך גערעכענט פאַר אַ ראַדיקאַלען אַגיטאַטאָר. דער פאַרפאַ־סער גיט אויך אין דעם בוך אַלע סעקרעטען, פּאַסיר־ווערטער און צייכנונגען פון דער אָרגאַניזאַציע. ער גיט אַ גענויעם בילד פון דער ברודערשאַפט.

די סטרייקס האָבען זיך גיך פאַרשפּרייט דורך דער אָסט און דורך דער וועסט און זיינען באַגלייט געווען פון אומאָרדנונג און גוואַלד־טאַטען אין די מעהרסטע אייזענבאַהן צענטערס. דער שרעקליכסטער פון אַלע איז פאָרגעקומען אין פּיטסבורג.

על̈ען פּינקערטאָן, דער פאַרפאַסער פון דעם דערמאָנטען זאָנדערבאַרען בוך, דערצעהלענדיג וועגען די פּיטסבורגער געשע־העניש̈ען און באַשרייבענדיג, ווי די מיליץ איז באַפאַלען דאָס פאָלק, זאָגט אַזוי:

„פלוצים האָט זיך באַוויזען אַ שניר̈על רויך פון אַ פענסטער פון צווייטען שטאָק, באַגלייט פון אַ קנאַל און אַן אויסגעשריי פון אַ זעלנער, וואָס איז געטראָפען געוואָרען, אָבער ניט געפעהרליך פאַרוואונדעט געוואָרען.

„די אָפיצירען האָבען געבעטען די מיליץ צו זיין געדולדיג און ניט צוריקצושיסען.

„די באַוועגונג פון דער מיליץ האָט זיך פאַרשנעל̈ערט. די ענערגיע פון דעם המון האָט זיך פאַרדאָפּעלט. דער רעוואָלווער־

שאס פון פענסטער איז, אפנים, געווען א סיגנאל, ווייל גלייך נאכ־דעם האט מען מעהרערע מאל אויסגעשאסען פון די פאדערשטע רייהען פון דער מאסע און באלד האט מען אנגעהויבען צו שיסען פון הינטער יעדען לאמטערן־סלופ, פון יעדער טיר און פענסטער.

„סאלדאטען זיינען געפאלען, זייערע חברים האבען צוריק־געשאסען און, ווי שטענדיג ביי אזוינע צופאלען, האט דער ניט־ארגאניזירטער און טומלענדער המון געקראגען די ביטערסטע שטראף. איינינע פארוואונדעטע סאלדאטען האבען גערעטעט זייער לעבען מיט דער הילף פון גוטע בארמהערציגע מענשען, וואס האבען דורכדעם איינגעשטעלט זייערע אייגענע לעבענס. די, ווידער, וואס האבען ניט געהאט אזא גליק זיינען פון דעם המון אומברחמנות'דיג געמארדעט געווארען, ווען זיי זיינען געבליבען הילפלאז צו פארטיידיגען זיך.

„אין איין פלאץ, וואו הריגות זיינען מיט א טאג פריהער אנ־געגאנגען, און וואו א געביידע איז געווען דורכגעלעכערט פון קוילען, האט מען געקאנט זעהן סמנים פון א פרומען פאר־זוך, וואס די „יאנג מענס קריסטשען אסאסיאיישאן" האבען גע־מאכט צו פארמיידען בלוטפארגיסונג. דארט איז געהאנגען א פלאקאט מיט די פאלגענדע ווערטער פון ווארנונג: 'זייט גרייט צו באגעגענען דיין גאט'."

עלען פינקערטאן'ס באשרייבונג, ווי זיין גאנצעס לעבען, איז געווען אין דיענסט פון די קאפיטאליסטישע אינטערעסען.

די סטרייקס זיינען דערשטיקט געווארען און די פיהרער זיי־נען פארטריבען געווארען און זייערע נעמען באציהרען די שוואר־צע ליסטען, וואס די בעלעבאטים האבען אין זייערע שראנקען.

דאס איז געווען דער ערשטער סטרייק אין וועלכען די פעדע־ראלע געריכטען זיינען צום ערשטען מאל גערופען געווארען צו צוברעכען א סטרייק פון באהן־ארבייטער. די סטרייק פיהרער און די סטרייק קאמיטעטען זיינען ארעסטירט געווארען אויפ'ן בא־פעהל פון די פעדעראלע ריכטער און פאר'משפט געווארען צו גע־פענגניש אויף פארשידענע פאבריצירטע באשולדיגונגען.

דער פארשטארבענער פרעזידענט בענדזשאמען האריסאן האט

זיך באזונדערס אויסגעצייכענט דערמיט, וואס ער האט טאפעלט געדיענט די אינטערעסען פון די אייזענבאהן קארפאראציעס. ער האט זיי געדיענט אלס אדוואקאט און אלס זעלנער. ער האט פארפאלגט די סטרייקערס אין געריכט און האט אויך ארגאניזירט און אליין אנגעפיהרט א קאמפאניע סאלדאטען אין דער צייט פון סטרייק, און געהאלטען רעדעס פארדאמענדיג די סטרייקערס.

אין צעהן יאהר ארום איז ער ערהויבען געווארען צו דער פרעזידענטשאפט פון די פאראייניגטע שטאאטען.

דער דורכפאל פון דעם סטרייק איז געוועזן א שטאך אין רוקען פאר די ארבייטער ארגאניזאציעס. פיעלע יוניאנס האבען אויפגעהערט צו עקזיסטירען. בלויז דער פארדאכט אויף א באהן ארבייטער, אז ער באלאנגט צו א יוניאן, איז געוועזן גענוג, אז ער זאל גלייך אפגעזאגט ווערען פון דער ארבייט.

מיט דער צייט איז אבער דער חרם ארונטערגענומען געווארען, ווייל די קארפאראציעס האבען זיך געפיהלט די באלעבאטים פון דער לאגע, און מיט דעם ווידעראויפלעבען פון דער אינדוסטריעלער און פינאנציעלער טעטיגקייט, האט די ארגאניזאציאנס ארבייט ווידער אויפגעבליהט מיט נאך מעהר ענערגיע און ענטשלאסענהייט ווי ביז אהער.

אין די געשעהענישען פון די דאזיגע יאהרען האט זיך אמעריקא פאלשטענדיג איינפאפעאיזירט אין באצוג אויף דער אונטערדריקונג פון די עקספלואטירטע און אונצופרידענע ארבייטער.

עס איז קוים נויטיג צו באמערקען אין דער פארבינדונג, אז דער קאפיטאליזם איז אומעטום דער זעלבער און אז די זעלבע אורזאכען ברייגגען די זעלבע רעזולטאטען.

וואו נאר דער קאפיטאליזם ערשיינט, פארפאלגענדיג זיין אויפגאבע פון אונטערדריקען, דארט קומט דער סאציאליזם, געבארען פון עלענד, גענעצט פון טרערען און באלעבט פון אגיטאציע. דארט וויקעלט ער פאנאנדער זיין פאהן פון קלאסען-קאמף און ער פראקלאמירט זיין מיסיאן — די אלמענשליכע באפרייאונג.

דורך די אלע יאהרען פון קאמף און סטרייקס, פון צופעליגע זיעגען און אפטע נידערלאגען, איז די סאציאליסטישע אגיטאציע

אַנגעפיהרט געוואָרען אזוי ענערגיש, ווי נאָר די מיטלען און אומ־שטענדען האָבען עס ערלויבט. אונטער די ערגסטע אומשטענדען האָבען די גענאָסען געטאָן אלץ, וואס איז געווען אין זייער מעג־ליכקייט, ניט אָפּטרעטענדיג אויף א האָר און ווארטענדיג ענטשלאָ־סען און געדולדיג אויף א גינסטיגערע ענדערונג לטובה פון זייער היילינגער זאַך.

נאָך דער טראַגישער ענדע פון דער פּאריזער קאָמונע אין 1871, זיינען פיעלע פראנצויזישע ראדיקאַלען אריבערגעקומען נאָך אמע־ריקא און א נייעם גייסט אריינגעגעבען אין אונזער באַוועגונג. רעדענדיג וועגען זיי אין זיין „די ארבייטער באוועגונג אין אמערי־קא“ זאָגט פּראָפעסאָר עלי:

„א נייע אנרעגונג האָט די באוועגונג געקראָגען אין 1871 פון די פראנצויזען, וואס זיינען אנטלאָפען נאָך אמעריקא נאָך דעם ווי ס'איז אונטערדריקט געוואָרען די פּאריזער קאָמונע. זיי האָבען מיטגעבראכט מיט זיך א נייעם אומערשראָקענעם גייסט פון רע־וואָלוציע. אָבער א פיעל וויכטיגערע פּאסירונג איז געווען דער באַ־שלוס וואס די „אינטערנאציאָנאַלע ארבייטער אָרגאניזאציע“ (דער ערשטער אינטערנאציאָנאַל) האָט אָנגענומען אין 1872 אין האאג אריבערצופיהרען דעם גענעראַל ראַט פון דער אסאציאציע נאָך ניו־יאָרק. דער מאָדערנער סאָציאַליזם האָט דערמיט געמאכט זיין גרוי־סען אויפטריט אין אמעריקא. די ערשטע פּראָקלאמאציע פון דער הויפּט־קוואַרטיר פון אינטערנאציאָנאַל איז געווען אַן אויפרוף צו די ארבייטער צו באפרייען ארבייט און אויסראטען אלע אינטער־נאציאָנאַלע און נאציאָנאַלע קאמפען.

„אין פריהלינג פון 1872 איז דורכגעפיהרט געוואָרען אַן אייג־דרוקספולע דעמאָנסטראציע צו גונסטען פון אַן אכט שטונדיגען ארבייטס־טאָג. עס ווערט געשאצט אַז צוואנציג טויזענד מענשען האָבען אנטייל גענומען אין דער דעמאָנסטראציע און צווישען אנ־דערע אָרגאניזאציעס האָבען אויך מארשירט די פארשידענע ניו־יאָרקער אפּטיילונגען פון'ם אינטערנאציאָנאַל, טראָגענדיג א פאָהן מיט דער אויפשריפט: „ארבייטער פון אַלע לענדער, פאראייניגט אייך“. דעם נעקסטען יאָהר איז געווען אַן אינדוסטריעלער און קאַ־

מערציעלער קריזיס, און די ליידען, וואָס דער קריזיס האָט פאַר־
שאַפט די גרויסע מאַסען ארבייטער, האָבען פיעל מיטגעהאָלפען
אין דער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע. ביסמארקס אויסנאהם
געזעצען געגען די סאָציאַליסטען אין דייטשלאנד האָבען געבראַכט
פיעלע דייטשע רעוואָלוציאָנערען נאָך אַמעריקא און פארשטארקט
דערמיט די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישע ארבייטער באַוועגונג.

„זייט 1873 זיינען פּאָרגעקומען אייניגע ענדערונגען אין דעם
נאָמען און אין דער צוזאמענשטעלונג פון דער אָרגאַניזאַציע ביי
די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטען. נאַציאָנאַלע צוזאַמענפאָהרען זיי־
נען פּאָרגעקומען פון צייט צו צייט. די וויכטיגסטע צוזאַמענפאָה־
רען זיינען אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין פילאדעלפיא (1874), אין
פיטסבורג (1876), אין נוארק (1877), אין אלענהאַני סיטי (1886),
אין באַלטימאָר און אין פיטסבורג (1883), און אין סינסינעטי
(1885). דער נאָמען ‚סאָציאַליסטישע ארבייטער פּארטיי‘ (סאָשע־
ליסט לייבאָר פּארטיי—ס. ל. פּ.) איז אָנגענומען געוואָרען אויפ'ן נו־
ארקער צוזאַמענפאָהר אין 1877. אָבער גלייך האָט זיך אָנגעהויבען
אַן אינערליכער קאַמף אין דער פּארטיי. צוויי ריכטונגען האָבען גע־
שטרעבט צו בעאיינפלוסען איהר פּאָליטיק און טאַקטיק. דער קאַמף
איז געוואָרען אַלס שארפער, און אין יאָהר 1883 האָט דער עקסט־
רימער פליגעל פון דער פּארטיי אָפּגעהאַלטען זיין באַזונדער קאָנ־
גרעס אין פיטסבורג און דער מעסיגער פליגעל — אין באַלטימאָר“.

אין 1876 האָט זיך געגרינדעט די ארבייטער פּארטיי און
אויף איהר צוזאמענפאָהר אין 1877 אין נוארק האָט זי אָנגענומען
דעם נאָמען: „סאָציאַליסטישע ארבייטער פּארטיי“ (ס. ל. פּ.).
די פּארטיי איז ניט געווען אייניג. איהר ענטוויקלונג איז געווען
פול מיט אינערליכע שטרייטיגקייטען. אַלע מיטגליעדער זיינען גע־
ווען ראדיקאל, אָבער זיי האָבען זיך ניט געקאָנט אייניגען אויף
איין טאַקטיק.

וואָס עס האָט זיי פּאַראייניגט איז געווען זייער פיינדשאַפט
צום הערשענדען רעזשים. ווייטער אָבער האָבען זיך אָנגעהויבען
צרות. די אַנארכיסטען און קאָמוניסטען זיינען נאָך אַלץ געווען
אין דער זעלבער באַוועגונג מיט די סאָציאַליסטען, און זייער דיפּע־

רעגצירונג און אפטיילונג איז ערשט געווען די אויפגאַבע פון דער ווייטערדיגער אינדוסטריעלער און סאָציאַלער ענטוויקלונג.

די סאָציאַליסטען האָבען געהאַט די אבזיכט צו גרינדען אַן ארבייטער פארטיי פאר אומאפהענגיגער פאָליטישער טעטיגקייט. די אנאַרכיסטען האָבען אָפּגעלייקענט דאָס שטים־רעכט און גע־פּרעדיגט די אומשטירצונג פון דער קאפיטאַליסטישער הערשאפט דורך יעדען מעגליכען מיטעל, גוואַלט אריינגערעכענט.

אויגוסט שפּיז, איינער פון די אנאַרכיסטען, וואָס זיינען שפּעטער געהאַנגען געוואָרען אין שיקאַגאָ, איז אין יענער צייט גע־ווען א פּראָמינענטער מיטגליעד אין דער פּאַרטיי. פאר איהם אין סאָציאַליזם און אנאַרכיזם געווען צוויי ווערטער מיט איין באדיי־טונג. ער האָט געזאָגט:

„סאָציאַליזם אָדער אנאַרכיזם מיינט דאָס איבערבויען פון דער געזעלשאַפט אויף וויסענשאַפטליכע יסודות, און דאָס אָפּשאַ־פונג פון דעם אַלעם, וואָס באַשאַפט אומרעכט און פארברעכען“.

און דזשאַרדזש ענגעל, וואָס האָט געטיילט דעם זעלבען שרעקליכען סוף, וואָס שפּיז, האָט געזאָגט:

„לויט מיין מיינונג זיינען סאָציאַליזם און אנאַרכיזם אזוי עהנליך צווישען זיך, ווי איין איי אויפ'ן צווייטען. זיי אונטער־שיידען זיך בלויז אין זייער טאַקטיק. דעם וועג, וואָס די סאָציאַ־ליסטען האָבען אָנגענומען צו באַפרייען די מענשהייט, האָבען די אנאַרכיסטען פארוואָרפען. איך זאָג: גלויבט ניט אין דעם שטים־קאַסטען און ניצט אַלע אַנדערע מיטלען, וואָס קאָנען אייך ברייג־גען צום ציעל“.

די אונטערשידען אין דער טאַקטיק, אויף וועלכע ענגעל ווייזט אָן, האָבען ניט נאָר פארשאַפט גוואַלדיגע שטרייטיגקייטען אין דער פּאַרטיי. זיי האָבען אויך געפיהרט דערצו, אז די אנאַרכיס־טען האָבען געגרינדעט אייגענע גרופּען, וועמעס פיהרער זיינען שפּעטער גע'משפּט און היגגעריכטעט געוואָרען אין דעם שיקאַגאָ'ער אנאַרכיסטען־פּראָצעס.

אָבער מיט די אַלע שוועריגקייטען, וואָס זיינען געשטאַנען אין וועג און מיט די שאַרפע צוויסטיגקייטען אין די אייגענע ריי־

הען, איז די סאָציאַליסטישע ארבייטער פּארטיי (ס. ל. פּ.), וואָס איז געווען צוזאַמענגעשטעלט פון אינטעליגענטע און פעהיגע מענשען, פול מיט שטרעבען און רעוואָלוציאָנערען גייסט פאר פרייהייט, דאָך געוואָרען פון איהר אנפאנג אָן א באשטימטער פאקטאָר אין דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג. דער סאָציאַליזם האָט זיך באוויזען אויף דער אמעריקאנער סצענע אין די צייטען פון דעם פארצוויגענעם עקאָנאָמישען און פינאַנציעלען קריזיס, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען אין 1873 און ווי א מגפה זיך שנעל פארשפּרייט איבער'ן גאנצען לאַנד און מיטגעבראכט מיט זיך אומגליק און פארצווייפלונג. די ארבייטער האָבען פון קריזיס מורא'דיג געליטען, אָבער זייערע יסורים זיינען ניט געווען איינגאנצען אָהן באלוינונג.

די עקאָנאָמישע נויטווענדיגקייטען האָבען באשטימט דעם לויף פון די געשעהענישען און די ארבייטער, א טייל פון זיי, אַלענפאלס, האָבען געעפענט זייערע אויגען און דערזעהן די אורזאכע פון זייערע ליידען. דאָס האָט זיי געטריבען צו קעמפען פאר דער ענדגילטיגער אפּשאפונג פון דער עקזיסטירענדער עקאָנאָמישער אומאָרדנונג, וואָס האַלט זיך אויף לוין־שקלאפעריי, און ניט אָפּגעבען זייער גאַנצע ענערגיע, ווי זיי האָבען דאָס געטאָן ביז אַהער, אויף דער פּרוכטלאָזער ארבייט, ווי דאָס האָט זיך איצטער ארויסגעוויזען, פון ראַנגלען זיך געגען די רעזולטאַטען און פאָלגען פון דעם סיסטעם. אָט די ארבייטער, וואָס האָבען דערזעהן די ליכט, אונטער דער פיהרערשאַפט פון די ראַדיקאַלע אימיגראַנטען פון דייטשלאַנד און פראַנקרייך האָבען זיך געשטעלט אונטער דעם רעוואָלוציאָנערען פאָהן פון דער נייער פּארטיי פון ארבייטער קלאַס.

עס איז זעלבסטפארשטענדליך און אומפארמיידליך, אז א פּארטיי מיט אַזאַ פארשידענארטיגען צונויפשטעלונג זאָל האָבען א שטורמישע קאַריערע.

די קאַמפען פון די ערשטע יאָהרען האָבען אויסגעפּרואווט דעם אומערשראָקענעם גייסט פון די גענאָסען, וואָס האָבען זיך באטייליגט אין זיי. דאָס שטעלט צוזאַמען א שפּאַנענדען קאַפּיטעל פון

דער אַמעריקאַנער ארבייטער באַוועגונג, וועלכער וועט מיט דער צייט ריכטיג פארשטאַנען און אָפּגעשעצט ווערען.

די ארומיגע באַשעפטיגטע וועלט האָט גאָר קיין באגריף ניט געהאט פון דעם רעוואָלוציאָנערען קערן, וואָס איז דאָ פארזייהעט געוואָרען, זי האָט קיין פארשטענדניש ניט געהאט פאר זיין וויכטיגקייט און געקוקט אויף זיינע אָנהענגער ווי אויף נארישע פאנאטיקער, וועמעס פאנטאזיעס זיינען אונשעדליך און וועמעס פלענער וועלען צופּלאצען ווי זייפענבלאָזען.

שטודירענדיג יענע צייט איז לייכט צו זעהן די גרויסע וויכטיגקייט, וואָס איז געלעגען אין יענעם אָנפאַנג, וואס איז געמאכט געוואָרען פּאָליטיש צו אָרגאַניזירען דעם ארבייטער קלאַס אלס א קלאַס, מיט דעם הויפּט צוועק צו געווינען די פּאָליטישע מאכט און צו באַפרייען די ארבייטער פון דער אונמענשליכער לוין־שקלאַפּעריי.

דיסקוטירענדיג די אויבען דערמאַנטע פּעריאָדע, זאָגט מאָריס הילקוויט אין זיין בוך „די געשיכטע פון סאָציאַליזם אין די פאראייניגטע שטאאטען“, דאָס פּאָלגענדע:

„פאר איבער צוואנציג יאָהר איז די „סאָציאַליסטישע ארבייטער פארטיי“ (ס. ל. פּ.) געוועזן דער הויפּט פּאַקטאָר אין דעם אַמעריקאַנעם סאָציאַליזם. די בונטע קאריערע פון דיזער פארטיי איז דער פּאַרפּלאָנטערסטער און אינטערעסאַנטסטער קאפּיטעל אין דער געשיכטע פון סאָציאַליזם אין די פאראייניגטע שטאאטען.

„אין אָנפאַנג האָט די סאָציאַליסטישע ארבייטער פארטיי אויסגעזעהן ווי א רייהע צווישען זיך ניט פארבונדענע געשעהעניששען און שוואַך־פארטראַכטע פּאָליטישע עקספּערימענטען. זי האָט אָפּט געביטען איהר טאַקטיק, פארבונדען זיך מיט ענטגעגענגעזעצטע שטרעמונגען, געוועזן פארנומען מיט אינערליכע און אויסערליכע קאמפּען, געהאט אונערקלערבארע ערפּאָלגען און מיסערפאָלגען און קיין סימן פון פּאָרטשריט אָדער געווינס איז ניט געוועזן צו באַמערקען.

„אָבער די דאָזיגע צומישונג איז געוועזן בלויז א שיינבארע און אנאַליזירענדיג די זאַך טיעפער, באַמערקט מען דעם לאָגישען

פּאָדעם, וואָס בינדט צונויף די אַלע, פון אויבען־אויף ניט לאָגישע, פיהרונגען פון דער פּאַרטיי און, ווי פּלאַנלאָז געוויסע ווענדונגען זעהען ניט אויס, האָבען זיי דאָך געהאַט זייערע אינערליכע און גרינדליכע אורזאַכען.

„די שוועריגקייטען, וואָס זיינען געשטאַנען אויפ'ן וועג פון דער „סאָציאַליסטישער אַרבייטער פּאַרטיי" זיינען געוועזן אויסער־געוועהנליך. אַלס איינע פון די ערשטע נאַציאָנאַלע סאָציאַליס־טישע פּאַרטייען, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען אין אַמעריקאַ, האָט זי געהאַט בייצוקומען די געוועהנליכע שוועריגקייטען, וואָס יעדע ראַדיקאַלע באַוועגונג האָט אין דעם אָנפאַנג פון איהר עקזיסטענץ — שוואַכקייט און אומצוטרויען אין די אייגענע רייהען און פיינד־שאַפט און אָפּלאַבעריי פון דער דערוויסענדיגער וועלט."

דאָס זיינען געוועזן שטורמישע צייטען. די טרייד־יוניאָן באַ־וועגונג האָט זיך פאַרשפּרייט ווי קיינמאָל פריהער. די „נייטס אָוו לייבאָר" (ריטער פון אַרבייט) האָבען דערגרייכט דעם העכסטען פּונקט פון זייער ענטוויקלונג און אַנדערע אַרבייטער יוניאָנס האָ־בען זיך געמעהרט און גיך פאַרגרעסערט זייער מיטגליעדערשאַפט. אומעטום האָט זיך די שטים פון אַגיטאַטאָר געהערט. אין 1885 האָט די „נייטס אָוו לייבאָר" ערקלערט אַ סטרייק אויף דעם „גולד סאַוטוועסט" אייזענבאַהן סיסטעם. דעם נעקסטען יאָהר איז אויף דער זעלבער אייזענבאַהן ליניע פאָרגעקומען אַ גרעסערער סטרייק, וואָס האָט זיך גיך פאַרשפּרייט איבער די שטאַאַטען פון מיזורי, אילינאָיז, אַרקענזו, קענזעס און טעקסאַס און האָט געדראָהט אַרומצונעמען אַלע באַהנען פון די וועסטליכע און זיד־וועסטליכע שטאַאַטען. עס איז געוועזען איינער פון די באַדייטענסטע אַר־בייטער סטרייקס און די „נייטס אָוו לייבאָר" האָט זיך געוויזען אין איהר פולען גלאַנץ פאַר'ן גאַנצען לאַנד. די „נייטס" זיינען באַ־זיעגט געוואָרען, כאָטש דער קאַמף איז עקשנות'דיג געפיהרט גע־וואָרען און דאָס פאָלק איז געוועזן אַזוי אויפגערעגט, אַז דער קאָנ־גרעס איז געצוואונגען געוועזן צו אונטערזוכען די גאַנצע אַנגעלע־גענהייט און דער באַריכט פונ'ם אונטערזוכונגס קאָמיטעט האָט פאַרנומען איבער עלף הונדערט זייטען.

דעם ערשטען מאי פון דעם זעלבען יאהר האבען אין פאר־שידענע טיילען פון לאנד אויסגעבראכען אלגעמיינע סטרייקס פאר אן אכט־שטונדיגען ארבייטס־טאג. אין די סטרייקס האבען אנ־טייל גענומען אייניגע הונדערט טויזענד ארגאניזירטע ארבייטער און די מעהרסטע פון די סטרייקס האבען זיך געענדיגט מיט ענ־טוישונג און דורכפאל.

די אגיטאציע, וואס איז אין דער צייט אנגעגאנגען פאר א קירצערען ארבייטס־טאג, באקאנט אלס די אכט־שטונדיגע באוועגונג, האט דערגרייכט איהר העכסטען פונקט דעם 4טען מאי 1886 אין די היימארקעט אומרוהען אין שיקאגא, און האט זיך אויסגעלאזען אין די שוידערליכע הינריכטונג פון די אנארכיסטען דעם 11טען נאוועמבער 1887, וואס וועט פארבלייבען אן אייביגער שווארצער פלעק אויף דער קאפיטאליסטישער ציוויליזאציע, איהר שאנד און איהר פארדאמונג.

די מערדערליכע אנפאלען אויף פרידליכע מיטינגען, דאס ברו־טאלע שלאגען פון ארבייטער פון דער שיקאגא׳ער פאליציי אויף דעם באפעהל פון זייערע פאליטישע הויפטלינגען — די געצייג פון דעם קאפיטאליסטישען קלאס — האט געטריבען די ארבייטער פיהרער צו פארצווייפלונג און פאראורזאכט די היימארקעט בלוט־באד, וואס איז געווען א טייוועלשער פלאן צו דערשטיקען די אגי־טאציע און צו פארניכטען די באוועגונג פאר אן אכט־שטונדיגען ארבייטס־טאג, וואס האט זיך געהאלטען אין פארשפרייטען אי־בער׳ן גאנצען לאנד. מען דארף מודה זיין, אז פאר א צייט, יע־דענפאלס, האט עס גוט געדיענט די שענדליכע ציעלען פון די כלומרשט׳דיגע פארטיידיגער פון „געזעץ און ארדנונג“. אבער — נאר פאר א צייט. די שוידערליכע פארברעכענס פון דער קאפי־טאליסטישער גערעכטיגקייט זיינען די גיפטיגע קוילען, וואס וועלען ענדליך און אומפארמיידליך פארניכטען דעם יסוד פון דעם פארברעכען, די קאפיטאליסטישע ארדנונג. היימארקעט וועט ניט פארבלייבען אהן זיין גערעכטער נקמה.

אין 1884 האט לאורענץ גראנלאנד פארעפענטליכט זיין „קא־אפעראטיווע רעפובליק“ און ער איז געווען אהן צווייפעל גע־

רעכט, ווען ער האָט באהויפּטעט, אז ער האָט בייגעשטייערט זיין פולען חלק צו דער פארשפּרייטונג פון סאָציאליזם. ביז 1880 — זאָגט גראָנלאַנד — האָט מען סאָציאליסטען צווישען די געבאָרענע אַמעריקאַנער געקענט אויסצעהלען אויף די פינגער פון איין האַנד. ווען מען נעמט אין אַנבאַטראַכט דאָס מיהזאַמע ארבייטען, די ביטערע אָרעמקייט און די שווידערליכע טויט פון דעם סאָציאַליסטישען פּיאָנער, זעהט זיין פריהצייטיגער און טראַגישער טויט אויס ווי אַ געבענשטער באַלזאַם פאַר זיין פארמאַטערטער נשמה. ער האָט זיין לעבען געגעבען צו ציוויליזירען די וועלט און איז באַלוינט געוואָרען דערפאַר מיט ליידען און אַ פריהצייטיגען טויט.

פיער יאָהר נאָכדעם ווי גראָנלאַנד'ס „קאָאָפּעראַטיווע רע־פּובליק" איז ערשינען, האָט עדוארד בעלאַמי אין יאָהר 1888 אַרויסגעגעבען זיין „קוקענדיג צוריק" און דאָס בוך האָט געהאַט אַ וואונדערבאַרען איינפלוס. הונדערטער טויזענדער קאָפּיעס זיי־נען פארקויפט געוואָרען. דאָס פאָלק איז טיעף געריהרט גע־וואָרען פון'ם חלום פון דעם פּאָעטישען טרוימער. כאָטש דאָס בוך איז ניט געווען קיין וויסענשאַפטליך סאָציאַליסטיש ווערק, דאָך האָט בעלאַמי'ס סאָציאַלער ראָמאַן: „קוקענדיג צוריק" און אויך די פאָרזעצונג דערפון: „די גלייכהייט" געבראַכט אַ ווערט־פולען און צייטמעסיגען בייטראַג צו דער סאָציאַליסטישער ליטע־ראַטור. בעלאַמי האָט ניט נור אויפגערעגט די געמיטער, ער האָט אויך פּיעלע דירעקט אָוועקגעשטעלט אויף דעם וועג צו דער סאָ־ציאַליסטישער באַוועגונג. דאָס, וואָס דאָס פאָלק האָט זיך באַלד אָפּגערופען אויף בעלאַמי'ס רוף וועגען סאָציאַלער אויסגלייכונג, זאָגט עדות ניט נאָר אויף דער אומצופרידענהייט, נאָר אויך אויף דער גרייטקייט זיך אָנצוכאַפּען אָן יעדע זאַך, וואָס זאָגט צו צו באַפרייען פון אָרעמקייט, פון אומזיכערקייט און פון די שטענדי־גע שרעקען פון דער עקזיסטירענדער אָרדנונג. טויזענדער זיינען דורך די ביכער פון בעלאַמי באַוואויגען געוואָרען צו שטודירען די סאָציאַלע פראַגע און אַ סך פון זיי זיינען געוואָרען סאָציאַליסטען.

אין פעברואר 1888 האָט אויסגעבראָכען אַ סטרייק אויף דער בורלינגטאָן באַהן. אין סטרייק האָבען אַנטייל גענומען אַלע מאַ־

שיניסטען און הייצערס, ווי אויך א טייל פון די ברעמזוערס און ווייכען־שטעלער. איבער פ. מ. ארטור, דעם דאמאלסדיגען פרעזי־דענט פון דער „בראדערהוד אוו לאקאמאטיוו אינזשינירס“, איז געהאנגען די געפאהר פון געזעצליכער פארפאלגונג פאר דעם באי־קאט אונטער וועלכען די ארבייטער האבען געשטעלט איינע פון די צווייגען פון דער אייזענבאהן. דער באיקאט איז געווען אזוי ווירק־זאם, אז דער פארקער איז אזוי גוט ווי אפגעשטעלט געווארען. די ברודערשאפט האט צוריקגעצווינגען דעם באיקאט און דער סטרייק האט אנגעהויבען צו פארשווינדען. אבער דער קאמף האט נאך אנגעהאלטען ארום א יאהר צייט און האט דער יוניאן געקאסט פולע צוויי מיליאן דאלאר. ענדליך זיינען די סטרייקערס ערשעפט גע־ווארען און זיינען געצוואונגען געווען זיך פאלשטענדיג אונטער־צוגעבען.

דא איז אלזא צום צווייטען מאל דערוויזען געווארען, אז ווען עס פארמעסטען זיך אין כחות די אייזענבאהן־קארפאראציעס מיט די אייזענבאהן ארבייטער יוניאנס, גטהען אלע מאל די יוניאנס געבראכען. קיין איינע פון די ברודערשאפטען פון די אייזענבאהן ארבייטער האט קיינמאל ניט געוואונען קיין איין באדייטענדען איי־זענבאהן סטרייק.

דאס פארלירען פון דעם און אנדערע סטרייקס צוזאמען מיט דעם פאקט, אז די מעהרסטע באהן־ארבייטער האבען ניט געקענט אריינגעהן אין די דאמאלט־עקזיסטירענדע יוניאנס, האט געפיהרט צו דער גרינדונג פון דער „אמעריקאן ריילוויי יוניאן“, וואס האט אריינגענומען אלע אייזענבאהן ארבייטער אהן באשריינקונג און אהן אונטערשייד פון פאך. די נייע יוניאן איז גיך געוואקסען. זי האט אונטערנומען אייניגע קלענערע סטרייקס און האט זיי געוואונען. אין אפריל 1894 האט אויסגעבראכען דער סטרייק אויף דער גרייט נארטהערן ליניע. דער סטרייק האט ארומגענומען אלע ארבייטער פון דער באהן און איז פאלשטענדיג געוואונען געווארען אין ווינצי־גער ווי אין דריי וואכען. א קורצע צייט שפעטער האט עס ווידער געהאלטען ביי א סטרייק צוליעב מיספארשטענדנישען פון דעם פרידענס־אפמאך נאך דעם סטרייק. אויך דא איז די „אמעריקאן

רײלוויי יוניאָן״ ארויסגעקומען זיעגרייך. ארבייטער איבער׳ן גאַנ־צען לאַנד האָבען אין די טויזענדער געשטראָמט אין דער יוניאָן. ענדע יוני פון דעם זעלבען יאָהר האָט אויסגעבראָכען דער פולמאַן סטרייק.

די פולמאַן קאָמפּאַניע, געשטיצט פון די פאראייניגטע באהן קאָרפּאָראַציעס איז געווען ענטשלאָסען צו פארניכטען די יוניאָן. ניט נאָר זיינען זיי דורכגעפאלען, נאָר די יוניאָן האָט פאראַליזירט דעם גאַנצען פאַרקעהר און זיי אַלעמען באַזיעגט. זעהענדיג, אז די יוניאָן איז זיעגרייך, האָבען זיי געביטען זייער טאַקטיק. זיי האָבען געמאַכט דעם יונייטעד סטייטס מארשאַל פון אילינאָיז איינ־צושווערען אַן ארמעע פון דעפּיוטים, אויגענשיינליך מיט דעם צוועק צו פארהיטען אייגענטום, אָבער אין אמת׳ן אויפצורייצען צו אומ־רוהען. אין זיין אָפּיציעלען באריכט האָט דער שעף פון דער שי־קאגא׳ער פּאָליציי געזאָגט, אז די דאָזיגע דעפּיוטים באשטעהען פון גנבים, מערדער — דער שרעקליכסטער עלעמענט, וואָס איז ווען־ניט־איז פריינעלאָזען אין א שטאָדט. אזוי גיך ווי די דאָזיגע דעפּיו־טים האָבען אָנגעהויבען צו ארבייטען אונטער׳ן צודעק פון דער נאַכט, האָבען זיך אומרוהען אָנגעהויבען און דאָס איז געווען, וואָס די באהן־קאָרפּאָראַציע האָט געוואָלט. אָרדנונג איז געווען געפעהרליך פאַר זיי, אזוי ווי אומאָרדנונג און גוואלד־טאַטען זיינען געווען געפעהרליך פאַר דער יוניאָן. זיי האָבען עס אויסגעצוי־כענט פארשטאַנען. אזוי גיך ווי די דעפּיוטים האָבען אָנגעהויבען צו ארבייטען, איז די קאַפּיטאַליסטישע פּרעסע און די ״אסאָשיאַיי־טעד פּרעס״ — די צענטראַלע נייעס אגענטור — ארויסגעגאַנגען מיט ליגענס, אז די סטרייקס שטעלען אין סכנה דאָס לעבען פון די פרידליבע בירגער. די ליגענס האָבען געהאט זייער ווירקונג. אוּ־מעטום האָבען זיך געהערט געשרייען: נידער מיט די „אמעריקאַן רײלוויי יוניאָן!״ נידער מיט דער אנאַרכיע! דער שטראָם האָט זיך אומגעקעהרט. די טריאומפירענדע יוניאָן און די געשלאָגענע קאָרפּאָראַציעס האָבען זיך געביטען מיט זייערע פּאָזיציעס. די גאַנצע באַפעלקערונג איז געווען געגען דער יוניאָן און יעדע נידער־טרעכטיגקייט געגען די ארבייטער איז ניט נאָר געווען מעגליך, נאָר

עס איז געטאָן געוואָרען אין נאָמען פון פאַטריאָטיזם און טובת הכלל. די „אַמעריקאַן ריילוויי יוניאָן" האָט ניט געהאַט קיין פּרעסע, זי האָט ניט געהאַט קיין מעגליכקייט פאַרצולייגען איהר צד. און טויזענדער פון די באַהן־אַרבייטער, אין וועמעס אינטערעסען די יוניאָן האָט געקעמפט און איינגעשטעלט אַלץ אין קאָן האָבען זיך אָפּגעקעהרט פון איהר און פאַרדאַמט איהר צוזאַמען מיט איהרע שונאים.

הונדערטער געריכטליכע באַשריינקונגען — אינדזשאַנקשאַנס — זיינען אַרויסגעגעבען געוואָרען אין די געריכטען צווישען אָהייאָ און דעם פּאַסיפיק. אַ האַלבער טוץ געזונטע קערלען, אויפ'ן באַפעהל פון דער פעדעראַלער מאַכט, האָבען זיך אַריינגעבראָכען אין אָפיס פון דער יוניאָן אָהן דער מינדסטער וואַרנונג, צוגענומען אָפיציעלע דאָקומענטען, ביכער, פּריוואַטע פּאַפּירען און ניט געעפענטע בריעף, פאַרנעגעלט דעם אָפיס און אָוועקגעטראָגען דאָס צוגענומענע אין דער פעדעראַלער רעגירונגס געביידע.

גראָווער קליוולאַנד, דער דאַמאַלסדיגער פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַאַטען, האָט מיט דעם איינציגען צוועק צו העלפען די באַהן־קאָרפּאָראַציעס צו פאַרטיליגען די יוניאָן פון זייערע אָנגעשטעלטע געשיקט פעדעראַלע סאָלדאַטען אין שטאַאַט אילינאָי. דעם פּרעזידענט האָט ניט אויסגעמאַכט וואָס דאָס איז געווען אומגעזעצליך און וואָס דער גאָווערנאָר פון שטאַאַט האָט געגען דעם פייערליך און מעהרערע מאָל פּראָטעסטירט. דער מעיאָר פון שיקאַגאָ און די גרעסטע מעהרהייט בירגער פון שטאָדט זיינען געווען געגען דעם פּרעזידענט'ס שריט. ווען אַן אמת'ע געשיכטע וועט געשריבען ווערען וועט דאָס דאָזיגע פאַרברעכען מאַכען דעם נאָמען פון גראָווער קליוולאַנד פאַר דעם אייביגען צייכען פון שאַנדע.

די קאַפּיטאַליסטישע פּרעסע האָט פאַבריצירט טויזענדער ליגענס און געזוכט אַרויפצואוואַרפען די פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר די אַלע פאַרברעכענס פון די שולדיגע קאָרפּאָראַציעס אויף אומשולדיגע אַרבייטער. די אַרבייטער פיהרער זיינען אַרעסטירט געוואָרען ניט זייענדיג אָנגעקלאָגט און זיינען פאַרשיקט געוואָרען אין געפענגניש אָהן אַ משפט. אַ ספּעציעלע „גרענד דזשורי" איז איינ־

געשוואָרען געוואָרען מיט דעם אויסדריקליכען אויפטראג צו פאַר־משפּט'ן, און אַ באַריהמטער קאַפּיטאַליסטישער יוניאָן־האסער איז געמאַכט געוואָרען פאַר'ן פּאַרזיצענדען פון דער דזשורי. הונדער־טער אנדערע געזעץ־פאַרלעצונגען זיינען געמאַכט געוואָרען און גע־רעכטיגקייט איז שענדליך פאַרגוואַלטיגט געוואָרען, און אַלץ, פאַר־שטעהט זיך, מיט דעם פרומען אויסרייד און אָנשטעל צו פאַרהיטען געזעץ, אָרדנונג און יושר.

די קאָרופּציע פון דער קאַפּיטאַליסטישער רעגירונג האָט זיך נאָך קיינמאָל ניט ארויסגעשטעלט אזוי העסליך און אזוי קלאָר, ווי דאָס מאָל, אזוי סקאַנדאַלעז און דעגראַדירט. יעדע אַפּטיילונג פון דער פעדעראַלער רעגירונג איז אָפען געשטעלט געוואָרען אין דיענסט פון די באַהן קאָרפּאָראַציעס. די רעפּובליקאַנער און דעמאָ־קראַטישע בעאַמטע האָבען קאָנקורירט צווישען זיך אין שקלאַפּישער געהאָרזאַמקייט צו זייערע עקאָנאָמישע באַלעבאַטים.

ווען די רעגירונג און די קאַפּיטאַליסטישע לאַקייען האָבען גע־ענדיגט זייער שליחות אלס די מיסטרייניגער פון די באַהן קאָרפּאָ־ראַציעס, האָט גענעראַל מילס, דער מיליטערישער סאַטראַפּ, ווי אַ רויב־פויגעל וואָס איז זאַט פון בלוט און פלייש, מיט גרויס פּאַראַד און זעלבסט־צופרידענהייט ערקלערט אויף אַ באַנקעט, וואָס איז איהם געגעבען געוואָרען אלס אנערקענונג פון זיין בראַווער דיענסט:

„איך האָב צובראָכען דעם רוקען־ביין פון דעם סטרייק".

די דאָזיגע העלדישקייט פון די גראַוער קליוולאַנדס, גענעראַל מילס'עס און אַלע זייערע חברים וועט ניט פאַרגעסען ווערען און וועט ניט פאַרבלייבען אָהן איהר גערעכטער באַלוינונג.

אין 1893 האָט י. א. ווײַלאַנד געגרינדעט אין גרינסבורג, איני־דיאַנא, די „קאַמינג ניישאָן". דאָס איז געווען די ערשטע פּאָפּו־לערע צייטונג, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען אין די אינטערעסען פון סאָציאַליזם. די צייטונג האָט ערוואָרבען אַ גרויסע צירקולאַציע און די איינקונפט איז געגאַנגען פאַר דער גרינדונג און ענטוויקלונג פון דער ראָסקין קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניע אין טענעסי. שפּעטער האָט ווײַלאַנד אָנגעהויבען ארויס־

צוגעבען דעם „אַפּיעל טו ריזן“ וועמענס פאַרשפּרייטונג עס האָט לעצטענס דערגרייכט אין די הונדערטער טויזענדער. עס איז ניט קיין פּוסטער לויב, ווען מען זאָגט, אַז דער „אַפּיעל טו ריזן“ איז געווען אַ גרויסער פאַקטאָר גרייט צו מאַכען די אַמעריקאַנער ערד פאַר די זוימען פון סאָציאַליזם. די פּראָפּאַגאַנדא ארבייט, וואָס ווייאַלאַנד האָט מיט זיין גרויסער פעהיגקייט אָרגאַניזירט און וואָס איז מיטגעהאָלפען געוואָרען פון אַ גרופּע טיכטיגע גענאָסען, איז געווען און איז אַ גרויסע הילף צו פאַרשפּרייטען אויפקלערונג צווי־שען די אַרבייטער און אין דער אויפבויאונג פון דער סאָציאַליסטי־שער באַוועגונג.

אונזער פּעריאָדישע און וועכענטליכע פּרעסע, וואָס איז אַזוי נויטיג פאַר יעדער פּאָליטישער פּאַרטיי, האַלט זיך איצט אין איין ענטוויקלען און מיר האָבען יעדען גרונד צו גלויבען, אַז זי וועט זיך נאָך מעהר ענטוויקלען און פאַרמעהרען.

די לעצטע קאָנווענציאָן פון דער „אַמעריקאַן ריילוויי יוניאָן“ איז אויך געווען דער ערשטער צוזאַמענפאָהר פון דער „סאָשעל דעמאָקראַסי אָוו אַמעריקא“, די סאָציאַלע דעמאָקראַטיע פון אַמע־ריקא. דער צוזאַמענפאָהר איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין 1897 אין שיקאגא. די דעלעגאַטען האָבען נעשטימט צו פאַרוואַנדלען די באַהן־אַרבייטער יוניאָן אין אַ פּאָליטישער פּאַרטיי פון אַרבייטער־קלאַס.

די „ריילוויי טיימז“, דער אָפּיציעלער אָרגאַן פון דער יוניאָן, האָט אָנגענומען דעם נאָמען „סאָשעל דעמאָקראַט“ און שפּעטער — „סאָשעל דעמאָקראַטיק העראַלד“ און ווערט איצט אַרויסגעגעבען אין מילוואָקי אין די אינטערעסען פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (ס. פּ.).

די „אַמעריקאַן ריילוויי יוניאָן“ איז לאָגיש אויסגעוואַקסען אין דער „סאָשעל דעמאָקראַסי“. די גרויסע אינדוסטריעלע ער־הויבונג, באַקאַנט אלס דער פּ ו ל מ אַ ן ס ט ר י י ק, און די ברוטאַלע טיראַניי און אכזריות'דיגע אונטערדריקונג פון דעם סטרייק האָבען אומפאַרמיידליך געפיהרט צו דער אויסשפּרייטונג

פון דעם יוניאָניזם און פון דער פּאָליטישער אַקציאָן פון דעם אַר־בייטער־קלאַס.

די „דזשענעראַל מענעדזשערס אַסאָסיאיישאָן" — די יד אחת פון די אייזענבאהן פּאַרוואַלטערס — האָט פּאַרפּאָלגט די „אַמערי־קאַן ריילוויי יוניאָן" מיט טייוואָלישער גרויזאַמקייט און איז גע־ווען ענטשלאָסען אויסצולעשען דעם לעצטען פונק פון איהר לעבען, און אלס רעזולטאַט דערפון, ווען די פּאָר איבערגעבליבענע דעלעגאַ־טען זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אויף זייער נאַציאָנאַלער קאָנווענ־ציאָן אין דעם אויבענדערמאָנטען יאָהר, איז די „אַמעריקאַן ריילוויי יוניאָן", וואָס איז געליעבט און געעהרט געווען פון ארבייט און פאַר־האַסט פון קאַפּיטאַל, פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין דער „סאָשעל דע־מאָקראַסי".

אויף דער נאַציאָנאַלער קאָנווענציאָן אין 1898 איז פּאָרגע־קומען אַ שפּאַלטונג. איין ריכטונג האָט געלייגט גרויסע האָפנונגען אויף די קאָמוניסטישע קאָלאָניעס און געהאַלטען זיי אלס דעם הויפּטציעל פון דער באַוועגונג, די צווייטע ריכטונג האָט געלייקענט אין דער גרויסער צוקונפט פון די קאָלאָניעס און זי האָט געשטרעבט צו פּאָליטישער טעטיגקייט אלס פּארטיי פון ארבייטער קלאַס. די צווייטע ריכטונג איז באַקאַנט געווען אלס „סאָשעל דעמאָקראַטיק פּאַרטי" (סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי). און זי האָט זיך ארויס־געוויזען פאַר לעבענס־פעהיג און ערפאָלגרייך שוין אין איהרע ער־שטע טעג.

די סאָציאַליסטישע ארבייטער פּאַרטיי (ס. ל. פּ.), אין וועלכער צוויסטיגקייטען זיינען אָנגעגאַנגען פאַר אַ לענגערער צייט, האָט זיך אין יאָהר 1899 צושפּאָלטען אין באַזונדערע פּאַרטייען. די גענגנער פון דער אדמיניסטראַציאָן האָבען זיך פאַראייניגט מיט דער „סאָשעל דעמאָקראַסי", און די פאַראייניגטע פּאַרטיי האָט אָנגע־נומען דעם נאָמען: „די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי" (ס. פּ.)

די נייע פּאַרטיי האָט זיך גלייך געשטעלט אויף דעם קלאָרען און פעסטען באָדען פון דער אויסגעהאַלטענער סאָציאַליסטישער וועלט־אַנשויאונג, וואָס מאַרקס, ענגעלס און לאַסאַל האָבען אַזוי

פּרוכטבאר געמאכט מיט די זוימען פון זייער זשעני און גלויבען אין די ציעלען און וועגען פון דעם ארבייטער קלאס.

מארקס'עס אומשטערבליכער לאזונג: „ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך! איהר קענט גארנישט פארלירען אויסער אייערע קייטען און געווינען קענט איהר א וועלט!" — באגייסטערט דעם ארבייטער קלאס אין זיין קלאסען־קאמפּף איבער דער גאנצער וועלט. די ס. פּ. אין אמעריקא האט זיך אנגעשלאסען און ענג פארבונדען מיט אט דער אינטערנאציאנאלער אלוועלטליכער ארמעע.

די שטימען וואס די סאציאליסטען באקומען אין די פאראייניגטע שטאאטען האלטען אין וואקסען און זיינע גאנץ צופרידענשטעלענד.

אין די נאציאנאלע וואהלען פון 1892 האבען די סאציאליסטען באקומען 21.164 שטימען.

אין 1896 — 36,739.

אין 1900 האט די „סאציאליסטישע פארטיי" (ס. פּ.) באקומען 87,814 און די „סאציאליסטישע ארבייטער פארטיי" (ס. ל. פּ.) 39,739, צוזאמען 127,553 שטימען.

זייט 1900 איז די סאציאליסטישע פּראפּאגאנדא געווארען גרעסער ווי פריהער, ווען זי האט פּאקטיש בלויז ארומגענומען אייניגע שטאאטען און איהרע מיטלען זיינען געווען אומבאדייטענד.

אבער יענע צייטען זיינען שוין אוועק. די סאציאליסטישע פּארטיי האט איצט ארגאניזאציעס אין בענאה אלע שטאאטען און טעריטאריעס פון לאנד, זי האט אן ענטוזיאסטישע און ענערגישע מיטגליעדערשאפט און א גרויסע און פארשפּרייטע פּרעסע.

די פּרינציפּען פון דער סאציאליסטישער פּארטיי זיינען די פּרינציפּען פונ'ם אינטערנאציאנאלען סאציאליזם און איהר טאקטיק איז די זעלבע, וואס איהרע פּרינציפּען — אבסאלוט אומקאמפּראמיסליך.

און פול מיט האפנונגען און פארשפּרעכונגען איז דער וועג פון די ארבייטער פאר דער קומענדער ארדנונג.

מיר ווייסען ניט און ווילען ניט וויסען פון די אלע אינערליכע

רייסערייען, וואס קענען אדער וועלען פארקומען אין דער סאציאַ־ליסטישער פארטיי. אלץ וואס מיר ווייסען איז, אז די פרינציפען פון סאציאליזם זיינען נויטיג פאר דער באפרייאונג פון ארבייטער־קלאס און פאר דעם אמת'ן גליק פון אלע קלאסען און אז ער מוז מקוים ווערען. מיר זעהען, אז דער סאציאליזם, געגעהרט פון עלענד און באלעבט פון די שטרעבונגען פון ארבייטער קלאס, קריגט פון טאג צו טאג אלץ א גרעסערען פעלד פאר זיין טעטיגקייט, אז זיין מאכט און איינפלוס וואקסט און ווען די לעצטע שעה פון קאפיטאַ־ליזם און לוין־שקלאפעריי וועט שלאגען, וועט די סאציאליסטישע באוועגונג, — די באוועגונג וואס איז גרויס גענוג ארומצונעמען די גאנצע מענשליכע ראסע, — קרוינען מיט זיעג די קעמפער וואס האבען הונדערטער יאהרען געראמט דעם וועג און געבויט דעם טעמ־פעל פון דער צוקונפט — דעם טעמפעל און טראן פון א באפרייטער מענשהייט אין א פרייער וועלט.

---

(דעם ארטיקעל „די אמעריקאנער באוועגונג" האט דעבס געשריבען ווען די פארטיי איז נאר וואס ארגאניזירט געווארען. זינט דאן איז די פארטיי געוואקסען אין איינפלוס און צאהל, זי האט דערגרייכט א נאכ־פאלגערשאפט פון א גאנצען מיליאן בירגער און אריבער 100 טויזענד מיטגלידער.)

# די פעדעראַלע רעגירונג און דער שיקאַגאָ'ער סטרייק

(דעבס האָט געשריבען דאָס אַרטיקעל פאַר דעם זשורנאַל „מעקלור'ס מעגעזין", אָבער די רעדאַקציע האָט זיך אָפּגעזאָגט צו דרוקען עס.)

אין דעם יולי נומער „מערקליורס מעגעזין" איז דאָ אַן אַר־טיקעל פון עקס־פּרעזידענט גראָווער קליוולאַנד וועגען דער „רע־גירונג אין דעם שיקאַגאָ'ער סטרייק פון 1894". אום דאָס וואָרט „רעגירונג" זאָל דאָ ריכטיג פאַרשטאַנען ווערען, דאַרף געזאָגט ווע־רען אַז דאָ ווערט גערעדט וועגען דער פעדעראַלער רעגירונג פון וועל־כער מר. קליוולאַנד איז געווען דער הויפּט אין דער צייט פון שי־קאַגאָ'ער סטרייק, און ניט וועגען דער שטאַאט רעגירונג פון אילי־נאָיז אָדער שיקאַגאָ'ער שטאָדט רעגירונג, וועמענס רעכט די פעדע־ראַלע רעגירונג האָט איגנאָרירט און פאַרלעצט אונטער דער אַדמי־ניסטראַציע פון מר. קליוולאַנד.

### קליוולאַנד פאַרטיידיגט זיך.

עס איז אודאי בלויז אַ צופאַל, וואָס מר. קליוולאַנד'ס לויב־געזאַנגען וועגען זיין פּאַטריאָטישער אַדמיניסטראַציע און וועגען זיך — דעם הויפּט פון דער אַדמיניסטראַציע, זיינען געקומען פּונקט ערב אַ נאַציאָנאַלער קאָנווענציאָן, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט מעהרסטענס פון זיינע אנהענגערס, וועלכע ארבייטען, אַז ער זאָל צום פיערטען מאָל נאָמינירט ווערען פאַר פּרעזידענט.

עס איז זיכער, אַז עקס־פּרעזידענט קליוולאַנד ווייסט אַליין גאָר ניט וועגען דעם סטרייק, וואָס ער באַהאַנדעלט און אַז די באַ־ווייזע אויף וועמעס גרונד ער האָט אָפיציעל געהאַנדעלט און אויף וועלכע ער בויט איצט זיין אַרטיקעל זיינען איין־זייטיג, זיינען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען פון די באַהן־קאָרפּאָראַציעס און פון די, וואָס רעפּרעזענטירען אָדער ווערען קאָנטראָלירט פון די דאָזיגע קאָרפּאָ־ראַציעס. עס איז דערפאַר קיין וואונדער נים, וואס ער פאַלט אריין

אין א רייהע טעות'ן, אַנפאַנגענדיג מיט דער אורזאַכע פון די אומ־רוהען און ענדיגענדיג מיט דעם גאַנצען אינהאַלט פון זיין באַריכט, ווי עס קען אָהן צווייפעל באַוויזען ווערען פון דעם רעפּאָרט וועגען דעם שיקאַגאָ'ער סטרייק, וועלכען עס האָט ארויסגעגעבען די סטרייק־אונטערזוכונגס־קאָמיסיע, וואָס מר. קליוולאַנד האָט אַליין באַשטימט.

### וואָס איז אַזוינס געווען דער שיקאַגאָ'ער סטרייק?

דאָס איז געווען איינער פון די פיעלע קאַמפּען, וואָס זיינען און וועלען ערשט געקעמפט ווערען אין דער עקאָנאָמישער מלחמה צווישען קאַפּיטאַל און ארבייט. פּיטסבורג, האָמסטעד, באַפאַלאָ, לאַטימער, פּאנא, קוירד'אַלען, קריפּל גריק און טעלערייד דערמאַ־נען איינינע פון די קאַמפּען אין דיזען לאַנד פון דער אַלוועלטליכער מלחמה פאַר אינדוסטריעלער באַפרייאונג.

וואָס האָט פּרעזידענט קליוולאַנד געטאָן, ווען עס האָט אויס־געבראָכען דער שיקאַגאָ'ער סטרייק? האָט ער געמאַכט אַ פּער־זענליכע אונטערזוכונג? — ניין!

האָט ער ביידע צדדים גערופען צו אַ פאַרהער — ניין! ער האָט עס ניט געטאָן.

האָט ער אין זיין גאַנצען פּערצעהן זייטיגען ארטיקעל ציטירט אַן ארבייטער, אָדער אַן ארבייטער פאַרשטעהער צו פאַרשטאַרקען דערמיט זיין ערקלערונג און זיינע אָפיציעלע טאַטען? — קיין איי־נעם ניט!

איך באַהויפּט, אַז ער האָט יעדען טייל פון אינפאָרמאַציע באַ־קומען פון דער קאַפּיטאַליסטישער זייט, אַז אין זיינע האַנדלונגען האָט ער פאַרטראַטען דעם צד פון די אייזענבאַהן־קאָמפּאַניעס און ער האָט זיך גערעכענט נאָר מיט זייערע אינטערעסען און אַז דעם אַנדער צד האָט ער ניט געשאָנקען קיין אויפמערקזאַמקייט. די הונדערטער־טויזענטער ארבייטער מיט זייערע פרויען און קינ־דער וואָס זיינען געשטאַנען אין קאַן, האָבען ביי דעם פּרעזידענט ניט געהאַט מעהר אָנזעהן, ווי די שעפּסען, וואָס ווערען געפיהרט

צום שלאכט־הויז. ער איז אלס פרעזידענט געווען ריקזיכטסלאז, ווי ער איז איצטער אלס געשיכט־שרייבער געוויסענלאז.

צוליעב וואס די פעדעראלע מאכט האט זיך אריינגעמישט.

דער פעדעראלער ריכטער האט זיך געפיהלט פארפליכטעט צו פולמאנען, ווייל דורך פולמאנ'ס איינפלוס האט ער באקומען דעם ריכטער־שטול, און צו די באהן־קאמפאניעס, וועלכע פלעגען איהם שטענדיג באזארגען מיט פרייער רייזע. און אלס דאנק צו זיינע באשיצער און באזארגער האט דער ריכטער ניט בלויז געזוכט אנצוהאלטען די ארדנונג און אפצוהיטען דאס געזעץ. ער האט גע־זוכט מיט אלע מיטלען צו צוברעכען דעם סטרייק אין די אינטערעסען פון די באהן קארפאראציעס. און טאקי דערפאר האט עס דזשאהן פ. אלטגעלד, דער גאווערנאר פון איליגאיז, און דזשאהן פ. האפקינס, דער מעיאר פון שיקאגא, ניט מסכים געווען מיט פרעזידענט קליוו־לאנדס אדמיניסטראציע און ביידע האבען איינמוטיג פראטעסטירט געגען דעם, וואס די פעדעראלע מאכט האט געשיקט סאלדאטען אין זייער שטאאט און שטאדט. קיין אויפריכטיגער מענש וועט דאך ניט צושטימען, אז די נאציאנאלע רעגירונג זאל זיך אפען און ברו־טאל שטעלען געגען די איינפאכע בירגער און אין די געלטליכע אינ־טערעסען פון א פאר גרויסע געלד־מאגנאטען און זייערע קארפא־ראציעס.

מר. קליוולאנד פארגעסט אן ריכטער וואודס.

דער פארשטארבענער ריכטער וויליאם א. וואודס איז געווען איינער פון די הויפט ריכטער אין דעם שיקאגאר אפער. ער האט ארויסגעגעבען אינדזשאנקשאנס, גערופען די סטרייקערס אין גע־ריכט און פארשיקט זיי אין געפענגניש אהן א משפט. אבער דער פרעזידענט קליוולאנד פארשווייגט פארזיכטיג אלע פארדינסטען פון דעם ריכטער. כאטש ער ברענגט פיעלע קאפיעס פון דאקומענ־טען, איז אבער אין זיין ארטיקעל ניט פארהאן קיין קאפיעס פון די טעלעגראמען, וואס זיינען געשיקט געווארען צווישען ריכטער וואודס פון זיין היים אין אינדיאנאפאליס און די אייזענבאהן־

פארוואלטער פון שיקאגא איידער ער איז אהער געקומען איבערצו־נעמען די ריכטער־שטול.

ריכטער וואודס האט געפונען פאר מעגליך צו פאראורטיי־לען דעם שרייבער פון די צייליען און זיינע קאלעגען אהן א משפט און צו באפרייען וויליאם וו. דארלי פון די טרויעריג באקאנטע „בלאקס אף פייוו“, טראץ דעם, וואס עפ׳י משפט איז ער געוועזן פאראורטיילט.

ריכטער וואודס איז טויט און איך וויל ניט אטאקירען קיין טויטע. ס׳איז גענוג, וואס איך האב געמוזט דערמאנען זיין נא־מען און אז מר. קליוולענד האט געמוזט זיין נאמען אויסלאזען.

פולמאן וויזט ארויס פאראכטונג צום געריכט.

אין דער צייט פון סטרייק איז דער פארשטארבענער דזשארדזש מ. פולמאן גערופען געווארען אין פעדעראלען געריכט עדות צו זא־גען. טראץ דער אויפפאדערונג איז זיך פולמאן אין זיין פריוואט צוג אוועקגעפאהרען פון שטאדט, באגעהענדיג דערמיט אן אקט פון באליידיגונג געגען געריכט. צוריקקומענדיג אין בא־גלייטונג פון זיין אדוואקאט, האט ער געהאט א פריינדליכען גע־שפרעך מיט׳ן ריכטער און מיט דעם איז די זאך ערלעדיגט גע־ווארען. ניט ער האט געדארפט זיך ענטשולדיגען און ניט ער האט געדארפט קומען אין געריכט. דער סטרייקער, אבער, אויף וועלכען עס איז בלויז געפאלען דער קלענסטער פארדאכט פון אומגעהארכזאמקייט צום געריכט, איז מיט האסטיגקייט פאר׳משפט און פארזעצט געווארען אין תפיסה. קיין איינעם האט מען ניט געשאנעוועט, און קיין איינער איז ניט איינגעלאדען געווארען צו „א הארץ־צו־הארץ געשפרעך“ מיט׳ן „ליעבעסווירדיגען“ ריכטער.

וואלט מר. קליוולאנד ענטפערן?

באטראכטענדיג דעם ארטיקעל פון עקס־פרעזידענט קליוולאנד וויך איך דערוויזען מיינע איינוועגדונגען און אפלייקענונגען, ווי אויך באשטעטיגען מיינע באהויפטונגען. עס איז אבער אומ־מעגליך דאס צו טאן אויף א צופרידענשטעלענדען וועג אין איין איינציגען ארטיקעל. אזוי אבער, ווי נאך דעם, ווי עס איז שוין

אריבער צעהן יאהר, איז די זאך געווען געגוג וויכטיג, אז מר. קליוולאנד זאל זי צוריק אויפלעבען און אזוי, ווי די ארבייטער האבען ניט געהאט קיין מעגליכקייט ביז איצט פארצולייגען זייער צד פאר'ן פאלק — לייג איך פאר אז עס זאל ארגאנזשירט ווערען אן עפענטליכער פערהער פון די ביידע צדדים, אדער אז אין א רייהע ארטיקלען זאל ארויסגעבראכט ווערען דער גאנצער און פולער אמת וועגען דעם גרויסען סכסוך. איך, פון מיין זייט, בין גרייט זיך צו באגעגענען מיט עקס־פרעזידענט קליוולאנד אדער מיט אן אנ־דערען, וואס ער וועט אויסקלייבען, אין אזא מינדליכער אדער שריפטליכער דיסקוסיע און אויב מיר וועט ניט געלינגען ארונטער־צונעמען דעם שאנד־פלעק פון פארברעכענס וואס מר. קליוולאנד האט ארויפגעווארפען אויף די אייזענבאהן־ארבייטער, וואס זיינען געווען ארגאניזירט אין דער „אמעריקאן ריילוויי יוניאן", אויב מיר וועט ניט געלינגען צו ברענגען צופרידענשטעלענדע באווייזע, אז די אלע פארברעכענס זיינען באגאנגען געווארען פון צווייטען צד — פון דעם צד, אין וועמעס אינטערעסען פרעזידענט קליוולאנד האט געשטעלט די גאנצע מאכט פון דער פעדעראלער רעגירונג — וועל איך איינשטימען אפען פאר אלעמען בעטען מחילה ביי די אייזענבאהן קאמפאניעס, ענטשולדיגען זיך פאר'ן עקס־פרעזידענט און אויפגעבען מיין אגיטאציאנס־ארבייט אויף שטענדיג.

די אורזאכע פונ'ם פולמאן סטרייק.

עס איז זעהר לייכט פאר מר. קליוולאנד און די איבעריגע וואס זיינען געווען אויף דער זייט פון די אייזענבאהן קאמפא־ניעס, צו פארעפענטליכען קאפיעס פון דאקומענטען, רעפארטען א. ז. וו. פשוט דערפאר, וואס דאס פעדעראלע געריכט פון שיקאגא האט געצוואונגען די טעלעגראפען קאמפאניעס איבערצוגעבען איהר אלע קאפיעס פון די פארהאנדלונגען אויף דער קאנווענציאן און אנדערע פארזאמלונגען פון דער „אמעריקאן ריילוויי יוניאן", ניט אויסשליסענדיג אפילו די רעפארטען פון די פארמאכטע זיצונגען. דאס פעדעראלע געריכט האט אבער ניט געפאדערט פון די באהן־קאמפאניעס, אז זיי זאלען ארויסגעבען די טעלעגראמען, וואס זיי האבען צווישען זיך געשיקט און די וואס זיינען געשיקט גע־

וואָרען צווישען זייער פאַרוואַלטונג און די פעדעראַלע רעגירונגס־בעאַמטע און אויך ניט די פאַרהאַנדלונגען פון דער „דזשענעראַל מענעדזשערס אַסאָסיאיישאָן“, אום דאָס גאַנצע פאָלק זאָל זיי קענען זעהן און אום זיי זאָלען קענען דינען אַלס אַ גרונד פאַר קרימינעלער פאַרפאָלגונג.

דער סטרייק וואָלט געוואונען געוואָרען.

פון דעסטעוועגען זיינען דאָ גענוג באַווייזע קלאָר צו מאַכען יעדען, וואָס איז פריי פון פאָראורטייל, יעדען, וואָס וויל וויסען דעם אמת אז די רעגירונג פון די פאַראייניגטע שטאַאַטען אונטער דער אדמיניסטראַציע פון פרעזידענט קליוולאַנד איז געשטאַנען הינטער די פלייצעס פון די אייזען־באַהן קאָמפּאַניעס, און אז די „דזשענעראַל מענעדזשערס אַסאָסיאיישאָן“ איז געווען די פאַרמיטלערין אין דעם ניט כשר׳ען שידוך. יעדער איינער וואָס זוכט ניט באַוואוסטזיניג צו זיין בלינד אין דער אַנגעלעגענהייט, וויים, אז די קאָמפּאַניעס האָבען, בויענדיג אויף דער שטיצע פון דער רעגירונג, איינגעשוואָרען חברה־לייט, וואָס זיינען אַלץ גרייט צו טאָן פאַר געלט, אַלס דעפּיוטי מאַרשאַלס צו פאַראורזאַכען אומאָרדנונגען און דערמיט צו שאַפען אַן אויסרייד, אז די מיליטערישע מאַכט זאָל פאַרכאַפּען די הויפּט־קוואַרטיר פון דער „אַמעריקאַן ריילוויי יוניאָן“ און אַריינוואַרפען די פיהרער אין געפענגניש און צוברעכען די זיגרייכע יוניאָן, אָנטאָן שלעכטס, שלאָגען, פאַר׳משפט׳ן די פרידליכע און געזעץ־געהאָרכזאַמע יוניאָן־מיטגלידער און איבערגעבען די גאַנצע סיטואַציע אין די הענט פון די באַהן־קאָמפּאַניעס.

דאָס איז די טייל אַרבייט, וואָס פרעזידענט קליוולאַנד האָט געטאָן אין דעם שיקאַגאָר סטרייק און דערפאַר פיהלען עס צו איהם די אייזענבאַהן קאָמפּאַניעס באַזונדערס און די טראַסטען אין אַלגעמיין אַזאַ טיפע דאַנקבאַרקייט און ניט נאָר איז ער זיי ליעב, נאָר זיי אַרבייטען מיט אַלע כחות, אז ער זאָל פאַרבלייבען פרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַאַטען אויף אייביג.

וואָס זיינען געווען די ערשטע שריט פון פרעזידענט קליוו־לאַנד אין שיקאַגאָר סטרייק? — ער האָט באַשטימט עדווין וואָ־קער אַלס ספּעציעלען ראַט־געבער פון דער רעגירונג.

ווער איז געווען עדווין וואָקער?

„אַ טיכטיגער און פּראָמינענטער אַדוואָקאַט" זאָגט קליוו־לאַנד.

דאָס אַלץ?

ניין, נִיט אַלץ. אין דער צייט, וואָס פּרעזידענט קליוולאַנד און זיין שטאַאטס פּראָקוראָר האָבען באַשטימט עדווין וואָקער אויף דער רעקאָמענדאַציע פון די באַהן־קאָמפּאַניעס, אַלס ספּע־ציעלען ראַט־געבער פון דער רעגירונג און געצאָהלט איהם אַ סומע, וואָס קאָן אָנגערופען ווערען אַ פאַרמעגען, איז ער גע־ווען דער ראַטגעבער פון דער „שיקאַגאָ, מילוואָקי און סט. פּאָול" אייזענבאַהן.

אין Who's Who In America — ווער וואָס עס איז אין אַמעריקאַ — געפינען מיר פאָלגענדעס:

„וואָקער, עדוויז, אַדוואָקאַט, * * * באַזעצט זיך אין שיקאַגאָ אין 1865. אַדוואָקאַט פון איינִיגע אייזענבאַהן־קאָמפּאַ־ניעס זינט 1866. ראַטגעבער פאַר דער „שיקאַגאָ, מילוואָקי און סט. פּאָול" אייזענבאַהן פאַר דעם אילינאָי דיסטריקט זינט 1870. שותף פון דער פירמאַ וו. פּ. רענד און קאָמפּ., קוילען־מינען איי־גענטימער און עקספּעדיטאָרס. געווען אַדוואָקאַט פון די אייזענ־באַהן־קאָמפּאַניעס און ספּעציעלער ראַטגעבער פון דער פעדעראַ־לער רעגירונג אין די פּראָצעסען פון דעם גרויסען אייזענבאַהן סטרייק פון 1894".

די באַדייטונג פון וואָקער'ס אָנשטעלונג.

די לאַגע איז געווען, ווי פאָלגט: עס איז געווען אַ קאָנפליקט צווישען די „דזשענעראַל מענעדזשערס אַסאָסיאיישאָן" וואָס האָט רעפּרעזענטירט די אייזענבאַהן־קאָמפּאַניעס און דער „אַמעריקאַן ריילוויי יוניאָן", וואָס האָט רעפּרעזענטירט די באַהן־אָנגעשטעל־

טע. פאלשטענדיגע רוה און ארדנונג האט געהערשט, אבער די באהן קאמפאניעס זיינען געשלאגען, פאלשטענדיג באזיגט. זיי קענען אפילו ניט באזארגען די פאסט, פשוט דערפאר, וואס די אנגעשטעלטע האבען אוועקגעווארפען די ארבייט. מערקט אייך, אז די אנגעשטעלטע זיינען גרייט צו פיהרען די פאסט און אלע אנדערע צוגען, אויסער די פולמאן וואגאנען, ביז די פולמאן קאמפאניע וועט ניט איינוויליגען צו ארביטרירען מיט איהרע סטרייקענדע ארבייטער. אבער די באהן־באאמטע באשטימען, אז אויב די ארבייטער ווילען ניט פיהרען קיין פולמאן וואגאנען, זאל אויך קיין פאסט־צוג ניט געהן.

דאס איז געווען די אורזאכע, וואס די פאסט איז געשטערט געווארען און דאס איז געווען דער אויסרייד פאר דער פעדעראלער רעגירונג אריינצומישען זיך. מיט אייןווארט, פרעזידענט קליוולאנד, איבערגעגעבען צו די באהן קאמפאניעס, האט זיך געשטעלט אויף זייער זייט און געהאלפען זיי אין זייער קאנפליקט מיט די ארבייטער מיט דער גאנצער מאכט פון דער פעדעראלער רעגירונג.

דער רעפארט פון דער סטרייק קאמיסיע געגען קליוולאנד'ן.

מען דארף ניט ווייט זוכען קיין באשטעטיגונג אויף די אלע פאקטען. מען קען עס קריגען פון דעם אפיציעלען רעפארט פון דער סטרייק קאמיסיע. בלויז באשריינקטקייט אין פלאץ איז די אורזאכע, וואס איך ברענג ניט דא די אלע אונצאהליגע באווייזע, וואס געפינען זיך אין דעם רעפארט.

עס איז אלזא קלאר, אז פרעזידענט קליוולאנד און זיין קאבינעט, האבען געשטעלט די רעגירונג אין דינסט פון די באהן־קאמפאניעס.

ערווין וואקער, דער אדוואקאט פון די באהן־קאמפאניעס איז געווארען דער פארשטעהער פון דער רעגירונג און אונטער זיין אויפזיכט זיינען געשטעלט געווארען די באהנען און די רעגירונגס מאכט. א, ס'ארא הייליגע פאראייניגונג! ס'ארא טיעפער מוסר השכל!

לויט וואַקער'ס ראַט האָט קליוולאַנד געהאַנדעלט, אויף וואַ־קער'ס אויפפאָדערונג זיינען די פעדעראַלע סאָלדאַטען אָנגעקו־מען קיין שיקאַגאָ, אויף וואַקער'ס קאָמאַנדע האָט די גרויסע רע־גירונג פון די פאַראייניגטע שטאַאַטען געהאַנדעלט מיט דער אונ־טערטעניגקייט און געהאָרכזאַמקייט פון אַ געשטודירטען לאַקעי.

וואָס וואָלט זיין ווען קליוולאַנד שטעלט אָן דאַראָו'ן?

לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אַז פּרעזידענט קליוולאַנד האָט אָנ־געשטעלט קלאַרענס דאַראָו, דעם אַדוואָקאַט פון דער „אַמעריקאַן „רייללוויי יוניאָן" אַנשטאַט עדווין וואַקער, דעם אַדוואָקאַט פון דער „דזשענעראַל מענעדזשערס אַסאָסיאיישאַן", אַלס ספּע־ציעלען ראַטגעבער פון דער רעגירונג.

און לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אַז דאַראָו איז באַפּאָלען דעם אָפיס פון דער „דזשענעראַל מענעדזשערס אַסאָסיאיישאַן", פאַר־כאַפּט די ביכער, פּאַפּירען, קאָרעספּאָנדענץ, אַריינרעכענענדיג די ניט געעפענטע בריף פון די אָפוועזענדע באַאַמטע, דעם אָפיס געשטעלט אונטער'ן אויפזיכט פון פעדעראַלע ברוטען, סקאַנדאַ־לעז פאַרלעצענדיג די קאָנסטיטוציע פון די פאַראייניגטע שטאַ־טען ווי דאָס האָט געטאָן וואַקער מיט'ן אָפיס פון דער „אַמעריקאַן רייללוויי יוניאָן"!

און שטעלט זיך פאָר ווייטער, אַז די „אַמעריקאַן רוויילוויי יוניאָן", געשטיצט פון דאַראָו, ראַטגעבער פון דער פעדעראַלער רעגירונג, האָט איינגעשוואָרען אַן אַרמיי פון „גנבים, מערדער" (זעה דעם אָפּיציעלען רעפּאָרט פון מ. ברענען, שעף פון דער שי־קאַגאָער פּאָליציי, צום שיקאַגאָ'ער שטאָדט־ראַט) צו דינען דער יו־ניאָן אַלס יונייטעד סטייטס מאַרשאַלס און אָפּהיטער פון געזעץ און אָרדנונג!

און ענדליך לאָמיר זיך פאָרשטעלען, ווען די אומרוהען וואָל־טען זיך טאַקע אָנגעפאַנגען, ווי וואָלט דאַמאָלט געווען, וואָלט אימיצער, וואָס האָט נאָר אַ פונק שכל, געגלויבט, אַז די אַלע זאַכען זיינען געטאָן געוואָרען צו באַשיצען לעבען און אייגענטום און אָפּצוהיטען געזעץ און אָרדנונג?

און אין אַזאַ ליכט, אייגענטליך, וויל עס פּרעזידענט קליוו־

לאנד פארשטעלען דעם אנטייל און די ראלע, וואס ער און זיין אדמיניסטראציע האט געהאט אין דעם פולמאן סטרייק.

די אמת'ע געזעץ־ברעכער — זיינען די באהן קאמפאניעס.

אין זיין גאנצען ארטיקעל באמיהט זיך מר. קליוולאנד ארויס־צושטעלען די באהן־קאמפאניעס אלס א מוסטער פון פרידליכקייט, פאטריאטיזם, געזעץ און ארדנונג, און די באהן אנגעשטעלטע אלס א באנדע בלוטדורשטיגע פארברעכער, וואס מען האט גע־מוזט אונטערדריקען מיט דער ברוטאלסטער מאכט.

וואס איז דער וואונדער, אז דער עקס־פרעזידענט איז אזוי טייער דעם אייזערנעם הארץ פון באהן־טראסט און אלע אנדערע טראסטען, וואס נוצען אויס די רעגירונג, איהרע באאמטע און סאלדאטען פאר זייערע אייגענע גראב־פערזענליכע אינטערעסען!

לאמיר אויף א ווײלע באטראכטען די פאלגענדע פשוט'ע פראגען:

ווער פארברעכט דאס געזעץ, די רויבערישע באהן־קאמפא־ניעס צי די הארעפאשנע באהן אנגעשטעלטע?

וועלכע באהן־קאמפאניעס אין די פאראייניגטע שטאאטען האט זיך ווען אויפגעפיהרט אין פולען איינקלאנג מיט די געזע־צען פון לאנד? — קיין איינע נים.

וועלכע גרופע פון באהן־אנגעשטעלטע פארלעצט די גע־זעצען פון לאנד? — קיין איינע נים!

די באהן קאמפאניעס באקעמפען יעדען געזעץ, וואס זוכט פיעל־ווייניג איינצוצאמען זייער מאכט און באשרענקען זייערע רויבערייען.

זיי קויפען אונטער געזעצגעבער, קארופטירען די געריכטען, פארדארבען די פאליטיק און באגעהען אנצאהליגע אנדערע פאר־ברעכענס געגען דער רעפובליק.

די אייזענבאהן אנגעשטעלטע זיינען ניצליכע, עהרליכע, זעלבסט־אפפערענדע און פרידענס־ליעבענדע מענשען, וואס זיי־נען קיינמאל נים געווען און וועלען קיינמאל נים זיין שולדיג אין די פארברעכענס וואס עס באגעהען זייערע פאראייניגטע באלע־באטים.

און דאָך דינט דער פּרעזידענט קליוולאַנד די פּאַראייניגטע באַלעבאַטים און ער לויבט זיי און שטאַלצירט מיט זיין װעלען באַ־פרייען די פאַרברעכער און מיט זיין װאַרפען אומבאַשרײַנקטע באַ־ליידיגונגען אויף אומשולדיגע מענשען.

דאָס אליין איז גענוג צו כאַראַקטעריזירען דעם קאַפּיטאַליס־טישען קלאַסען־כאַראַקטער פון אונזער רעגירונג.

דער רעפּאָרט פון דער סטרייק קאָמיסיע.

א פּאָר פאַקטען װעגען דעם סטרייק גופא. ער האָט אויס־געבראָכען דעם 11טען מאַי 1894 און איז אָנגעגאַנגען פרידליך און געזעצליך ביז די אַרמיי פון „מערדער און גנבים“, װי דער שעף פון דער שיקאַגאָר פּאָליציי האָט זיי גערופען, זיינען איינגעשװאָ־רען געװאָרען אלס דעפּיוטיס אויפ'ן באַפעהל פון עדווין װאָקער, דעם אדװאָקאַט פון דער „דזשענעראַל מענעדזשערס אַסאָסיאײַ־שאָן“ און ספּעציעלען ראַטגעבער פון דער רעגירונג. מיר װעלען ציטירען דעם רעפּאָרט, װאָס די סטרייק קאָמיסיע, װעלכע פּרעזי־דענט קליוולאַנד האָט באַשטימט, האָט אָפּגעגעבען װעגען דער לאַגע. מיר װילען דערביי אָנװייזען אויף דעם פאַקט, אַז די איי־זענבאַהן אַרבייטער האָבען ניט געהאַט קיין אייגענעם פאָרשטעהער אין דער סטרייק קאָמיסיע.

די יוניאָן פיהרער ראָטען ניט צו סטרייקען.

„עס איז א פעסטגעשטעלטער אמת, אַז די באַאַמטע און די־רעקטאָרען פון דער „אמעריקאַן ריילוויי יוניאָן“ האָבען ניט געװאָלט דעם פּולמאַן סטרייק און האָבען געראַטען איהם ניט אָנצופאַנגען“ (ז. XXVII)(דאָך האָט מען געהאַלטען אין איין דערצעהלען און מען גלויבט נאָך אין דעם איצט, אַז דעבס האָט באַפוילען דעם סטרייק).

די באַהן קאָמפּאַניעס האָבען געגעבען דעם ביישפּיעל.

„עס זאָל פאַרצייכענט װערען, אַז ביז די באַהן־קאָמפּאַניעס האָבען ניט געגעבען דעם ביישפּיעל, איז ניט געמאַכט געװאָרען קיין פאַרזוך צו גרינדען אַן אַלגעמיינע יוניאָן פון באַהן אָנגע־שטעלטע (ז. XXVI).

„דאָס ענטזאַגען פון דער „דזשענעראַל מענעדזשערס אַסאָ־

סיאיישאָן" צו אנערקענען און פארהאנדלען מיט דער „אמערקאן רײלוויי יוניאָן" איז חוצפה'דיג און נאריש, ווען מען באטראכט איהר געזעצמעסיגקייט און די פארגאנגענע טעטיגקייט און די אויגענשיינליכע פלענער פאר דער צוקונפט פון דער יוניאָן".

„. . . דירה־געלד אין פולמאן איז 25 — 20 פראָצענט העכער ווי אין שיקאגא אָדער ארומיגע שטעדט". (ז. XXXV)

די סטרייק קאָמיסיע ווידערשפרעכט קליוולאַנד'ן.

„דער סטרייק האָט אויסגעבראָכען דעם 11טען מאי, און פון יענעם טאָג אָן ביז ארום דעם 4טען יולי, ווען די פעדעראלע סאָלדאטען זיינען אָנגעקומען נאָך פולמאן, האָבען 300 סטרייקערס באוואכט דעם באָדען און מיט דער אויסדריקליכער אבזיכט צו פארהיטען פון גוואלט־טאטען און שאָדען. דאָס דאָזיגע אָפּהיטונג פון אייגענטום אין צייט פון סטרייק, איז אין די מעהרסטע פעלע בלויז אָן אויסרייד. צו אָפט איז די אמת'ע אורזאכע דערפון צו פארהיטען אז פרעמדע זאָלען ניט פארנעמען דעם פלאַץ פון די סטרייקערס. געוועהנליך פלעגט דאָס געטאָן ווערען דורך ארגומענטען. ווען ארגומענטען פלעגען אָבער ניט העלפען, פלעגט גענוצט ווערען סטראשונקעס און גוואלט. די פולמאן קאָמפּאניע באהויפּטעט, אז טאקי אָט דאָס איז געווען די אבזיכט פון דער וואך פון די סטרייקערס. *די פולמאן סטרייקערס זיינען אָבער בארעכטיגט, אז מען זאָל זיי אין דעם פאל גלויבען און ניט די קאָמפּאניעס, דערפאר טאקי, וואָס זיי האָבען זיך געהאלטען אזוי געדולדיג נאָכ'ן 11טען מאי. עס איז באוויזען, אז קיין שום גוואלט אָדער פארניכטונג פון אייגענטום האָבען די סטרייקערס און זייערע פריינד ניט באגאנגען אין פולמאן, און אז ביז'ן דריטען יולי* (ווען די סאָלדאטען זיינען אָנגעקומען) *האָט די פּאָליציי און מיליטער גאָרניט געהאט צו טאָן צו*

באשיצען וואס ניט איז געגען אומארד־נונגען". (ז. XXXVIII ).

דער דאָזיגער פאראגראף פון מר. קליוולאנד'ס אייגענער קאָמיסיע איז א גענינגענדער ענטפער אויף דעם עקס־פרעזידענטס אר־טיקעל. אן ענטשיידענער, מעכטיגער און שלאָגענדער ענטפער.

די דעפיוטיס הויבען אָן די אומרוהען.

עס זיינען קיין שום אומאָרדנונגען ניט פאָרגעקומען אין פול־מאַן, שיקאגא אָדער ערגעץ־אנדערש־וואו, ביז עס זיינען איינגע־שוואָרען געוואָרען די דעפיוטיס און דאס מיליטער איז אָנגעקומען.

גאָווערנאָר אלטגעלד, א פאטריאָט און א שטאאטסמאן, האט עס גוט געוואוסט און דערפאר האט ער פראָטעסטירט געגען די פעדעראלע סאָלדאטען.

מעיאָר דזשאהן פ. האפקינס פון שיקאגא האט עס געוואוסט און ער האט ערקלערט, אז ער נויטיגט זיך ניט אין קיין הילף פון דער זייט אָנצוהאלטען די אָרדנונג אין שטאָדט.

מיטשעל ברענען, שעף פון דער שיקאגאָער פאָליציי, האט עס געוואוסט און ער האט פארדאמט, אלס „גנבים און מערדער", עדווין ארנאָלד'ס געדונגענע דעפיוטי מארשאלס, די אויפהעצער און שלע־גער פון דער „דזשענעראל מענעדזשערס אסאָסיאיישאָן".

אט די דאָזיגע „דזשענטעלמען" האט דאס פרעזידענט קליוו־לאנד'ס רעגירונג ארייגענומען אין דיענסט אויף דער אויפפאָדע־רונג פון די באהן קאָמפאניעס אָנצוהאלטען אָרדנונג און צו בא־שיצען לעבען און אייגענטום און דאס איז, וואס קליוולאנד רופט „די קראפט פון א נאציאָנאלער רעגירונג צו באשיצען זיך ביי דעם ערפילען פון איהרע פונקציעס".

די באהן־קאָמפאניעס האבען אויסגעצייכענט פארשטאנען און מיט פרייד אָנגענומען דעם אמת'ן זין פון אט די „פונקציעס" פון מר. קליוולאנד'ס רעגירונג.

פאלשטענדיגע רוה הערשט.

די איינציגע צרה איז געווען, וואס ווען מען האט איינגעשוואָ־רען די דעפיוטיס און ווען עס איז נאָך אלץ אָנגעקומען דאס מילי־

טער זיינען נאך אלץ קיין צרות ניט געווען. ס'האבען געפעהלט אומ־רוהען. און דערפון נעמט זיך דאס וויטערדיגע. דער פארקער איז געווען פאראליזירט, אבער פאלשטענדיגע רוה האט געהערשט. דאס פאלק האט פארלאנגט פון די באהן־קאמפאניעס, אז זיי זאלען לאזען געהן די באהנען, אבער זיי האבען עס ניט געקענט טאן. קיינער האט פאר זיי ניט געוואלט ארבייטען. זיי זיינען געווען פאלשטענדיג בעזיגט און די פאהן פון ארגאניזירטע ארבייט האט מיט טריאומף געפלאטערט.

געשלאגען אויף יעדען פונקט, יעדער פלאן — געמאכט צו־נישט, איבערטראפען אין טאקטיק און סטראטעגיע, האבען די באהן קארפאראציעס נעשפילט זייער לעצטע קארט — זיי האבען זיך געווענדעט צום פעדעראלען געריכט און צו דער פעדע־ראלער רעגירונג. גיך איז געקומען דער ענטפער, ווי א בליץ פון הי־מעל אין שטורעם.

ארדנונג געפעהרליך פאר די באהן־קאמפאניעס.

רוה און ארדנונג איז געווען נעפעהרליך פאר די באהן־קאר־פאראציעס. זיי האבען זיך נעגויטיגט אין אומרוהען, פונקט ווי די אנגעשטעלטע זיינען פאראינטערסירט געווען אנצוהאלטען פול־שטענדיגע רוה. זיי האבען פארשטאנען, די יוניאן וועט פארשפי־לען איהר זיג, ווען ס'וועט געלינגען צו באשאפען אומארדנונג אין נאמען פון געזעץ און ארדנונג. פאר דעם פינסטערען שפיעל האבען זיי צוגעגרייט עטליכע קארטען.

ערשטענס, דעפיוטי מארשאלס. דעם זעלבען טאג, וואס זיי זיינען איינגעשווארען געווארען, האבען זיך אנגעהויבען די צרות. די שיקאגאער צייטונגען פון יענע טעג זאגען דארויף עדות, ווי אויך דער רעפארט פון דער סטרייק־קאמיסיע. דאס איז דאך, אייגענט־ליך, אויף וואס מען האט די דעפיוטי מארשאלס געדונגען און זייער כאראקטער איז א געניגענדער באוויז, אז זיי האבען געטויגט צו דער ארבייט.

צווייטענס, שרפות (אבער קיין איין איינציגער פון די פול־מאנס איז ניט געווען אנגעצונדען) און אומרוהען (אבער קיין איין־איינציגער סטרייקער איז אין דעם ניט געווען פארמישט).

דריטענס, די קאפיטאליסטישע ציימונגען און די אסאָשיאיי־טעד פרעס" האָבען אומעטום צוטראָגען די נייעס, אז די איינ־וואוינער זיינען אין די הענד פון המון און אז די סטרייקערס ברע־נען און פּלינדערען די שטאָדט.

פיערטענס, דאָס פאָלק (באזונדערס די, וואָס האָבען געוואוינט ווייט און אלץ וואָס זיי האָבען געוואוסט איז געוועזן פון די צייט־טונגען) האָט מיט משוגענע קולות געשריען: „נידער מיט דער אנארכיע! ניעדער מיט דער „אמעריקאן ריילוויי יוניאָן!" טויט צו די סטרייקערס!"

דאָס לעצטע וואָרט איז נאָך ניט געזאָגט געוואָרען.

דער סופרים קאָורט פון די פאראייניגטע שטאאטען, וואָס באשטעהט אויסשליסליך פון גוט־איינגעאיבטע און ערפאָלגרייכע טראָסט־אדוואָקאטען, האָט באשטעטיגט דעם אורטייל איבער די פיהרער פון סטרייק און פּרעזידענט קליוולאנד זאָגט, אז „זיי האָ־בען געזאָגט דאָס לעצטע וואָרט אין דער אנגעלעגנהייט".

האָט דער סופרים קאורט פון די פאראייניגטע שטאאטען אויך געזאָגט זיין „לעצט וואָרט" אין דער פראגע פון לייב־איינענטום, ווען ער האָט ארויסגעגעבען דעם הויפּט ריכטער טעניע'ס אורטייל, אז שווארצע „האָבען ניט קיין רעכט וואָס די ווייסע זאָלען מחויב זיין אָפּצוהיטען"?

די דאָזיגע „לעצטע ווערטער" וועלען בלויז פארשנעלערען די אָפּשאפונג פון לוין־שקלאפעריי, פונקט ווי דאָס „לעצטע וואָרט" פון דעם זעלבען סופרים קאורט אין 1857 האָט פארשנעלערט די אָפּשאפונג פון לייב־איינענטום.

די באהן־קאָמפּאניעס וואָלטען ליעבערשט פארניכטעט זייער איינענטום און געזעהן שיקאגא אומקומען, איידער זעהן די „אמערי־קאן ריילוויי יוניאָן" זיגרייך.

שלום־פאָרשלאָג — צוריקגעוויזען.

מעיאָר פינגרי פון דעטראָיט איז געקומען נאָך שיקאגא מיט טעלעגראמען פון די מעיאָרס פון איבער פופציג גרעסטע שטעדט אין לאנד, אז די גאנצע אנגעלעגנהייט זאָל איבערגעגע־

בען ווערען צו א שידעס־געריכט. אהן צערעמאניעס האט מען איהם דערין ענטזאגט, און שפעטער האט ער ערקלערט, אז די באהן־קאמפאניעס זיינען עס געוועזען די פארברעכער און אז זיי זיינען פאראנטווארטליך פאר אלץ, וואס איז שפעטער פארגעקומען.

פיער טעג איידער דער סטרייק האט אויסגעבראכען, ריכטי־גער, איידער ס׳האט זיך אנגעפאנגען דער באיקאט געגען די פולמאן באהנען, דעם 22טען יוני, איז פארגעקומען אן אלגעמיינער מי־טינג פון די באאמטע פון די פולמאן און אנדערע קאמפאניעס (ז. XLII פון רעפארט פון דער סטרייק קאמיסיע). אויף דעם מי־טינג איז באשלאסען געווארען צו באזיגען די סטרייקערס, פאר־ניכטען די „אמעריקאן ריילוויי יוניאן". נוצענדיג זייערע ווער־טער, „מיר זאלען האנדלען פאראייניגט ביז מיר ערדייכען דעם ציעל".

דאס איז געווען דער איינציגער מיטינג פון דעם סארט, וואס איז אפגעהאלטען געווארען צווישען די באאמטע פון די באהן־קאמפאניעס מיט די באאמטע פון דער פולמאן קאמפאניע. זיי האבען געמיינשאפטליך באשלאסען, פאראייניגטערהייט צו בא־זיגען די סטרייקערס און פארניכטען די יוניאן.

און אום צו באווייזען, ווי די דאזיגע הערען רעספעקטירען די געריכטען, דאס געזעץ און די מאראל, וועט גענוג זיין דער דא־זיגער אינצידענט:

באהן־בעאמטע שווערען פאלש.

ערשט ווען די באאמטע פון דער יוניאן זיינען פארקלאגט געווארען ביי א פארטייאישער ספעשעל גרענד דזשורי און זיינען גע׳משפט געווארען פאר קאנספיראציע, האט מען גערופען די פאר־וואלטער פון די באהנען עדות זאגען, צו וואס פאר א באשלוס מען איז געקומען אויף דער פריהער דערמאנטער זיצונג פון די באהן און פולמאן קאמפאניעס. יעדער איינציגער פון די פאר־וואלטער האט פאלש געשווארען, אז ער געדענקט ניט וואס עס איז פארגעקומען אויף יענעם מיטינג. זיצענדיג ניט ווייט פון זיי, האב איך געזעהן ווי זייערע געזיכטער זיינען געווען פלאם־רויט בעת דעם קרייץ־פארהער. זיי האבען געוואוסט אז זיי זאגען לי־

גען; דאָס געריכט האָט עס געוואוסט און יעדער איינער, וואָס איז געוועזען אין געריכט, האָט עס געוואוסט, אָבער זיי האָבען זיך גע־האַלטען אָן זייער אָפּמאַך און האָבען אַלע, ווי איינער פאַרגעסען, אַז זיי האָבען באַשלאָסען צו שטעהן צוזאַמען, אַז די באַהן קאָמפּאַ־ניעס האָבען באַשלאָסען צו שטיצען די פולמאַן קאָמפּאַניע צו באַ־זיגען זייערע פאַרהונגערטע אַנגעשטעלטע און די פולמאַן קאָמפּאַ־ניע האָט זיך פאַרפּליכטעט זיי צו העלפען צוברעכען די „אמע־ריקאַן ריילוויי יוניאָן“.

זייער אייגענער פּראָטאָקאָל באַווייזט, אַז זיי האָבען אַזוי אָפּגעמאַכט. אביסעל שפּעטער האָבען זיי באַשלאָסען צו פאַרגע־סען וועגען דעם און אַזוי האָבען געשוואָרען פאַר'ן געריכט.

איך האָב קאָפּיעס פון די געריכטס־פּראָטאָקאָלען, איינשלי־סענדיג זייער עדות זאָגען, און אויסשניטען פון די שיקאַגאָער צייַ־טונגען, וואָס ענטהאַלטען אויך זייער עדות זאָגען, און איך קאָן דערווייזען יעדעס וואָרט, וואָס איך האָב דאָ ארויסגעזאָגט.

אָט דאָס זיינען עס די העררען, וואָס האָבען אַזויפיעל גע־רעדט וועגען געזעץ און אָרדנונג, דאָס זיינען זיי עס, די באַריהמטע וועכטער פון מאָראַל און די ביישפילען פון גוטע בירגער.

ווען א. ב. סטיקנעי, פּרעזידענט פון דער שיקאַגאָ „גרייט וועסטערן“ האָט זיי אין די אויגען אריין געזאָגט, אַז עס איז ניטאָ קיין איין עהרליכער באַאַמטער צווישען זיי און אַז ער וואָלט קיין איינעם פון זיי אויף קיין האָר ניט געטרויט, האָבען זיי אפילו ניט פּרובירט זיך צו פאַרטיידיגען, ווייל זיי האָבען געוואוסט, אַז זייער אָנקלעגער איז אַן אינגווייניגסטער מענש און אין דער לאַגע צו דערווייזען זיינע באַהויפּטונגען.

די באַשיצער פון געזעץ און אָרדנונג.

איך ברענג דאָ אַ שטעל פון באַריכט פון דער סטרייק־קאָ־מיסיע וועגען די דעפּיוטי מאַרשאַלס וואָס זיינען איינגעשוואָרען צו „באַשיצען לעבען און אייגענטום און אָפּצוהיטען אָרדנונג“.

זייט 356: ברענען, שעף פון דער שיקאַגאָר פּאָליציי זאָגט עדות פאַר דער קאָמיסיע, אַז אין דער שטאָדטישער געפענגניש

זיצען אַ צאָהל דעפּיוטיס, **וועלכע זיינען אַרעסטירט געוואָרען אין דער צייט, ווען זיי האָבען געדינט די באַהן־קאָמפּאַניעס אַלס יונייטעט סטייטס דעפּיוטי מאַרשאַלס אויף דער קלאַגע פון רויבעריי.**

דאָס עדות זאָגען פון צייטונגס־רעפּאָרטערס.

זייט 370: ריי סטענארד בייקער, דאַמאָלט רעפּאָרטער פון דעם שיקאַגאָער „רעקאָרד“, היינט סטעף־מיטאַרבייטער פון „מעקליורס מעגעזין“, זאָגט עדות דאָס פאָלגענדע, אַלס אַן ענטפער אויף דער פראַגע, וואָס ער וויים וועגען דעם כאַראַקטער פון די דעפּיוטי מאַרשאַלס: פון מיינע ערפאַהרונגען מיט זיי האָב איך אַרויסגעטראָגען ווייניג גוטעס. איך גלויב, אַז איך האָב געזעהן מעהר שיכורים צווישען די יונייטעט סטייטס מאַרשאַלס, ווי צווישען די סטרייקערס“.

זייט 166 און 367: מעלקאָמפּ מעקדאָועל, רעפּאָרטער פון „שיקאַגאָ רעקאָרד“ זאָגט עדות: „ווער עס זעהט די הונדערטער איינגעשוואָרענע יונייטעט סטייטס דעפּיוטי מאַרשאַלס און ספּעשעל דעפּיוטי שעריפס פיהלט גלייך, אַז זיי זיינען ניט פון דעם קלאַס מענשען פון וועלכען עס דאַרפען געמאַכט ווערען דעפּיוטי מאַרשאַלס און דעפּיוטי שעריפס“. * * * „אין באַצוג צו די מעהרסטע פון זיי, זעהט עס אויס, אַז זיי האָבען געזוכט צו פאַרורזאַכען אומאָרדנונג“. * * * „איינמאָל האָט עס געהאַלטען שוין ביי אַן ערנסטען צוזאַמענשטויס צוליעב דעם, וואָס די דעפּיוטי מאַרשאַלס, שטעהענדיג אויף די באַהן רעלסען, האָבען אָפּגעשפּאָט און באַליידיגט די פאַרבייגעהענדע פרויען“. * * * * „איך האָב מעהר געזעהן שיכור'ע דעפּיוטי מאַרשאַלס, ווי סטרייקערס“.

דאָס זיינען עס געווען עדווין וואָסער'ס וועכטער פון אָרדנונג.

זייט 70: האַראָלד י. קליוולאַנד, רעפּאָרטער פון „שיקאַגאָ העראַלד“ זאָגט עדות: „פיערצעהן טאָג בין איך געווען אויפ'ן פּלאַץ פון סטרייק“. * * * „דורך דער צייט האָב איך געזעהן

א פּאָר הונדערט רעפּיוטי מאַרשאַלס. איך גלויב, אַז דאָס איז זעהר א נידריגע, אומווירדיגע חבֿרה".

גערונגען און באַצאָלט דורך די באַהן קאָמפּאַניעס.

איצט ווילען מיר ברענגען אַן אויסצוג, וואָס די סטרייק־קאָמיסיע אליין האָט צוזאַגען וועגען די רעפּיוטי מאַרשאַלס און פּרעזידענט קליוולאַנד מעג זיך מיט באַזונדערער אינטערעס צוהערען צו די רייד פון זיין איינענער קאָמיסיע: „3,600 יונייטעט סטייטס רעפּיוטי מאַרשאַלס זיינען אויסגעקליבען און באַשטימט געוואָרען אייפּ'ן פאַרלאַנג פון די „דזשענעראַל מענעדזשערס אַסאָסיאיישאַן" און די באַהן קאָמפּאַניעס. זיי זיינען באַוואָפּענט געוואָרען פון די באַהן קאָמפּאַניעס און זיי האָבען געדיענט א טאָפּעלטע דיענסט אי אלס באַהן־אַנגעשטעלטע, אי אלס יונייטעד סטייטס באַאמטע. און אין דער צייט, ווען זיי האָבען געפיהרט די באַהנען, האָבען זיך גענומען און באַנוצט די אומבאַשרייַנקטע מאַכט פון דער רעגירונג, ווען דאָס האָט זיך נאָר פאַרוואַלט די באַהן־קאָמפּאַניעס, אָדער ווען זיי אליין האָבען עס געפונען פאַר נויטיג. זיי זיינען ניט געווען אונטער דעם קאָנטראָל פון א רעגירונגס באַאמטען, ווען זיי האָבען געשפּילט די ראָלע פון רעגירונגס באַאמטע. עס איז א שלעכטער ביישפּיעל דאָס שטעלען אונטער דעם קאָנטראָל פון באַהן־קאָמפּאַניעס רעגירונגס אַנגעשטעלטע און עס קען פיהרען צו ערנסטע רעזולטאַטען".

די רעגירונג דיענט די קאָמפּאַניעס.

מיר האָבען געזעהן פון רעפּאָרט פון פּרעזידענט קליוולאַנד'ס איינענער קאָמיסיע אַז די רעגירונג פון די פּאַראייניגטע שטאַטען אונטער זיין אַדמיניסטראַציע האָט באַזאָרגט די באַהן־קאָמפּאַניעס מיט רעגירונגס באַאמטע אין דער פאָרם פון רעפּיוטי מאַרשאַלס צו פאַרנעמען די פּלעצער פון די סטרייקערס, צו פיהרען די באַהנען און בכלל זיי דינען אין יעדער פאָרם, וואָס קען זיי העלפען צו צוברעכען דעם סטרייק. קורץ, זיין איינענע קאָמיסיע באַשולדיגט איהם אין דינען די באַהן־קאָמפּאַניעס אלס א סטרייק־ברעכער דורך דעם, וואָס ער האָט געשיקט רעגירונגס־באַאמטע אויף די פּלעצער

פון די סטרייקענדע באהן־אַנגעשטעלטע, באוואפענט און באזאָרגט זיי מיט דער מאַכט פון רעגירונגס באאמטע.

זייט נאָך זייט פון באריכט זאָגט עדות פון וואסערען סאָרט זיינען עס געוועזען די רעפּיוטי מאַרשאַלס, וואָס זיינען אין די טויזענדער איינגעשוואָרען געוואָרען אום „איינצוהיטען אָרד־נונג".

דער רעפּאָרט פון דער קאָמיסיע באשטעהט פון 681 זייטען. איך האָב א מאסע אנדערע עדות. אין דעם אַרטיקעל, אָבער, האָב איך זיך אין גאנצען פאַרלאָזען אויף'ן אורטייל פון קליוולאנד'ס איינענער סטרייק־קאָמיסיע.

### ווי אזוי די סטרייקערס זיינען באזיעגט געוואָרען.

הונדערטער זייטען פון באריכט פאַרנעמען די באווייזע פון אומפּאַרטייאישע עדות, וואָס שטעלען פעסט די שולד פון די באהן קאָמפּאַניעס און וואָס באווייזען, אז די סטרייק פיהרער האָבען געראַטען אָפּצוהיטען אָרדנונג, אז די סטרייקערס אַליין האָבען אָפּגעהיט דאָס געזעץ און האָבען אָנגעווענדעט זייער גאנצען איינ־פלוס צו פאַרמיידען אומאָרדנונגען. די אונטערזוכונג באווייזט, אז אָרדנונג האָט געהערשט ביז די מערדערישע דעפּיוטים זיינען בא־פאַלען די שטאָדט און אָנגעהויבען צו מאַכען טומעל, אום דאָס זאָל זיין אן אורזאַכע פאַר אינדזשאַנקשאָנס. פאַר דער אריינמישונג פון מיליטער און כדי אָפּצוציהען די סימפּאַטיעס פון פאָלק אויף דער זייט פון די באהן־קאָמפּאַניעס.

### קליוולאַנד באשטעטיגט עס.

פּרעזידענט קליוולאַנד באמערקט אַליין ניט, ווי ער באשטע־טיגט עס. אויף זייט 232 פון זיין אַרטיקעל ציטירט קליוולאנד א בריף, מיט וועלכען ער שיינט צו זיין אין פולער הסכמה. דער בריף איז צו עדווין וואָקער'ן פון אַטוירני־דזשענעראל ריטשארד אָנלעי און לעזט זיך ווי פאָלגט: „איך גלויב, אז ווען די רעכט פון די פאַראייניגטע שטאַאטען וואָלטען ענערגיש פאַרטיידיגט געוואָרען אין שיקאַגא, אויף דעם פּלאַץ און מיטעלפּונקט פון דער

דעמאנסטראציע, וואלט זי איבעראל געמוזט דורכפאלען און וואלט זיך ניט פארשפרייט איבער'ן גאנצען לאנד".

געוויס, עס האנדעלט זיך נאר אום דעם, און פרעזידענט קליוולאנד גיט עס אליין צו. ניט די פארהיטונג פון ארדנונג און ניט די אוממעגליכקייט צו טראנספארטירען די פאסט, און ניט אומרוהען אדער פארברעכען געגען געזעץ האט באוואוינען מר. קליוולאנד'ס אדמיניסטראציע צו א מעכטיגער „באהויפטונג פון מאכט". דער עיקר איז געוועזען די „דעמאנסטראציע", דער סטרייק געגען די קאמפאניעס, און כדי צו דערשטיקען די באוועגונג און ארויסצוהעלפען די קאמפאניעס, האט עס מר. קליוולאנד'ס פעדעראלע רעגירונג זיך ארייננעמישט אין דער לאגע. און טאקי, אלס סטרייק־ברעכער און טרייער דיענער פון די קאמפאניעס האט זיך פרעזידענט קליוולאנד ערווארבען א שעהנעם נאמען און אייביגען רוהם.

די סטרייק קאמיסיע האט רייןגעוואשען די סטרייק־פיהרער.

באזונדערע אויפמערקזאמקייט פארדינט דער פאלגענדער שטעל אויף זייט 15:

„די סטרייק־קאמיסיע האט קיינע באווייזען אז די בעאמטע פון דער „אמעריקאן ריילוויי יוניאן" זאלען האבען וועלכען־ניט־איז חלק, אדער זאלען האבען ווען־ניט־איז געזאגט די ארבייטער, זיי זאלען זיך געגענשטעלען דעם געזעץ, באגעהן פארברעכענס און פארניכטען אייגענטום. זיי האבען געוואוסט און ריכטיג פארשטאנען, אז ווען דער „מאב" וועט אנהויבען צו רעגירען וועט די רעגירונגס־מאכט זיי אונטערדריקען און אויך די אלע, וואס זיינען אויפ'ן מינסטען ארט געווען פאראנטווארטליך דערפאר און דאס וואלט באדייט א ניעדערלאגע".

און דאך זיינען זיי אלע איינגעשפארט געווארען אין געפענגניש. וועט פרעזידענט קליוולאנד זיין אזוי פריינדליך ערקלערען ווארום און אויף פארוואס האט מען זיי ענטזאגט א פראצעס?

דורכלעזענדיג די אויבען געבראכטע פאראגראפען פון דעם באריכט פון דער סטרייק־קאמיסיע, זיים אזוי גוט און ענטפערט זיך אליין אויף די דאזיגע פראגען:

אין וועמעס אינטערעסען איז געוועז, אז עס זאלען פארקו־מען אומרוהען, שרפות, אומגעזעצליכקייטען און פארברעכענס?

אין וועמעס אינטערעסען איז געוועז צו האבען די „געזעץ־ליע־בענדע" רעפיוטים?

פארוואס זיינען פייערס פארגעקומען בלויז אויף פראכט־צו־גען און אם מעהרסטען, אויף צובראכענע און אפגעניצטע?

פארוואס האבען נאך ביז איצט די באהן־קאמפאניעס ניט איינ־געמאנט פון דער קוק קאונטי, אילינוי, דעם שאדען, וואס זיי האבען געהאט דורך דעם, וואס די קאונטי האט ניט באשיצט זייער אייגענטום? פארוואס זיינען זיי עפעס אזוי געדולדיג און באשיי־דען און גיבען ניט אן אין געריכט?

די אומרוהען, די פייערען, די מערדערייען האבען געמאכט פון דער מפלה פון די באהן קאמפאניעס א זיג. דאס איז געוועזען דער איינציגער וועג ווי אזוי זיי האבען געקאנט זיעגען. בלויז א דאנק די אומרוהען און געוואלט האבען זיי געקענט אלץ געוויגען און די ארבייטער אלץ פארלירען.

די אומרוהען זיינען אויפגעריייצט געווארען ניט קוקענדיג אויף די נענען־באמיהונגען פון די סטרייקערס און דער באריכט פון דער סטרייק קאמיסיע באווייזט, אז זיי האבען געטאן אלץ אין זייער מעגליכקייט צו פארהיטען ארדנונג.

שטענדיג, ווען א פארברעכען ווערט באגאנגען און מען ווייסט ניט ווער עס איז דער פארברעכער, ווערט געוועהנליך דער, וואס האט געהאט נוצען פון פארברעכען אויסגעזוכט אלס דער מעג־ליכער פארברעכער. אין אונזער פאל, אבער, דארפען מיר זיך ניט פארלאזען אויף א השערה, ווייל די באווייזען געגען די באהן קאמפאניעס זיינען אזוי פאלשטענדיג און קלאר, אז עס איז ניטא קיין צווייפעל, ווער עס איז דער פארברעכער.

אויב אין די באגאנגענע פארברעכענס אין דעם שיקאגאר סטרייק זיינען שולדיג געוועזען די סטרייקערס, פאר וואס זיינען זיי

קיינמאל ניט גע'משפט געווארען? אויב ניט, פארוואס זיינען זיי אריינגעזעצט געווארען אין געפענגניש?

דער פאקט, אז זיי זיינען אריינגעווארפען געווארען אין גע־פענגניש אהן באווייזען און אהן א משפט, און דאס וואס דער סופרים קאורט האט באשטעטיגט די דאזיגע שאנד־טאט, זעהט אויס, פארשאפט מר. קליוולאנד'ן א באזונדערע צופרידענהייט און ער באנוצט זיך מיט דעם, וואס ער רופט אן דאס „לעצטעווארט" פון געריכט אלס א ריינוואשונג פאר זיך.

ריכטער טראמבאל'ס מיינונג.

דער פארשטארבענער לייאן טראמבאל, פאר פיעלע יאהרען סענאטאר און פארזיצענדער פון דער קאמיטע וועגען געזעץ־אנ־געלעגענהייטען אין סענאט פון די פאראייניגטע שטאאטען, ריכטער פון סופרים קאורט פון אילינאי, פארפאסער פון דעם דרייצעהנטען אמענדמענט צו דער קאנסטיטוציע פון די פאראייניגטע שטאא־טען, א פערזענליכער פריינד פון איינערעהם לינקאלן און, מעהר פון אלץ, אן עהרליכער מענש, האט אזוי געשריבען: „דער פרינציפ, אויף וועלכען ס'האט זיך געשטעלט דער סופרים קאורט אין דעבס'ס פאל, גיט איבער יעדען בירגער אין דער גנאדע פון יעדען בייזהאפ־טען און פארמייאישען פעדעראלען ריכטער, וואס דענקט, אז יי בעסטע זאך איז יענעם צו שיקען אין געפענגניש".

פרעזידענט קליוולאנד פארשטעהט, אהן צווייפעל, די וויכ־טיגקייט פון די דאזיגע ווערטער. זאל דאס פאלק, דאס ארבייטער פאלק, וועמען דער עקס־פרעזידענט האלט פאר א „מאב", וואס דארף אונטערדריקט ווערען, ווען עס פראטעסטירט פרידליך נעגען אומרעכט — זאל עס נאכדענקען די באדייטונג פון די דאזיגע ווערטער.

ווען דער סטרייק איז געווען אין זיין פולען בליהען און די באהן קאמפאניעס זיינען געווען אויף יעדען פונקט געשלאגען האט דער פעדעראלער געריכט אויף גיך איינגעשווארען א ספעשעל גרענד דזשורי צו פארקלאגען די סטרייקערס. פאר א פארזיצענדען איז ספעציעל אויסגעקליבען אזא איינער, וואס איז געווען באקאנט פאר א ווילדען יוניאן־האסער און שפעטער האט דער חברה מאן

באטראגען זיינע איינענע קאלעגען אין אן אנגעלעגענהייט, ווען זיי האבען זיך פארלאזען אויף זיין עהרליכקייט.

ניט צו אונטערזוכען איז די גרענד דזשורי איינגעשוואָרען געוואָרען, נאר צו פארקלאגען.

א רעפּאָרטער פון דער „טריביון", וואס האט זיך ענטזאגט צו באשטעטיגען א פאלשען אינטערוויו פאר דער דזשורי און דורך דעם פאלש צו שווערען, אום מען זאל קענען באשולדיגען דעם שרייבער פון די ציילען אין א פארברעכען — איז ענטזאגט געוואָרען.

„אין געפענגניש אריין!" — איז געווען דאס געשריי פון די באהן קאמפּאניעס און זייערע חברה לייט. א דזשורי פאר'ן פּראָצעס איז אויסגעקליבען געוואָרען. מען האט ניט צוגעלאזען קיין איינעם אין די דזשורי, וואס איז געווען פון דער זעלבער פּאָליטישער פארטיי, וואס דער אנגעקלאגטער. יעדער מעגליכער מיטעל איז אנגעווענדעט געוואָרען צו שיקען די סטרייק פיהרערס אין געפענגניש אריין.

### דער דורכפאל פון דער אנקלאגע.

ווען די אנקלאגע האט פארגעבראכט אלע איהרע באווייזען, האט זי פארשטאנען, אז זי איז דורכגעפאלען. קיין איין פּונקט פון די באשולדיגונגען האבען די באהן־קאמפּאניעס מיט אלע זייערע שפּור־הינט ניט געקענט געפינען.

דערנאך איז געקומען אונזער צד. די אייזענבאהן פּאָרוואלטער האבען אנגענומען פולע מיילער מיט וואסער, ווען זיי זיינען, איינער נאך'ן צווייטען, גערופען געוואָרען עדות זאגען. זעקס און אכציג עדות האבען געגעבען אין געריכט באווייזע וועגען די אומרוהען און די שרפות. אסיסטענט טשיף פאלמער און אנדערע מיטגלידער פון פייער דעפּאַרטמענט האבען עדות געזאגט, אז ווען זיי זיינען געקומען אויסלעשען די פלאמען אין די אייזענבאהן דיפּאס, האבען זיי געכאפּט א פּאר מענער, וואס האבען איבערגעשניטען די וואסער קישקעס און אז די דאזיגע מענער האבען געהאט אפּיציעלע צייכענס פון דעפּיוטי מארשאלס. עס זיינען אויך געווען פיעלע פּאָליסלייט אין געריכט, וואס זיינען געווען

גרייט ערות צו זאָגען, אז זיי האָבען געכאפט די זעלבע דע־
פיוטים אויפרייצענדיג צו אומרוהען און גוואלדטאטען.

די דזשורי איז אויסגעקליבען געוואָרען מיט'ן צוועק צו פאר־
אורטיילען. ווען מיר האָבען אָנגעהויבען פארצוברענגען אונזערע
באוויזע האָבען זיך זייערע אויגען ברייט געעפענט פאר ערשטוי־
נונג. די געשוואָרענע האָבען פארשטאנען, אז זיי זיינען אָנגעזאפט
געוואָרען מיט פאראורטיילען און אויף א שענדליכען אופן באַ־
שווינדעלט געוואָרען.

די אייזענבאהן פארוואלטער האָבען ערות געזאָגט, אז זיי גע־
דיינקען ניט, וואָס עס איז פאָרגעקומען אויף דער זיצונג פון די
אייזענבאהן און פולמאן קאָמפאניעס. ווען זיי זיינען אויפגעפאָדערט
געוואָרען צו ברענגען די געדרוקטע באריכטען פון דעם מיטינג,
האָבען זיי מיט א געבעט געווענדעט זייערע בליקען צו ערווין
וואָקער. די מורא, וואָס האָט זיך אויסגעגאָסען איבער זייערע
פנים'ער וועלען קיינמאָל ניט פארגעסען די, וואָס האָבען עס ביי־
געוואוינט. זייערע אייגענע געדרוקטע באריכטען וואָלטען אויפגע־
דעקט זייער ליגען און וואָלט פאר'משפט זיי פאר פארשווערונג
און פאלש ערות זאָגען. עפעס האָט געמוזט געטאָן ווערען און באלד
אויפ'ן אָרט. דאָס געריכט איז געשלאָסען געוואָרען איבער מיטאָג־
צייט. ווען דאָס געריכט האָט זיך ווידער געעפענט, האָט ריכטער
גראָסקאָפּ מיט אן ערנסטער שטימע ערקלערט, אז איין געשוואָרענער
איז פלוצלונג קראנק געוואָרען און דער פראָצעס קאָן ניט פאָרט־
געזעצט ווערען.

## די „קראַנקהייט" פון דעם געשוואָרענעם.

פון טאָג צו טאָג האָט מען אלץ אָפּגעלייגט דעם פראָצעס.
מיר האָבען פאָרגעשלאָגען, אז דער פראָצעס זאָל פאָרטגעזעצט
ווערען אויף איינעם פון די וועגען, וואָס דאָס געזעץ זעהט פאָר־
אויס אין עהנליכע פאלען. די אָנקלאגע האָט איינגעווענדעט גע־
גען דעם. דער געשריי „אין געפענגניש אריין" איז געוואָרען שטי־
לער. „לאָזט זיי פריי" איז איצט געוואָרען דער באפעהל פון די
באהן־קאָמפאניעס. עס האָט ניט געטאָרט געהאלטען ווערען נאָך
א זיצונג פון געריכט, ווייל דאמאלט וואָלטען די געדרוקטע באַ־

ריכטען, וואָס וואָלטען זיי געקענט לייכט פאַראורטיילען, געמוזט אַרויסגעגעבען ווערען. אזוי ווי דאָס געריכט האָט באַפוילען צו ברענגען די פּראָטאָקאָלען פון דער „אמעריקאַן ריילוויי יוניאָן", האָט עס געמוזט דעם זעלבען באַפעהל געבען צו די באַהן־בעאַמטע וועגען די פּראָטאָקאָלען פון זייער אַסאָסיאיישאָן. די דאָזיגע פּראָטאָקאָלען זיינען געבראַכט געוואָרען אין געריכט אויף דער לעצטער סעסיע פון פּראָצעס, אָבער אויפ'ן באַפעהל פון געריכט האָבען די אָנגעקלאָגטע ניט געטאָרט אריינקוקען אין זיי און עדווין וואָקער, דער רעגירונגס פּראָקוראָר, האָט זיי געהיט מיט'ן געטרייען אויג פון א באַגלויבטען דינער.

אונז איז ניט ערלויבט געוואָרען צו באַטראַכטען די פּראָטאָקאָלען פון דער „דזשענעראַל מענעדזשערס אַסאָסיאיישאָן", ניט קוקענדיג וואָס אונזערע פּראָטאָקאָלען, טעלעגראַמען, אַלגעמיינע און פּריוואַטע בריף זיינען געבראַכט געוואָרען אין געריכט אריין אויפ'ן באַפעהל פון ריכטער און זיינען דורכגעקוקט און באַטראַכט געוואָרען פון עדווין וואָקער און אַנדערע און עס איז געדרוקט געוואָרען אין די געריכטס פּראָטאָקאָלען פאַר אַלגעמיינער באַטראַכטונג.

אָט אין דער קרימינישער מינוט, האָט מען דעם פּראָצעס אָפּגעשטעלט און דער געשווואָרענער איז געוואָרען „קראַנק".

צעהן יאָהר זיינען פון דאַמאָלט אריבער און דער געשוואָרענער איז נאָך אַלץ „קראַנק" און מיר וואַרטען נאָך אַלץ, אז דאָס געריכט זאָל זיך ווידער פאַרזאַמלען און פאָרטזעצען דעם פּראָצעס.

### די רעגירונג ענטזאָגט זיך פאָרטצוזעצען דעם פּראָצעס.

יעדער פאָרשלאַג ווייטער אָנצוגעהן מיט'ן פּראָצעס איז באַקעמפט געוואָרען פון עדווין וואָקער'ן, דעם ספּעציעלען אדוואָקאַט פון דער רעגירונג און אַלגעמיינעם אדוואָקאַט פון די באַהן־קאָמפּאַניעס.

קלאַרענס דאַראָו האָט איינגעווענדעט געגען מר. וואָקער'ס ערשיינען אין געריכט אין דער טאָפּעלטע ראָל, רעפּרעזענטירענדיג אין דער זעלבער צייט אי די רעגירונג און די באַהן־קאָמפּאַניעס. — בלומרש'טיגע גערעכטיגקייט פון איין זייט און ראַכע־

דורשטיגקייט פון דער צווייטער זייט — אָבער ריכטער גראָסקאָפּ האָט צוריקגעוויזען די איינווענדונג.

ווידער און ווידער איז דער פּראָצעס אָפּגעלייגט געוואָרען. דער אינטערעס צו איהם איז איינגעשטילט געוואָרען און מיט מאָ־נאַטען שפּעטער, ווען דער פּראָצעס איז שוין אין גאַנצען פאַרגע־סען געוואָרען, איז ער אין דער שטיל אויסגעמעקט געוואָרען פון געריכטס־קאַלענדאַר.

די דזשורי באַגריסט די אָנגעקלאָגטע.

ווען די איבערגעבליבענע עלף געשוואָרענע זיינען באַפרייט געוואָרען, האָט עדווין וואָקער אויסגעצויגען זיין האַנט צו זיי, אָבער זיי האָבען זיך אויסגעדרעהט און ארומגערינגעלט דעם שריי־בער פון די ציילען און זיינע מיט־באַשולדיגטע, דריקענדיג זיי די די הענט און פאַרזיכערענדיג זיי, אַז זיי זיינען געווען איבערצייגט אין זייער אומשולד און זיי האָבען בלויז באַדויערט, וואָס זיי זיי־נען געשטערט געוואָרען ארויסצוגעבען אַזאַ אורטייל.

און אין דער צייט ווען מיר זיינען גע'משפּט געוואָרען פאַר קאָנספּיראַציע, זיינען מיר שוין געזעסען אַ טערמין אין געפענג־ניש פאַר „קאָנטעמפּט אָוו קאָורט". דער פּראָגראַם, וואָס די באַהן־קאָמפּאַניעס האָבען אויסגעשטעלט איז געווען, אַז נאָך די זעקס חדשים זאָלען קומען לאַנגע יאָהרען געפענגניש.

ווען די דזשורי זאָל אונז ערקלערען אומשולדיג אין אַ פאַרברע־כען פאַר וועלכען מיר זיינען שוין געזעסען זעקס־מאָנאַטען, וואָלט עס ניט נאָר באַדייטעט אונזער פאָלשטענדיגע ריינוואַשונג, נאָר דאָס וואָלט אויך קלאָר ארויסגעשטעלט פאַר אַלעמען, אַז דער פעד־דעראַלער געריכט האָט אָהן אַ משפּט פאַרשיקט מענשען אין גע־פענגניש, בלויז אויפ'ן פאַרלאַנג פון די באַהן־קאָמפּאַניעס.

און אזוי האָט זיך דער פּראָצעס פּלוצים איבערגעריסען צוליעב דער כלומרש'דיגער קראַנקהייט פון אַ געשוואָרענעם און זיי האָבען ניט געקענט געפינען קיין אנדערען, וואָס זאָל פאַרנעמען זיין פּלאַץ.

דאָס זיינען די פאַקטען. איך האָב גענוג באַוויזען זיי אַלע צו באַשטעטיגען, אָבער, ווי איך האָב שוין באַמערקט, דער מאַנגעל אין פּלאַץ ערלויבט מיר ניט זיי אַלע צו ברענגען דאָ.

אויב אבער דער פרעזידענט קליוולאנד און די באהן־קאמפא־ניעס צווייפלען דארין, בין איך גרייט מיט זיי זיך צו טרעפען פנים אל פנים אין וועלכען ניט איז ארט אין אמעריקא און פון דער פלאטפארמע זיי איבערצייגען.

### דער גרעסטער אינדוסטריעלער קאמף פון דער געשיכטע.

דער שיקאגא׳ער סטרייק איז אין פילע הינזיכטען געווען דער גרעסטער אינדוסטריעלער קאמף פון דער געשיכטע און איך בין שטאלץ אויפ׳ן קליינעם חלק, וואס איך האב געהאט אין איהם, פיעל מעהר ווי אויף וועלכער ניט איז אנדערער טאט אין מיין לעבען.

מענער, פרויען און קינדער זיינען געווען אויפ׳ן ראנד פון הונ־גער־טויט אין פולמאן׳ס מ א ד ע ל ־ ש ט א ד ט. זיי האבען באשאפען די פאבעלהאפטע רייכטימער פון דער פולמאן־קאמפאניע, אבער זיי אליין זיינען געצוואונגען געווען צו ליידען די יסורים פון הונגער און פיין אין סאמע מיטען פון זייער ארבייט און די רייכטימער, וואס זיי האבען באשאפען.

הונדערט און פופציג טויזענט באהן־אנגעשטעלטע, די מיט־גלידער פון דער „אמעריקאן ריילוויי יוניאן" האבען סימפאטיזירט מיט זיי, געטיילט מיט זיי זייערע ארעמע פארדינסטען און דער נאך ווען זיי האבען שוין געהאט אויספראבירט יעדען מעגליכען פרידליכען מיטעל צו ריהרען דאס שטיינערנע הארץ פון דער פול־מאן קאמפאניע — יעדער פארשלאג איז צוריקגעוויזען געווארען, יעדע בעאיינפלוסונג — פארשטויסען, און יעדע מעגליכקייט פאר א פארשטענדניש — איז מיט באליידיגונג פארווארפען געווארען — האבען זיי באשלאסען ניט צו באפלעקען זייערע הענט און ניט צו באשמוצען זייער עהרע דורכ׳ן פיהרען פון די פולמאן׳ס און דורך דעם העלפען נאך פארגרעסערן די נויט און די ליידען פון זייע־רע ברידער. זיי האבען ליעבערשט אוועקגעלייגט די ארבייט, געאפפערט מיט זייערע שטעלעס און אונטערגעווארפען זיך צו פאר־פאלגונגען, פארשיקונגען, ארעסטען, געשטעלט ווערען אויף דער שווארצער ליסטע און צו אלע אנדערע „מתנות", וואס די קאפי־טאליסטען האלטען גרייט פאר זייערע סטרייקענדע ארבייטער.

און ביז מיין לעצטען אטעם־צוג וועל איך האבען בלויז ליעבע און עהרע פאר די דאָזיגע גרויסע העלדען.

מעהר מענשליכקייט, מעהר געפיהל פון ברידערליכקייט און אמת'ן קריסטענטום איז געווען אין דיזער טאט, ווי אין די פוסטע פרעטענזיעס און הארצלאָזע דרשות פון די תלמידים פון גאָלדענעם אַפּגאָט, וואָס זיינען ארוים מיט גוואַלט געגען דער טאַט. די דאָזיגע טאט וועט שיינען און פאַרשפּרייטען ליכט און גלויבען לאנג נאָך דעם, ווי די דאָלאַר־פאַרעהרער וועלען פאַרדעקט ווערען מיט'ן שטויב פון פאַרגעסענהייט.

ווען דער סטאָליער פון נצרת וואָלט אין יענער צייט געווען אין שיקאַגאָ, וואָלט ער געווען אויף דער זייט פון די אָרעמע, פון די שווער־ליידענדע און באליידיגטע און ער וואָלט ערקלערט קריג צו זייערע אונטערדריקער, און ער וואָלט פאַרשיקט געוואָרען אין געפענגניש פאַר „קאָנטעמפּט אָוו קאָורט" פון פּרעזידענט קליוולאַנד'ס אדמיניסטראַציע.

פּרעזידענט קליוולאנד זאָגט, אז מיר זיינען אונטערדריקט געוואָרען, ווייל מיר האָבען פאַרבראָכען דאָס שערמאַן אנטי־טראַסט געזעץ. וועט ער זיין אַזוי פריינדליך און אונז אויך ערקלערען, וועלכע אַנדערע טראַסטס זיינען גע'משפט געוואָרען דערפאַר און וועלכע קאַפּיטאַליסטען זיינען פאַרשיקט געוואָרען אין געפענגניש אונטער זיין אדמיניסטראַציע?

אנערקענונג צו אַלטגעלד.

צעהן יאָהר האָט ער געוואַרט מיט זיינע פאַרלוימדונגען אויף דער עהרע פון דזשאָהן פּ. אַלטגעלד, און אויב דיזער פאַטריאָטישער שטאַאטסמאַן וואָלט ניט געפאַלען דינענדיג דאָס פאָלק און ער וואָלט נאָך דאָ געווען און געקאָנט פאַרטיידיגען זיך, איז זעהר צווייפעלהאַפט צי דער עקס־פּרעזידענט וואָלט געוואַגט איהם צו אַטאַקירען.

צו מיין באַדויערן האָב איך דאָ קיין פּלאַץ ניט צו ברייגנען זיינע פייערדיגע צושריפטען צו פּרעזידענט קליוולאנד, אָדער כאָטש אויסצוגען פון זיין מייסטערהאַפטע רעדע וועגען „אַ רעגירונג פון אינדזשאַנקשאַנס".

זיין אנדענקונג דארף קיין פארטיידיגונג ניט האבען און וואלט עס נויטיג געווען, וואלט איך בעסער געקאנט איהם פארטיידיגען, ווי זיך אליין. ער האט קיינמאל ניט געשאנעוועט די מאגנאטען פון קאפיטאל, ער האט ניט געמאכט קיינע קאמפראמיסען מיט זיין געוויסען, ער איז געווען ענטשלאסען אין זיין איבערגעבענהייט צום אמת און אין זיין טרייהייט צו דער גערעכטיגקייט, און מיט אלע זיינע קרעפטען האט ער געזוכט צו דינען דעם פאלק און דאס פאלק וועט איהם מיט עהרע און ליעבע געדיינקען אלס איינעם פון די אמת'ע מענשען, אלס איינעם מיט א גרויסער נשמה אין א צייט פון עגאאיזם און געמיינהייט.

דער שיקאגא'ער סטרייק איז נאך ניט פארענדיגט און דאס „לעצטע ווארט" ד א ר ף ע ר ש ט ג ע ז א ג ט ו ו ע ר ע ן.

# טרייד־יוניאָניזם און סאָציאַליזם.

די היינטיגע אַרבייטער באַוועגונג איז אַ פּראָדוקט פון דער פאַרגאַנגענהייט; זי האָט אָבער אין זיך די אייגענאַרטיגקייט פון אונזער צייט. זי איז אינטערנאַציאָנאַל, זי איז אַ וועלט־באַפּרייענדע מאַכט, וועלכע צינדט אָן הערצער מיט'ן גלויבען אין איהר באַפּרייאונגס־מיסיאָן.

דער יוניאָניזם אינ'ם מאָדערנעם זין, איז ערשט הונדערט יאָהר אַלט; אין די פאַראייניגטע שטאַאטען, ווי אין אַנדערע לענדער, איז די טרייד־יוניאָן באַוועגונג אויסגעוואַקסען צוזאַמען מיט דער אינדוסטריעלער געזעלשאַפט. אינ'ם קאָלאָניאַלען פעריאָד פון אונזער געשיכטע, ווען ערד אַרבייט איז געוועזען די וויכטיגסטע באַשעפטיגונג, יעדע אַרבייט — האַנט אַרבייט, געצייג — זעהר איינפאַכע, וואַרשטאַטען קליינע, און דער אַרבייטער — זיין אייגענער בעל־הבית, האָט ניט געקענט זיין און איז פאַקטיש ניט געוועזען קיין שום טרייד־יוניניסטישע בעוועגונג צווישען די אַרבייטער.

אָבער די גוטע, אַלטע צייטען זענען פערשוואונדען. די מאַשין איז געקומען, און האָט געמאַכט אַן איבערקעהרעניש אין דער פּראָדוקציע. אויפ'ן אָרט פונ'ם דאָרפישען אָדער קליינשטעדטעלדיגען וואַרשטאַט'על האָט זיך שטאָלץ און פעסט אַנידערגעשטעלט די גרויסע פאַבריק. די אַרבייטער לויפען אין די פאַבריקען, אַלע זוכען אַרבייט, אַלע קאָנקורירען מיט אַלע, און בעלנים אויף זייער אַרבייטס־קראַפט זענען גאָר ווענינ פאַראַן, אָדער גאָר ניטאָ. וואָס טוט מען? איצט הויבען זיי אָן צו פערשטעהן, אַז אַלס אַרבייטער, מענשען אָהן אייגענטהום, זענען זיי ביי די קאַפּיטאַליסטען אין די הענד, און מוזען זיך פעראייניגען געגען זיי. זיי דערפיהלען די נויטיגקייט פון פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע, און די באַוועגונג וואַקסט אַלץ שטאַרקער, טריט ביי טריט מיט דער ענטוויקלונג פון דער אינדוסטריע, און ווערט אַ מאַכט אינ'ם קאַמפף פון אַרבייט און קאַפּיטאַל.

פּראָפעסאָר ר. ט. אילאי באַשרייבט יענע צייט מיט פאָלגענדע ווערטער: „אינ'ם קאָלאָניאַלען פעריאָד פון אַמעריקאַנער געשיכטע

איז ניטא קיין סימן פון היינטיגען טרייד־יוניאניזם. עס איז ניט שווער צו פארשטעהן, אז אין יענער צייט איז אן ארגאניזאציע פון ארבייט געוועזען אדער איגגאנצען איבעריג, אדער כמעט איבעריג. דאס ביסעל, וואס מען האט פראדוצירט איז בעשטאנען דער עיקר פון נעברויך־פראדוקטען: קליידער האט מען געשפינט און געוועבט און גענעהט אין דער אייגענער בעל־הבית׳ישקייט; די איינציגע בעל־מלאכות זיינען געווען דער שמיד, דער שוסטער, דער שלאסער. זיי האבען געארבייט אין אייגענע ווארשטאטען אליין, אדער נאך מיט א געזעלען, און דער געזעל האט געהאפט אין א פאר יאהר ווערען אליין א באלעבאס.

אזוי האט אויסגעזעהן דאס אמעריקאנער עקאנאמישע לעבען סוף אכטצעהנטען יאהרהונדערט. אנהויב נייצעהנטען ענדערט זיך אלעס. די אינדוסטריע פערשפרייט זיך, די מאשין רייסט זיך אריין אלע אין נייע פראדוקציאנס־צווייגען. די ארבייטער ארגאניזירען זיך ביסלעכווייז, און פרובען עפעס טהאן, כדי צו העכערען דעם קליינעם לוין און פארבעסערען זייערע ארבייטס־באדינגונגען. אינטערעסאנט איז די געשיכטע פון׳ם ערשטען סטרייק; פראפעסאר אילאי דערצעהלט: „דעם אנזעהן פון א היינטיגען סטרייק האט געהאט די פאלגענדע פאסירונג אינ׳ם יאהר 1802. די נויארקער זיינען ניט געווען צופריעדען מיט זייערע צעהן דאלאר א מאנאט און האבען געפאדערט פיער דאלאר מעהר; זיי האבען ענטזאגט זיך צו ארבייטען, זיינען, ווי מען דערצעהלט, ארומגעגאנגען איבערן שטאדט מיט מוזיק, האבען געצוואונגען די מאטראזען, וואס האבען געארבייט אויף די אלטע באדינגונגען, אוועקגעהן פון די שיפען און צושטעהן צו זיי. אין יענער צייט אבער זיינען נאך אין אלע אייראפעאישע לענדער געווען אין קראפט די שטרענגע געזעצען וועגען פאראיינען און געהיימע חברות, וועלכע האבען יעדען געמיינשאפטליכען טריט פון די ארבייטער באשטראפט אלס פארברעכען. די פאליציי האט זיך גענומען יאגען נאך די דעמאנסטראנטען, פארטריבען זיי, ארעסטירט דעם פיהרער, און א סוף געמאכט צו דעם דאזיגען עלטסטען ארבייטער סטרייק אין די פאראייניגטע שטאאטען“.

הערענדיג די געשיכטע, קען זיך אויסדרוקען, אז דאס האט

געטראָפען נעכטען, און ניט מיט אַריבער הונדערט יאָהר צוריק. די אַלע פאַראיינס־געזעצען זיינען שוין לאַנג בטול, אָבער דער אַרבייטער פיהרער האָט איצט ניט ווייניגער צרות, ווי אמאָל. העלפט ניט די פּאָליציי, מישט זיך אַריין דער ריכטער, איינס־צוויי ווערט דעם אַרבייטער'ס ווידערשטאַנד געבראָכען, און אַ סוף פון'ם קאַמף.

די טרייד יוניאָן איז אין אָנהויב געווען אַ שוואַכע, קליינע, לאָקאַלע אָרגאַניזאַציע. זי האָט זיך געהאַלטען אָבער אין איין ענטוויקלען, און איז דערגאַנגען צו דער איצטיגער מדרגה פון אַ גרויסער נאַציאָנאַלער קערפּערשאַפט. אמאָל האָט זי פאַראייניגט אַרום זיך אַ קליינע גרופּע האַנט־אַרבייטער, וואָס ווערען עקספּלואַטירט פון אַ קליינעם קאַפּיטאַליסט. היינט שטעהען אין די טרייד־יוניאָניסטישע רייהען גרויסע אַרמייען פון אָרגאַניזירטע, פעדערירטע אַרבייטער פון גרויסע אינדוסטריען, וואָס פלעגען ווערען קאָנטראָלירט פון מעכטיגע טראָסטען און קאָרפּאָראַציעס. די נויט האָט געצוואונגען די אַרבייטער צו אָרגאַניזירען זיך, און וואָס שנעלער עס געהט צו די אינדוסטריעלע ענטוויקלונג און די עקאָנאָמישע אָפּהענגיגקייט פון די אַרבייטער וואַקסט, אַלץ שטאַרקערע אויסזיכטען אויף ערפאָלג האָט די אָרגאַניזאַציע פון די טרייד־יוניאָס.

מיט הונדערט יאָהר צוריק פלעגט אַ לעהר אינגעל אָפּאַרבייטען ביים בעל־מלאכה זיינע פאָר יאָהר און האָט געקאָנט ווערען מיט דער־צייט אַ מייסטער, ווי אַלע. דאָס געצייג איז געווען זיין אייגענס; דאָס ביסעל רויה מאַטעריאַל, וואָס ער האָט געדאַרפט האָבען, האָט ער זיך לייכט געקענט פאַרשאַפען. רוהיג האָט ער זיך געטאָן זיין אַרבייט און געלעבט פון איהר. אָרים, אָבער אומאָפּהענגיג. אמת איז, אַז אַרבייטענדיג מיט הוילע הענט אָדער איינפאַכע געצייג, האָט דער בעל־מלאכה געמוזט זיך שטאַרק אָנשטרייגגען, אַרבייטען אַ צוועלף־פופצעהן שעה אַ טאָג, כדי צו פאַרדינען דאָס נויטיגע פאַר זיך און זיין פאַמיליע. זיין אַרבייט איז געווען ווייניג פּראָדוקטיוו, זיין גאַנצע צייט האָט ער אָפּגעגעבען דער באַפרידיגונג פון זיינע מאַטעריעלע באַדערפנישען; קיין פרייע מינוט האָט ער ניט געהאַט. ער האָט ניט געוואוסט פון רוה, געזעליגקייט, גייסטיגע אַרבייט. ער

האָט אָבער יע נעהאט פּאָליטישע פרייהייט, איז געווען עקאָנאָמיש כמעט אומאבהענגיג, באנוצט זיך כמעט מיט'ן גאנצען פּראָדוקט פון זיין ארבייט און געלעבט א שטילען, איינפאכען, רוהיגען לעבען ביז'ן סוף פון זיינע טעג.

די פאראייניגטע שטאאטען איז נאָך דעמאָלט געווען א לאנד פון צוקונפט. אומענדליכע שטרעקען פעטע, נאָך ניט פארבאפטע ערד, האָבען צוגעצויגען דעם איינוואנדערער. עס איז געווען גענוג רוים און זון, ערד און געלעגענהייטען פאר יעדען איינעם. אמת, דאָס לאנד האָט נאָך ניט געוואוסט פון מיליאָנערען — אָבער אויך ניט פון טרעמפּס. די צוויי טיפּען זיינען פּראָדוקטען פון דעם זעלבען קאפּיטאליסטישען סיסטעם, ביידע לעבען זיי אויפ'ן חשבון פונ'ם ארבייטער־קלאס. געקומען אין איין צייט, וועלען זיי פאר־שווינדען אין איין צייט, צוזאמען מיט'ן גאנצען קאפּיטאליסטישען סיסטעם.

די איינפיהרונג פון מאשינען אין דער אינדוסטריע האָט ארויס־גערופען גרויסע ענדערונגען אינ'ם בוי פון דער גאנצער געזעל־שאפט. איבערגעארבייט האָט זיך איבערגעאנדערשט די לאגע פונ'ם ארבייטער; פונ'ם אומאָפּהענגיגען בעל־מלאכה אָדער קליינער אונ־טערנעמער, איז געוואָרען אן אָפּהענגיגער לוין־שקלאף. די מאשין איז עפּעס ווי אריינגעשפּרונגען אינ'ם אינדוסטריעלען לעבען, און האָט פארטריבען דעם ארבייטער מיט זיינע פעהיגקייטען, קונצען און קונסט, און דאָס איינפאכע ארבייטס־געצייג מיט זיין אינדי־ווידועלען פּרצוף פּנים. אַלץ גרעסער ווערט די אָפּהענגיגקייט פונ'ם ארבייטער־קלאס, אָבער אויך אַלץ נעהענטער זיין באפרייאונג. די פריהערדיגע איזאָלירטע, אָפּגעריסענע איינער פונ'ם אנדערן בעל־מלאכות, וואָס האָבען געלעבט יעדער אין זיין ווינקעל, זיינען צו־זאמענגעגאָסען געוואָרען אין אָרגאניזמען פון פאראייניגטער אר־בייט, וואָס גרייטען צו די גרויסע סאָציאַלע רעוואָלוציע.

די טרייד־יוניאָן באוועגונג ווערט עפּעס באַשטימטעס. פריי־הער זיינען די אומאָרגאניזירטע ארבייטער געווען קאָנקורענטען אויפ'ן ארבייטס־מארק און שקלאפען אין דער פאבריק; הפקר זיי־נען געווען זייערע שכירות, זייער ארבייטס־טאָג. איצט וועהט

אַ נייער גייסט אין די אַרבייטער־רייהען. „כאַראַקטעריסטיש איז — דערצעהלט פּראָפעסאָר אילאַי — אַ רעדע, וואָס איז געהאַלטען געוואָרען דעצעמבער 1833 פון׳ם פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע טרייד־יוניאָנען פון שטאָדט ניו יאָרק, מור. דאָס איז געווען, ווי דער נאָמען אליין באַווייזט, אַ פאַראייניגונג פון יוניאָנס פון פאַרשידענע פאַכען און פּראָפעסיעס אין ניו יאָרק און אַרומיגער גע־גענד; דער ערשטער אין איהר אַרט, אויף וויפיעל איך ווייס. מור׳ס רעדע איז פיעל מאָדערנער אין טאָן, ווי די מייסטע ערקלע־רונגען פון די אַרבייטער פיהרער פון יענער צייט. אין יענער רעדע ווערט געזאָגט, אַז דער צוועק פון די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס איז צו פאַרהיטען די נאַטירליכע און פּאָליטישע רעכט פון די אַר־בייטער, שיצען זיך געגען די אָנפאַלען פון דער אַריסטאָקראַטיע, אויפהויבען דעם מאָראַלען און גייסטיגען צושטאַנד פון די אַרביי־טער, אויסבעסערען די עקאָנאָמישע באַדינגונגען, פאַרקלענערען די אונטערשיידונגס־ליניען צווישען אַרבייטער און אונטערנעמער, באַפעסטיגען די עהרע און ווירדע פון אונזערע פּראָפעסיעס אויף אַ זיכערען און פערמאַנענטען באַזיס, און פאַרגרינגערען די ליידען פון די אַרבייטסלאָזע". אין דער דאָזיגער רעדע ווערען שוין קלאָר פאָרמולירט די אויפגאַבען פון׳ם טרייד־יוניאָניזם. שוין אין די דרייסיגער יאָהרען האָבען די אַרבייטער געמוזט זיך פאַראייניגען צוליעב דער פאַרטיידיגונג פון זייערע אינטערעסען. דערווייל פאַר־טיידיגען זיך די אַרבייטער, ווילען פאַרבעסערען זייער עקאָנאָמישע לאַגע; פון׳ם פּאָליטישען קאַמף טראַכטען זיי נאָך ניט; זיי פאַר־שטעהען נאָך ניט, אַז ס׳איז נויטיג אָפּצושאַפען דאָס גאַנצע לוין־סיסטעם, אַז דאָס איז דער איינציגער וועג צו אמת׳ער פרייהייט. דאָס לוין־סיסטעם ענטוויקעלט זיך אָבער און וועט זיי לערנען, וואָס זיי האָבען צו טאָן; פון׳ם עקאָנאָמישען קאַמף וועלען זיי סוף כל סוף איבערגעהן צום פּאָליטישען.

דער קאַפּיטאַל צענטראַליזירט זיך, די אינדוסטריע ווערט אָר־גאַניזירט אין אַ גרעסערען מאַסשטאַב — און דער יוניאָניזם שטעהט ניט אָפּ. אַלץ מעהר פאַכען טרעטען אַריין אין די רייהען, און הויי־בען אויף הויך די פאָהן פון עקאָנאָמישער סאָלידאַריטעט. די

מלחמה איז אין פולען גאנג, סטרייקען, לאָקאוטען הערען ניט אויף. אמאָל געווינען די ארבייטער, עפטער אָבער פארלירען זיי די שלאכט, ווערען אָן דעם מוט, אנטלויפען פון דער טרייד־יוניאָן, אָבער זיי ווען קומען צוריק, ווידער פרובען גליק ביז׳ן לעצטען, גרויסען נצחון.

## טרייד־יוניאָניזם.

די טרייד יוניאָניסטישע באוועגונג איז געוואָרען א גרויסע מאכט אין די פאראייניגטע שטאאטען. נאָך דער בירגער מלחמה האָט אינדוסטריע און האנדעל גענומען בליהען, און טרייד־יוניאָנען זיינען ענטשטאנען אין אלע עקען לאנד. עס האָבען זיך געמעהרט די לאָקאלע אָרגאניזאציעס פון איין פאך, פאראייניגט זיך אין נאַציאָנאלע קערפערשאפטען, און פעדערירט זיך אין נאציאָנאלע און אינטערנאציאָנאלע גרופּירונגען. סוף נייצעהנטען יאָהרהונדערט באמערקט זיך א אונגעהייער גרויסע און שנעלע קאָנצענטראציע פון קאפיטאל און א נאָך ניט געוועזענע אינדוסטריעלע אקטיוויטעט. האנט אין האנט מיט דער דאָזיגער ענטוויקלונג געהט דער וואוקס פון דער טרייד־יוניאָניסטישער באוועגונג. אין די ערשטע יאָהרען פונ׳ם נייען יאָהרהונדערט פארשפרייט זיך די באוועגונג נאָך מיט א גרעסערער מאכט; דער שטראָם פון טרייד־יוניאָניזם פארפלייצט דאָס גאנצע לאנד, ווערט טיפער און טיפער, און לאכט זיך אויס פון אלע שטערונגען, וואָס דער קאפיטאליסטישער קלאס לייגט איהם אין וועג. קיין קראפט קען ניט איינהאלטען זיין גאנג, אָדער פאר־שטאָפּען זיינע קוועלען.

די געשיכטע פון די לעצטע דרייסיג יאָהר טרייד־יוניאָניסטי־שער באוועגונג איז א זעהר שפאנענדע. אָרגאניזאציעס ענטשטע־הען און פארגעהען, שלאכטען ווערען געוואונען און — פארלוירען. אלע מעגליכע מיטלען, וואָס דער שארפזין פון א הערשענדען קלאס קען נור אויסטראכטען, ווערען אָנגעווענדעט, כדי צו טויטען די באוועגונג — דאָס אלץ העלפט ניט. די באוועגונג געהט זיך איהר וועג. די אָרגאניזאציאָנס־פאָרמען ווערען אלץ פאָלקאָמענער, די אויפפאסונג פון די אויפגאבען — אלץ א טיפערע. די אומענדליכע

סטרייקען, באָיקאָטען, לאָקאוטען, וואָס זיינען אָפט פארבונדען מיט געוואַלדטאַטען, דערצעהלען א טרויעריגע געשיכטע פון א קלאַסען־קאמף, וואָס צורודערט די געזעלשאַפט, און וועט פארשווינדען אינ־איינעם מיט דער היינטיגער געזעלשאַפטס־אָרדנונג.

דער סך הכל איז, אז קיין ארבייטער־סטרייק איז נאָך ניט פאר־לאָרען געגאַנגען, און די באַוועגונג קען ניט פארטיליגט ווערען. די טעג פון מפלות וועלען ברענגען זייער פרוכט, און די וואונדען זיי־נען ניט טויט־וואונדען, נאָר שטילע עדות פונ׳ם קומנדען נצחון.

**וואָס האָט די יוניאָן געגעבען צו ארבייטער?**

פונ׳ם ערשטען טאָג אָן האָט זי געפריידיגט די נויטיגקייט פון סאָלידאַריטעט, געוועקט האָפנונגען אינ׳ם הארצען פונ׳ם ענ־טוישטען און דערשלאָגענעם ארבייטער, אויסגעגליכען זיין איינגע־בויגענעם רוקען און אָפּגעווענדעט זיין קוק פון די קליינליכע אינ־טערעסען פון דער מינוט צו די גרויסע הערליכע אויפגאַבען פונ׳ם קלאַס.

די יוניאָן האָט אָנגעפיהרט דעם ארבייטער׳ס קאמף אויף טוי־זענטער שלאַכטפעלדער. איינמאָל געשלאָגען, האָט זי ווידער און ווידער פאראייניגט די קרעפטען, ניט געלאָזט דעם שונא רוהען, געפאַלען און — אָנגעפאַלען, שטרעבענדיג צום זיג.

די יוניאָן האָט פריהער פאר אַלעמען געלערנט דעם ארבייטער דאָס וויכטיגסטע וואָס ער דאַרף וויסען, נעמליך, אז זיינע אינ־טערעסען זיינען פארבונדען מיט די אינטערעסען פון זיין קלאַס, אז קיין וויכטיגע ענדערונג אינ׳ם איינצעלנעמ׳ס לאַגע איז ניט מעג־ליך, כל זמן דער גאַנצער קלאַס איז נאָך פארשקלאַפט.

די יוניאָן איז געווען אַן עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציע, אָבער אויך א מאָראַלישע קראַפט. זי האָט געפאָדערט פונ׳ם ארבייטער ער זאָל דיינקען זעלבסטשטענדיג, גלויבען אין זיך, זיין שטאָלץ, ברייינגען אָפּפער אינ׳ם קאמף פאר זיין פערזענליכקייט און אינ־טערען, זיין סאָלידאַריש מיט די חברים, און קעמפען פאר זייערע אינטערעסען, ווי פאר זיינע אייגענע.

פארשטעהט זיך, די יוניאָן האָט ניט דערגרייכט דאָס אַלץ, וואָס זי האָט געדאַרפט דערגרייכען, אָבער פיעל האָט זי געטאָן,

און טוט. די טרייד־יוניאָניסטישע באוועגונג האָט ניט ערפילט אַלע אונזערע האָפנונגען, אָבער דערפאַר טאָר מען זי ניט מבטל זיין. דאָס ערגסטע אין וואָס מיר קענען זי באשולדיגען איז דאָס, וואָס זי איז אָפּגעשטאַנען פון דער צייט, האָט ניט אין זיך דעם פּראָגרעסיווען גייסט, אָהן וועלכען זי קען זיך ניט דערהויבען צו אַ העכערער מדרגה און ברייניגען דעם מאַקסימום נוצען. די אור־זאַכען פון דער ערשיינונג וועלען מיר פּרובען צו פאַרשטעהן.

ווען די ארבייטער האָבען אָרגאַניזירט יוניאָנס, האָבען די קאַ־פּיטאַליסטען געטאָן אַלעס, וואָס זיי האָבען געקענט צו דערשטיקען די רעבעליאָן. זיי האָבען אָבער ניט געקענט אויסלעשען דעם פייער; פון׳ם גליהענדען אש רייסען זיך ארוים פונקען אַלץ שטאַר־קער. דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס איז אָנגעשראָקען; די קלו־געריע, וואָס האָבען געהאַט אַ טיפערען קוק, האָבען פאַרשטאַנען, אַז אויסראָטען די יוניאָן־באוועגונג איז אוממעגליך. זיי האָבען גע־ביטען די טאַקטיק, ניט געבייזערט זיך מעהר, נאָר פאַרקעהרט, פיין, ליעבליך געשמייכעלט, און געבענשט די גרעסטע ברכה פון׳ם יאָהר־הונדערט, די טרייד יוניאָניסטישע באוועגונג. ניט קענענדיג אָפּ־שטעלען די באוועגונג, האָבען זיי באשלאָסען אריינצונעמען זי אין זייערע הענט און פיהרען זי אין גוטע, פרומע, אומשולדיגע וועגען. דאָס איז געווען מארק האַננאַ׳ס פּאָליטיק.

מארק האַננאַ האָט געהאַט דאָס פאַרטרויען פון׳ם קאַפּיטאַ־ליסטישען קלאַס, איז אָנערקענט געוואָרען פאַר אַ פיהרער. זיין קלוגע דיפּלאָמאַטיע, זיין שאַרפער קוק אויף די ארבייטער באווע־גונג איז געפעלען די מאַגנאַטען פון קאַפּיטאַל.

מארק האַננאַ האָט אָרגאַניזירט די באַריהמטע „סיוויק פעד־דערײשאָן“, איז געוואָרען דער פּרעזידענט איהרער, און באשטימט אַלס זיינע „לייטענאַנטען“ די פיהרער פון די גרעסטע טרייד־יוניאָ־נען. ער האָט זיך באַגעגענט מיט זיינע „לייטענאַנטען“ ווי מיט גלייכע, זיך פאָטאָגראַפירט אויף איין בילד, געזאָגט חכמות, גע־שפּאַסט און גוט־ברודעריש געדריקט זיי די הענט. מיט אַמאָל איז ער געוואָרען דער אָפּגאָט פון וואָל סטריט. צו זיין שטימע הערען

זיך אַלע צו. ער איז דער פּראָפעט פון זיין קלאַס, דער פייער־זייל פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט.

מארק האַננא האָט ניט דערלעבט די פאַרווירקליכונג פון זיין חלום, פונ'ם גוטהאַרציגען, גוטמוטיגען קאַפּיטאַליזם. עס האָט זיך אויך ניט דערפיהלט דער וואונש פון זייערע טרייד־יוניאָניסטישע נאָכשלעפּער און קאַפּיטאַליסטישע פריינד: ער איז ניט געוואָרען פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַאטען. דערפאַר האָט ער נאָך מיט זיינע אייגענע אויגען געזעהן די וואָלקען פון סאָציאַלער רע־וואָלוציע אויפ'ן פּאָליטישען הימעל, און געוואָלט אָפּווענדען די געפאַהר, אָדער כאָטש אָפּלייגען דעם קריזיס. האַננאַ'ן האָט ניט געשמעקט א מאָדערנע, רעוואָלוציאָנערע טרייד־יוניאָניסטישע באַ־וועגונג. די טרייד־יוניאָניסטישע אָרגאַניזאַציעס דאַרפען זיין ריין טרייד־יוניאָניסטישע, אָפּהיטען אַלע אַמאָלינע ענגע טראַדיציעס, ניט בייטען, חלילה, די טאַקטיק אָדער פאָרמען פון קאַמף, אָרגאַ־ניזאַציע, אַנטלויפען פון פּאָליטיק ווי פון פייער, און זיין פאָרזיכ־טיג, ניט אָננעמען זיך מיט סאָציאַליזם, דעם פּעסט פון דער צייט, וואָס איהר אָטעם איז צופאַלונג, און יעדער ריהר — טויט.

דאָס איז אויך די פּאָליטיק פון האַננאַ'ס וויניגער באַגאַבטע תלמידים, וואָס זעצען פאָרט זיין אַרבייט. ניט אַנדערש קוקט אויפ'ן יוניאָניזם דער צייטונגס־מאַן, דער גלח און דער פּאָליטיקאַן. און דאָס שעדליכסטע איז, וואָס דאָס איז אויך די פּאָליטיק פון די פיה־רער פון דער טרייד־יוניאָניסטישער באַוועגונג, וואָס זיינען גלייכ־צייטיג די „לייטענאַנטען" פון קאַפּיטאַל, און די פיהרער פון די אַרבייטער און ווילען פאַראייניגען דאָס אוממעגליכע, די ענטגעגענגעזעצטע אינטערעסען פון די פיינדליכע קלאַסען. מיר ווילען ניט זאָגען, אַז די דאָזיגע אַרבייט־פיהרער זיינען קאָרופּטע און פאַרקויפטע מענשען. אָפט הערען מיר אַזעלכע באַשולדיגונגען, אָבער לויט אונזער ערפאַהרונג זיינען עס מייסטענס אומגערעכטע און גרונדלאָזע באַשולדיגונגען. מיר טאָרען ניט מאַכען אַזעלכע שווערע באַשולדיגונגען געגען א פיהרער, סיידען מיר זיינען איי־בערצייגט, און האָבען זיכערע באַווייזען, אַז ער איז שולדיג. דאָס אָבער מעגען מיר זיכער זאָגען, אַז די דאָזיגע אַרבייטער־פיהרער

האבען מורא צו קריגען זיך מיט די קאפיטאליסטען, אנהויבען מיט זיי. מוט ניט דער ארבייטער־פיהרער דעם ווילען פון די קאפיטא־ליסטען, איז ער ניט גענוג בויגיג, ווערט זיין פאפולאריטעט אין די קאפיטאליסטישע קרייזען אפגעשוואכט, און ער ווערט גאר שנעל א פיהרער — אהן אן ארגאניזאציע און אמט.

פעטער מ. ארטור, פון דער ברודערשאפט פון לאקאמאטיוו מאשיניסטען איז געווען א כאראקטעריסטישער פארטרעטער פון דעם דאזיגען טיפ ארבייטער־פיהרער. אפט האט ער געהאט נעגען זיך די שטארקסטע אפאזיציע פון די ארבייטער, אבער ער איז גע־ווען א חשוב'ער מענש ביי די אייזענבאהן־קארפאראציעס. און עס איז פאקטיש געווען אוממעגליך פטור צו ווערען פון איהם. וואלט ער געווען א ראדיקאל, געשטאנען אין גאנצען אויף דער זייט פון די מאשיניסטען, וואלט שוין פון איהם לאנג קיין זכר ניט געבליבען אין זיין יוניאן.

א שעדליכע ווירקונג אויפ'ן ארבייטער־פיהרער האט אויך די קאפיטאליסטישע פרעסע; זי רעדט איהם איבער מיט איהרע האָ־ניג־זיסע רייד, טעראריזירט איהם מיט איהרע אנפאלען, מאכט איהם אומזיכער, קנעכטיש און דערשראקען.

די היינטיגע טרייד־יוניאניסטישע באוועגונג האט ניט ווייניג שונאים, אינוועניגסטע און אויסוועניגסטע. אנדערע פאלען אן אופ'ן טרייד־יוניאניזם אפען, אנדערע — באהאלטענערהייט. אלע האבען אבער איין ציעל: א תל צו מאכען פון דער גאנצער באוועגונג, אדער אפשוואכען איהר מעגליכע קאמפס־קראפט. זיי שטעלען זי פאר אין א פאלשען ליכט, און דיסקרעדיטירען די אמת'ע פריינד פונ'ם יוניאניזם, וואס האבען ניט קיין מורא פאר די קא־פיטאליסטען און האלטען אין איין אנווייזען די איינציגע, אמת'ע ריכטונג, וואס פיהרט צום זיעג פונ'ם ארבייטער־קלאס.

די אפענע שונאים פונ'ם יוניאניזם האבען די לעצטע פאר יאהר איינגעפיהרט נייע, אומגעוועהנליכע קאמפס־מיטלען. פריי־וואט־ארמייען, פינקערטאנער, פריוואט־פאליציסטען זיינען ארא פון מארק. צו וואס דארף מען גוואלד־טאטען? טוען דאך די געריכטען דאס זעלבע, אהן טומעל, סיסטעמאטיש, זיכער. דאס

נייע מיטעל איז: אינדזשאַנקשאַן, שטענדיג טרעפט עס אין ציעל, קיינער קען ניט אַנטרונען ווערען פון איהר. די קאַפּיטאַליסטען קאָנטראָלירען פאָלשטענדיג די אינדזשאַנקשאַן־אַרטילעריע; דער ריכטער דאַרף נור אָנלאָדען די אינדזשאַנקשאַן־קאַנאָנען, און די אַרבייטער צולויפען זיך.

ביסלעכווייז רייסט זיך די אינדזשאַנקשאַן אַריין אַלץ שטאַרקער אין'ם עקאָנאָמישען קאַמף, וואָס ווערט אָנגעפיהרט פון די טרייד־יוניאָנס. זי באַגרענעצט די רעכט פון דער אָרגאַניזאַציע, שוואַכט אָפּ איהר קראַפט, גראָבט אונטער איהר עקזיסטענץ. דאָס טוט דאָס געריכט אין'ם נאָמען פון אינסטיטוציעס, וואָס אָנשטאַט צו באַשיצען, האָט עס זיי פאַרראַטען אומפאַרשעמט אין די אינטערעסען פון די מאַגנאַטען פון קאַפּיטאַל.

מען האָט אַרויסגעגעבען אינדזשאַנקשאַנס וואָס האָבען פאַרבאָטען גאַנצע אָרגאַניזאַציעס און זייערע מיטגליעדער צו סטרייקען, באַיקאָטירען אימיצען, העלפען מאַטעריעל חברים־סטרייקער, שטיצען אייגענע מיטגלידער. זיי האָבען פאַרזאָגט אַרבייטער ניט צו וואַגען אַרויסצוטרייבען שפּיאָנען פון דער אָרגאַניזאַציע, אַרומגעהן איבער'ן טראָטואַר, אָפּהאַלטען מיטינגען, פאַרזאַמלען זיך אין עפענטליכע פּלעצער, ריידען מיט אַרבייטער, וואָס האָבען פאַרנומען אָדער ווילען פאַרנעמען זייער אָרט. זיי האָבען געשראָקען מיט גרויסע שטראָפען פאַר טאָן וואָס ניט איז צו באַגרענעצען דאָס זעלבסט פאַרשטענדליכע רעכט פונ'ם קאַפּיטאַליסט צו אָרגאַניזירען זיין פאַבריק ווי ער וויל און פיהרען זיך ווי עס לוינט זיך איהם בעסער.

די געריכטען האָבען אַרויסגעריסען פונ'ם אַרבייטער'ס האַנט יעדען געוועהר אין עקאָנאָמישען קאַמף און איבערגעגעבען איהם, אָן אומבאַשיצטען, צו עקספּלואַטאַטאָרען אין די הענט. די געריכטען זיינען דערגאַנגען אַזוי ווייט אין זייער אונטערדריקונגס־פּאָליטיק, אַז די אַרבייטער האָבען זיך געמוזט דערמאָנען אָן דער פּאָליטישער קראַפט, וואָס איז געגוג שטאַרק ניט נור צו ענטוואָפּענען דעם שונא, נאָר צו פאַרטרייבען איהם אינגאַנצען פונ'ם שלאַכטפעלד. זיי הויבען אָן צו פאַרשטעהן דעם קלאַסען־כאַראַק־

טער פון אונזער קאפּיטאַליסטישער רעגירונג, זיי איבערצייגען זיך, אַז די אַרבייטער באַוועגונג מוז זיין אויך אַ פּאָליטישע באַוועגונג, אַז דער אַרבייטער קלאַס מוז זיך אָרגאַניזירען פּאָליטיש, אין׳ם קאַמף מיט דער קאַפּיטאַליסטישער רעגירונג און געזעלשאַפטס־אָרדנונג.

לאַנגזאַם לערנען די יוניאָניסטען, אָבער סוף כל סוף מוזען זיי קליגער ווערען פון די קלעפּ, וואָס זיי כאַפּען פון אַלעמען, און זיי האָבען נאָך ניט אַלע קלעפּ געקראָגען.

זיי האָבען געזעהן: אַ דעמאָקראַטישער פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַאַטען ברעכט די קאָנסטיטוציע און שיקט אַרי־בער פעדעראַלע סאָלדאַטען אין אַן אויטאָנאָמען שטאַאַט צו אונ־טערדריקען די אָרגאַניזאַציע פון פרידליכע אַרבייטער, ניט קוקענדיג אויפ׳ן פּראָטעסט פונ׳ם גאָווערנאָר פונ׳ם שטאַאַט און איהר באַ־פעלקערונג.

זיי האָבען געזעהן: אַ רעפּובליקאַנער פּרעזידענט שטעהט אָן אַ זייט און וויל ניט אַריינמישען זיך, אין דער צייט ווען די מיליטערישע מאַכט פונ׳ם קאַפּיטאַליסטען־קלאַס כאַפּט פאַר׳ן האַלז אַ פרייען שטאַאַט, רואינירט זיין אַדמיניסטראַציע און איז זיך שענדליך נוקם אָן אומבאַוואָפענטע אַרבייטער.

זיי האָבען געזעהן: אַ געמישטער רעפּובליקאַניש־רעמאָקראַ־טישער קאָנגרעס נעמט אָן אַ מיליטער־פּאָרשלאַג, וואָס מאַכט פון יעדען פרייען בירגער אַ סאָלדאַט, און פונ׳ם פּרעזידענט — אַ מיליטערישען דיקטאַטאָר.

זיי האָבען געזעהן: אַ קאָנגרעס האַלט אין איין צוזאָגען גלי־קען אַרבייטער־אָרגאַניזאַציעס, און האַלט ניט וואָרט. מאַכט דעם אָנשטעל פון אַרבייטער־פריינדליכקייט, זייענדיג פאַרבונדען מיט אַ פאַרשפּרעכען ניט צו דערלאָזען קיין שום געזעץ, וואָס קען זיין ניצ־ליך די אַרבייטער. דער שיקזאַל פונ׳ם אַנטי־אינדזשאָנקשאָן־גע־זעץ און אַכט שטונדיגען אַרבייטס־טאָג איז אַ גוטע אילוסטראַציע פונ׳ם פאַרראַט צו די אַרבייטען־אינטערעסען און פאַלשקייט פון דער העכסטער געזעצגעבענדער קערפּערשאַפט פון לאַנד.

זיי האָבען געזעהן דעמאָקראַטישע און רעפּובליקאַנישע גאָ־

ווערנאָרס ארויסרופענדיג מיליץ געגען ארבייטער אויפ'ן פארלאַנג פון קאפיטאליסטען.

זיי האָבען געזעהן גאָווערנאָרס, ארעסטירענדיג אומגעזעצליך פרידליכע ארבייטער, פערשפארענדיג זיי אין עקעלהאפטע גע־פענגענישען מיט'ן איינציגען צוועק פון צוברעכען זייערע יוניאָנס.

זיי האָבען זעזעהן דאָס העכסטע געריכט אין די הענט פון קאַ־פיטאליסטען, טויב צו די פאָדערונגען פון די ארבייטער. ריכ־טער, געוועזענע קאָרפּאָראציע־אדוואָקאטען, וואָס פארדאנקען זייער אמט דער רעקאָמענדאציע פון זייערע באלעבאטים, פייערליך דרש'נענדיג וועגען דער אומבאפלעקטער ריינקייט פון אונזערע גע־ריכטס אינסטיטוציעס.

זיי האָבען געזעהן די העכסטע געריכטען פון איינצעלנע שטאאטען, ערקלערענדיג אומקאָנסטיטוציאָנעל די לעצטע רעשט פון געזעץ, וואָס באשיצען די ארבייטער ארגאניזאציעס און זייערע מיטגלידער.

דאָס און פיעל אנדערעס האָבען די יוניאָניסטען געזעהן, און נאָך וועלען זיי מוזען קוקען לאַנג און אויפמערקזאם, איידער עס וועלען זיך עפענען זייערע אויגען. אונז טוט וועה דאָס הארץ, וואָס צרות און פארפאָלגונגען נאָר קאָנען זיי פיהרען צום ציעל, אָבער דאָס איז דער איינציגער וועג, וואָס מאכט זיי זעהענדיג, דענקענ־דיג, און א פאקט איז, אז יעדעס אומרעכט, וואָס ווערט געטאָן די איינגע'עקש'טע יוניאָניסטען, דערנעהענטערט דעם טאָג פון זייער פאָלשטענדיגער באפרייאונג.

דער איינגער פאך־יוניאָניזם פון דער פארגאנגענהייט איז שוין מעהר ניט צוגעפאסט צו היינטיגע באדינגונגען. ווער ס'לייקענט דאָס איז א בלינדער, וואָס זעהט ניט וואָס עס טוט זיך ארום איהם. האלטען יעדען פאך אין זיינע ד' אמות, אָפּטיילען איהם פון אנ־דערע אין דער צייט, וואָס די גרענעץ־ליניען צווישען פאכען פאר־שווינדען, און זיי ווערען אלע צומישט און פארבונדען אינ'ם פּראָ־צעס פון דער אינדוסטריעלער ענטוויקלונג, איז ניט ווייניגער נאַ־ריש און אבסורד, ווי פּרובען אָפּטיילען פונאנדער די וועלען פונ'ם אייביג־שווימענדען ים.

אין א היינטיגער פאבריק ארבייטען צוזאמען מענשען פון הונדערטער פאכען; דער, וואס צואווארפט זיי אין הונדערטער פארשידענע זעלבסטשטענדיגע יוניאנס, ארגאניזירט ניט די ארבייטער, ער דעזארגאניזירט זיי. ער צוטיילט זיי, שוואכט אפ זייערע קרעפטען, רופט ארויס אומענדליכע צוזאמענשטויסען. די היינטיגע, איינציג־צוגעפאסטע ארגאניזאציאנס־פארם איז די אינדוסטריעלע; דער פאך האט זיך זיין אויטאנאמיע, זיינע רעכט, אבער העכער און בילכער זיינען די אינטערעסען פונ׳ם גאנצען; קאנפליקטען זיינען מעגליך, אבער זיי קענען אויסגעמידען ווערען. די אלטע פאך־ארגאניזאציע אבער איז נור אן אנדערער נאמען פאר אינערליכע מלחמות, אייביגע טענות און — צופאלונג.

די ארגאניזאציע פון די ארבייטער האט א גרויסע באדייטונג, ווען זי ענטוויקעלט, ווען זי פארהאלט ניט די אויפקלערונג, די אמת׳ע אויסבילדונג פונ׳ם ארבייטער.

אומוויסענהייט פאראייניגט ניט. די טרייד יוניאניסטען דארפען וויסען, די פולע באדייטונג, די אלגעמיינע ציעלען פון דער ארבייטער באוועגונג. זיי דארפען פארשטעהן דאס פראגראם פון דער באוועגונג. די ארבייטער באוועגונג איז עפעס מעהר, אומענדליך גרעסער פון די קליינע לוין־העכערונגען; זי איז מעהר ווי די סטרייקס, וועלכע פיהרען צו די לוין־העכערונגען. טוענדיג אלעס מעגליכעס צו פארבעסערען אוממיטעלבאר זייער לאגע, דארפען זיי שטרעבען צו העכערס, צו דער פאלשטענדיגער אפשאפונג פון דער היינטיגער ארדנונג.

קארל מארקס זאגט: „די אלגעמיינע טענדענץ פון דער קאפיטאליסטישער פראדוקציאן איז ניט צו העכערען, נור צו פארקלענערען דעם ארבייטער׳ס לוין, און טרייבען אראפ ביז׳ן מינימום דעם ווערט פון דער ארבייט. דארף דען דער ארבייטער, ווייל די אלגעמיינע טענדענץ איז אזא, אפזאגען זיך פון יעדען ווידערשטאנד נעגען דעם אנפאל פון קאפיטאל, און אויפהערען צו באנוצען זיך מיט די מעגליכקייטען פון א צייטווייליגער פארבעסערונג פון זיין לאגע? זאלען דאס די ארבייטער טאן, וועלען זיי אראפגעשטויסען ווערען צו דער מדרגה פון מיזעראבעלע, אומ־

גליקליכע, נעבעכדיגע ברואים. אָפּטרעטענדיג פאַר'ן קאַפּיטאַל אין טאָג־טעגליכען קאַמף, וואָלטען די ארבייטער זיכער אומפעהיג געוואָרען צו אַ ברייטערער באַוועגונג".

מאַרקס האָט שאַרף געזעהן די באַשרענקונגען פון דער טרייד־יוניאָניסטישער ארבייט און ער האָט אָנגעצייכענט שוין לאַנג צוריק די ריכטונג וועלכע די באַוועגונג דאַרף אָננעמען. אין דער זעלבער צייט, זאָגט ער, דאַרף דער ארבייטער קלאַס ניט איבערטרייבען די ענדגילטיגע רעזולטאַטען פונ'ם טעגליכען קאַמף. די ארבייטער דאַרפען ניט פאַרגעסען, אַז מיט דער הילף פון דער יוניאָן באַקעמפען זיי נאָר רעזולטאַטען, ווירקונגען, און ניט די טיעפע אורזאַכען, אַז זיי פאַרהאַלטען די באַרג־אַראָפּ טענדענץ. זיי קענען אָבער ניט ענדערן די ריכטונג, די ריכטונג פון דער טענדענץ, אויב זיי ווענדען אָן האַלבע מיטלען און היילען ניט די קראַנקהייט. זיי דאַרפען זיך דאַריבער ניט באַשריינקען נאָר אויף די דאָזיגע אומפאַרמיידליכע קליינע שלאַכטען, וועלכע ענטשטעהען פון די שטענדיגע אָנפאַלען פון קאַפּיטאַל און ענדערונגען פון פאַרהעלטניסען אויף דעם מאַרק פון ארבייט און סחורה. זיי דאַרפען פאַרשטעהן, אַז טראָץ די אַלע צרות, וואָס זיינען פאַרבונדען מיט'ן קאַפּיטאַליזם, באַשאַפט ער דאָך אין דער זעלבער צייט מאַטעריעלע באַדינגונגען און סאָציאַלע פאָרמען, וואָס גילטען פאַר דער סאָציאַלער באַנייאונג פון דער געזעלשאַפט. אָנשטאָט דעם קאָנסערוואַטיווען לאָזונג: „אַ ערליכען טאָג־לוין פאַר אַ ערליכען טאָג ארבייט", דאַרפען זיי אויפשרייבען אויף זייער פאָהן דאָס רעוואָלוציאָנערע וואָרט: נידער מיט דעם לוין־ארבייט סיסטעם!

„די טרייד־יוניאָנס זיינען גוטע ווידערשטאַנדס־צענטרען אינ'ם קאַמף מיט'ן קאַפּיטאַל. שלעכט באַנוצענדיג זיך מיט זייער קראַפט, מאַכען זיי פעהלער, און כאַפּען אָפט מפּלות. אָבער דער גרעסטער, שטענדיגער פעהלער זייערער איז דאָס, וואָס זיי באַגרענעצען זיך מיט'ן טעגליכען גאַרילאַ־קאַמף, אָנשטאָט אויסצונוצען זייערע אָרגאַניזירטע קרעפטען פאַר דער באַפרייאונג פונ'ם ארבייטער קלאַס, פאַר דער אָפּשאַפונג פון דער היינטיגער געזעלשאַפט".

ריידענדיג אין אפריל מאנאט 1872 פאר די „ריטער פון היי־לינגען קריספין“, האט ווענדעל פיליפס, דער באריהמטער אראטאר און ליידענשאפטליכער פיינד פון יעדער שקלאפעריי, געזאגט: „איך באגרים די ארבייטער באוועגונג, דען אין איהר שעפ איך מיין איינציגע האפנונג אויף דער צוקונפט פון דעמאקראטיע“.

ווענדעל פיליפס איז געווען גערעכט. ער האט פאראויסגע־זעהן די צוקונפט. ער האט געפיהלט, אז נור די ארבייטער באוועגונג קען דעמאקראטיזירען אויף אן אמת די געזעלשאפט און בא־פרייען די מענשהייט.

אין דער דערמאנטער רעדע האט ער געזאגט נאך פאלגענדע ווערטער, וואס יעדער טרייד יוניאניסט דארף שטענדיג געדיינ־קען: „וועט אייער באוועגונג ניט האבען די מאכט, די עקאנא־מישע און פאליטישע, איז די דעמאקראטישע פרייהייט פון אונ־זערע פאראייניגטע שטאאטען טויט“.

איהר הערט חברים טרייד־יוניאניסטען, מיר מוזען האבען אויך די פאליטישע מאכט. די אלע געשרייען „נור ניט קיין פא־ליטיק אין דער יוניאן“, „שלעפט ניט אריין פאליטיק צו אונז“, „מאכט ניט פון דער יוניאן אן עק פון דער פאליטישער פארטיי“, שטאמען אדער פון פון אומוויסענהייט, אדער אומעהרליכקייט, אדער ביידע צוזאמען. די ווערטער ווערען איבערגע־חזר׳ט פון יע־דען קליינעם און גרויסען פאליטיקאן אין לאנד. דער צוועק איז צו נארען און פארפיהרען די ארבייטער. די דאזיגע קנעכט פונ׳ם קאפיטאליסטען־קלאס ארט אבסאלוט ניט, צו וועט די פאליטישע טעטיגקייט שאדען די יוניאן אין איהר ארבייט. זיי האבען אימער מורא, אז דער ארבייטער קלאס זאל זיך ניט באטייליגען אין פאליטישען לעבען אלס זעלבסטשטענדיגער קלאס און ניט אויפבויען זיין אייגענע פארטיי. דעריבער טאקע שפארען זיי ניט קיין צייט און אנשטרייגונג און זעהען אויפצורייצען די יוניאני־סטען געגען דער פאליטישער פארטיי פונ׳ם ארבייטער־קלאס און ווארנען זיי געגען דער גרויסער, סאציאלסטישער געפאהר.

וויכטיגער פון אלץ איז דער יוניאניסט זאל טראכטען זעלבסט־שטענדיג, דאמאלס קענען אויף איהם ניט האבען קיין ווירקונג

די פּאָליטישע אונטערשטופּער און משרתים פון קאפּיטאל, ניט אין דער ארבייטער־באוועגונג און ניט אויסער איהר.

די יוניאָן איז ניט, און דארף ניט זיין, קיין פּאָליטישע מאַשין; זי דארף ניט אויסגענוצט ווערען פאר פּאָליטישע צוועקען. ריידענדיג וועגען דער פּאָליטישער טעטיגקייט פונ'ם ארבייטער־קלאס, ווילען מיר ניט נור ניט פארוואנדלען די יוניאָן אין א פּאָליטישע אָרגאניזאציע, נור מיר זיינען שטארקע געגנער פון אזא טאקטיק.

די יוניאָן איז אן עקאָנאָמישע אָרגאניזאציע, און אלס אזעלכע, א נויטיגער טייל, אָבער נור א טייל פון דער ארבייטער־באַוועגונג. זי האָט איהר אייגענעם ווירקונגס־קרייז, איהר אייגענע טאקטיק, און איז באלאבאָס פאר זיך, אין איהר עקאָנאָמישער ארבייט.

אָבער די ארבייטער באוועגונג האָט אויך א פּאָליטישע זייט, און דער יוניאָניסט מוז באגרייפען דעם פולען ווערט פון דער פּאָליטישער זייט פון באוועגונג, ער דארף אויך די פּאָליטישע זייט זעהן יוניאָניזירען, ניט ווייניגער פון דער עקאָנאָמישער. דער, וואָס שטימט פאר אן ארבייטער־פיינדליכע פּארטיי, איז א סטרייקברעכער אינ'ם פּאָליטישען זין. איהר קענט ניט שטעהן א גאנצען יאָהר פאר אייערע יוניאָן פאָדערונגען, און אינ'ם וואהל־טאָג נידערשטימען זיי.

דער טרייד־יוניאָניזם איז אן אויסדרוק פון דער עקאָנאָמישער מאכט פונ'ם ארבייטער־קלאס, די סאָציאַליסטישע פּארטיי פּאַרטרעט זיין פּאָליטישע מאכט. דער פּאַרשטענדיגער טרייד־יוניאָניסט באנוצט זיך אי מיט דער עקאָנאָמישער, אי מיט דער פּאָליטישער מאכט אינ'ם קאמף מיט'ן קאפּיטאל. איהם איז קלאָר, אז דער קאמף צווישען ארבייט און קאפּיטאל איז א קלאסען־קאמף, אז די ארבייטער זיינען די גרויסע מאַיאָריטעט און קענען אויספיהרען אלץ. די צרה איז, וואָס א טייל איז אין די יוניאָנס, א טייל אויסער זיי, א טייל — אין דער פּאָליטישער פּארטיי, א טייל — אין אן אנדערער. די צוטיילונג מאכט זיי שוואך. דארף מען זיך פאראייניגען אויפ'ן יסוד פון אלגעמיינע קלאסען־פאָדערונגען און

טריי זיין זיי יעדען טאָג פון יאָהר, דעם וואהל־טאָג אריינגערע־כענט. ווער עס פארלאָזט די פּאָליטישע פּארטיי פון זיין קלאַס, איז א פאררעטער פונ׳ם קלאַס און א שונא זיך און זיינע אייגענע.

ביידע צדדים זיינען אָרגאניזירט אין דעם קלאַסען־קאמף, אָבער די קאפּיטאַליסטען זיינען בעסער און שטארקער אָרגאניזירט פון די ארבייטער. ערשטענס, זיינען די קאפּיטאַליסטען ווענינ אין צאָהל, און די ארבייטער צעהלען אין די מיליאָנען. צווייטענס, האָבען די קאפּיטאַליסטען אויף זייער זייט די פעהיגסטע און בעס־טע קעפּ; זיי קענען גוט באצאָהלען. די ארבייטער זיינען אָרעם און ענדליך זיינען די קאפּיטאַליסטען די אייגענטימער פון אַלע פּראָדוקציאָנס־מיטלען, שטעלען, פארדינסטען; די ארבייטער מו־זען אָנקומען צו זיי. דאָס אַלץ גיט ניט נאָר א גרויסען פּאָרטייל די קאפּיטאַליסטען, נור פארזיכערט זיי דעם נצחון אין דער גע־גענוואַרט.

די ארבייטער זיינען אָרעם און אומוויסענד, זיי זיינען אָבער די גרויסע מאַיאָריטעט; זיי זיינען א מאַכט, נור זיי ווייסען דער־פון ניט. דאָס וויכטיגסטע איז: געבען זיי דאָס באוואוסטזיין פון זייער קראַפט.

דער ארבייטער־קלאַס, און נור ער, טוט די פּראָדוקטיווע אר־בייט, באשאפט דעם מעהר־ווערט, פּראָדוצירט אַלע רייכטימער. די ארבייטער — ד. ה. די וואָס ארבייטען מיט זייערע הענט, אָדער מיט זייער מארך, אָדער מיט ביידע, — זיי זיינען דער איינציגער עלעמענט פון דער געזעלשאַפט, וואָס אָהן איהם קען זי זיך אבסאָ־לוט ניט באגעהן. דער עלעמענט וועט איבערלעבען אַלע אנדערע, ער וועט בלייבען דער זיגער.

ביידע קלאַסען שטעהען אנטקעגען איינער דעם אנדערן. אָבער די ארבייטער־אָרגאניזאציע איז נאָך גאָר ניט קיין פּאָלקאָמענע, ריכטיגער — דער ארבייטער־קלאַס הויבט זיך ערשט אָן צו אָרגאַ־ניזירען. אויפ׳ן עקאָנאָמישען פעלד האָבען די קאפּיטאַליסטען זייערע פאבריקאנטען־אסאָסיאציעס, בירגער־אַליאַנסען און ענדליך די סיוויק פעדערייש‎אָן; אויפ׳ן פּאָליטישען פעלד זיינען זיי פאר־טראָטען פון דער רעפּובליקאנער און דעמאָקראטישער פּארטיי. די

רעפּובליקאַנער פּאַרטיי פּאַרטיידיגט די אינטערעסען פון גרויס־קאַפּיטאַל, די דעמאָקראַטישע — פון קליין־קאַפּיטאַל, אָבער ביידע זיינען קאַפּיטאַליסטיש אין גייסט און ריכטונג, ביידע זיינען פיינד־ליך צו אַרבייטער. ענטקעגען די דאָזיגע עקאָנאָמישע און פּאָלי־טישע פאַקטאָרען שטעלען די אַרבייטער אַרויס זייערע יוניאָנס, אַלס זייער עקאָנאָמישע, זייער סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, אַלס זייער פּאָליטישע פאַרטרעטונג.

די סאָציאַליסטישע אַרבייט אין פּאָליטיש פאַר'ן אַרבייטער דאָס, וואָס די יוניאָן איז — אינדוסטריעל; די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז די פּאַרטיי פון זיין קלאַס, די יוניאָן איז די פאַרטרע־טערין פון זיין פאַך. די יוניאָן באַשרייינקט זיך מיט די אַרבייטער פון איין פאַך אָדער אינדוסטריע; די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי נעמט אַרום אַרבייטער פון אַלע פאַכען. נאָך אַ וויכטיגער אונ־טערשייד: די יוניאָן וויל פאַרבעסערען די לעבענס־באַדינגונגען אין דער היינטיגער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, און די פּאַרטיי שטרעבט צו עראָבערען די פּאָליטישע מאַכט פון דער נאַציאָן, אָפּ־שאַפען קאַפּיטאַליזם און איבערגעבען די אַרבייטער די הערשאַפט. ניט נאָר דאַרפען ניט די פּאַרטיי און די טרייד־יוניאָניסטישע באַ־וועגונג קומען אין צוזאַמענשטויס, נאָר פאַרקעהרט, זיי דאַרפען העלפען איינער דעם אַנדערען. נאָך אַמאָל מוז געזאָגט ווערען, אַז די יוניאָן דאַרף ניט ווערען אַ פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע. און די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אַ טרייד־יוניאָן. יעדע פון זיי האָט זיך איהרע פונקציעס; יעדע — איהר אייגענע ראָל. די יוניאָן האָט צו טאָן מיט פאַך־פּראָבלעמען, די פּאַרטיי — מיט פּאָליטיק. די יוניאָן גרייט צו די אַרבייטער צו זייער צוקינפטיגער ראָלע, מאַכט זיי פעהיג צו רעגולירען אויף אַ דעמאָקראַטישען וועג דעם פּראָ־דוקציאָנס־פּראָצעס; די פּאַרטיי רעקרוטירט און לערנט די פּאָלי־טישע אַרמיי, וואָס וועט עראָבערען די פּאָליטישע פעסטונגען פון קאַפּיטאַל, פאַרכאַפּען די רעגירונגס־מאַכט, איבערגעבען זיי דעם אַרבייטער־קלאַס, דעם פאָלק.

וועגען די באַציהונגען פון יוניאָן צו פּאַרטיי שרייבט דזשאָרדזש ה. הערראָן שאַרף און קלאָר פאָלגענדעס: „פון איין זייט דאַרף

מען געדריינקען, אז די יוניאָן איז אויף'ן שלאַכטפעלד, אינ'ם קלאַס־סענקאַמף. די יוניאָן דערלאָזט ניט די ראָד פון קאַפּיטאַליזם צו צוטרעטען ארבייטער־לעבענס; זי רייסט אָפּ פון קאַפּיטאַל א טייל פון מעהר־ווערט א זי קעמפט געגען א הונגער־לוין; זי האָט דער־וועקט דאָס סאָלידאַריטעטס־געפיהל אינ'ם ארבייטער און שטרעבט צו באַפרייען זיי פון דער נארישער, מיזעראַבעלער קאָנקורענץ, וואָס האָט זיי געמאַכט פאַר שקלאַפען פון קאַפּיטאַל; די יוניאָן גרייט צו, און גלייכט אויס דעם וועג צו דער קאָאָפּעראַטיווער וועלט. דאָס איז אַלץ ריכטיג, אָבער ניט וויניגער ריכטיג איז, דאָס דער יוניאָניזם קען ניט לייזען דאָס ארבייטער־פּראָבלעם, און קען ניט זיין דער ענד־ציעל פונ'ם ארבייטער קאַמף. דער יוניאָניזם איז א גוטער פאַרטיידיגונגס־מיטעל אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, ווערט ארויסגערופען פון איהר, אָבער מיר ווילען די גאַנצע אָרדנונג ניט.

„די אָרגאַניזירטע ארבייטער האָבען אַן אינסטינקט, וואָס איז העכער פון זייער פאַרשטאַנד, און פון דער לאָגיק פון די אַלע אינ־טעליגענטען דרשנים און בטלנים, אַן אינסטינקט, וואָס זאָגט זיי, אַז אַלע ארבייטער זיינען איין קלאַס, און האָבען איין שיקזאַל, אַז זייער קאַמף אין פאַרשידענע לענדער איז נור פאַרשידענאַרטיג אין פאָרם, אָבער דער זעלבער אין זיין היסטאָרישען זין, אַז ס'איז ניטאָ קיין רעטונג פאַר'ן איינצעלנעם ארבייטער אויסער דער באַ־פרייאונג פון אַלע ארבייטער פון קאַפּיטאַליזם.

„ווען די ארבייטער ניט פאַרשטעהן, אַז זיי מוזען קעמפען פאַר זייערע אומיטעלבאַרע אינטערעסען און דערביי זיין אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און צוגרייטען אַלץ פאַר דער קומענ־דיגער געזעלשאַפט, איז אומזיסט זייער קאַמף, ער פיהרט צו גאָר־ניט און קען ניט שאַדען דעם קאַפּיטאַליסטען־קלאַס.

„עס איז ניט וויכטיג, אז די יוניאָניסטען זאָלען טעאָרעטיש אנערקענען די סאָציאַליסטישע פּרינציפּען. אזעלכע רעזאָלוציאָנען האָבען א קליינעם ווערט. דער סאָציאַליסט דאַרף אויך ניט זיך חנפ'ענען צו די אָרגאַניזירטע ארבייטער, און ניט מישען זיך אין דער טעכנישער זייט פונ'ם יוניאָניסטישען קאַמף און אָרגאַניזאַציע.

בעסער לאָזען די יוניאָניסטען טאָן זייער ארבייט אונטערשטיצענ־דיג דעם עקאָנאָמישען קאמף מיט אַלע קרעפטען, און פארשטאר־קענדיג אין דער זעלבער צייט די קראפט פון דער פאָליטישער באַ־וועגונג זי זאָל ארויסרופען די אכטונג און צוטרוי פון די ארבייטער. מיר דארפען שטרייננג אונטערשיידען די צוויי פאָרמען פון אר־בייטער־קאמף. די סאָציאַליסטישע באַוועגונג, וואָס שטרעבט צו דער פאָלשטענדיגער באפרייאונג פונ׳ם ארבייטער־קלאַס איז זיך א זאך פאר זיך; די טרייד יוניאָניסטישע באַוועגונג, אַלס קאמפס־אָרגאניזאציע, וואָס געהט ניט ארוים פון די גרענעצען פון דער היינ־טיגער אָרדנונג, איז זיך ווידער אן אנדער זאך. ניט מישען זיך אין די אינווענגסטע אנגעלעגענהייטען פון די טרייד־יוניאָנס, ניט מאכען זיי פאר פאָליטישע קלובען. נור זעהן דארפען מיר, אז די סאָציאַליסטישע באוועגונג זאָל זיין שטארק, הארמאָניש, אימפּאָני־רענד, ווי עס פאסט פאר דער פארטיי פון דער באפרייאונג פונ׳ם ארבייטער־קלאַס“.

## סאָציאַליזם.

אנדערע לאכען אָפּ פון סאָציאַליזם. נאָך אן „׳איזם“, וואָס האָט אָנגעמאכט א טומעל, אָבער — ניט מעהר. צו זיינען זיי אויפריכטיג, ווייסען מיר ניט. אויב יא, האָבען מיר רחמנות אויף זיי. אן ארבייטער טאָר אָבער ניט ערלויבען זיך ניט צו וויסען, וואָס איז סאָציאַליזם. איך בין טיף איבערצייגט, אז יעדער איי־נער ארבייטער מוז ווערען א סאָציאַליסט, זאָל מען איהם נור גע־בען צו פארשטעהן אין קלאָרע ווערטער דעם תוך פון סאָציאַליזם. און זיינען נאָך ניט די מאסען ארבייטער מיט אונז, איז עס פשוט דערפאר, וואָס זיי ווייסען ניט, וואָס מיר ווילען. זיי האָבען געהערט ריידען וועגען סאָציאַליזם און אנארכיע, און געוואָלדטאטען און אנדערע שרעקליכע זאכען, און ניט געבענדיג זיך קיין מיה אויסצו־געפינען דעם אמת, באשליסען זיי בעסער ניט צו מישען זיך, און געהן זייער וועג. טאָג־טעגליך ווערט דערצעהלט, וואָס פאר א שעדליכע זאך סאָציאַליזם איז. האָט דען ניט דער פאָליטיקאַן זיין עהרענ־וואָרט געגעבען, אז די סאָציאַליסטען זיינען געפעהרליכע יונגען,

און דער גלח האט דארויף אמן געזאגט. איז דען דאס ניט א באווייז, אז דער סאציאליזם איז פאלש?

ניין, און ווידער אמאל ניין. דאס באווייזט נור איין זאך, נעמליך, אז דעם קאפיטאליסט שמעקט סאציאליזם גאר ניט, און אז דער צייטונגס־מאן, פאליטיקאן און גלח זיינען ניט מעהר ווי לאקייען פון דעם קאפיטאליסטען־קלאס, אין איינצעלנע פאלען מעג יעדער איינער פון זיי זיין א גאנץ אויפריכטיגער מאן. מיר ריידען וועגען דעם כלל.

קלאר איז אונזער ענדציעל, און אונזער טאקטיק — אהן קאמפראמיסען. אפען ערקלערען מיר, אז מיר זיינען געגען דער היינטיגער ארדנונג און ווילען פארוואנדלען די בלומרש'טע רעפובליק אין אן אמת'ע רעפובליק. די סאציאלע רעוואלוציע וועט איבערגעבען דעם גאנצען פאלק די פראדוקציאנס־מיטלען, פארזיכערען יעדען דאס רעכט אויף ארבייט, און דעם גאנצען פראצענט פון זיין ארבייט. די סאציאליסטישע ארדנונג וועט זיין א העכערע פארם פון געזעלשאפט, ווי די היינטיגע. דער סאציאליזם זאגט אונז אן, אז א נייע ציוויליזאציע קומט אן.

אין א קאפיטאליסטישער געזעלשאפט איז די באפעלקערונג צוטיילט אין צוויי וויכטיגסטע קלאסען: קאפיטאליסטען און ארבייטער. די קאפיטאליסטען זיינען די מינאריטעט; די ארבייטער — א מאַאריטעט. אבער די קאפיטאליסטען האבען אלע פראדוקציאנס־מיטלען פון לאנד: זייערע זיינען די פאבריקען און געשעפטען, טראמווייען און באהנען, טעלעפאנען און עלעקטרישע סטאנציעס, אלע נאטירליכע און קינסטליכע פראדוקציאנס־דיסטריבוציאנס־ און אויסטויש מיטלען. זיי זיינען די באלאבאטים פון זאכען און — מענשען. זיי גיבען ארבייט, שטעלען, פארדינסטען. פון זיי זיינען אפהענגיג מיליאנען אלטע און יונגע, איהר און אייער שכן, אייערע גוטע ברידער און פיינד. צו זיי, די אייגענטימער פון אלע פראדוקציאנס־מיטלען, קומען אן אלע, וואס ווילען פראדוצירען און — לעבען.

אמאל איז דאס געוועזן אנדערש. מיט אייגענע הענט האט דער ארבייטער אין זיין אייגענעם ווארשטאט מיט אייגענעם, ניט קאמ־

פּליצירטען געצייג געאַרבייט. אָבער דאָס איז געווען מיט הונדערט יאָהר צוריק; איצט איז פוּנ׳ם האַנט־געצייג געוואָרען אַ קאָלאָסאַלע מאַשין. צו פרעמדע מאַשינען זיינען צוגעשטעלט טויזענטער אַר־בייטער, וואָס האָבען הענט, און גאָר קיין אייגענטום, און אַלעס וואָס זיי פּראָדוצירען אויסערן לוין, איז דעם באַלאַבאָס׳ס, ניט זייערס.

די אַרבייטער אָהן אייגענטום זיינען שקלאַפען פון די קאַפּי־טאַליסטען־אייגענטימער.

זיי קענען אַרבייטען, לעבען נור מיט׳ן ערלויבניש פון דעם קאַפּיטאַליסט, ניט אַנדערש. זיי דינען דעם קאַפּיטאַליסט, און ער בוקט זיך פאַר׳ן — פּראָפיט. זיין אַ קאַפּיטאַליסט הייסט יאָגען זיך נאָך — פּראָפיט. דאָס איז דער אָנהויב און סוף פון קאַפּיטאַ־ליסטישער חכמה. דער פּראָפיט איז געטליך. העכער פונ׳ם אַר־בייטער׳ס לעבען, פרייהייט. פּראָפיט — הייסט, פּראָפיט — מאָר־גען. צאַר פּראָפיט הערשט אומ׳רחמנות׳דיג! קען דער קאַפּיטאַ־ליסט עקספּלואַטירען דעם אַרבייטער, ערלויבט ער איהם באַנוצען זיינע מאַשינען; קען ער ניט, הייסט ער איהם בלייבען אין דער היים, פאַרקלאַפּט די טויערען פון פאַבריק, און זיצט און וואַרט. ער קען זיך פאַרגינען צו וואַרטען. בכלל טוט דער קאַפּיטאַליסט ניט קיין ניצליכע אָדער געזעלשאַפטליך־נויטיגע אַרבייט. ער לאַנג־ווייליגט זיך, אָדער הוליעט, צוקוקענדיג ווי זיינע חברים־פּאַראַזי־טען פרעסען אויף איינער דעם אַנדערען אינ׳ם קאָנקורענץ־קאַמף.

די אַרבייטער ברייגגען אַריין דעם קאַפּיטאַליסט די רייכטי־מער און ער איז גנעדיג און גרויסמוטיג גענוג צו ערלויבען זיי צו נעמען זיך ניט מעהר, און ניט ווייניגער פונ׳ם לוין, וואָס קען זיי דערהאַלטען ביים לעבען.

איהר קענט ניט אַרבייטען מיט אַ מאַשין, סיידען מען שמירט איהרע רעדער, מען באַנייט איהרע טיילען פון צייט צו צייט. דער אַרבייטער קען ניט טאָן זיין אַרבייט און אויסהאָדעווען קינדער, צו־קונפטיגע אַרבייטער, סיידען ער האָט אַ הויז, עסענוואַרג, קליי־דונג. דאָס איז דער אויל צו שמירען די רעדער פון דער מענשלי־כער מאַשין, וואָס רופט זיך אַרבייטער. ס׳זאָל מעגליך זיין צו

רעפּראָדוצירען פון דעם מענשליכען מין. דער לוין פון ארבייטער, זיינע שכירות איז פונקט דאָס, אין וואָס דער ארבייטער נויטינט זיך, אום די מאשין פון מענשליכער פּראָדוקציאָן זאָל זיין ארבייטס־פעהיג. ער איז דער לוין שקלאַף.

מייסטערהאפט באשרייבט דעם ארבייטער'ס לאגע קארל מארקס אין זיין שניידענד־שארפער שפּראַך:

„דער פרייער ארבייטער פארקויפט זיך ניט מיט אמאָל, נור ביסלעכוויין. פון טאָג צו טאָג פארקויפט ער צעהן־צוועלף־פופ־צעהן שעה לעבען צו דעם מענשען, וואָס באצאָהלט מעהר, דעם אייגענטימער פון רויה־מאטעריאל און לעבענס־מיטלען. דער אר־בייטער איז לויט'ן געזעץ ניט פארשקלאפט צו דער ערד, אָדער צום קאפּיטאליסט, אָבער צעהן־צוועלף־פופצעהן שעה פון זיין טאָג לע־בען זיינען ניט זיינע, נור דעם ארבייט־געבער'ס. דער ארבייטער איז א פרייער מענש: ער מעג פארלאָזען דעם באלאבאָס, ווען נור זיין הארץ גלוסט; די זעלבע רעכט האָט אָבער דער באלאבאָס; ער שיקט איהם אוועק, ווען ער קען פון איהם ניט מאכען קיין פּראָ־פיט אָדער ניט אזא גרויסען פּראָפיט, ווי ער וויל. אָבער דער אר־בייטער, וואָס לעבט נור פון זיין ארבייטס־קראפט קען ניט פארלאָ־זען דעם גאנצען קלאס ארבייטס־געבער, סיידען איהם איז נמאס געוואָרען דאָס לעבען. ער איז ניט קיין אייגענטום פון דעם אָדער יענעם קאפּיטאליסט, ער איז פארשקלאפט צום גאנצען קאפּיטאליס־טען־קלאס. נאָך מעהר, ער אליין דארף נעהן זוכען זיך אן אר־בייטס־געבער, דארף אויסקלייבען דעם בעלן אָפּצוקויפען זיין אר־בייטס־קראפט".

און מארקס ערקלערט ווי דעם ארבייטער'ס לוין ווערט באַ־שטימט:

„דער לוין איז דער פּרייז פון א באשטימטער סחורה, פון אר־בייטס־קראפט. שכירות ווערען באשטימט לויט'ן זעלבען געזעץ, וואָס אלע סחורות. אָבע דער פּרייז פון יעדער סחורה ווערט באַ־שטימט אינ'ם קאָנקורענץ־קאמף צווישען קונה און פארקויפער, היינגט אָפּ פונ'ם פארהעלטניש צווישען אָנגעבאָטענער און געפאָ־דערטער סחורה.

„אויף דעם אַרבייטער׳ס שכירות איז אונטערוואָרפען דעם דאָזיגען געזעץ, וואָס באַשטימט פּרייזען; די שכירות פאַלען און ווערען העכער לויט׳ן פאַרהעלטניש צווישען דעם אָנגעבאָט פון אַרבייטס־הענט און דער פאָדערונג פון הענט; אָבער טראָץ אַלע ענדערונגען, איז דער פּרייז פון אַרבייט אָפּהענגיג פון איהרע פּראָדוקציאָנס־קאָסטען, דאָס הייסט פון דער אַרבייט, וועלכע איז נויטיג צו פּראָדוצירען די דאָזיגע סחורה, אַרבייטס־קראַפט. ד ע ר פּ ר י י ז פ ו נ ׳ ם מ ע נ ש ע נ ׳ ס א ר ב י י ט א י ז אָ פּ ־ ה ע נ ג י ג פ ו נ ׳ ם פּ ר י י ז פ ו ן ד י נ ו י ט י ג ע ל ע ־ ב ע נ ס מ י ט ל ע ן“.

דאָס איז קאַפּיטאַליזם. ווער עס רעדט וועגען פרייהייט אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, ווייסט ניט, וואָס ער רעדט, אָדער שפּאַסט. די אַרבייטער האָבען ניט קיין ברירה, זיי מוזען אַרביי־טען, כדי ניט צו שטאַרבען פון הונגער. זיי פאַרפּלייצען דעם אַר־בייטס־מאַרק, באַזונדערס אין שלעכטע צייטען, לויפען אַרום פיבער־ריש, זוכענדיג דעם אַרבייטס־געבער. גליקליך זיינען זיי, ווען זיי געפינען איהם. ער דיקטירט די אַרבייטס באַדינגונגען. זיין וואָרט איז געזעץ. זיי זיינען ניט פריי. זיי מוזען שווייגען, און טאָן, וואָס מען הייסט זיי. זיי דאַרפען קעמפען פאַר פרייהייט, טאָרען ניט אָפּטרעטען; אונטערגעבען זיך איז אַ פאַרברעכען.

די נאַכט פון דער עקספּלואַטאַטאָרישער אָרדנונג האָט פאַר־שפּרייט איהר שוואַרץ געוואַנט איבער דער וועלט, און כמעט אַלע טאַפּען אין דער פינסטערניש. ליכטיג מוז ווערען, שוין זעהען מיר די זון, זי שטייגט אַליץ העכער און פאַרגאָסען איז די וועלט מיט נאָך־ניט־געזעהענער ליכט. נור ניט מורא האָבען, קוקען, האָפען. געדענכט איז שאַרלאָט פערקענס־סטעטסאָן, צורופענדיג אונז:

„מיר מאַכען צו די אויגען, גלויבען ס׳איז נאָך נאַכט, מיר זאָלען נאָר פאַרשטעהן, דאָס ליכט אַרום אונז זעהן“.

די צוקונפט איז אונזערע. דער אַרבייטער־קלאַס ווערט זעל־הענדיג, קומט צום באַוואוסטזיין פון זיין מאַכט, און אין׳ם אויפ־פלאַקערען פון זיין געדאַנק ברענט דאָס גרויסע, מעכטיגע און דאָך

צופאַלענע געביידע פון קאפיטאליזם. עס וועט נאָך דויערן א צייט, א לאנגע צייט, אָבער פאַלען וועט עס.

שוין איצט האָט דער שרעק פאר'ן קלאסען באוואוסטזיין פונ'ם ארבייטער צוטרייסעלט די יסודות פון דער רעגירונג און פון דער גאנצער אייראָפּעאישער ציוויליזאציע.

דאָס קאפיטאליסטישע סיסטעם האָט אָפּגעלעבט זיין צייט, ערפילט זיין מיסיאָן און מוז פארשווינדען, ווי די פריהערע אָפּגעלעבטע געזעלשאפטס־פאָרמען, אפטרעטען דעם אָרט א בעסערער, פאָלקאָמענער אָרדנונג.

די צענטראליזאציע פון קאפיטאל, די קאָנצענטראציע פון דער אינדוסטריע, די קאָאָפּעראציע פון ארבייטער אינ'ם פראָדוקציאָנס־פראָצעס זיינען דער אָנהויב פון סוף.

קאָנקורענץ איז שוין איצט ניט מעהר דער לעבענס־נערוו פון מסחור. פון קאָנקורענץ ווילען ניט מעהר הערען די גרויסע קאפיטאליסטען. זיי זיינען זאט מיט קאָנקורענץ, קענען זיך באגעהן אָהן איהר. דזשאהן ד. ראקעפעלער, און זיין פרומער זוהן, און זיינע חברים, די גרויסע העכט, פארשטעהען, אז די צייט פון קאָנקורענץ איז פארביי. יע, פון קאָנקורענץ צווישען ארבייטער האלטען זיי אלע שטארק—דאָס מאכט די ארבייטס־קראפט ביליג. אָבער די קאָנקורענץ צווישען באזונדערע צווייגען פונ'ם קאפיטאליסטישען קלאס, וואָס איז געווען נויטיג און גוט אין דער פארגאנגענהייט, איז געוואָרען א שטערונג דער ענטוויקלונג פונ'ם קאפיטאליזם. שוין דערנעהענטערט זיך די צייט, ווען זי וועט ווערען אַן אוממעגליכקייט.

דאָס פארפאָלקאָמען פון דער מאשינעריי און דער וואוקס פון דער פראָדוקציאָן צווינגען קאפיטאל צו קאָנצענטרירען זיך, און דאָס ווידער קאָנצענטרירט די ארבייטער, און פאראייניגט זיי אין קאָלעקטיווער ארבייט.

די קאפיטאליסטען נעמען צוזאמען זייערע פראָדוקציאָנס־מיטלען, די ארבייטער — זייערע אָרגאניזאציאָנס־קרעפטען.

דאָס סיסטעם, וואָס איז געווען צוגעפאסט צו די באדערפעניסען פון דער געזעלשאפט, טויג איצט ניט, פון א ברכה איז עס

געוואָרען אַ קללה, קאַפּיטאַליזם שטעהט דער ציוויליזאַציע אין וועג און מוז אָפּגערוימט ווערען.

מיר דערקענען דעם בוים אָן זיין פרוכט, און די געזעלשאַפט־ליכע אָרדנונג — אָן איהרע רעזולטאַטען. די פולע פרוכט פון קאַפּיטאַליזם אַנטפּלעקט זיין אינערע פוילקייט, די אָרדנונג האָט ניט קיין רעכט אויף לעבען. מחנות וואַגאַבונדען, גנבים, בעטלער, זעלבסטמערדער, געפאַלענע פרויען, אידיאָטען — די אָפּפער פון אָרעמקייט, קראַנקהייט, משוגעת זיינען לעבעדיגע עדות פון דער פאַרדאָרבענהייט פון דער אָרדנונג, און אַלעס, וואָס די געדונגענע פאַרטיידיגער פון קאַפּיטאַל וועלען ניט דערצעהלען אונז, ווערט פאַרהילכט פון די אומענדליכע וועה־געשרייען פון די אומגליקליכע און דער גלאָקען־קלאַנג פון דער קומענדיגער גערעכטער אָרדנונג.

די קאַפּיטאַליסטען לעבען אין וואוילטאָג, אין לאַנגוויל פון קאָרופּציאָן, און שטאַרבענדיג לאָזען זיי איבער די רייכטימער זייערע יורשים, וואָס וועלען טאָן דאָס, וואָס די פאָטערס האָבען גע־טאָן.

די אַרבייטער מיהען זיך טאָג און נאַכט, אין היץ און אין קעלט און שוויים פון אָנגעזיכט, זיפצענדיג און בלוטענדיג, לעבען זיי אָפּ זייער קורצען, שווערען לעבען, וואוינען אין שמוציגע הייזלאַך, אין דער אָרימער פאָרשטאָדט, אין שכנות מיט פאַרצווייפלונג, הונגער און פאַרברעכען. פונ׳ם ציטער פון זייערע נערוועז און דער אָנ־שטריינגונג פון זייערע מוסקולען ווערט לעבעדיג דאָס באַשעפע־ניש פון שטיין און שטאָל, די גרויזאַמע פאַבריק. און ווערט זי שטיל — געהען זיי אַרום אָהן ברויט, אָהן אַ היים. און קומט די אַלטקייט, און נעמט צו ביים אַרבייטער די קראַפט, שוואַך זיינען געוואָרען די מוסקולען, אומגעלומפּערט — די הענט, לאַנגזאַם — דער טריט, דער קערפּער ציטערט, דאָס אויג זעהט שלעכט, ווערט ער פאַרשטויסען פון זיין ברויט־געבער און צושטויסען פונ׳ם לע־בענס־ראָד, אָפּפער פונ׳ם דען, קינדער פון טויט.

די אוראַלטע ציוויליזאַציע, די מיטעלאַלטערליכע, האָבען גע־בליהט, געהערשט אַמאָל — און זיינען פאַרגאַנגען. אונזערע קאַ־פּיטאַליסטישע ציוויליזאַציע מוז געהן, ווי אַלעס טויטע. די שטענ־

דיגע ענטוויקלונג וואשט זי אפ פון דער אויבערפלעך פון לעבען. די צייט פון אינדיווידועלע ארבייט, פרייער קאנקורענץ, איינפאכע געצייג, לאנגע שעה'ן און אָרעמע רעזולטאטען איז שוין מעהר נישא, און וועט ניט צוריק קעהרען. די ציוויליזאציע, וואס האט זיך אויפגעבויט אויף דעם דאזיגען אפגעלעבטען עקאנאמישען פונדאמענט, צופאלט. דער עקאנאמישער באזיס פון דער געזעלשאפט האלט אין איין ענדערען זיך. די ארבייטער ווערען א קלאס, זיינען אין קאמף און גרייטען זיך צום לעצטען נצחון.

טריאומפירען די ארבייטער, מוזען די פארמען פון פראדוקציע און צוטיילונג רעוואלוציאניזירט ווערען.

אנשטאט פריוואט אייגענטום און פראדוקציע, צוליעב פראפיט — סאציאל אייגענטום און פראדוקציע פאר'ן געברויך. אנשטאט קאנקורענץ — הארמאנישע, קאלעקטיווע ארבייט.

די סאציאליסטישע באוועגונג איז אן ארבייטער־באוועגונג. זי איז געבוירען געווארען אינ'ם ארבייטער'ס הארץ, און ווענדעט זיך צום ארבייטער'ס הארץ. זי איז די שטימע פונ'ם ערוואכטען קלאס, וואס רופט צום קאמף און זיג.

טוט מען א קוק, ווי שטארק דער שונא איז באפעסטיגט, און ווי אומוויסענד, פארשקלאפט און פאראָרעמט די ארבייטער זיינען, נעהמט אן א מורא פאר דער גרויסקייט פון אונזער אויפגאבע. אבער וואס טיפער מיר פארשטעהען דאס געזעלשאפטליכע לעבען, אלץ ווייניגער שרעקט אונז אונזער ארבייט. פארקעהרט — די גרויסקייט פון די קאנפליקטען, די אומענדליכע פערספעקטיווען פון צוקונפט, באגייסטערען די מוטיגע און שטארקע. ביזט ניט אליין, חברים — מיט דיר אויפ'ן שלאכט־פעלד, זעהסט זיי און — ווערסט שטארקער. מיט נייעם ענטוזיאזם ציטערט דיין לייב אויף פאר דער מאיעסטעט פון מענש און ציעל.

דער סאציאליסט, וואס איז אין דער באוועגונג, לאכט זיך אויס פון הונגער און פארפאלגונג, פון שפאט און בלבולים. אלעם וועט ער איבערטראגען און טריי בלייבען דער גרויסער זאך. איהר האט ער געאפפערט זיך און זיינע קרעפטען, ער אנטלויפט ניט, ער בלייבט.

ווארום: וואָס איז דער ארבייטער׳ס מצב אין דער קאפיטא־ליסטישער געזעלשאפט?

איז ער א בירגער, און אין וועלכען זין?

האָט ער א באַגרינדעטען רעכט צו באהויפטען, אז ער איז א פרייער מענש?

א פרייער מענש! קען ער האָבען ארבייט, ווען דער קאפי־טאַליסט לאָזט איהם ניט צו צו די מאשינען?

ער בעט ארבייט, קומט אריין הכנעה׳דיג אין אָפיס, מיט א קלאַפּעדיגען הארץ. דער סופּעראינטענדענט איז גוט געשטימט, אגב דארף ער ארבייטער, מ׳נעמט איהם צו. ווער קען זיך גלייכען צו איהם? אָבער וואָס זאָל ער טאָן, ווען דער סופּעראינטענדענט, א צו׳כעס׳טער אָדער רוהיגער, פטר׳ט איהם אָפּ מיט די פּאָר ווער־טער: „נימאָ קיין ארבייט“?

ער איז אין דער פאבריק, קומען מוז ער צו דער מינוט. די גלאָק און שומרים זיינען שטריינג. ער קען ניט באשטימען די באַ־דינגונגען פון זיין ארבייט, ער מוז אָפּהיטען דעם באַלאבאָס׳ס אינ־סטרוקציעס, צי זיי געפעלען איהם, צי ניט. מען פרעגט ניט זיין דעה, ער איז א פארשקלאַפטער, ער האָט ניט קיין פערזענליכקייט.

געשלאָסען איז די פאבריק — מ׳איז אויף דער גאס, און לע־בען וויל ער, די קינדער, דאָס ווייב מאָנען. ער האָט ניט קיין אר־בייט, קיינע האָפנונג אויף ארבייט. איז ער פריי?

איז אַן ארבייטער — א בירגער?

א מענש?

ניין, ניין! ער איז א לוין־שקלאַף!

א גרויסע מאַיאָריטעט ארבייטער האָבען ניט קיין אנדער אויסוועג, ווי די פאבריק, זיי קענען זיך ניט דערהויבען איבער׳ן נידריגען מעמד פון זייער קלאַס. איינציגע — יע, אָבער דער גאנ־צער קלאַס איז אונטערדריקט.

און דאָך האָבען מענשען חוצפּה צו ווארענען און שרעקען די לוין־שקלאַפען, אז אין דער סאָציאַליסטישער אָרדנונג וועלען זיי צוגעמען פוסט און פאס, אָהן לוסט צו ארבייט און אָהן — אינ־דיווידואַליטעט.

ווייל מען אונז אריינריידען, אז א שקלאף, וואס האט נור דאס נויטיגסטע צום לעבען און ווערט בארויבט פון מעהר ווערט, האט א שטארקען לוסט צו ארבייט, און איז א שארף אויסגעדריקטע אינדיווידואליטעט, אבער ווי נור ער ברעכט די קייטען, באפרייט זיך, ווערט זיין אייגענער באלאבאס, באקומט דעם פולען פראדוקט פון זיין ארבייט, פארלירט ער פלוצלונג יעדען חשק צו ארבייט, און זיין אינדיווידואליטעט, וואס האט זיך אזוי גוט געפיהלט אין קייטען און אין געפענגניש, פארוועלקט אין דער אטמאספערע פון פרייהייט און גלייכהייט?

די קאפיטאליסטען און זייערע משרתים, וואס ווילען אונז מיט אזעלכע אומגעלומפערטע נארישקייטען פארדרעהען א קאפ, האבען ניט קיין זעהר הויכע מיינונג וועגען דעם ארבייטער'ס אינטעליגענץ.

אין דער הייגטיגער ארדנונג קען קיין רעפארם ניט ברייננען דעם ארבייטער א גרויסען אדער דויערענדען נוצען. דאס גאנצע סיסטעם איז פויל. דאס פריוואט אייגענטום מוז אפגעשאפט ווערען און די ארבייטער מוזען ווערען די באלעבאטים פון די פראדוקציאנס־מיטלען, אבער פריהער דארפען די ארבייטען ארגאניזירען זיך אלס קלאס און נעמען א סיסטעמאטישען אנטייל אינ'ם פאליטישען לעבען פון לאנד.

וואס פאר א אינטעליגענטער ארבייטער קען זיין געגען דער סאציאליסטישער באוועגונג? וואס פאר א מאטיווען קען ער האבען, וואס פאר א ענטשולדיגונגען?

קיינע, אבסאלוט קיינע! האט אן ארבייטער רעכט צו שטעהן אן א זייט פון דער סאציאליסטישער באוועגונג, איז דאס דער באדויערענסווערטער מענש, וואס איז אומוויסענד און האט ניט קיין באגריף פון סאציאליזם. דאס איז זיין אומגליק. ער מיינט אבער, אז ער ווייס יע, וואס סאציאליזם איז. ער גלויבט מענשען, וואס האבען א אינטערעס צו פארדרעהען דעם אמת. ער איז א רעפובליקאנער, א דעמאקראט — פרעגט איהם בחרם — פארוואס? זיין נאטירליכע פארטיי איז די סאציאליסטישע. פריהער אדער שפעטער וועט ער קומען צו איהר.

לאָמיר באַטראַכטען אויף אַ מינוט די בעסטיאַלע ערנידערונ־גען פון דער פרוי אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. זי איז דעם מאַנ'ס אייגענטום. ער קען טאָן מיט איהר וואָס ער וויל. זי האָט ניט קיין פּאָליטישע רעכט, און קיין באַדייטונג אין עפענט־ליכען לעבען. זי מוז קאָנקורירען מיט דעם מאַן אין פאַבריק און געשעפט און מיט איהר נידעריגען מעמד אין דער געזעלשאַפט באַנוצט זיך דער קאַפּיטאַליסט, צאָהלענדיג איהר נאָך קלענערע שכירות, ווי דעם מאַן־שקלאַף, וואָס אַרבייט צוזאַמען מיט איהר.

אַן עקאָנאָמיש אָפּהענגיגער מענש, מוז זי אָפּפערען די איינגע־בוירענע אומשולד, די פיינקייט און עדעלקייט פון איהר נאַטור, און הייראַטען אַ מאַן, וועלכען זי האָט ניט ליעב. די שיידונגס־געריכטען און דאָס הויז פון שאַנדע דערצעהלען גענוי די געשיכטע פון דער קאָרומפּירענדער ווירקונג פונ'ם קאַפּיטאַליסטישען סיס־טעם אויף דער פרוי.

אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט וועט די פרוי זיין דעם מאַנ'ס גלייכען. אַלע וועגען וועלען זיין אָפען פאַר איהר. זי וועט זיין אויף איהר אָרט, טריי זיך, און פונ'ם זומפּ פון קנעכט־שאַפט וועט זי זיך דערהויבען צו דער ווירדע פון אמת'ער ווייב־ליכקייט.

אין דער אַטמאָספערע פון עקאָנאָמישער פרייהייט, האָבענדיג די מעגליכקייט זיך אַליין צו פאַרזאָרגען, וועט די פרוי ניט מעהר זיין אַן אָפּפער פון מענליכער גרויזאַמקייט און אומגערעכטיגקייט. זי וועט ניט ערלויבען צו דעגראַדירען זיך, זי וועט ווערען פריי.

ניט ווייניגער פון דער פרוי איז פאַרשקלאַפט דאָס קינד. דער פאָטער איז אַן אָרעמער אַרבייטער, קען ניט געבען קיין העכערע בילדונג דעם זוהן. ווערט ער אַביסעל עלטער, מוז ער געהן אין פאַבריק. זעהט מען די מוטער מיט אַ קינד ביי דער האַנט אַרומ־געהענדיג איבער'ן שטאָדט, זוכענדיג אַ בעלן אויף זיינע נאָך ניט ענטוויקעלטע אַרבייטס־קראַפט, ווערט צובראָכען דאָס האַרץ. און נאָך אַלעמען, דער וואָס האָט עס ניט איבערגעלעבט, ווייס ניט, וואָס דאָס איז.

מיט ליעבע קוקט די מוטער אויפ'ן זוהן. ער איז דערשראָקען,

עפּעס בעט ער זיך ביי איהר בעת זי לויבט איהם אויס, זיין שטאַר־קייט, ארבייטס־פעהיגקייט. דער אונטערנעמער באַטראַכט איהם פון קאָפּ ביז די פיס, און הייסט איהם קומען אין א וואָך ארום — איבעריגענס צווייפעלט ער, צי דאָס אינגעל וועט טויגען פאַר איהם.

וואָס ווערט פונ'ם אינגעל? ער איז שוין א דערוואַקסענער. די מוטער האָט שוין מעהר קיין צרות ניט פון איהם — זי שלאָפט דעם איבעריגען שלאָף, און ער — דער אינגעל, איז מיט גליק א פאַבריק־האַנט געוואָרען. א האַנט, איהר הערט! ער באַקומט א דאָלאַר — אַנדערהאַלבען דאָלאַר א טאָג. דאָס איז זיין אידעאַל!

ער איז אַן איבעריגער געפאַנגענער פונ'ם סיסטעם — קיינער וועט ניט פאַרקירצען דעם טערמין פון זיין קאַטאָרגע, קיינער וועט איהם ניט באַגנאַדיגען. ווייב, קינדער, הוים זיינען ניט פאַר איהם. וואָס ווייס ער פון גליק און פרייד? ער איז א האַנט, א פאַבריק־האַנט!

האָט ער א נשמה אויך? נשמה דאַרף דער קאַפּיטאַליסט ניט. קען מען פון נשמות אויספּרעסען פּראָפיט? דעם ארביי־טער'ס האַנט, דער מענש־האַנט איז א ברכה פאַר'ן קאַפּיטאַליסט.

ווער דאַנה'ט פאַר דיין הארץ, קאָפּ, נשמה, דו, פאַבריק־האַנט!

טויזענט הענט — און איין קאָפּ; דעם ארבייטער'ס הענט, דעם קאַפּיטאַליסט'ס קאָפּ. זיי — דער טויטער מאַכאַניזם; ער — ווילען און גייסט! זיי — די שקלאַפען, ער — קעניג און העלד!

טויזענט שטומע באַשעפענישען אין מענשען געשטאַלט — אַלע זיין אייגענטום!

א ברוטאַלע אָרדנונג — זי מוז פאַרניכטעט ווערען. די מענש־ליכע ראַסע איז געבוירען צו עפּעס העכערעס. איהר איז ניט באַ־שערט צו דעגענערירען.

די טויזענט הענט האָבען זיך א ריהר געטאָן, קלאָרער געוואָ־רען די קעפּ, די הערצער קלאַפּען אין טאַקט מיט'ן העלען קאָפּ און קרעפטיגער האַנט, און טויזענט נשמות, כאָטש צובראָכענע און צו־טראָטענע, ברענען מיט ליעבע צו די ברידער און האַס צו דער אָרד־נונג, און וועלען ניט רוהען ביז אויסגעלייזט וועט ווערען די מענש־הייט.

מיר פאָדערען א רעכט אויף לעבען, גלייכע רעכט. לייקענט עם ווער, איז ער א טיראַן, און דער גלייכגילטיגער איז א שקלאַף, און ווער עס פאָדערט ניט קיין רעכט איז טויט.

מיר פאָדערען אַלעמען זאָלען געהערען די פּראָדוקציאָנס־מיט־לען, קאָלעקטיוו, געזעלשאַפטליך זאָל זיין די ארבייט, אָרגאַניזירט די פּראָדוקציאָן, אָפּגעשאַפט — עקספּלואַטאַציע. א וואָרע מאַכט דער אמת'ער רעפּובליק, דער גרויסער צייט, דער הערליכער קולטור פון מאָרגען!

נידער מיט'ן קלאַסען־קאַמף, נידער מיט אומוויסענהייט און פארברעכען, אָרעמקייט און שאַנד, גרויזאַמקייט און זינד — זאָל לעבען די פרייהייט, די צוקונפטס־אָרדנונג, דער פריהמאָרגען פון ברידערליכקייט, דער געבורט פונ'ם פרייען און שטאָלצען מענש!

# צום ערשטען מאַי.

---

דאָס איז דער ערשטער און איינציגער אינטערנאַציאָנאַלער ארבייטער יום טוב. ער באַלאַנגט צום ארבייטער קלאַס און איז געווידמעט צו דער רעוואָלוציע.

היינט וועלען אַלע שקלאַפען פון דער וועלט אָננעמען זיך מיט פרישען כח אויף זייער לאַנגען און שווערען וועג; זיי שטעלען זיך אָפּ אויף אַ מאָמענט אויסצושרייען פאַר פרייד, פייערנדיג אין אחדות דעם יום טוב פון קומענדער פרייהייט.

זאָל לעבען דער ערשטער מאַי!
דער טאָג פון פראָלעטאַרישען פּראָטעסט!
דער טאָג פון אומבויגזאַמע באַשלוסען!
דער טאָג פון הויכע שטרעבונגען!

הויך וויקעלט פאַנאַנדער די בלוט־רויטע פאָהן פון דער רע־וואָלוציע!

די ארבייטער פאָהן!
די פאָהן, די איינציגע פאָהן פון פרייהייט!

---

שקלאַפעריי, אפילו אין איהר העכסטער שטופע — ווי פאַר־טויבט און פאַרצווייפעלט זי זעהט ניט אויס — האָט דאָך איהר באַגייסטערונג. ווי צושלאָגען דער מענש מעג ניט זיין, אָבער אויס־געראָטען איז ער ניט. הערשער, שמידט אייערע שקלאַפען, פאַר־גוואַלטיגט זיי ווי נאָר איהר קענט, דאָך אין זייערע נשמות, באַטש האַלב־טויטע — לעכצען זיי נאָך פרייהייט.

די גרויסע ענטדעקונג וואָס די מאָדערנע שקלאַפען האָבען גע־מאַכט איז, אַז זיי אַליין מוזען ערקעמפען זייער פרייהייט. דאָס איז דער סוד פון זייער סאָלידאַריטעט, דעם עצם פון זייער האָפ־נונג, די באַגייסטערונג, וואָס בינדט זיי צוזאַמען מיט שטאָלענער מאַכט.

זיי זיינען נאָך אין קנעכטשאַפט, אָבער ניט מעהר צושלאָגען.
זיי וואַלגערן זיך מעהר ניט אין שטויב.
זיי זיינען באוואוסט אין זייער וואַקסענדער מאַכט, און די
זיי שטעהען מוטיג, ווי עס פאַסט פאַר מענער.
צוקונפט שטרעקט אויס צו זיי איהר האַנט.

אַזוי ווי די שקלאַפעריי פון ארבייטער־קלאַס איז אינטערנאַ־
ציאָנאַל, אַזוי איז אויך די באַוועגונג פון זיין באַפרייאונג.

די באַגריסונג פון איין שקלאַף צום צווייטען אין דעם הייג־
טיגען טאָג הערען זיך אין אַלע שפּראַכען און נעמען ארום די גאַנצע
וועלט.

די אונצעהליגע מיליאָנען האָבען ענדליך ערוואַכט. פיעל לאַנגע
דורות האָבען זיי געליטען; זיי האָבען אויסגעטרונקען דעם גאַנ־
צען בעכער פון עלענד און צער.

ענדליך, ענדליך קומט אָן דער טאָג, ווען א נייע זון וועט באַ־
לייכטען די וועלט.

---

אונזער לעבענס־שטראָם איז רויט און רויט איז אונזער סימ־
באָל פון אַלוועלטליכער פאַרוואַנדשאַפט.

טיראַנען לייקענען עס, האָבען מורא דערפאַר, זיי ציטערן
פון אויפרעגונג און כעס ווען זיי דערזעהען עס נאָר.

און אין היינטיגען טאָג שווערען מיר אויף ס'ניי טרייהייט אין
לעבען און אין טויט צו דער בלוט־רויטער פאָהן פון דער רעוואָ־
לוציע.

סאָציאַליסטישע באַגריסונגען היינטיגען טאָג צו אַלע אונזע־
רע ברידער־ארבייטער! צו די געטליכע נשמות אין רוסלאַנד,
וואָס מאַרשירען מיט איבערגעבענהייט צו די טויערען פון גיהנם
מיט דעם געזאַנג פון דער רעוואָלוציע; צו מזרח און צו מערב
און צו אַלע אינזלען אויף די ימים!

ז אָ ל  ל ע ב ע ן  ד י  ר ע ו ו אָ ל ו צ י ע.

דאָס קרעפטיגסטע וואָרט אין אַלע שפּראַכען איז ר ע ו ו אָ־
ל ו צ י ע.

עס ציטערט און וויבּרירט, עס יובעלט און באַגייסטערט. מיר־ראַנען ציטערען דערפאַר, אָבער די אונטערדריקטע שרייען עס אויס מיט פרייד.

עס וואַקלען זיך טראָנען, ווען דאָס שלאַגענדע וואָרט ווערט אויסגערעדט, אָבער פאַר די אומבאַשיצטע און פאַרהונגערטע איז עס שפּייז, און האָפנונג איז עס פאַר די קרבנות פון פאַרצווייפלונג.

לאָמיר היינט פאַרהערליכען די פאַרגאַנגענע רעוואָלוציעס און באַגריסען די גרויסע רעוואָלוציע, וואָס דאַרף קומען, איידער די פרייהייט וועט מאַכען פון אַלע טעג פון יאָהר טעג פון מאַי, טעג פון שלום און צופרידענהייט פאַר אַלע זיהן און טעכטער פון אַרבּייט.

שרייבענדיג וועגען דער רעוואָלוציע, האָט מאַרק טוויין'ס נשמה זיך אַנגעטרונקען פונ'ם קוואַל פון באַגייסטערונג. זיין אומשטערבליכער טאַלאַנט איז געקומען צום וואָרט אין דער פאָלגענדער פאַרהערליכונג פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע:

„די ניט פאַרגעסענע און געבענשטע רעוואָלוציע האָט מיט איין פלינקען בלוטיגען שטראָם אַראָפּגעשווינקט די טויזענט יעהריגע פאַרדאָרבענהייט. דער אַלטער חוב איז אָפּגעצאָלט געוואָרען אין דער פּראָפּאָרציע פון א האַלבּען־טראָפּען געגען א גאַנצען פאַס בּלוט, וואָס איז לאַנגזאַם אויסגעפּרעסט געוואָרען פון די מענשען אין משך פון יאָהרהונדערטער, לאַנגע, טרויעריגע יאָהרהונדערטער, וואָס קענען זיך אין שרעק און פאַרצווייפלונג פאַרגלייכען בלויז מיט'ן גיהנום.

„לאָמיר גוט געדיינקען, אַז עס זיינען אייגענטליך געווען צוויי טעראָר עפּאָכען. איינע, אין וועלכער ס'איז באַגאַנגען געוואָרען מאָרד מיט ליידענשאַפט און א צווייטע, אין וועלכער מען איז באַגאַנגען מאָרד מיט קאַלטבלוטיגקייט און האַרצלאָזיגקייט. איינע האָט אָנגעהאַלטען חדשים און די צווייטע יאָהרהונדערטער. אָבער וואָס איז דער שרעק פאַר'ן שנעלען טויט פון דער האַק אין פאַרגלייך מיט א לעבענס־לאַנגען טויט דורך הונגער, קעלט, שאַנד און פאַרברעכען? וואָס איז דער שנעלער טויט דורכ'ן בּליץ אין פאַרגלייך מיט'ן לאַנגזאַמען טויט אויפ'ן

שייטער־הויף? בלויז איין איינציגער בית עולם האָט גענוג פּלאַץ פאר אַלע קרבנות פון דער טעראָר עפּאָכע, אויף וועלכער מיר זיינען געוואוינט צו קוקען מיט טרויער און באַדויערונג. אָבער גאַנץ פראַנקרייך האָט ניט גענוג פּלאַץ פאר די אַלע קרבנות פון דעם אמת׳ן טעראָר, וועלכען קיינער פון אונז האָט ניט געלערנט ריכטיג צו זעהן אין זיין גאַנצער גרויס; אָדער צו באַדויערען, ווי דאָס האָט פאַרדינט באַדויערט צו ווערען".

---

# אַן אויג צו אַן אויג.

מען באַריכטעט, אַז פּרעזידענט מיטשעל, פון דער „יונייטעד מאַין וואָרקערס", האָט געזאָגט, אַז אויב נאָר דער קאַפּיטאַליסט און דער אַרבייטער וועלען אַריינקוקען איינער דעם אַנדערען אין די אויגען און זאָגען דעם אמת, וועלען מעהר קיין סטרייקס ניט זיין.

דאָס אומגליק איז נאָר, וואָס, אַזוי ווי דער קאַפּיטאַליסט זיצט אויף דעם אַרבייטער׳ס רוקען, קענען זיי ניט אַריינקוקען איינער דעם אַנדערען אין די אויגען, סיידען דער קאַפּיטאַליסט וועט אַראָפּשפּרינגען, אָדער דער אַרבייטער וועט אויסבויגען זיין רוקען. און דער אַרבייטער ליידעט שוין אַזוי אויך פון דער קרומקייט פון אַט דעם גליעד אין זיין געזאַמטעלטען, געצוימטען, געשלאָגענעם און געטרייבענעם אָרגאַניזם.

מען קען קוים ערוואַרטען, אַז דער קאַפּיטאַליסט זאָל זיך אָפּשטעלען און אַראָפּשפּרינגען מיט דעם איינציגען צוועק צו באַטראַכטען דעם קאָליר פון די אויגען ביי דעם באַשעפעניש, אויף וועלכען ער רייט.

# די רויטע פאָהן.

עס זיינען פאראן א מאסע פאראורטיילען קעגען דער רויטער פאָהן. מען קען זיך זיי לייכט ערקלערען. דער הערשענדער קלאס איבער דער גאנצער וועלט האסט די רויטע פאָהן, און זיינע פאר־טיידיגער מוזען דריבער אָט די פאָהן פארדאמען.

ווי זאָנדערבאר דאָס איז, וואָס די רויטע פאָהן מאכט דיזעל־בינע ווירקונג אויף א טיראן און אויף אָן אָקס.

דער אָקס ווערט אויפגעקאָכט, ווי נאָר ער דערזעהט די רויטע פאָהן, זיין ריעזיגער קערפער ציטערט אויף, זיינע אויגען גליהען ווי פייער און ער קלאפט אָן דער ערד מיט די פיס און אטעמט מיט שרעקליכען צאָרן.

מיר זיינען גראָד איצט ניט שטארק פאראינטערעסירט צו ווי־סען, פארוואָס אביסעל רויטע פארב זאָל מאכען אזא ווירקונג אויף דעם אָקסישען מין. אָבער פארוואָס רופט די רויטע פאָהן ארויס דעמזעלביגען צאָרן אין דעם צאַר, אימפעראַטאָר און קעניג? אין דעם אויטאָקראַט, אריסטאָקראט און דעם פלוטאָקראט?

אָ, דאָס איז גאנץ איינפאך.

די רויטע פאָהן איז, נאָך פון אונענדליכע צייטען געווען דער סימבאָל פון אומצופרידענהייט פון די גערדריקטע, א צייכען פון אויפשטאנד פון די מאסען.

אָט דאָס איז איהר בייזע באדייטונג פאר דעם טיראן און די אורזאך פון זיין צאָרן, געמישט מיט מורא, ווען נאָר די „רויטע שמאטע", ווי ער רופט זי אָן, באליידיגט זיין בליק.

דאָס הייסט ניט, אז ער איז קעגען דעם רויטען קאָליר, ווי א קאָליר, אָדער אפילו ווי אָן עמבלעם, ווייל ער האָט דעמזעלביגען קאָליר אין זיינע אייגענע פאָהנען, און קיינמאָל ווערט זיין ליידענ־שאפטליכער צאָרן ניט ארויסגערופען, ווען יענער קאָליר איז צו־זויפגעמישט מיט אנדערע קאָלירען. אָבער רויט אליין, ניט גע־מישט און ניט געפעלשט, די ריינע רויטע פארב, וואָס סימבאָלי־זירט דאָס געוועהנליכע בלוט פון דער מענשליכער פאמיליע, די

גלייכהייט פון דער מענשהייט, די ברידערליכקייט פון דער ראסע, — אַט די פארב שטויסט איהם אָפּ, ער האסט זי, ווייל זי לייקענט אָפּ זיין רעכט צו הערשען און שטעהן איבער אַנדערע מענשען און שטעלט אין געפאהר זיין מאַכט.

און גראָד דערפאַר, וואָס דער פּלוטאָקראַט ווערט אויסער זיך דערזעהענדיג די רויטע פאָהן, דאַרף דער פּראָלעטאַריער זי אַכטען און פערעהרען.

פאַר דעם פּלוטאָקראַט איז זי אַ געפאהר; פאַר דעם פּראָלעטאַריער איז זי אַ צוזאָג און אַ האָפנונג.

די רויטע פאָהן איז אַ בייזער סימן, אַ צייכען פון שרעק פאַר יעדען טיראַן, יעדען רויבער און יעדען וואַמפּיר, וואָס זויגט אויס דעם לעבענסזאַפט פון ארבייטער און שפּאַט אָפּ פון זיין עלענד.

זי איז אַן עמבלעם פון האָפנונג, אַ גוטע בשורה פאַר אַלע געדריקטע און אונטעריאָכטע אויף דער ערד.

די רויטע פאָהן איז די איינציגע אַלמענשליכע פאָהן; זי איז די פאָהן פון אויפשטאַנד אַנטקעגען רויבעריי; זי איז די פאָהן פון דעם ארבייטער קלאַס, די פאָהן פון האָפנונג און הויכער ענטשלאָסענהייט, — די פאָהן פון אַלוועלטליכער פרייהייט.

# די געפייניגטע אפאסטאלען פון ארבייט.

מיט וויפיעל גרויסע אויפטוען איז באלויכטען דער ניינצענטער יאהרהונדערט און ווי וואונדערבאר און אומגלויביג האבען פראגרעסירט אלע מענשליכע אונטערנעמונגען! דורך דעם כישוף פון דער מאשין, וואס דער שאפענדער גייסט פונ'ם מענשען האט ערפונדען, זיינען אונצעהליגע רייכטימער באשאפען געווארען. דאך האבען די אלע רייכטימער, שטאט צו זיין א ברכה פאר דער מענשליכער ראסע, נאר געדינט אלס מיטעל צו פארשקלאפען זי. די רייכטימער זיינען אריינגעפאלען אין די הענט פון איינצעלנע אין דער צייט, בעת דעם פאלק האט מען ערלויבט בלויז ווי־ניט־איז דורכצושטופען זיין עלענדע עקזיסטענץ.

אייניגע האבען געהאט דעם מוט צו פראטעסטירען. מאכען זיי צו שטומען און די שקלאפעריי זאל קענען אנהאלטען איז געווען דער ענטפער פון גרויס־קאפיטאל אויף דעם פראטעסט פון די וואס האבען געוואגט. און די טרייע משרתים פון קאפיטאל — די פרעסע און די קירך האבען זיך שנעל געשטעלט צו דינסט אויף דעם באפעהל פון אויבען. אלע כחות פון דער געזעלשאפט זיינען געווענדעט געווארען געגען די פיאנערען פון אינדוסטריעלער פרייהייט, געגען די מוטיגע פארטיידיגער פון דער אונטערדריקטער מענשהייט. דאס גרויסע פארברעכען פון דעם יאהרהונדערט איז באגאנגען געווארען.

אלבערט ר. פארסאנס, אויגוסט שפיז, דושארדזש ענגעל, אדאלף פישער, לואיס לינג, סעמיועל פילדען, מיטשעל שוואב און אסקאר ניבע האבען באצאהלט די גרויזאמע שטראף אין געפענגניש און אויף דער תליה.

זיי זיינען געווען די ערשטע מארטירער פאר אינדוסטריעלער פרייהייט און איינע פון די הויפט־פליכטען פון אונזער ציוויליזאציע, אויב מיר ריהמען זיך מיט רעכט, אז מיר זיינען מעהר ניט קיין ווילדע, איז צו באפרייען זייערע נעמען פון די בלבולים און פארלוימדונגען און טאן גערעכטיגקייט צו זייער אנדענקונג.

עס איז קײנמאָל ניט באַװיזען געװאָרען, אַז זײ זײנען באַגאַנ־גען די פאַרברעכענס אין װעלכע מען האָט זײ באַשולדיגט. דער פּראָצעס װאָס האָט זיך געענדיגט מיט זײער פאַראורטײלונג, איז ניט נאָר געװען אַ שאַנדע פון יעדען געריכטליכען שטאַנדפּונקט, נאָר עס איז געװען אַ שמוציגער, שװאַרצער, אײביגער שאַנד־פלעק אויף דער נאַציאָן.

דאָס איז געװען אַ פּראָצעס אָרגאַניזירט און געפיהרט ניט צו משפּט'ן, נאָר צו פאַראורטײלען, דאָס איז געװען אַ קאָנספּיראַציע צו אומברײנגען אומשולדיגע מענשען און קײן זאַך װעט דעם פּראָ־צעס ניט רעכטפערטיגען, ניט רײנװאַשען.

דאָס איז געװען אַ טײװולישע קאָנספּיראַציע זיך נוקם צו זײן אָן שוצלאָזע מענשען. ניט קענענדיג זײ פאַר'משפּט'ן פאַר אַ פאַרברעכען װעלכען זײ זײנען ניט באַגאַנגען, האָט מען זײ פאַראורטײלט פאַר'ן באַנוצען זיך מיט דעם פונדאַמענטאַלען רעכט פון יעדען אַמעריקאַנער אויף רעדע־פרײהײט. פאַרשטעהט זיך דערפאַר, װאָס זײ האָבען זיך מיט דעם רעכט באַנוצט אין די אינ־טערעסען פון די אַרבײטענדע און לײדענדע מאַסען. זײ זײנען די ערשטע מאַרטירער פאַר אַ אידעאַל, װאָס איז פרוכטבאַר געװאָרען דורך זײער בלוט. און פון יענעם טאָג אָן, אין װעלכען זײ האָבען אװעקגעגעבען זײער לעבען און פרײהײט פאַר זײן פאַרטײדיגונג — װערט ער אַלץ שטאַרקער און אײנפלוסרײכער.

װאָס מעהר יאָהרען עס געהען אװעק און די געשיכטע פון דעם שענדליכען פּראָצעס װערט נעלעזען און געפאָרשט פון דײנקענדע מענשען, װאָס זײנען פרײ פון פאַראורטײלען און גיבען דעם שכל די אױבערהאַנד, אַלץ פעסטער װערט די איבערצײגונג, אַז דער הײנטיגער דור פון אַרבײטער, דאַרף אויפשטעלען אַ דויערענדען מאָ־נומענט פאַר די מענער, װאָס האָבען געהאַט דעם מוט צו פאַרדאַמען און באַקעמפען די לוין־שקלאַפערײ און זוכען װעגען פון באַפרײ־אונג.

די געריכטליך־ערמאָרדעטע מענער האָבען געהאַט אַ טיעפען אײנבליק אין דער צוקונפט. זײ האָבען פאָראויס געזעהן די נע־בעלהאַפטע און באַהאַלטענע שאַטענס פון די קומענדע געשעהעני־

שען. ניט צו פריה, ניט צו קרעפטיג, ניט צו שרייאיג זיינען געוועזן זייערע ווארנענדע ווערטער — ווייל שוין אין יאהר 1886, ווען די היימארקעט פארזאמלונגען זיינען אפגעהאלטען געווארען, האט שוין דער קאפיטאליזם געהאלטען דעם ארבייטער קלאס ביים גארגעל און געגרייט זיך צו פארציהען זיינע קייטען איבער די פיס פון די מאסען.

אפילו דאמאלט איז שוין געהאנגען איבער'ן לאנד די ארבייטסלאזיגקייט, די ארעמקייט. אונציכטיגקייט האט זיך איינגעגעסען אין דעם לייב פון די גרויסע שטעדט. מענשען ווי סקעלעטען, מיט אויסגעלאשענע אויגען און בלאסע פנים'ער — סמנים פון אנקומענדען הונגער־טויט,—אלץ האט אנגעוויזען אויף דער שרעקליכער פארצעהרונגס־ און פארניכטונגס־ארבייט פון דער פלוטאקראטישער מאשין.

די דאזיגע מענשען, וועלכע זיינען פאר'משפט געווארען צום טויט לויט'ן אורטייל פון א דזשורי, האב איך געזאגט, זיינען געזעליך ערמארדעט געווארען. ניט בלויז דערפאר ווייל די דזשורי איז אזוי צוגעקליבען געווארען, אז זי זאל זיי פאראורטיילען; אויך ניט בלויז דערפאר, וואס זייער שולד איז קיינמאל ניט באוויזען געווארען, און אויך ניט בלויז דערפאר וואס זיי זיינען גע'משפט געווארען פאר אן אונעהרליכען און בלוטדורשטיגען ריכטער. ניין, די מערדעריי פון דעם אורטייל באשטעהט דעריין, וואס מען האט די מענשען פאראורטיילט נאר דערפאר, וואס זיי האבען אין עפענטליכע רעדעס ערקלערט, אז דער מענש, וואס צווינגט זיינע מיט־בירגער צו לעבען אין באדינגונגען, וואס זיינען ערגער פון טויט — איז אליין ניט ווערט צו לעבען.

אין אלע לענדער און אין אלע דורות, האבען די קרבנות פון אומרעכט געבויגען אין דרייען זייערע קערפערס אונטער דער שווערער משא, וואס זייערע ארבייטס־געבער האבען אויף זיי ארויפגעלייגט; אומעטום האבען זיי אויפגעהויבען זייערע בליקען צו די שטערען, אין דער האפנונג צו געפינען כאטש א שטראל פון ערלייזונג; מיליאנען מאל זיינען קללות געמורמעלט געווארען און וועלען געמורמעלט ווערען ביז דער טאג פון באפרייאונג פאר די

וואס ארבייטען וועט קומען. ביז דער טאג פון באפרייאונג וועט קומען דורך דער זעלבסט אפפערונג פון די, וואס, פונקט ווי די שיקאגא'ער מארטירער, וועלען האבען דעם מוט פון פארקעמפער און דעם גייסט פון געצען־ברעכער און דעם מוט צו קעמפען דעם קאמף פון די אונטערדריקטע אין נאמען פון גאט פון נקמה, און פון דער פארגוואלדיגטער מענשהייט, אום צו באפרייען אונזער ציוויליזאציע פון דעם גיהונם'שען צושטאנד אין וועלכען זי געפינט זיך.

און דער קאמף פאר גערעכטיגקייט האלט אן און די שלאכטפעלדער זיינען פארדעקט מיט געפאלענע; די מוטער־ערד טרינקט זייער בלוט; די שטיינער שרייען געגען דער אומגערעכטיגקייט, וואס מענשען באגעהען געגען מענשען. נייז, געגען פרויען און קינדער, וואס פלאגען זיך און געהען אוים אין די פינסטערע הינטערצימערן און אין אלטע און נאסע קעלערם און בוידימער; א שרעקליכע אנקלאגע און אורטייל אויף אונזער ציוויליזאציע, אויף אונזער געזעץ קומט פון דעם סאמע פונדאמענט פון אונזער געזעלשאפטליכקייט; די יאמערן פון פארצווייפלונג מאכען צו חוזק און שפאט די באהויפטונג, אז די וועלט איז באשאפען געווארען פאר פרייד און פאר גליק; זי איז ניט מעהר, ווי א גיהונם, וואו געלדגייציגע טייוואלים שלעפען טיף ארונטער זייערע קרבנות אין תהום פון פארצווייפלונג און האפנונגסלאזיגקייט.

די מענשען, וואס זיינען געזעצליך ערמארדעט געווארען אין 1887 אין שיקאגא אין דעם נאמען פון שטאאט אילינאי, זיינען געוועזן די פאראויסזאגער פון בעסערע צייטען. מען האט זיי גערופען אנארכיסטען, אבער אויף זייער פראצעס איז ניט באוויזען געווארען, אז זיי זיינען באגאנגען וועלכען־ניט־איז פארברעכען אדער געהאנדעלט אומגעזעצליך. זיי האבען פראטעסטירט געגען אומרעכט און געגען דער ברוטאלער אדמיניסטראציע. זיי זיינען געשטאנען צווישען די אונטערדריקער און אונטערדריקטע און האבען געוואגט אין א „פריי“ לאנד צו באנוצען זיך מיט דעם געטליכען רעכט פון רעדע־פרייהייט. און די געריכטס־פראטאקאלען פון זייער פראצעס, וואס וועלען פארבלייבען אויף אייביג דער זכר פון בזיון, באשטעטיגען אט דעם ביטערען אמת.

איך וואלט באפרייט זייערע נעמען פון פארלוימדונגען. די פארלוימדער פון די טויטע זיינען די פייניגער פון די לעבעדיגע. איך וואלט, ווען איך וואלט געקאנט, זיי געשטעלט אויף זייער ריכטיגען פלאץ פון נביאים, די ברייננגערס פון גוטע בשורות צו זייער ברידער, וואס שמאכטען נאך דער ערלייזונג. איך וואלט זיי באפרייט, די הייליגע לוחות פון גערעכטיגקייט פון דער פארשווערונג וואס די קאפיטאליסטישע פעלשער האבען זיי פארשאפט, פון דעם אפשטויסענדען אפגרונד פון געמיינהייט און היפאקריטסטווא, וואוהין די דינער פון גאלדענעם קאלב האבען זיי פארווארפען.

א, איך וואלט זיי ארויסגענומען, ווען איך וואלט געקענט, פון זייער פרידליכען דרעמעל אין זייערע מארטירער קברים, איך וואלט גליעך נאך צונויפגעשטעלט זייערע צוריסענע קערפערס, איך וואלט געמאכט די תליה פאר דעם סימבאל פון דערלייזונג, — איך וואלט באהעפט זייער פלייש מיט זייערע סקעלעטען; איך וואלט ווידער געמאכט, אז זייערע אויגען זאלען גלאנצען מיט פאראכטונג צו די שונאים פון דער מענשהייט, און זייער צונג זאל שארפער ווי אלע רעדנער פון דער וועלט זאגען דעם אמת צו א ווידערשפרעכליכער וועלט. ליידער, קען דאס ניט געטאן ווערען, אבער עפעס קען יע געטאן ווערען. דער שאנד־פלעק, וואס א סקאנדאלעזער פראצעס האט ארויפגעלייגט אויף זייערע נעמען, קאן אויף שטענדיג אראפגענומען ווערען און זייערע נעמען קען געמאכט ווערען זאלען שיינען מיט הערליכען רוהם אויף די בלעטער פון דער געשיכטע.

עס וועט קומען א צייט, ווען די פארקען פון שיקאגא וועלען זיין באצירט מיט זייערע סטאטועס און מענער און פרויען און קינדער וועלען מיט ערהרפורכט אנווייזען אויף יענע מאנומענטען אלס באשטעטיגונג פון אנערקענונג און דאנק. און ביז יענע צייט וועט קומען, זאל עהרע אפגעגעבען ווערען צו יענע מענער, וואס האבען געוואגט צו זיין אויפריכטיג צו דער מענשהייט און באצאהלט מיט זייערע לעבענס פאר זייער העלדישקייט. דעם ערשטען שריט אין דער פאראייביגונג פון זייערע טוגענדען דארפען טאן די, וואס זיי־

נען פעהיג צו באַציהען זיך מיט עהרע צו די מענער, וואָס זיינען געגאַנגען צו דער תליה אום אנדערע זאָלען קענען לעבען פריי.

דאָס זיינען געווען מענשען, וואָס פונקט ווי אל־האסאַן, דער אונטערהאַלטער פון קעניג, וואָס האָט זיך געלאָזט זוכען נייעס פון לוסט און פרייד צו דערפרעהען דאָס אויער פון זיין האַר, אָבער האָט זיך אומגעקעהרט ענטוישט און שטאָט פרייד און לוסט האָט ער געבראַכט סצענעס, וואָס טריקענען אויס אַלע קוואַלען פון פרייד. אַנריהרענדיג די גאָלדענע סטרונעס פון זיין האַרף, האָט אל־האסאַן געזונגען צום קעניג דאָס, וואָס פאַרסאַנס, שפּיז, ענגעל, פיעלדען, פישער, לינג, שוואַב און ניבע האָבען פּראָקלאַמירט צום פאָלק:

„אַ קעניג, אויף דיין ווילען
בין איך געגאַנגען אין די וועלט פון מענשען
און ערנסט האָב איך דאָרט געזוכט אַלץ וואָס איך וואָלט
געקאָנט פאַרוועבען אין די פרעהליך־לייכטע ליעדער.
כ'האָב דאָס געפונען, האַר. וואָלט איך פאַרמאָגט די קונסט
צו אויפנעמען די אויסוועניגסטע שעהנקייט!
כ'האָב ניט געזעהן מעהר. ניט פאַרמאָגענדיג די קונסט,
האָב איך געבליקט אַרונטער — און כ'האָב זינגען ניט געקאָנט:
אין הייהלען עלענדערע ווי דעם שאַקאַל'ס, צי דעם וואָלף'ס,
צונויפגעשפּאַרט, דאָרט זיינען אומגעקראָכען
די בלינדע מאַסען פון דער מענשהייט. מענש!
אונטער דעם קנאַפּעל אייזערנעם צוזריקט,
איז ענדליך גאָט אין איהם געווען פאַרטריבען,
און דאָס נאַר, וואָס ער טיילט מיט ווילדע טיערען,
האָט אויפוואַקסען געקאָנט אין איהם".

אַט אַזוינע שוידערליכע בילדער האָבען אונזערע מאַרטירער געזעהן אין שיקאַגאָ, ווי אַנדערע האָבען זיי געזעהן אין די איבער־ריגע גרויסע שטעדט פון לאַנד. אָבער, ווי דער נאָבעלער פּאָעט־זינגער האָבען זיי פאַרטגעזעצט צו דערצעהלען וועגען זייערע ענ־דעקונגען און צוזאַמען מיט איהם געזיפצט: ,

„און כ'האָב אין יענער וועלט
געזעהן, ווי ס'האָט די שעהנע בלום פון מוטערשאַפט

אומזיסט געזוכט צו עפנען איהרע בלעטלער.
און קינדהייט'ס צארטע קנאספ צוטראטען און צודריקט
געלעגען איז אין שמוץ, וואס ווילדע טיערען וואלטען
אויך אויסגעמידען. כ'האב געזעהן: פאר גאלד
האט מען פארקויפט די אונשולד; מוטערשאפט איז
צו שפאט געוועזן.

איך האב געזעהן די פרוכט פון ארבייט
פון איהרע הענט ארויסגעריסען, אום נאך פולער
די אנגעפילטע געלט־קופערס צו מאכען, ווען
מוטער און קינד פון הונגער זיינען אויסגעגאנגען.
איך האב געזעהן דארט שאנד און אומרעכט בליהען. כ'האב געזעהן
די אומריינע, די גיעריגע, געמיינע
דורך געלט און שווינדעל זיך צו מאכט דערהויבען,
זיי האבען דאן געטריבען אהן רחמנות
מיט בייטשען שארפע יענע נאקעטע מאסען,
וואס זיי האבען בארויבט צוערשט און דאן פארשקלאפט".

דאס זיינען געוועזן די סצענעס, וואס די שיקאגא'ער מארטי־רער האבען בייגעוואוינט און וועלכע מען קען נאך איצט זעהן, און וויל זיי האבען געגען זיי פראטעסטירט זיינען זיי גזועצליך ער־מארדעט געווארען.

עס איז געוועזן גאנץ פארשטענדליך, וואס דאס הארץ פון די מארטירער האט זיך צוזאמענגעוואקסען אין איינס מיט'ן יאמערנ־דען און קרעכצענדען הארץ פון די אונטערדריקטע; עס איז גע־ווען גאנץ פארשטענדליך, אז די נערוועז פון די מארטירער זיינען געוועזן אנגעשטרענגט און האבען געציטערט אין איינס מיט דעם ציטער פון טויטליכען פיין; עס איז געוועזן גאנץ פארשטענדליך, אז זיי זאלען רחמנות האבען, פארטיידיגען און פראטעסטירען. עס איז אבער געוועזן גאנץ אומפארשטענדליך אז פאר דער אפענער ליכט פון אונזער הויכער ציוויליזאציע זאל א פארדאמונגס־ווערטע געריכטליכע פארשווערונג קענען געלינגען און דורכפיהרען דעם אומפארשעמטען מארד אין נאמען און אין איינקלאנג מיט'ן בוכ־שטאב פונ'ם געזעץ.

אז דאס איז דער אמת פון דער געשיכטע וועט קיין עהרליכער מענש נים וואגען אפצולייקענען, און דעריבער וואקסט פון טאג צו טאג די פאדערונג ארויסצוגעמען פון אומ׳כבוד און שאנדע די נעמען פון דיזע געפייניגטע נביאים פון דער ארבייטער באפריי־אונג און צוגעבען זיי צו דער ליסטע פון די גרויסע נפטרים פון דער נאציאן.

---

## די פליי און דער עזעל.

א פליי האט זיך באזעצט אין דעם אויער פון אן עזעל. די פליי האט איינגעביסען א שפיץ פון איינער פון דעם אייזעל׳ס פארען און האט זיך געמיטליך גענומען צו איהר אנבייסען. דער עזעל האט געברילט און געבריקעט מיט די פיס. דער מוסר השכל איז: די אינטערעסען פון פליי און עזלען זיינען דיזעלבינע (זעה דעם שולחן ערוך פון דער „סיוויק פעדערײשאן“).

ווען קיין פליי וואלטען נים געווען, וואלט קיין זאך נים באַוועגט די עזלען צו ברילען און בריקען, און די עזלען וואלטען נאר אינגיכען פארלארען זייער עזעלשקייט.

# מארטינס איירענס — דער מארטירער.

עס איז געווען אין 1886, ווען מארטין איירענס, פּרעזידענט פון דער עקזעקוטיווע פון די „נייטס אוו לייבאר“ פון דער זיד־וועסט באהן־ליניע, וואס אונטער דעם קאנטראל פון די גולדס, האט זיך געשטעלט אין קאמף געגען דער קאפּיטאליסטישער טיראניי. פון דער שעה אן איז ער שוין געווען א פאר׳משפט׳ער. אלע כוחות פון קאפּיטאליזם האבען זיך פאראייניגט איהם אומצוברענגען און ווען ער איז געפאלען אין זיין קאמף געגען די אומגערעכטיגקייטען, איז ער געטריבען געווארען פון ארט צו ארט ביז ער איז געבליבען אפּגעריסען און צובראכען און אין די אייזערנע נעגעל פון׳ם הונגער.

פיערצעהן יאהר נאכאנאנד האט ער געקעמפט אליין געגען די אכזריות׳דיגע פארפאלגונגען. אונטער פארשטעלטע נעמען האט ער געוואנדערט צווישען פרעמדע מענשען און געזוכט צו פארדינען זיין שטיקעל ברויט, אבער ווי א ווילדע חיה איז ער פון אומעטום געטריבען געווארען. פאר איהם איז קיין רחמנות נים געווען. ער האט זיך געשטעלט צווישען זיין קלאס און זייערע אונטערדריקער — ער איז געווען בראוו און נים געוואלט זיך אונטערגעבען; ער איז געווען עהרליך און נים געוואלט זיך פארקויפען; דאס איז געווען זיין פארברעכען, פאר וועלכען ער איז פאר׳משפט געווארען צו א הונגער־טויט.

מארטין איירענס איז אלס א קינד אהערגעקומען פון סקאטלאנד, אליין, אהן א פעני געלט און אהן פריינד. אין זיין פריהעסטער יוגענד האט ער זיך אויסגעלערנט פאר א מאשיניסט און א צייט מיט יאהרען דערביי געארבייט. ער איז געווען באשאנקען מיט אווארעם הארץ און א קלארען קאפּ. ער האט געזעהן די ליידען און געפיהלט די אומגערעכטיגקייטען, וואס ווערען באגאנגען געגען זיין קלאס. אויפגעקאכט איז זיין בלוט געווארען, ווען די באהן־קאמפּאניעס האט דריי מאל כסדר ארונטערגעזעצט דעם לוין פון די ארבייטער. ער האט באשלאסען זיך אנטקעגנען צו שטעלען.

ער האָט אַפּעלירט צו די ארבייטער און ווען דער גרויסער סטרייק האָט אויסגעבראָכען, איז מאַרטין איראָנס געווען די צענטראַלע פי־גור פון דער באַוועגונג. די ארבייטער האָבען געפיהלט, אז זיי קענען זיך פאַרטרויען אין איהם און זיי האָבען קיין טעות ניט געמאַכט.

און ווען אין דעם קריטישסטען מאָמענט האָט דזשיי גולד, דער אייגענטימער פון דער באַהן, געלאָזט וויסען מארטין איראָנס, אז ער וואָלט איהם וועלען זעהן, האָט דער סטרייק פיהרער געענט־פערט: „איך בין אין קענזאַס סיטי". גולד האָט ניט געהאַט גענוג געלד אָפּצוקויפען מארטין איראָנס. דאָס איז געווען דער גרעסטער פאַרברעכען פון דעם עהרליכען ארבייטער פיהרער. די פרעסע האָט אויפגעהעצט איין ליגען נאָכ'ן צווייטען אבי נאָר צו שאַפען פאַר־אורטיילען געגען די סטרייקערס. ביי דעם דורכשניטליכען מענשען איז מארטין איראָנס געווען דער שוואַרצעסטער, נידערטרעכטיג־סטער טייוועל, וואָס דער גיהנום האָט ארויסגעלאָזען אויף גאָט'ס וועלט, און די פינקערטאָן שפּור־הינט האָבען איהם נאָכגעפאָלגט טאָג און נאַכט.

ניט קוקענדיג אויף דעם אַלעם איז מארטין איראָנס נשטאַ־נען פעסט און ניט געבויגט זיך.

מארטין איראָנס האָט גערינט, געליטען און פארשאַפט כבוד זיין קלאַס. אָבער ער איז באַזיגט געוואָרען און זיין אייגענער קלאַס האָט איהם פארלאָזען און געהאָלפען אין די פאַרלוימדונגען און קללות פונ'ם שונא. דאָס האָט איהם מעהר וועה געטאָן ווי אַל־דאָס איבעריגע. אָבער אפילו דאָס האָט ער איבערגעטראָגען אָהן אַ מור־מעל און אויב עס האָט זיך פון איהם ארויסגעריסען אַ זיפץ פון פאַרצווייפלונג, איז דאָס געווען, ווען ער איז פארבליבען איינער אַליין.

און אַזוי איז געווען דורך אַלע דורות. פון יהושע הנוצרי ביז מארטין איראָנס.

זאָל קיינער ניט זאָגען, אַז איראָנס איז ניט געקרייציגט גע־וואָרען. פערצעהן יאָהר איז ער געווען צוגענאָגעלט צום קרייץ און קיינער פון די מאַרטירער פאַר דער מענשהייט האָבען ניט אי־

בערגעטראָגען זייער קרייציגונג מיט אַזויפיעל מוט און גייסטיגער קראַפט.

מיט געדולדיגען העלדענמוט האָט ער איבערגעטראָגען אַלע יסורים און פיין און באַליידיגונגען. און אפילו דאַמאָלט, ווען די אָרעמע נאַרישע אוממענשען, וועמעס וואונדען ער וואָלט מיט'ן בלוט פון זיין אייגען האַר געהיילט, האָבען איהם איבערגעגעבען צום שונא, האָט אַ רחמנות געפיהל פאַרשלאָסען זיינע ליפּען און שטילע ליידען האָבען פאַר איהם געוואונען די קרוין פון אַ מאַרטי־רער.

מאַרטין איראַנס איז געהאַסט געוואָרען פון די, וואָס זיינען געוועזען געמיין אָדער האָבען איהם ניט געקענט פאַרשטעהן. ער איז געשטאָרבען אין פאַראַכטונג, דאָך זאָל זיין נאָמען לעבען אין ליעבע.

קיין פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַאַטען האָט איהם ניט געגעבען קיין געזעלשאַפטליכען אַמט אַלס באַלוינונג פאַר די דינסט וואָס ער האָט געטאָן פאַר'ן אַרבייטער קלאַס. די אַרט אַרבייט, וואָס ער האָט געטאָן איז געוועזען צו עהרליך, אַז זי זאָל קענען רעספּעקטירט ווערען, צו אַגרעסיוו און אומקאָמפּראָ־מיסליך — צו זיין פּאָפּולער.

דאָס, וואָס ער האָט געטאָן פאַר זיין קלאַס, וועט זיין אַנ־דענקונג פאַראייביגען. אין דעם גרויסען קאַמף פון באַפרייאונג האָט ער עהרענהאַפט געטאָן זיין חלק און די געשיכטע פון דער אַרבייטער באַוועגונג קען ניט געשריבען ווערען ניט דערמאָנענדיג זיין נאָמען.

ער איז געוועזען אַן אַגיטאַטאָר און אַלס אַזעלכער האָט ער גע־האַט דעם זעלבען שיקזאַל, וואָס אַלע זיינע חברים אויף דעם דאָ־זיגען פעלד: יעזוס קריסטוס, זשאַן ד'אַרק, אליהו לאַוודזשאַי, דזשאָהן בראַון, אַלבערט פּאַרסאָנס האָבען דאָס זעלבע געטאָן און באַצאָהלט דעם זעלבען שטראָף.

טאָקי דערפאַר, וואָס ער איז געוועזען פאַראַכטעט אַלס אַגיטאַ־טאָר, און מענשען געמיינע אָדער אַזעלכע וואָס האָבען ניט פאַר־שטאַנען דעם הייליגען מאָטיוו וואָס האָט איהם באַגייסטערט, האָ־

בען איהם געפייניגט און באַשמוצט, דערפאַר, וועט ער דערמאָנט ווערען מיט ליעבע און רעספּעקט לאַנג נאָך דעם ווי דער לעצטער פון זיינע באַשמוצער וועט שוין זיין אין גאַנצען פאַרגעסען.

אין אַפּריל 1899, האָב איך אין וואַקאָ, טעקסאַס, צום לעצטען מאָל געדריקט די האַנד פון דעם נאָבעלען חבר. ער האָט געטראָגען די סימנים פון אָרעמקייט און פון א צובראָכען געזונט. אָבער זיין גייסט איז געווען אומערשראָקען פּונקט ווי מיט דריי־צעהן יאָהר צוריק ווען ער האָט געמוזט זיך שטעלען געגען מאַכט און אומרעכט; און ווען ער האָט גערעדט וועגען סאָציאַליזם האָט זיך זיין אויסזעהן אין גאַנצען געביטען און דער פייער וואָס האָט געברענט אין זיין הארצען האָט נאָך א מאָל דורכגעפלאַמט דורך זיינע פאַרזונקענע אויגען.

איך בין ניט געווען פאַרוואונדערט, כאָטש עס האָט מיר זעהר וועה געטאָן, ווען איך האָב שפּעטער געלעזען אז ער איז „געשטאָרבען אין אָרעמקייט אין א פאַרוואָרפען שטעדטעל פון טעקסאַס". דער דאָזיגער טויט האָט איהם פאַרשאַפען רוהם און דער געזעלשאַפט — שאַנדע.

אַם ענדע האָט זיין אויסגעמאַטערטער קערפּער געפונען רוה, און די קינדס־קינדער פון די מענער און פרויען פאַר וועלכע ער האָט געקעמפּט, געליטען און געשטאָרבען וועלען אַוועקלייגען קראַנצען אויף זיין קבר.

אויף זיין קבר דאַרף אויפגעקריצט ווערען: „ווייל ער האָט מוטיג פאַרטיידיגט דעם ארבייטער קלאַס, איז ער פאַר'משפט געוואָרען צום טויט דורך לאַנגזאַמע יסורים".

מארטין אירואַנס איז געווען אן עהרליכער, מוטיגער מענש און מיט זיין טויט האָט די וועלט אָנגעוואָרען נאָך איינעם פון איהרע שעהנסטע קינדער.

זאָל די ערד דיר גרינג זיין, ליעבער, מוטיגער חבר.

# וואכט אויף, איהר שקלאפען.

דער לעצטער און געוואגסטער צוג פון דער פלוטאקראטיע וואלט אויפגעשווידערט דאס גאנצע לאנד, ווען דאס פאלק וואלט נים געווען בלינד.

א מארד־פארשווערונג איז געמאכט געווארען און האלט אין אויסגעפיהרט ווערען אין נאמען און אונטער די פארמען פון געזעץ.

מענשען, וואס ווילען זיך נים אונטערגעבען צו פארדארבענהייט און מיסהאנדלונג, אט די מענשען דארף מען פלוצלונג איבערפאלען, אוועקפיהרען ערגעץ און ערמארדען.

דאס איז דער באפעהל פון דעם פארבאנד פון די מינען אייגענטימער פון די וועסטליכע שטאאטען און פון זייערע אונטערשטיצער און חברים אין דעם „אויל־טראסט" און אין וואל סטרים, ניו יארק.

אט די בלוטדורשטיגע רויב־פויגלען ווילען ארויסרייסען דאס הארץ פון דעם ווידערשטאנד צו זייער טיראניי און רויבעריי, אז ארבייט זאל שטעהן פאר זיי א הוילע, א שוצלאזע.

טשארלז מאיער און וויליאם ד. העיוואוד, פון דער וועסטערן פעדערייישאן אוו מיינערס, און זייערע קאלעגען אין אמט, — אלע דורכאויס מענער אין דעם אמת'ען זין פון ווארט, — ווערען באשולדיגט אין ערמארדען דעם עקס־גאווערנאר פרענק סטיינענבערג פון אידאהא. דער עקס־גאווערנאר האט נאר געשניטען דאס, וואס ער האט פארזעעט; און די באשולדיגונג קעגען די ארבייטער פיהרער איז נאר געווען אן אויסרייד, אום צו קענען ארויפווארפען זיך אויף זיי אין געהיים, שנעל ארויספיהרען זיי פון דעם שטאאט אויף א ספעציעלען צוג אונטער א שווערער וואך, אריינווארפען זיי אין געפעננגניש, פאראורטיילען זיי אויף דעם געקויפטען און געפעלשטען עדות־זאגנען פון אויסוואורפען און זיי דערשטיקען מיט דעם תליון'ס שטריק.

די גאווערנארס פון אידאהא און קאלאראדא זאגען, אז זיי האבען די באווייזען, אויף צו פאראורטיילען די באשולדיגטע. זיי

זיינען אומפאַרשעמטע פעלשער און פאַרקויפטע אויסוואורפען, העסליכע ווערקצייג פון די מינען־אייגענטימער, און אויב ווער עס איז פאַרדיענט די תליה, איז דאָס זיי אליין.

מאָיער, העיוואוד און זייערע חברים האָבען פונקט אזוי ווענינ געהאט צו טאָן מיט דער ערמאָרדונג פון סטיינענבערג, ווי איך. די באַשולדיגונג איז א מורא'דיגער ליגען, א פאַרברעכערישע פזר־לוימדונג, זי איז נאָר אַן אויסרייד צו ערמאָרדען מענשען, וואָס זיינען צו עהרליך, אז זיי זאָלען פאַרראַטען די, וואָס האָבען גלויבען אין זיי, און צו מוטיג, אז זיי זאָלען זיך איבערשרעקען פאַר דראָהונגען.

אַרבייטער פיהרער, וואָס קריכען אום פאַר דער פלוטאָקראַטיע און פאָלגען איהרע באַפעהלען, ווערען געלויבט ביז אין הימעל; און די וואָס ענטזאָגען זיך דאָס צו טאָן, מוזען ערמאָרדעט ווערען אויף א געמיינעם אופן.

איך קען פערזענליך און אינטים מאָיער, העיוואוד, פעטיבאָן, סט. דזשאָהן און זייערע אָפיציעלע מיטאַרבייטער, און איך וועל מיין לעבען איינלייגען, אז זיי זיינען עהרליך און ריין; און גאָר דאָס איז דאָס פאַרברעכען, פאַר וועלכען „זיי וועלען קיינמאָל ניט פאַרלאָזען אידאַהאָ לעבעדיגע", ווי דער שמוציגער בלוטהונט, דער שפּיאָן, וואָס האָט „אויסגעאַרבייט די באַשולדיגונג", האָט זיך אויסגעדריקט.

יע, אויב זיי וועלען ניט פאַרלאָזען איידעהאָ לעבעדיגע, דאַן מעגען די גאָווערנאָרס פון אידאַהאָ און קאָלאָראַדאָ, און זייערע בעלי בתים פון וואָלל סטריט, ניו יאָרק, ביז די ראָקי מאַונטיינס זיך צוגרייטען נאָכצופאָלגען זיי.

במעט מיט צוואַנציג יאָהר צוריק האָבען די קאַפּיטאַליסטישע טיראַנען ערמאָרדעט עטליכע אומשולדיגע מענשען פאַר פאַרטי־דינען אַרבייט.

**איצט ווילען זיי דאָס פּרואווען טאָן נאָך א מאָל. זאָלען זיי דאָס וואַגען!**

צוואַנציג יאָהר פון רעוואָלוציאָנערער ערציהונג, אַגיטאַציע און אָרגאַניזאַציע זיינען פאַראיבער זינט דער היימאַרקעט טראַ־

נעריע. און אויב מען וועט מאכען א פארזוך צו ווידערהאלען, וועט דא זיין א רעוואלוציע, און איך וועל טאן אלץ וואס איך קען אזא רעוואלוציע אויפצוהויבען.

דער קריזיס איז אנגעקומען, און מיר מוזען איהם קומען אנטקעגען. אויף דעם פונקט, וואס איז אין אט דעם פראצעס פארוויקעלט, קען זיך די גאנצע מאסע פון ארגאניזירטע ארבייטער קערפערשאפטען פאראייניגען, און יעדער פיינד פון פלוטאקראטיע וועט צושטעהן צו אונז. פון די פארמס, די פאבריקען, די קראמען וועלען שטראמען די ארבייטער מאסען און קומען אנטקעגען די מיט בלוט באפלעקטע צושטערער פון פרייהייט, די מערדער פון אומשולדיגע מענשען און די אייביגע שונאים פון פאלק.

מאיער און העיוואוד זיינען אונזערע פריינד, איבערגעבענע און טרייע, און אויב מיר וועלען ניט שטעהן מיט זיי ביז צום לעצטען טראפען בלוט, וועלען מיר זיך אויף אייביג באדעקען מיט שאנד און מיר וועלען פארדיענען דאס שיקזאל פון קריכענדיגע פייגלינגען.

מיר זיינען ניט פאראנטווארטליך פאר דעם קאמף. ניט מיר האבען איהם געוואלט אויפהויבען. ער איז אויף אונז ארויפגעצוואונגען געווארען. און גראד דערפאר וואס מיר פארדאמען גוואלדטאט און האסען בלוטפארגיסונג, קענען מיר ניט פארלאזען אונזערע חברים און לאזען זיי ערמארדען. אויב זיי קענען ערמארדעט ווערען אהן אן אורזאך, קענען מיר אויך אזוי ערמארדעט ווערען, און אזוי וועט מען מיט אונז טאן, ווען די טיראנען וועלען דאס וועלען.

זיי האבען אונז צוגעשפארט צו דער וואנט, און איצט לאמיר צונויפזאמלען אונזערע קרעפטען, ארויסגעהן זיי אנטקעגיין אין אן אפענער שלאכט.

אויב זיי וועלען פרואווען ערמארדען מאיער, העיוואוד און זייערע ברידער, וועלען וועניגסטענס א מיליאן רעוואלוציאנערען ארויסגעהן אנטקעגען זיי מיט ביקסען.

זיי האבען געטאן דאס בעסטע און דאס ערגסטע, וואס זיי האבען געקענט, צו צודריקען און אונטעריאכען אונז. זייערע פאליטיקער האבען אונז פארראטען, זייערע געריכטען האבען אונז אריינ־

געווארפען אין געפענגנים אהן א פראצעס, און זייערע סאלדא־טען האבען דערשאסען אונזערע חברים צום טויט!

אפילו דער ווארים דרעהט זיך אויף אום, און דער ארבייטער וועט ענדליך זיך אויפהויבען.

זאלען זיי נאר וואגען אויספיהרען זייער טייוועלשען פלאן, און אין יעדען שטאאט פון בונד וועט אפקלינגען דער מארש פון רעוואלוציע.

גרייט זיך, חברים, צו אקציאן! קיין אנדער וועג בלייבט ניט איבער פאר דעם ארבייטער קלאס. זייערע געריכט־הייזער זיינען פאר אונז געשלאסען, אויסער ווען זיי דארפען אונז פאראורטיילען. אריינגעהן אין זייערע געריכט־הייזער הייסט פאר אונז נאר ווערען בארויבט פון דעם ווייניגען, וואס מיר פארמאגען, און ווערען גע־בונדען הענט און פיס; און די רויב־פויגלען, וואס ווערען פעט פון אונזער עלענד, זאלען ארויסרייסען אונז די אויגען.

קאפיטאליסטישע געריכטען האבען קיינמאל גארניט געטאן און וועלען קיינמאל גארניט טאן פאר דעם ארבייטער קלאס.

וואס עס זאל ניט געטאן ווערען, מוז געטאן ווערען פון אונז אליין. און אויב מיר וועלען אויפשטעהן ווי מענער פון דעם אטלאנ־טישען אקעאן ביז דעם פאסיפישען, און פון קאנאדא ביז צום מעק־סיקאנישען ים־בוזעם, וועלען מיר אריינווארפען אן אימה אין זיי־ערע פייגע הערצער, און זיי וועלען זיך איילען אפצולאזען זייערע הענט פון אונזערע העלזער און וועלען שנעל צוריקטרעטען.

מיר וועלען בעאבאכטען זייער יעדע באוועגונג, און דערוויי־ל וועלען מיר זיך גרייטען צו אקציאן.

א ספעציעלער רעוואלוציאנערער צוזאמענפאהר פון דעם פרא־לעטאריאט אין שיקאגא אדער אנאנדער צענטראלען פונקט וואלט געווען צייטמעסיג; און אויב עקסטרעמע מיטלען מוזען אנגעווענ־דעט ווערען, קען מען ארויסרופען א גענעראל סטרייק און פארא־ליזירען די אינדוסטריע, און דאס וואלט געווען אן איינלייטונג צו אן אלגעמיינעם אויפשטאנד.

אויב די פלוטאקראטען וועלען אנהויבען דאס פראגראם, ווע־לען מיר עס ענדיגען.

# מוטער דזשאָונס.

„די גרויסע זקנה פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג“, האָט וואָלטער הוירט טרעפענד אָנגערופען מוטער דזשאָונס. אַלע, וואָס קענען איהר — און זיי קען מען ניט איבערצייהלען — וועלען גלייך צוגעבען ווי צוגעפּאַסט דער טיטעל איז פאַר איהר.

די קאַריערע פון דיזער איינציגער אין איהר אַרט אַלטער אַגי־טאַטאָרין לעזט זיך ווי אַ פאָעמע. קיינער קען זיך מיט איהר ניט פאַרגלייכען. שוין פופצעהן יאָהר ווי זי שטעהט אין די פאָדער־שטע רייהען און קיינמאָל האָט נאָך ניט געטראָפען, אַז שרעק אָדער אַנגסט זאָלען ווירקען אויף איהר.

זינט דער צייט פון'ם פולמאַן סטרייק, אין יאָהר 1894, ווען זי איז צום ערשטען מאָל באַריהמט געוואָרען, שטעהט זי אַלץ פאַר דער עפענטליכקייט. קיינמאָל ניט זוכענדיג צו זיין אויסגעצייכענט, פראָמינענט, פאַלשטענדיג פאַרגעסענדיג אָן זיך, דורכאויס גלייכגיל־טיג צו אַלע פערזענליכע אמביציעס, האָט דיזע מוטיגע פרוי גע־קעמפט דעם קאַמף פון די אונטערדריקטע מיט אַ גרעסערען מוט און ארויסגעוויזען מעהר קוראַזש איידער ווען עס איז אַ סאָלדאַט אויפ'ן שלאַכט־פעלד.

מוטער דזשאָונס איז ניט קיין „זומער־סאָלדאַט“ און ניט קיין פּאַטריאָט מיט דער מויל. איהר בלוט ברענט מיט טרייער און אמת'ער איבערגעבענהייט. און וואו נאָר דער קאַמף צופלאַקערט זיך מיט וואוט און ליידענשאַפט, וועט איהר זי זיכער געפינען אין דער ערשטער פייער ליניע.

מעהרערע, לאַנגע, ענדלאָזע מאָנאַטען האָט זי געוואוינט אין די איינזאַמסטע געגענדען פון וועסט־ווירדזשיניא, אָרגאַניזירענדיג די פאַרהונגערטע מיינערס. די עלענדע הייזלאַך פון די מיינערס — איז געוועןאיהר היים, זי האָט זיך געטיילט מיט זיי מיט איהר אָרעם פאַרמעגען, ארומגעגאַנגען ארום די קראַנקע, געטרייסט די טרייסט־לאָזע — זי איז געוועןדי באַרעמהערציגקייט אַליין.

זי האָט געפיהרט די ארבייטער אין דעם גרויסען סטרייק אין דעם אַנטראַציט קוילען דיסטריקט, זי איז געוועןדי ערשטע צו

באַגעגענען דעם שעריף און די סאָלדאַטען, און די לעצטע — צו פאַרלאָזען דעם שלאַכט־פעלד.

וויפיעל מאָל איז דיזע אונערשראָקענע נשמה ארויסגעטרי־בען געוואָרען פון געוויסע געגענדען דורך די געדונגענע חברה־לייט פון די קאַפּיטאַליסטען מיט דער הילף פון די געריכטען! ווי אָפט איז זי פאַרשפאַרט געוואָרען אין געפענגניש, מיט באַיאָנעטען גע־שטאָכען געוואָרען פון די זעלנער, און דער טויט האָט איהר אין פּנים געקוקט. אָבער קיינמאָל אין איהר זעלבסט־אָפּפערענדען לע־בען האָט זי ניט ארויסגעשטעלט דעם ווייסען צייכען, דעם צייכען פון מיעדקייט און מוטלאָזיגקייט, קיינמאָל ניט געבעטען אום רחמנות, ניט אונטערגעגעבען זיך! ווי קיין אנדערער ניט, האָט מוטער דזשאָונס, אין די צייטען פון די קאָלאָראַדער סטרייקס, אָנ־געוואָרפען שרעק אויף די פאַרברעכערישע קאָרפּאָראַציעס. זיי האָ־בען פאַר איהר מורא געהאַט, פונקט אזוי ווי די לאָיאַלע מיינערס האָבען איהר געליעבט. זי האָט געפיהרט די מיינערס אין קאַמף מיט כחות פיעל מאָל גרעסערע, שטאַרקערע און, פונקט ווי העגרי פון נאַווארע, וואו נאָר איהר שניי־ווייסע קרוין האָט זיך באַוויזען, האָבען די פאַרצווייפעלטע שקלאַפען געקראָגען נייען מוט און ווי־דער אָנגעהויבען דעם קאַמף געגען דעם שטענדיג גרייטען פיינד.

אלע מאָל פּנים אל פּנים מיט אמת'ער געפאַהר, שטענדיג מיט דער ברוסט געגען שפּיץ פון באַיאָנעט, האָט זי זיך ענטוויקעלט אין אן אמת'ן קריגס־העלד; זי איז באַוואונדערט געוואָרען פון די זעלבינע סאָלדאַטען, וואָס האָבען געזאָלט אוועקנעמען זי פונ'ם קאַמפּס־פּלאַץ און אָפּהיטען אז זי זאָל זיך ניט אומקעהרען.

איהר נאָמען אליין איז דער סימבאָל פון גייסט פון רעוואָ־לוציע.

איהר מערקווירדיגע פּערזענליכקייט איז די פאַרקערפּערונג פון אלע פּרינציפּען פון דער רעוואָלוציע.

זי האָט געוואונען איהר פּלאַץ אין די הערצער פון די ארביי־טער פון דער נאַציאָן און איהר נאָמען איז געעהרט פון זיי און וועט בלייבען אין געדעכניש פון זייערע קינדער און קינדס־קינדער אויף אייביג!

# דזשאהן בראון, דער גרעסטער העלד
# פון דער געשיכטע.

דזשאהן בראון — דער מאן מיט דעם בילדערליכסטען כא־ראקטער, דער שעהנסטער און בראווסטער קעמפער און מוסר נפש אין דער אמעריקאנער געשיכטע איז געהאנגען געווארען אין טשאַל־סטאן, ווירדזשיניא, דעם 2טען דעצעמבער, 1859.

דעם טאג האט טארא געזאגט: „מיט וואסערע אכצעהן־הונ־דערט יאהר צוריק איז קריסטוס געקרייציגט געווארען. היינט איז דער פריה איז געהאנגען געווארען קאפיטאן בראון. דאס זיינען צוויי עקען פון איין קייט וואס האט מעהרערע צווישען רינגלאך. ער איז שוין ניט מעהר „אונזער בראון", ער איז איצט א מלאך פון ליכטיגקייט. *** איך זעה פאראויס די צייט, ווען דער מאלער וועט מאלען יענע סצענע, און ער וועט ניט דארפען געהן נאך רוים נאך א געגענשטאנד; דער פאעט וועט עס באזינגען און דער היסטאריקער וועט עס פארצייכנען און צוזאמען מיט דער לאנדונג פון די פילגרימען, און מיט דער דעקלאראציע פון אומאב־הענגיגקייט וועט עס זיין א צירונג פון א צוקונפטיגען נאציאנאלען מוזעאום, ווען די היינטיגע ארדנונג פון שקלאפעריי וועט מעהר ניט עקזיסטירען. דאמאלט וועלען מיר האבען די פרייהייט צו באַ־וויינען קאפיטאן בראון".

בלויז אייניגע מענשען האבען אין יענע שרעקליכע טעג גע־האט דעם מוט צו זאגען א פאר סימפאטישע ווערטער וועגען דעם גרויען, אלטען אגיטאטאר. פאר יאהרען און יאהרען האט ער גע־קעמפט געגען לייב־אייגענטום. ער האט געהאט בלויז א פאר גע־צעהלטע אנהענגער, וואס האבען איהם געהאלפען אין זיין קאמף. פאר איהם, אבער, איז גענוג געווען דאס וואס ער האט געזעהן קלאר פאר זיך זיין ציעל, און וואלט איהם אויסגעקומען צו זיין אליין אין קאמף, וואלט ער זיך דערפאר אויך ניט אפגעשטעלט.

דזשאהן בראון האט געגעבען א ביישפיעל פאר אלע מענשען פון אלע דורות, וואס עס הייסט מאראלער קוראזש און איבער־געבענהייט צו א אידעאל.

מיט יעדען טראָפּען פון זיין עהרליך בלוט האָט ער פיינט געהאט קנעכטשאפט און נאָך אין דער יוגענד האָט ער באשלאָסען אוועקצוגעבען זיין לעבען אויפ'ן מזבח פון פרייהייט אום אויס־צוראָטען די אומערטרעגליכע ליידען פון די שווארצע. ער האָט זיך קיינמאָל ניט געוואקעלט. אזוי געטליך איז געווען זיין אומבאזיעג־בארע נשמה, אז ער האָט געוואגט זיך אנטקעגען שטעלען געגען דער גאַנצער וועלט.

וואָס פאר א וואונדערבארער גייסט, וואָס פאר א גרויסע מענשליכע פערזענליכקייט.

ער האָט קיינמאָל ניט געצעהלט, ווי גרויס די צאָהל פון די, וואָס זיינען געגען איהם און ווי ווייניג די, וואָס זיינען אויף זיין זייט. די וואולגארע זייט פון דעם פּראָבלעם האָט ניט געפונען קיין פּלאַץ ניט אין זיין הארץ און ניט אין זיין מוח. ער איז געווען גערעכט און דער גייסט פון אמת איז געווען מיט איהם. ניט ער האָט זיך וועז גערעכענט מיט די פאָלגען פון זיין האנדלונג. זיינס איז געווען צו טאָן די אומשטערבליכע טאט, און אריבער־צוגעהן פון דער תליה, וואָס מענשען האָבען אַנגעגרייט, צו דעם טראָן, וואָס גאָט האָט אויפגעשטעלט פון זיינע וועגען. ניט פאר וועלטליכען כבוד האָט דזשאהן בראון אַנגעפיהרט זיין הייליגע מלחמה; ניט פאר די אנערקענונג אָדער באלוינונג וואָס דאָס פאָלק וואָלט געווען אימשטאַנד איהם צו באצאָהלען. א העכערער ציעל האָט פארנומען זיין גרויס הארץ און באלעבט עס מיט אַן ערהאבענעם פּערלאַנג. זיין גרויסע נשמה איז געווען באלויכטען פון אַן אויפגעהענדען אידעאל. א גאַנץ פּאָלק איז געווען דער־שלאָגען, פאראכטעט און אין קייטען און דאָס שוידערליכסטע פאר־ברעכען האָט געהאלטען אין אויפעסען דאָס הארץ פון דער ציווי־ליזאציע.

אין אַנגעזיכט פון דיזער שרעקליכער מגפה, איז די לאָגיק און דער פארשטאַנד געווען שטום און דאָס רחמנות־געפיהל — טויט.

ענדליך האָט זיך אויפגעכאפּט דער גרימצאָרן פון דער ראכע־נעמענדער גערעכטיגקייט, וואָס האָט לאַנג געדרימעלט.

דזשאהן בראון האָט דעם ערשטען שטויס געגעבען און דער

שטורעם האָט אויסגעבראָכען. די לעצטע שעה פון לייב־אייגענ־טום האָט געשלאָגען.

און אין דעם אָנפאַנג פון זייער גסיסה, האָבען די שקלאַפען אייגענטימער געכאַפּט דעם גרויסען אַלטען באַפרייער, געשמידט איהם אין קייטען און אַריינגעוואָרפען אין אַ פינסטערער תפיסה און הינגעריכטעט איהם.

אָבער עס איז געווען צו שפּעט. זיין אַרבייט איז שוין אָפּ־געטאָן געוועז. אַלץ וואָס ווירדזשיניאַ האָט געקאָנט טאָן איז צו־גרייטען די קרוין פאַר זיין מאַרטירערטום.

וויקטאָר הוגאָ האָט אויסגעשריען אין אַן אויסברוך פון עהר־פורכטיגער אויפרעגונג: „דזשאהן בראון איז הערליכער פון דזשאָרדזש וואַשינגטאָן"!

אין דער גאַנצער געשיכטע קאָן ניט געפונען ווערען אַזאַ נאָ־בעלער העראָאיזם און זעלבסט־אָפּפערונג עהנליך צו דעם וואָס דזשאהן בראון האָט אַרויסגעוויזען.

אין זיין גאַנצען לעבען האָט ער געהאַט בלויז איין אידעע, בלויז איין אידעאַל — דאָס פאַרניכטונג פון לייב־אייגענטום. און מיט זיין בלוט האָט ער באַפעסטיגט זיין איבערגעבענהייט צו זיין אי־דעאַל. זעהענדיג, אַז זיין אַרבייט איז געענדיגט, איז ער אַוועק־געגאַנגען פון דער וועלט רוהיג און אָהן טרויער.

זיין רוהיגקייט אויף דער תליה האָט ערוועקט עהרפורכט.

ניין, דזשאהן בראון איז ניט טויט! זיין נשמה געהט נאָך אַרום צווישען אונז און יעדער נייער יאָהר פלעגט אוים נייע גיר־לאַנדען אַרום זיין קאָפּ און גיט צו נייעם גלאַנץ צו זיין אומשטערב־ליכען רוהם.

ווער וועט זיין דער דזשאהן בראון פון דער לוין־שקלאַפעריי?

# אַ בליק אין דער פֿאַרגאַנגענהייט.

פאַר מיר ליגט אַ קאָפּיע פון אַ צייטונג פון 21טען יוני, 1877. אין דעם טאָג זיינען עלף „מאָלי מעגהוואירס“ *) היגנעריכטעט געוואָרען. זיי אַלע האָבען ערקלערט זיך אומשולדיג און געשטאָרבען מוטיג. קיין איינער פון זיי האָט ניט ארויסגעוויזען קיין סימנים פון שרעק אָדער שוואכקייט. אין דער צייטונג איז פאַראַן אַ פולער באַריכט פון דער הינריכטונג מיט די בילדער פון די הילפלאָזע קרבנות.

ניט לאַנג צוריק בין איך אין פאָטסוויללער געפענגניש געשטאַנען אויפ'ן זעלבען פּלאַץ וואו זעקס פון זיי האָבען באַגעגענט זייער שיקזאַל און איך האָב זיך ערינערט אָן זייער מאַרטירערטוים.

קיינער פון זיי איז קיין מערדער ניט געווען. אַלע פון זיי זיינען געווען אומוויסענדע, גראָב און אומגעלומפּערט, געבאָרען אין אָרעמקייט און געוואָרפען פון די אומ'רחמנות'דיגע כוואַליעס פון מזל און צופאַל.

בייצוקומען די אומגערעכטיגקייטען פון וועלכע זיי זיינען געווען די קרבנות און צו פאַרזיכערען זיך נעגען דער ברוטאַליטעט פון זייערע באַלעבאַטים איז געווען די הויפּט אורזאַכע פון זייער אָרגאַניזאַציע. קיין שום זאַך האָט ניט געקענט זיין ווייטער פון זייער אבזיכט ווי מאָרד און פאַרברעכען. עס איז אמת, אַז זייערע מעטאָדען זיינען געוואַנטע, אָבער מען דאַרף האָבען אין זינען, אַז זייער שיקזאַל איז געווען אַ שווערער און אַ ברוטאַליזירענדער, אַז זיי זיינען געווען די פאַרנאַכלעסיגטע קינדער פון אָרעמקייט. דער פּראָדוקט פון אומגלייכע אומשטענדען. אָבער טריט־בייטריט האָט דער אמת אָנגעהויבען אריינצודרינגען דורך די אייזערנע

*) מיטגלידער פון אַ געהיימער אָרגאַניזאַציאָן וואָס האָט עקזיסטירט אין דעם קוילען־גרובען באַצירק פון פּענסילווייניאַ.

טירען פון דער פאלשער געשיכטע און די וועלט הויבט אן צו פאר־שטעהן דעם אמת'ן תוך פון די „מאלי מאגהוואיר" ארגאניזאציע און זייער פארוואנדשאפט צו דער ארבייטער באוועגונג.

די אומגליקליכע קרבנות פון דעם נידעריגסטען באטרוג זייט יודא'ס צייטען האבען ניט געהאט קיין מיטלען צו פארטיידיגען אדער רעכטפערטיגען זיך. די פרעסע, ווי א מחנה טייוואלים, האט געוואיעט נאך זייער בלוט. זיי האבען געוואגט זיך אנטקעגען שטע־לען נעגען מעכטיגע און רויבערישע קארפאראציעס און דאס איז געווען גענוג, אז זיי זאלען פארניכטעט ווערען. שפיאנען, פראוואָ־קאטארס און מערדער האבען דורכגעפרעסען זיך א וועג צו זייע־רע ארגאניזאציאנען. בלוטיגע פארברעכענס זיינען אויפגערייצט און באגאנגען געווארען און די אומוויסענדע און אומשולדיגע „מא־ליס" זיינען אריינגעפאלען אין די פאסטקעס, וואס מען האט גע־גען זיי אויפגעשטעלט.

אלע כחות פון געזעץ זיינען איצט אויף זיי געפאלען מיט א פארניכטענדער קראפט. די ארגאניזאציע איז פארניכטעט גע־ווארען. קיין פריינדליכע שטימע, וואס זאל אפשוואכען די בא־שולדיגונגען געגען די פיהרער פון דער ארגאניזאציע איז ניט גע־הערט געווארען.

די ארבייטער באוועגונג איז געווען אין איהר אנפאנג: זי האט ניט געהאט קיין פרעסע און קיין פעסטע פאזיציע, קיין איינ־פלוס און קיין מאכט. בלויז איין צד איז געווען אין דער טראגע־דיע, און דאס איז געווען דער קאפיטאליסטישער צד. די ארע־מע, שטומע קרבנות האבען, געבונדענע און מיט פארשטאפטע מיי־לער, בלויז ערווארטעט זייער בלוטיגען שיקזאל. ביי די גראטעס פון זייער תפיסה האבען אלע בלוט־הינט פון גיהונם געווארטשעט און געברומט נאך זייער בלוט. קיין העלפענדע האנט איז זיי ניט אויסגעשטרעקט געווארען און קיינער האט ניט געוואגט אפילו א מורמעל צו טאן א פריינדליכען ווארט פון זייערט וועגען.

דעם 21טען יוני 1877 איז געפאלען דער לעצטער טרויעריגער אקט פון דיזער טראגעדיע פון ארבייט. די תליה האט געפאדערט איהרע קרבנות און דער תליון האט זיין ארבייט געטאן.

אין דעם טאג איז גערעכטיגקייט פארלעצט געווארען און דאס ליכטיגע פנים פונ'ם אמת איז באדעקט געווארען מיט דער שווארצער מאסקע פון פאלשקייט.

פאר דרייסיג יאהר צייט האט די קאפיטאליסטישע פרעסע שענדליך און חוצפה'דיג געליינט ווענען די „מאלי מעגהוואירס" און זייער ארגאניזאציע. אבער, דער אמת וועט ענדליך זיעגען און נאהענט איז די צייט, ווען די פענסילווייניער טראגעדיע, ווי זי ווערט דא באשריבען, וועט פון אלעמען אנגענומען ווערען אלס די אמת'ע און די נעמען פון די מארטירער וועלען ארויסגענומען ווערען פון דער פארלוימדונג אין וועלכער זיי זיינען ארייגעווארפען געווארען.

די „מאלי מעגהוואיר" עפיזאד איז געווען א צופאל אין דער ארגאניזאציאן פון ארבייטער קלאס, עס איז געווען א רינג אין דער ארבייטער באוועגונג.

די מענשען, וואס זיינען אויפ'ן עשאפאט אומגעקומען אלס פארברעכער, זיינען געווען ארבייטער־פיהרער, די ערשטע מארטירער פון קלאסען־קאמף אין די פאראייניגטע שטאאטען.

זאגט דען גארנישט דאס, וואס פראנקלין ב. גאוען, פרעזידענט פון דער „פילאדעלפיא און רעדינג" באהן און הויפט אנקלעגער פון פארפאלגער פון די „מאלי מעגהוואירס" איז באגאנגען זעלבסט־מארד? האט ער נישט געזוכט אין פאלטען קבר א רוה פאר זיינע גרויזאמע פארברעכענס?

אין יאהר 1876 איז די „ארבייטער פארטיי" געגרינדעט געווארען און אין 1877, נאך דער היגריכטונג פון די „מאלי מעגהוואירס", איז זי געווארען די „סאציאליסטישע ארבייטער פארטיי".

אין דעם זעלבען יאהר האט, ווי א מעכטיגער שטראם, דער גרויסער אייזען־באהן סטרייק זיך פארשפרייט פון די מזרח'דיגע ביז צו די מערב'דיגע שטאאטען.

מיט אכט יאהר שפעטער, אין 1885, האבען די „נייטס אוו לייבאר" באקומען א נאציאנאלען אנזעהן און אין דעם זעלבען און נעקסטען יאהר האט אויסגעבראכען דער גרויסער סטרייק אויף די גולד זיד־וועסט באהנען.

דעם ערשטען מאי 1886 זיינען הונדערטער טויזענדער אר־בייטער פון פארשידענע טיילען פון לאנד ארויסגעגאנגען אין סטרייק מיט דער פאָדערונג פון אן אכט־שטונדיגען ארבייטס־טאָג. די דאָזיגע אגיטאציע האָט געפיהרט צו דער באוועגונג, וואָס האָט דערגרייכט איהר העכסטע שטופע אין די היימארקעט טראַ־געדיע פון 4טען מאי.

דעם 11טען נאָוועמבער 1887 איז פאָרגעקומען די שענדליכע הינריכטונג פון די שיקאגאָר אנארכיסטען. די דאָזיגע געזעצליכע שחיטה איז דער שווארצסטער בלאט אין דער אמעריקאנער גע־שיכטע.

אָבער ס'ארא ענדערונגען זיינען פון יענער צייט פאָרגעקור־מען! אונטער די היינטיגע אומשטענדען וואָלט דאָס ניט געקענט פאָרקומען. די ארבייטער זיינען צו גוט אָרגאניזירט, צו גוט באַ־וואוסט פון זייערע קלאסען־אינטערעסען, אז די קאפיטאליסטען זאָלען וואגען צו מאכען איצט אזוינע בלוט־בעדער.

ווען די ארבייטער באוועגונג וואָלט ניט געמאכט אזוינע פאָרשריטען, וואָלטען מאיער, העיוואוד, פעטיבאָן און אדאמס גע־האט דעם זעלבען שיקזאל, וואָס פארסאָנס, שפּיז, פישער און ענגעל.

באטראכטענדיג די פארגאנגענע דרייסיג יאָהר, קען מען קלאָר אָנצייגען דעם פּראָגרעס, וואָס די ארבייטער־באוועגונג האָט גע־מאכט, און די באטראכטונגען זיינען פול מיט אומבאשרייבליכער באפרידיגונג; פארטראכטענדיג זיך וועגען דער צוקונפט זעהט מען א קלאָרען, ברייטען הימעל און אלע שטימען זאגען אַז די גוטע בשורה פון דער קומענדער באפרייאונג.

# אַרונטערגענומענע פון „שוואַרצע ליסטע“

עס איז געווען אויף אַ באַהן־צוג, אויף איינעם פון די בערגיגע וועגן פון די וועסטליכע שטאַאַטען. דער קאָנדוקטאָר און ביידע ברעמזער האָבען מיר געוויזען זייערע אַלטע „אַמעריקאַן ריילוויי יוניאָן“ קאַרטען, וועלכע זיי האָבען אָפּגעהיטעט ממש מיט אַ צערטליכער ליעבע. די קוים לעזבאַרע, האַלב־צוריסענע שטיקלאַך פּאַפּיר זיינען געווען סאָוועניר'ען פון דער „מלחמה“ און זיי האָבען אויפגעוועקט אַ ים פון אויפרעגענדע ערינערונגען.

יעדער פון די ברעמזער האָט געהאַט צו דערצעהלען זיין געשיכטע פון פאַרפאָלגונגען נאָכ'ן סטרייק. די קאָמפּאַניעס האָבען באַשלאָסען, אַז קיינער פון די סטרייקערס זאָל קיינמאָל ניט קריגען מעהר קיין אַרבייט אויף אַ באַהן. זיי האָבען געטאָן אַלץ וואָס זיי האָבען נאָר געקענט, אָפּצוהיטען זייער ברוטאַלען באַשלוס. די ביידע ברעמזער האָבען לאַנג געוואַנדערט און געפּלאָגט זיך, איידער זיי האָבען זיך צוגעשלאָגען צו אַ פּלאַץ. אונטער פאַרשטעלטע נעמען און אויף פאַרשידענע אַנדערע וועגען האָבען זיי פיעלע מאָל געקראָגען אַרבייט, אָבער ווי נאָר די קאָמפּאַניע האָט זיי אויסגעפונען, האָט מען זיי גלייך ענטזאָגט מיט דער העכסט באַלעהרענדער ערקלערונג, אַז „די קאָמפּאַניע נויטיגט זיך ניט מעהר אין זייער דינסט“.

די קאָמפּאַניע האָט זיי אַוועקגעשטעלט אויף דער שוואַרצער ליסטע. בלויז די, וואָס האָבען עס דורכגעלעבט, ווייסען וואָס דאָס באַדייט. זיי זיינען געווען הונגעריג, און הונגעריגע האָבען זיי זיך געשלעפּט פון איין סטאַנציע צו דער צווייטער זוכענדיג אַרבייט. גליקליכערווייז, זיינען זיי ניט געווען פאַרהייראַט און אין זייער נויט, זיינען זיי אַמווייניגסטען געווען פריי פון'ם שרעקליכען געדאַנק, אַז זייערע פרויען און קינדער ליידען דורך זייערע אום־רחמנות'דיגע פאַרפאָלגונגען. ענדליך אָבער, זיינען זיי אַראָפּגענומען געוואָרען פון דער שוואַרצער ליסטע און זיי האָבען נאָך אַמאָל

געקראָגען די פּריווילעגיע צו ווערען די שקלאַפּען פון דער באַהן־קאָמפּאַניע.

* * *

עס איז געווען מיטאָג צייט, ווען דער קאָנדוקטאָר האָט מיך אָנגעריהרט ביי דער פּלייצע און איינגעלאַדען אויף אַ מיטאָג מיט די אָנגעשטעלטע. זיי האָבען געהאַט זייער קיך און געשיר און האָבען באַוויזען צוצוגרייטען אַ העכסט געשמאַקען מיטאָג. נאָכ'ן עסען האָבען מיר פאַררויכערט די ליולקעס און אָנגעהויבען צו דערצעהלען זיך אַלערליי עפּיזאָדען פון די פאַרגאַנגענע צייטען.

דער קאָנדוקטאָר האָט געמוזט פאַרלאָזען אונזער קאָמפּאַניע, און די ברעמזער האָבען מיר דערצעהלט ווי אַזוי דער קאָנדוקטאָר אַליין האָט זיך באַפרייט פון דער שווארצער ליסטע. עס איז אַ העכסט אינטערעסאַנטע געשיכטע. דער קאָנדוקטאָר, ווי אַלע בראַווע מענשען, איז געווען צו עניוות'דיג צו דערצעהלען עס אַליין. אָט איז די געשיכטע:

ביל — אַזוי האָט דער קאָנדוקטאָר געהייסען — האָט געאַרבייט אויף דער ס—— באַהן, ווען ס'איז געקומען דער סטרייק אין יאָהר 1894. ביל איז אויך געווען פּרעזיצענדער פון דער אָר־טיגער סכסוכים קאָמיטע פון דער יוניאָן. און, פאַרשטעהט זיך, האָט ער פאַרלאָרען די שפּיעל צוגלייך מיט די אַנדערע און ער איז געווען פון די לעצטע צו מאַכען אַ זויערען פּנים. ווען ער האָט פאַרלאָזען די שטאָדט צו זוכען ערגעץ אַנדערש אַרבייט האָט ער פאַרזיכערט זיין פרוי, אַז זי מיט די צוויי קינדער וועלען אין גי־כין הערען פון איהם און אין גיכען וועלען זיי ווידער זיין צוזאַמען.

פינף מאָל נאָכאַנאַנד האָט ביל געקראָגען אַרבייט. ער איז געווען אַן ערשטער קלאַס באַהן־אַרבייטער און ער האָט געקענט טאָן יעדער אַרבייט אין דעם פאַך. אָבער אַזוי גיך ווי ער האָט געקראָ־גען אַרבייט, אַזוי גיך האָט ער עס פאַרלאָרען. דער שווארצער טייוועל איז איהם נאָכגעגאַנגען טריט נאָך טריט. ער האָט געוואָגט זיך נענענשטעלען נעגען זיין פריהערדיגען באַלעבאָס, און דערפאַר מוז ער, זיין פרוי און זייערע אומשולדיגע קינדער שטאַרבען פון הונגער.

ווען ער איז דאָס לעצטע מאָל אָפּגעזאָגט געוואָרען פון דער

ארבייט, האט ער דאס געלט ניט אהיים געשיקט און ניט אויסגע־געבען אויף זיך, נאר מיט א פעסטען באשלוס אויף זיין צוקונפטיש־טען פנים זיך געלאזען געהן. ער האט זיך אפגעשטעלט פאר אן אייזען־ווארג געשעפט. געשפאנט עפעס געזוכט אין פענסטער און אין ווינציגער ווי אין פינף מינוט שוין געהאט געווען אינווייניג, געטאן וואס ער האט געדארפט און מיט גיכע טריט זיך געלאזען געהן צו דער באהן סטאנציע.

* * *

מיר זעהען ביל'ען ארומדרעהענדיג זיך אויף די גאסען פון זיין אלטער היים. זיינע פריינד וואלטען איהם זיכער ניט דער־קענט, וויל אין זיינע געזיכט־ציגע איז געווען אזוינס, וואס האט פאראויסגעזאגט עפעס ניט גוטעס און אין זיין טאש איז גע־לעגען אן אנגעלאדענער רעוואלווער.

דער אויפזעהער פון דער באהן־פארוואלטונג איז בלייך גע־ווארען ווי די וואנט, ווען ביל איז צו איהם אריינגעגאנגען. ער האט געלעזען זיין אורטייל אין ביל'ס פנים, איידער יענער האט האט נאך אויסגערעדט א ווארט.

— „וואס קען איך טאן פאר אייך, מר. ———?" האט דער פארציטערטער באאמטער געפרעגט.

— „פארדאמט ווענינ" — האט ביל געענטפערט מיט א פרעמדר און הייזעריג קול.

— „איהר ווייסט גאנץ גוט צו וואס איך בין דא אהער גע־קומען" — האט פארטגעזעצט דער קרבן פון דער שווארצער ליס־טע —„ און אויב איהר ווילט זאגען ווידוי איידער איך מאך א סוף צו אייער הינטיש לעבען, מא מוט עס בעסער גלייך".

בעת ביל האט דאס גערעדט האט דער אויפזעהער געקוקט אויף דעם טויטליכען אינסטרומענט וואס דער פארצווייפעלטער מאן האט געגען איהם אויסגעשטעלט, און אין א רגע שפעטער איז דאס צימער פארוואנדעלט געווארען אין א געבעט־הויז. קיינ־מאל נאך האבען די דאזיגע ליגנערישע ליפען אזוי אויפריכטיג ניט מתפלל געווען.

ביל'ס הארץ איז געריהרט געווארען. ער האט באשלאסען

צו געבען דעם מערדער א צווייטע געלעגענהייט אויסצוקויפען זיין שווארצע נשמה.

ארייגלייגענדיג דעם רעוואלווער צוריק אין קעשענע און קוקענדיג דעם אויפזעהער גלייך אין די אויגען האט ביל מיט א פעסטער שטימע זיך געווענדעט צו איהם: „דו האסט מיך ארויסגעווארפען פינף מאל ווי גאר כ'האב געקראגען ארבייט. דו ביזט פאראנטווארטליך, וואס מיין ווייב און מיינע קינדער זיינען היימלאז און הונגעריג. דו ווייסט גאנץ גוט, אז עס איז ניטא קיין פלעק אויף מיין קאריערע אלס א באהן־אנגעשטעלטער און אויף מיין כאראקטער. דאך האסטו געוואגט צו מאטערען און פארהונגערען אן אומשולדיגע פרוי און צוויי קינדער, וואס זיינען אנגעוויזען אויף מיין ארבייט. און, ווי גאט איז מיר ליעב, דו האסט כשר פארדינט א הינטישען טויט. אבער איך געה דיר געבען נאך איין געלעגענהייט צו בלייבען לעבען, נעם דיר גוט אין זינען, בלויז איינמאל נאך. איך וועל זיכער קריגען א צווייטע שטעלע און איך וועל דיך אנגעבען פאר רעקאמענדאציעס. אויב איך וועל אויך די שטעלע פארלירען, וועסטו, הינטישער זוהן, אנפיהרען דיין שווארצע ליסטע אין גיהנום און ניט דא. ווארום זיכער, ווי מיין נאמען איז ביל, אזוי וועל איך דיך זיכער אהינשיקען, אויב — — —".

דער באהן־אויפזעהער האט לייכטער אפגעאטעמט, ווען ביל האט איהם פארלאזען. ער האט אויף קיין איין מינוט ניט געצווייפעלט אין ביל'ס ווערטער. עס איז איבעריג צו זאגען, אז ביל איז ארונטערגענומען געווארען פון דער שווארצער ליסטע. ער האט געקראגען א שטעלע און האלט זי נאך אן ביז איצט. קיינעם אויף דער אייזענבאהן רעספעקטירט מען ניט מעהר, ווי ביל'ן, און באזונדערס רעספעקטירען איהם די באהן־בעאמטע.

ער האט זיך ניט געווענדעט צום געריכט. זיין געוואגטקייט און זיין רעוואלווער האבען פאר איהם געשליכטעט דעם סכסוך, און די הוצאה איז געווען אזוי קליין...

ביל און ביידע ברעמזער זיינען איצט סאציאליסטען. די דריי שטונדען וואס איך האב פארבראכט מיט זיי וועלען שטענדיג פארבלייבען אין מיין זכרון.

# די גאָלדענע חתונה.

א רעדע געהאַלטען פאַר די עלטערן, זשאַן דאַניעל דעבס און מאַרגערעט בעטריש דעבס, אין נאָמען פון זייער פאַמיליע, ביי זייער גאָלדענער חתונה, טער האָט, אינדיאַנאַ, סעפטעמבער 13, 1899.

א גאָלדענע חתונה איז אַ זעלטענע ערשיינונג אין דער געשיכ־טע פון פאַמיליען. נאָר די גאָר װעניגע אויסערװעהלטע האָבען אזא גליק. דאָס איז אַ געשעהעניש, װען די הייראַטס־שבועות, װאָס זיינען אָפּגעגעבען געװאָרען ביים אַלטאַר, באַקומען אַן אומבאַ־שרייבליכע הייליגקייט. עס װערט דערמאָנט דער װייטער טאָג אין דער פאַרגאַנגענהייט, װען „צװיי נשמות מיט איין געדאַנק" און צװיי הערצער, װאָס האָבען געקלאַפּט װי איינס, האָבען מוטיג און מיט גלויבען געטראָטען צוערשט דעם װעג פון פאַרהייראַטען לעבען. שעהן האָט געזונגען טאָמאַס מור, װען ער איז באַגייסטערט געװאָרען פון דער ליעבע:

„דאָס העכסטע גליק פון אַלע, װאָס זיינען װען באַזונגען געװאָרען.<br>איז װען צװיי מענשען, געבונדען מיט איין הימעלשען באַנד,<br>מיט הערצער װאָס ענדערן זיך ניט, װאָס װערען קיינמאָל ניט אָבגעקילט,<br>דורך אַלע אומגליקען לעבען און ליעבען ביז'ן קבר".

ניט אונז, קינדער און אייניקלעך, װאָס האָבען זיך דאָ פאַרזאַ־מעלט אין דער אַלטער היים, צו ברענגען אונזערע אויסדרוקען פון ליעבע אויף דעם פאַמיליען־אַלטאַר, איז געגעבען צו װיסען די בענקשאַפט אין די הערצער און שטרעבונגען אין די נשמות פון אונ־זערע עלטערן, װען זיי האָבען געזוכט אַ פּאַסיגען אָרט, אַן אָאַזיס אין מדבר, װאו זיי װאָלטען געקאָנט בויען אַ היים און לעבען אין פריעדען און צופרידענהייט צװישען אַ פאַמיליע פון קינדער מיט העלע אויגען, ראָזע באַקען און פרעהליכע שטימען.

מיר קאָנען זיך פאָרשטעלען זייער פאָטערלאַנד, פראַנקרייך, באַדעקט מיט װיינגאָרטענס. מיר קאָנען זיי זעהן אין דער בלי־הונג און קראַפט פון זייער יוגענד, װי זיי שטעהען ביים אַלטאַר און

שווערען איינער דעם אנדערן אייביגע טרייהייט אין גליק און אומגליק, גרייט צו באגעגענען די צוקונפט, יעדען טאג, וואס ברענגט זיינע פליכטען, מעגליכקייטען, אויפגאבען און נסיונות, און א גלויבען און א האפענונג האט זיי ערמוטיגט אויפ'ן וועג פון די יאהרען פון זייער פארהייראטען לעבען.

די פון אונז, וואס האבען דערגרייכט די יאהרען פון רייפקייט און זיינען דא מיט זייערע פרויען און מענער און קינדער און אייניקלעך, קאנען זעהן אין זייער פארשטעלונג די יונגע פאר, ווי זי פארלאזט די אלטע וועלט און לאזט זיך אוועק אין די נייע, ווי זיי מורמלען איינער צום אנדערן מיט ציטערנדע ליפען:

„וואוהין מיר זאלען ניט געהן, די האנט אין דיינער,
און אט די אויגען, וואס שמייכלען אזוי פאר מיר,
דורך אומגליק און גליק, דורך פרייד און ליידען,
די וועלט איז א וועלט פון ליעבע פאר אונז".

און אזא איז די וועלט פאר זיי געווען. ליעבע איז געווען פאר זיי דער שטערן, וואס האט זיי אנגעוויזען דעם וועג. קיין וואולקאן האט זי ניט פארשטעלט. און וואס טונקעלער עס זיינען געווען די טעג, אלץ העלער האט געשיינט זייער ליעבע און האט באגאסען זייער היים און אונזער היים מיט איהר ווייכען, מונטערען ליכט.

אין דער איצטיגער פייערונג פון אט דער גאלדענער חתונה זיינען איינגעשלאסען אלע פריעדליכע טעג פון אונזער לעבען. און גרוסען פון דער פארגאנגענהייט קומען צו אונז, אונטער דעם ים און איבער דעם לאנד, פול מיט דופטען פון וויאלעטען און רויזען, פון די בלומען־גארטענס פון אונזער ערזיאנערונג, וואס זיינען געפלאנצט געווארען אין יוגענד און האבען געבליהט אין אייביגער שעהנהייט ביז אין טיפען עלטער.

איך בין מודה פאר אייך, גערעהרטע עלטערן, און פאר אייך, מיינע שוועסטער און ברידער, און פאר די אינגערע דורות, אז אומבאהערשבארע געפיהלען פון ליעבע און דאנקבארקייט נעמען מיך ארום, ווען איך באטראכט אט די פאמיליען־סצענע, וואס וועט מעהר ניט געמאלען ווערען, אויסער אויף דעם לייווענט פון אונזערע

עראינערונגען. איך וועל אָבער דאָ ניט אריינפאַלען אין אַ טאָן פון אזכרה. היינט זיינען אונזערע אויערען ניט אָנגעשטעלט צו פאַר־נעמען די קאַדאַנסען פון טרויער־ליעדער. ניט איצט איז די צייט צו פלאַנצען וויינענדיגע ווערבעס, ציפּרעסען אָדער עפיק־וויינרעבען, „וואָס קריכען וואו דער פינסטערער טויט ערשיינט".

דער בעכער, וואָס מיר טרינקען איצט, איז אָנגעפילט ביז צום ראַנד מיט ליעבע, דאַנקבאַרקייט און פרייד צונויפגעמישט. מיר טרינקען איהם, צו עהרען אַ געשעהעניש, וואָס איז פאַר אונז אַלעמען אַן אומאָפּשאַצבאַרע ברכה. און אויב אַ טרער מישט זיך צונויף מיט דער פליסיגקייט און פינקעלט אויפ'ן ראַנד פון דעם ליעבעס־בעכער, איז זי אַן עדות, אַז אונזערע הערצער זיינען גע־ריהרט פון די נעטליכסטע געפיהלען, וואָס האָבען ווען עס איז גע־הייליגט מענשליכע ליעבע.

די קלאָרקייט, די זעלטענע שעהנקייט פון אָט דער סצענע רופט אַרויס געפיהלען, וואָס קיין ווערטער, ווי איהר זאָלט זיי ניט צור־קלייבען, קאָנען ניט אויסדריקען. איך קאָן נאָר זאָגען, אין נאָמען פון מיינע שוועסטער און ברידער און אָט די אינגערע אין אונזער פאַמיליען־בונד, צו מיין פאָטער, דעם פּאַטריאַרך פון אָט די זיהן און טעכטער, אַז מיר גיבען איהם איבער אונזערע וואַרימסטע גראַ־טולאַציאָנען ביי דער איצטיגער זעלטענער געלעגענהייט. ווען מיר באַגריסען איהם, האַלטען מיר אונזערע הערצער אין אונזערע הענט; ווען מיר קושען זיינע באַקען, וואָס די צייט האָט צוקנייטשט, זיינען אונזערע הערצער אויף אונזערע ליפּען; און ווען מיר גראַ־טולירען איהם צו זיין איצטיגער גאָלדענער חתונה, זיינען אונזערע הערצער אין אונזערע ווערטער.

גערן ברענגען מיר איהם אונזער ליעבע פאַר זיין איבערגעבענ־הייט צו אונז, זיינע קינדער, פאַר זיין באַוואַכען און אָפּהיטען אונ־זערע שוואַכע טריט אויף די מיט בלומען באַדעקטע וועגען פון קינדהייט און אונזער ליעבע איז געמישט מיט טיפער אַכטונג פאַר זיין מוט, וואָס קיין זאַך האָט ניט געקאָנט אָפּשוואַכען; פאַר זיינע מענליכע טוגענדען, וואָס האָבען איהם טייער געמאַכט אין זיין פאַמיליען־קרייז; פאַר זיין ריינעם, גוטען כאַראַקטער, וואָס האָט

איהם ערוואָרבען דעם צוטרוי פון מענשען, סאַי ווען ער איז געוועזן אָרים, סאַי ווען ער איז געוואָרען פאַרמעגליכער, אַ דאַנק דער אומערמידליכער ארבייט און שפּאָרזאַמקייט; און מעהר פון אלץ, פאַר יענע פּאַטערליכע אַמביציע און זעלבסט־פאַרלייקענונג, אום צו געבען אונז אַן ערציהונג, וואָס זאָל צופּאַסען זיינע קינדער פאַר אַ בכבוד'יגען אָרט אין לעבען.

דאָס, מיין באַליבטער און געעהרטער פאָטער, איז דער חוב פון ליעבע, וואָס אייערע קינדער צאָלען אייך דאָ היינט. אייער צאַרטע און אומאויפהערליכע איבערגעבענהייט האָט פאַר אייך געוואונען אונזערע הערצער, איבערפילט מיט דאַנקבאַרקייט, און אָט די דאַנקבאַרקייט, טייערסטער פאָטער, וועבען אונזערע ליעבענדע פינגער אין אַ קרוין, וואָס מיר לייגען אַרויף אויף אייער געעהרטען קאָפּ. און מעגען די יאָהרען אַלץ ווייסער מאַכען אייערע לאָקען, אַלץ מעהר פאַרנעבלען דעם בליק פון אייערע אויגען און אונטערגראָבען די קראַפט פון אייער מענליכע געשטאַלט, — דאָס רייכטום פון אונזער ליעבע וועט זיך אַלץ פאַרמעהרען, און וועט קיינמאָל ניט אויפהערען פליסען, אפילו ווען דער זילבערנער פאָדים וועט אָבלאָזען, און ביי דעם ענד־ציעל וועט איהר אוועקלייגען די גאַנצע לאַסט פון אייערע זאָרגען.

און איצט וועט אונזער גליקליכער פאַמיליען־קרייז, פאַראייניגט אין דער פרייד פון פאַרוואַנדשאַפט, נאָכאַמאָל אָנפילען דעם פינקלענדען בעכער מיט דער אַמבראָזיאַ פון ליעבע, אַז מיר זאָלען טרינקען פאַר

„מיין מוטער'ס שטים! ווי אָפט עס קלינגען
איהרע טענער אין מיינע אויגזאַמע שעה'ן.
ווי אַ הוילונג, וואָס קומט אויף די פליגלען פון שלאָף,
אָדער דער טוי צו די באַוואוסטלאָזע בלומען.
איך קאָן פאַרגעסען איהרע געבעטען,
ווען דאָס האַרץ קלאַפּט שנעל אין יוגענד־רויש,
גאָר אין דער שטילער, שטומער לופט
קומט שטיל צוריק איהר צאַרטע שטים.

און יאָהרען, אין זינד, אין נאַרישקייט פאַרגעהען
און לאָזען טיך איבער אויף מיין מוטער'ס שוים."

אין אונזער שפּראַך זיינען צוויי ווערטער אייביג הייליג אין אונזער ערזיענערונג — מוטער און היים! היים, דער הימעל אויף זיער ערד, און מוטער, דער באַשיצענדער מלאך. פאַר אונז, קינדער, איז היינט דאָ ערפילט געוואָרען דאָס גאַנצע שטרעבען פון אונזערע פאַרבענקטע נשמות. און אין דעם איצטיגען גליקליכען מנמענט וועלען מיר אויסטרינקען פאַר אונזער מוטער אָט דעם בעכער, וואָס איז ביז צום ברעג אָנגעפילט מיט דעם געטליכען נעקטאַר פון אונזער ליעבע. איך דאַרף דאָ ניט פּרואווען איבערגעבען איהרע טהאַטען פון מוטערליכער איבערגעבענהייט. עס איז ניטאָ קיין איין בלאַט אין דעם בוך פון אונזערע ערזיענערונגען, קיין איין אָרט אין אונזער הארץ, וואָס איז ניט באַציערט און פאַרשענערט דורך די טהאַטען פון איהר ליעבע און פון איהרע זאָרגען, וואו איהר הארץ און איהרע הענט, איהרע אויגען און איהר נשמה האָבען אין א הייליגען בונד ניט געדיענט פאַר אונזער גליק.

עס איז ניט געווען קיין אויגענבליק, ווען אין איהר הארץ האָט ניט געקלונגען א ליעד, וואָס איז געווען זיסער ווי די מעלאָדיע פון דעם גאָט פון ווינטען. און אָט דאָס ליעד האָט אָבגעהיט איהרע קינדער פון שלעכטע וועגען און זיי צוריקגעקערט צו דעם גליק, דער זיכערהייט, פרידען און צופרידענהייט פון היים. איהרע קינדער זיינען געווען איהרע שטיינער אין דעם שיינענדיגען קרייז פון איהר היים. און אויב דער טויט פלעגט אוועקטראָגען איין טייערן שטיין, פלעגט די ליעבע פון איהם צוגעגעבען ווערען אונז אין דעם ליעבען צויבער פון איהרע שלאָף־ליעדער, ווען זי פלעגט אונז ביי־נאַכט אָפּשיקען צו־רוה אין לאַנד פון טרוימען.

יאָהרען פון טרייער דיענסט און נסיונות, אנגסט און זאָרגען האָבען זי איינגעבויגען, ווייס געמאַכט איהרע האָר, פאַרנעבעלט איהר בליק און אָראָפּגענומען פון איהרע באַקען די מיידעלשע פאַרב. אָבער אונזער מוטער איז נאָך אַלץ פאַר אונז אונזער שעהנע מו־

טער. איהר הארץ איז נאָך אַלץ אזוי יונג און פול מיט ליעבע, ווי אין אונזער קינדהייט, אין יוגענד און אין די רייפערע יאָהרען פלעגט עס קלאַפּען אין איינקלאַנג מיט אונזערע פארלאַנגען. איהרע הענט זיינען נאָך אַלץ אזוי שעהן אין אונזערע אויגען, ווי ווען אין אונזער קינדהייט זיי פלעגען גלעטען און צערטלען אונזערע קעפּ, און איהרע פינגער פלעגען אויסגלייכען אונז די לאָקען. און כאָטש איהר שטים איז שוין ניט אזוי הילכיג, ווי ווען זי פלעגט אונז רופען אמאָל פון שפּיעל צו פליכט, האָט זי אָבער נאָך דעמזעלבען קאָדאַנס, ווי ווען זי פלעגט זיך אַנבויגען צו אונז און זינגען אונז אַ וויעג־ליעד, וואָס פלעגט אונז פאַרוויגען אין זיסע טרוימען.

אָ, אונזער מוטער! געליבט מעהר, ווי די רייכסטע שפּראַך קאָן אויסדריקען! היינט, אין דעם טאָג פון אייער חתונה מיט פופציג יאָהר צוריק, ברייגגען אייך אייערע קינדער, ניין, זיי פאַר־ווארפען אייך מיט די הייליגסטע אוצרות פון אייביגער ליעבע פון קינדער צו אַ מוטער.

„מיר גיבען דיר אַלץ, מעהר קאָנען מיר ניט,
כאָטש אָרים, קאָן זיין, איז אונזער אָפּערונג;
אונזערע הערצער, אונזער ליעבע איז אַלץ, וואָס מיר פאַרמאָגען,
און דאָס אַלץ ברענגען מיר דיר.“

מיר הערען, ווי די חתונה־גלאָקען קלינגען אין דער פייערונג פון דער חתונה פון אונזערע עלטערן. אונזערע אויערן זיינען גרייט צו פאַרנעמען די פרעהליכע קלאַנגען, און אונזערע הערצער ענט־פערען מיט דער גאַנצער פרייד פון אַ חתונה־מאַרש, פריעדען און צופרידענהייט און גליק קרוינען די איצטיגע שעה. מיר פרעגען ניט, וואָס די צוקונפט באַהאַלט פאַר אונז, מיר ווייסען נאָר, אַז מיר האָבען צווישען אונז דעם חתן און די כלה, און אַז עס איז אַן אומבאַשרייבליכע פרייד פאַר אונז צו געבען זיי ווידער די פאַרזי־כערונג פון אונזער שטענדיגער איבערגעבענהייט און אייביגער ליעבע.

# מאַן — פרוי — קינד.

דעבם דער מענש, מיט זיין ברייטער האַרץ און גרויסער האַר־ציגער ליעבע צו מענשען איז אויסגעדריקט אַם גלענצענדסטען אין דער פאָלגענדער טרילאָגיע: מ אַ ן, פ ר ו י און ק י נ ד. די מערקווירדיג רייכע, פּאָעטישע שפּראַך און דער גלייכצייטיג שטאַרקער און הינרייסענדער טאָן פון די געצעהלטע שורות אין דער טרילאָגיע ענטפּלעקען דעם פּאָעט און דעם קעמפּער, דעם הומאַניסט און דעם סאָציאַליסט.

# מאַן.

דאָס גרעסטע וואָס איז דאָ אויף דער גאַנצער וועלט איז—דער מאַן. ער האָט באַשאַפען די וועלט ווי זי איז איצט ; און ניט נאָר די וועלט פון היינט, נאָר, אין די שטערענדיגע קעניגרייכען פון געשיכטע, אויך אַלע וועלטען פון אַמאָל, וועמעס אָפשיין באַלויכט די הימלען פון אַלע צייטען.

ער האָט באַשאַפען מצרים, די וועלט פון געלען שיין און רוהם, אויף אייביגען פעלזענשטיין אויסגעקריצט אין אַן אייביגע קראַפט. ער האָט באַשאַפען די וועלט פון גריכענלאַנד, וואו דער מאַרמאָר שיינט צו האָבען באַוועגונג,—צאַרט ווי בלומען, ווייס און פולסירענדיג מיט ליידענשאַפט, יאָהרהונדערטער נאָכדעם, ווי די אימפעריע איז פאַרשוואונדען. ער האָט באַשאַפען די וועלט פון פאַלעסטינא, וועמעס העלדען־געשיכטע וואַרפט דעם שאָטען פון פראָפעטישער פינסטערקייט און פייערליכען גלאַנץ אויף די אַרבייטס־וועלט פון היינט. ער האָט באַשאַפען די וועלט פון רוים, פול מיט אָפקלאַנגען פון די טריט פון קריעגער ; אויך די וועלט פון די באַרבאַרען, וואָס האָבען רויה און רויט פון ליידענשאַפט, אָפגעווישט רוים פון דער ערד. ער האָט באַשאַפען די פעאָדאַלע וועלט, די וועלט פון שלאָס און קאַטעדראַל, קנעכט און אַבערגלויבען, זעהונג און לוסט. ער האָט באַשאַפען די וועלט פון אַוואַנטורען, מיט ים־קעניגען און וועלט־הערשער, עראָבערער און פיראַטען. ער האָט באַשאַפען די וועלט פון מאַשינען, פאַנטאַסטיש אין פאָרם און מייסטערהאַפט אין זייער באַוועגונג. ער האָט באַשאַפען די וועלט פון ליטעראַטור און האָט זי באַפעלקערט מיט כאַראַקטערען, וואָס לעבען, ווען נאָר דאָס אויג איז גרייט זיי צו זעהן.

און ער, וואָס האָט באַשאַפֿען אַט די וועלטען, איז אייביג געווען אַ קנעכט און האָט געדיענט ניט צו אָפּגעטער, נאָר צו לעדיגגעהער, וואָס זיינע אייגענע הענט האָבען באַשאַפֿען און אויפגעשטעלט איבער איהם. ער, דער ווייזער נאַר, האָט באַשאַפֿען אַלץ, וואָס זיין פאַנטאַזיע האָט איהם נאָר פאָרגעשטעלט, דאַן איז ער געשטאַנען, אין שמוץ און שמאַטעס, אונטער דער בייטש פון זיין אייגענער שאַפונג, און ענדליך האָט זיך אין איהם שנעל אויפגעהויבען זיין צאָרן, און ער האָט דאָס פאַרניכטעט אין רואינען און בלוט. ער, מיט זיין מייסטער־האַנט, איז מיט פאַראַכטונג אָנגערופען געוואָרען „אַ האַנט". ער, מיט דעם מאַרך, וואָס שיקט אַן ארויספאָדערונג דער פינסטערניש און רייסט פון איהר ארוים ליכט, האָט אַלעמאָל געשטרויכעלט אין פינסטערניש מיט קייטען אויף די פיס.

דאָך, מיט אַלע זיינע קנעכטישע פיהרונגען, איז ער דער ווירדיגסטער. מיט מוסקולען פון אַן אָקס, געקליידט אין שמאַטעס, מיט דעם שטענדיגען גערוך פון שוויס, מאַכען זיינע פינגער מעלאָדיען פון אַלץ, וואָס זיי באַריהרען, צי דאָס איז ערד אָדער שטאָהל, לייהם אָדער האָלץ. ער קען ארויסברענגען געטליכע ווערטער, דאָך איז ער שטום אונטער'ן יאָך. אין פאַבריק און אין אָרימען הייזעל, אויפ'ן שאָסע און אויפ'ן צואַקערטען פעלד איז ער הערליך אין זיין אויפטו און שענדליך אין זיין שטאַנד. איך קלער וועגען דעם אַרבייטער אי מיט שאַנד, אי מיט שטאָלץ; מיט שאַנד — צוליעב די פּיאוועקעס פון זיין מין, וואָס אַרבייטען ניט, מיט שטאָלץ — וועגען דעם אין די אַרביימס־קליידער. ער איז דאָס גרעסטע און בעסטע אויף דער גאַנצער וועלט. ער איז העכער און מעכטיגער פון די בערג. ער איז ברייטער און טיעפער פון די ימים. ער איז מעהר באַהערשענד פון די דונערען און פלינקער פון די בליצען, וואָס האָבען איהם אויסגעוויזען אין זיין יוגענד

ווי אַ שרעקליכע נקמה פון די הימלען. די נאַטור קען ניט באַהאַלטען איהרע סודות פון זיין פאַרשענדען פאַרשטאַנד, און ווען ער שרייט אויס, בויגט אַן דער אַלמעכטיגער זיין אויער צו הערען.

ער בויט אויף נאַציאָנען און צושטערט זיי. ער שטעלט אויף שטעדט, און צוליעב אַ קאַפּריז, מיט איין באַוועגונג פון זיין מעכטיגער האַנט, ווישט ער זיי אָפּ פון דער ערד און פאַרגעסט אָן זיי. די ערד דיענט איהם, און ער צווינגט זי איהם צו ערנעהרען. ער שפּיעלט מיט די קרעפטען פון דער נאַטור ווי מיט שפּיעלצייג. ער שפּיעלט אויף דער האַרף פון לעבען, און קוים באַריהרט ער איהרע סטרונעס, ערשיינען נייע מינים פאַר זיינע אויגען, און די שווערע, באַלעסטיגענדע זאַכען פון דער פאַרגאַנגענהייט ווערען פאַרשוואונדען אין פאַרגעסענהייט. לאַכענדיג ווישט ער אָפּ פון דער ערד די, וואָס אונטעריאָכען איהם, אָבער באַלד אונטערוואַרפט ער זיך צו נייע הערשער, ווי זיין שיקזאַל וואָלט געוועז צו שפּיעלען די ראָל פון אַ לאַסט טיער און וויסען דערביי, אַז ער איז אַ גאָט.

ער איז דער איינציגער גליקליכער און איינציגער אומגליקליכער אויף דער ערד. ער — דער וואָס לאַכט און וויינט, דער באַשאַפער און דער קריעגער, דער גאָט און דער גולם. ער, וואָס האָט פאַרדיענט יעדען לויב און יעדען טאַדעל אויף אייביג און אייביג, אין וועלטען אָהן אַ סוף.

# פרוי.

כאָטש איך פאראכט די רימערליכקייט, וואָס קושט די האַנט פון דער פרוי און דערלאָזט ניט דיזעלבע האַנט העלפען אָנפיהרען די וועלט ; כאָטש איך וואָלט זיך ניט געבוקט פאר דער פרוי ווי פאר עפּעס, וואָס איז העכער פון מאַן, און וואָלט איהר דאָך געגעבען דאָס רעכט וואָס איך פאָדער פאר זיך אליין, — פונדעסטוועגען קען איך ניט דענקען וועגען דער פרוי אָהן דער טיעפער אכ־טונג, כמעט פארגעטערונג. און וואָס איך פארגעטער אין דער פרוי, וואָלט איך אויך פארגעטערט אין דעם מאַן, ווען ער וואָלט דאָס ניט אויסגעשלאָסען פון זיין לעבען.

מעכטיג איז די האַנט פון מאַן. ער לאָזט זי אראָפּ אויף די רייהען בערג, און זיי גלייכען זיך אויס אין עבענעס. ער שלאָגט די וועלען פון אָקעאַן, און זיי טראָגען זיינע שיפען אין זיכערהייט. ער דראָהט דער נאַכט מיט זיין פויסט, און באַשעפענישען פון שטאָהל קו־מען ארויס אויסצופיהרען זיינע באַפעהלען. אָבער אויב די האַנט פון דעם מאַן איז מעכטיג, איז די האַנט פון דער פרוי וויך און קען אזוי גוט טרייסטען און היילען. אויב די האַנט פון דעם מאַן האָט די צויבער־מאַכט אויסצו־פיהרען זאַכען, האָט אָבער די קליינע ווייסע האַנט פון דער פרוי די נאָך גרעסערע צויבער־קראַפט שטענדיג צו באַרוהיגען און בענשען. די באַריהרונג פון איהרע פינגער ברענגט צום הארטען קראַנקען בעט באַקוועמליכקייט און אנגענעמע טרוימען. מיט איין גלעט פון איהר האַנט שטעלט זיך אָפּ א קינד'ס געוויין און רופט ארויס א שמייכעל אנשטאַט טרערען.

אויב דער מאַן דער ריעז מאַכט די וועלט גרויס, מאַכט אָבער די פרוי די צויבערין די וועלט שעהן. אויב דער מאַן געפינט די שפּייז, איז דאָס אָבער די פרוי, וואָס

פיהרט דאָס קינד דורך וועגען, וואָס זי באַרעקט מיט רוי־זען ; און זי איז דאָס, וואָס באַשיינט און פאַרזיסט דעם וועג, דורך וועלכען די נשמה, אַן איינזאַמע, געהט איהר וועג צו דעם אומבאַקאַנטען.

אויב דער מאַן באַשאַפט די נאַציאָן, האָט אָבער אַ פרוי אַ גרעסערען אויפטו, זי באַשאַפט די היים.

ווען איך טראַכט וועגען דעם, וואָס די וועלט וואָלט גע־ווען אָהן דעם באַגייסטערענדען איינפלוס פון דער פרוי, שעהם איך זיך ביי דעם געדאַנק, וואָס די וועלט האָט מיט איהר געטאָן. זי האָט פאַר דער וועלט געטאָן אַלץ, און דער מאַן האָט איהר געטאָן אַל דאָס בייז. ער האָט אָנ־געפילט איהרע הענט מיט לאַסטען, וואָס זיינען געווען איבער איהרע כחות, ער האָט אַרויפגעלייגט אויף איהרע אַקסלען משאות, וואָס האָבען זי אַראָפּגעבויגען ביז צו דער ערד. און כאָטש זי איז געגאַנגען מיט וואַקלענדיגע טריט און האָט זיך ניט געקלאָגט און האָט געקושט די האַנט, וואָס האָט זי געשלאָגען, האָט ער זי מיסהאַנדעלט, ווי אַ נידריגערע באַשעפעניש, און האָט געהערשט איבער איהר, ווי זי וואָלט געווען זיין שקלאַפין.

דאָך איז די פרוי די היטערין פון דעם הייליגען פייער. וואָלט זי דורכגעפאַלען אין איהר אויפגאַבע, וואָלט די וועלט זיך אומגעקערט צו דעם שטיין אַלטער, און דער מאַן וואָלט צוריק געוואָרען אַ הוילער באַרבאַר. דאָס האָט די פרוי אויסגעפונען אַלע קונסטען, פון אַגריקולטור ביז וועבעריי, פון אַרכיטעקטור ביז מוזיק.

די שטים פון דער פרוי דערהויבט דאָס די נשמה אין געבעט און הימן צו העכערע זאַכען.

אין דער שעהנער וועלט, וואָס גאָט האָט באַשאַפען, איז קיין זאַך ניט אַזוי שעהן ווי די פרוי. און אָהן איהר דיענסט און הילף וואָלטען אַלע זאַכען באַלד פאַרלאָרען זייער צויבער. דאָס טראָגט די פרוי די צוקונפט אין

איהר לייב, און זי ברענגט אויף איהר ליעבע און הייליגער ברוסט לעבען צו העכערע פארמען און נאבעלערע ארטען. קיין זאך איז ניט אזוי וואונדערליך, ווי מוטערשאפט. קיין זאך איז ניט הייליגער, ניט געטליכער, ווי די פרויענשאפט, אין וועמעס הענט איז איבערגעגעבען דאס צוקונפטיגע שיקזאל פון דעם מענשליכען מין, דאס הייסט, דאס וואוילזיין און וועה פון אלץ, וואס אטעמט.

קיין עכטער מאן קען זיך ניט פארשטעלען זיין מוטער אנדערש ווי פאלקאם. קיין פארהייראטער מאן, וואס איז נאך אלץ דער פארליעבטער, — ווי אלע מאנען וואלטען געדארפט זיין, — קען ניט גלויבען, אז זיין פרוי איז ניט אזוי שעהן, פיהלען, אז זי איז איהם ניט אזוי טייער, ווי ווען זי האט צום ערשטען מאל געוואונען זיין הארץ אין דער בליהונג פון איהר שעהנקייט.

פאר מיין גייסטיגען בליק שטעהט אויף א פרוי, וואס איז העכער, נאבעלער און געטליכער, ווי די מוטערס און פרויען פון מענער, שוועסטער און טעכטער זיינען געווען אין די פינסטערע טעג פון דער פארגאנגענהייט, און ווי זיי זיינען נאך אין אונזערע טעג, ווען עס הויבט שוין אן טאגען. אין דעם העלען טאג פון יענער שעה וועט די פרוי באקומען איהר געלעגענהייט, און ווייל איהר צייט וועט דאן אנקומען, וועט אלץ וואס לעבט זיך דערהויבען און פאנאנדערשפרייטען און זיך באטייליגען אין דעם אלגעמיינעם גליק פון דעם מענשליכען מין. ליעבע וועט דאן הערשען אנשטאט האס, שעהנהייט וועט פארנעמען דעם ארט פון העסליכקייט, פריעדען — דעם ארט פון קריעג, איבערפלוס — דעם ארט פון ארימקייט. און די גאנצע וועלט וועט, אונטער איהר פרייער אנפיהרונג, זיין א היים, א זיכערע און הייליגע, א ליעבע און באפרידיגענדע.

# דאָס קינד.

עס איז ניט קיין וואונדער, וואָס מלאכים האָבען אָנ־געזאָגט דאָס אָנקומען פון דעם קענד פון בית לחם, ווייל דאָס קינד איז אַלעמאָל דער ערלייזער פון דער וועלט. אין זיין שוואכקייט איז פארבאָרגען די שטאַרקייט פון דעם מאָן; און זיין הילפלאָזיגקייט איז די אייבינע בשורה פון פריינדליכקייט און מיטארבייטערשאַפט.

מען זאָגט אונז, אַז די וועלט איז פול מיט זינד, און די געזעלשאַפט איז גרויזאם און אומגערעכט; אַז אומע־טום זעהט מען אָרימקייט און קראַנקהייט. וואָס וואָלט די וועלט געווען, ווי אומענדליך ערגער, ווען די געזעל־שאַפט וואָלט ניט באַנייט געוואָרען, טראָפּען נאָך טראָ־פּען, מיט דער פרישקייט און ריינקייט אין דער פאָרם פון קינדער, ביז די וועלט איז איינגאַנצען אַ נייע יעדע דרייסיג יאָהר!

„גוטע בשורות פון גרויסער פרייד, ווייל אַ קינד איז ביי אייך געבאָרען געוואָרען", — יעדער פאָטער פיהלט, דער הימעלשער כאָר וואָלט פונקט אזוי געקענט לויבען זיין אייגען קינד. ווייל איז דאָס דען ניט אַ נס, וואָס פון אומריינקייט איז ארויסגעקומען ריינקייט און פון אַ דורכ־פאַל איז געוואָרען אַ מעגליכקייט, וואָס קיינער קען ניט אָפּמעסטען? אייביג איז די האָפנונג פון דער וועלט אין דעם קינד.

קינדער און בלומען געהען צוזאַמען; ווייל בלומען זיינען דאָך די קליינע קינדער פון דער געמיינשאַפטליכער מוטער, אויף וועמעס ברייטער און פריעדליכער ברוסט מיר וועלען ענדליך אנשלאָפען ווערען זייט ביי זייט.

ווען די בליהונג קומט ארויס פון דער ערד, ווערט די נאַטור פאַרהערליכט, און די נשמות פון די זינג פויגלען גיסען זיך אויס אין מעלאָדיען אין אָנגעזיכט פון דעם

וואונדער. ווען קינדער ווערען געבראכט אויף דער וועלט, דארף דאס הארץ זינגען, און די נשמות פון מאן און פרוי זאלען זיין אנגעפילט מיט געטליכען עקסטאז. יעדעס לע־בען פון א קינד דארף זיין אזוי גליקליך און געזונט, ווי די פריידיגע פריהלינגס־צייט, און אזוי פרעהליך, ווי ראז מורמלענדע טייכעל, וואס זינגט און טאנצט אויף זיין וועג צום ים.

די העכסטע שאנד פון די יאהרהונדערטער איז, וואס קינדער ווערען געבארען אומצוקומען אין ארימקייט און עלענד, אין העסליכקייט און טויט. עס איז א געוואלטיגע שאנדטאט, וואס שרייט ארויף צום הימעל, וואס מיר פאר־קריפלען און דעגראדירען און מאכען אומגליקליך די הונ־דערט מיליאן קינדער, וואס ווערען אונז געשיקט יעדעס יאהר. אלע אנדערע זינד וואלטען אונז געקענט פארגע־בען ווערען, אבער אזא אומבאשרייבליכער פארברעכען קעגען דער אומשולדיגער קינדהייט קען אונז קיינמאל ניט פארגעסען ווערען. שעהמען דארף זיך די העסליכע געזעל־שאפט, וואס באשאפט אט די מחנות פון שעהנע בלי־טען, צו זעהן שפעטער, ווי זיי פארוועלקען אין די „שוויץ"־פאבריקען, פוילען אין די שאנדהייזער און געהען אויס מיט בלוט אויף די שלאכטפעלדער!

מען קען זיך ניט פארשטעלען קיין זאך, וואס איז ליע־בער, וואס איז הייליגער, ווי א גליקליכע געזונטע וועלט, פריי פון נויט און קריעג, וואו קינדער שפיעלען אויפ'ן גראז און שרייען פאר פרייד. דער מאן קען זיך ניט פאר־שטעלען קיין ריהרענדערען צורות, קיין גרעסערען כבוד, ווי ווען אומשולדיגע אויגען קוקען מיט צוטרוי אין זיינע אויגען, און קליינע הענטלעך נעמען אן, גאר ניט פרעגענ־דיג, זיין גרויסע האנט, אז ער זאל פיהרען. און שעהמען דארף זיך דער מאן, וואס וואלט פארראטען אזא הייליגען צוטרוי, אדער וואלט די קליינע קינדערלעך פאר־

פיהרט! פרויען טוען דאָס זעלטען, ווייל פרויען ווערען געפיהרט פון דעם קינד צו דעם, וואָס איז אמת און גוט, פונקט אזוי זיכער, ווי זיי אליין פיהרען די קליינע קינ־דער אויף וועגען פון ריינקייט און פריעדען.

צווישען אלע פרעהליכע געזאנגען און צארטע מעלאָ־דיען, מיט וועלכע דאָס געפיהל האָט באשאָנקען און באַ־רייכערט די וועלט, איז קיין זאך ניט אזוי ליעב, ניט אזוי מוזיקאליש, ווי דער פריידיגער געלעכטער פון קינדהייט. קיין שפראך זאָגט ניט אזוי פיעל, ווי דאָס אומשולדיגע פלוידערען פון א קינד. דאָס פארשטעהט דער מענש פון יעדער ראסע, דער ווילדער און דער הייליגער, און דאָס מאכט פון דעם מאנ׳ם וועלט א מענשליכע ברודערשאפט.

גליקליך זיינען די מענער און פרויען, וואָס זיינען באַ־שאָנקען געוואָרען מיט קינדער, וואָס פיהרען און בענשען זייערע לעבענס. די זאָרג איז אפשר גרויס, אָבער אומ־ענדליך גרעסער איז דאך דאָס גליק. די נאטור האָט איינ־געשטעלט די הייליגע דריי אייניגקייט פון מאן, פרוי און קינד, צו פארפאָלקאָמען דאָס לעבען און איהם צוגעבען קראפט און שעהנקייט. און אונזער אייגענע שאנד איז, וואָס דורך אונזערע אייגענע פארברעכערישע פיהרונגען צושטערען מיר די פלענער פון דער נאטור.

ווען דער שניי, וואָס שמעלצט ניט, באדעקט די האָר פון פאָטער און מוטער, קוקט דאָס קינד צוריק און האלט דאָס איין אין זיין זכרון אויף אייביג ווי דעם אָפשיין פון רוהם או הייליגקייט.

# דער לעצטער פּראָצעס פון י. וו. דעבס

# דעבס אין געריכט־זאַל*)
## פון מאַקס איסטמאַן

אויף א רוסישען סאָציאַליסטישען צוזאמענפאהר, וואָס איז אָבגעהאַלטען געוואָרען אין שטאָקהאָלם אין 1907, האָט מען אויסגערעכענט, אז די דעלעגאַטען, — הונדערט און פערציג פון זיי, — האבען צוזאמען פערבראכט אין געפענגניס הונדערט און אכט און דרייסיג יאָהר, דריי מאָנאַטען און פופצעהן טעג. פאַרשיקט זיינען זיי אַלע צוזאמען געווען אויף הונדערט און אכט און פערציג יאָהר, זעקס מאָנאַטען און פופצעהן טעג. די לענג פון דער צייט, וואָס די גאַנצע קאָנווענציאָן מיטגלידערשאַפט איז געווען אַקטיוו אין דער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדאַ, איז געווען ניין הונדערט און צוויי און פערציג יאָהר.

„עס ווייזט אויס,—באַמערקט דערויף טראָצקי אין א פאָרוואָרט צו איינעם פון זיינע ביכער,—אז די צייט, וואָס א סאָציאַלדעמאָקראַט פאַרברענגט אין געפענגניס און אין אויסווייזונג, איז ארום א דריטעל פון דער גאַנצער צייט, וואָס ער איז אַקטיוו". לעזענדיג יענע פאַררעדע אויף מיין וועג נאָך וועסט, בייצואוואוינען דעם פּראָצעס פון יודזשין דעבס, בין איך ערשטוינט געוואָרען פון טראָצקי׳ס אונבעוואוסטזיניגער בעהויפּטונג, אז די צייט, וואָס א סאָציאַליסט פאַרברענגט אין געפענגניס, איז א טייל פון דער צייט, וואָס ער איז „טהעטיג". דאָס איז אָפט די צייט, ווען זיין איינפלוס איז אם שטאַרקסטען. און כאָטש עס קען געלינגען דער רעגירונג שנעלער דורכצופיהרען דאָס מלחמה־פּראָגראַם, פאַרשליסענדיג דעבס׳ען אין געפענגניס, וועט אָבער זיין לעבענסלענגליכער געפענגניס טער־

---

*) מאַקס איסטמאַן׳ס אַרטיקעל איז געשריבען פאַר דעם ראַדיקאַל־סאָציאַליסטישען זשורנאַל „ליבעריישאַר" (דער באַפרייער) בעת עס איז נאָך געווען אין קראַפט דאָס צענזור־געזעץ אָדער דאָס אַזוי־גערופענע „אַנטי־שפּיאָנאַזש געזעץ". ווען דאָס בוך ווערט צוגעגרייט איז שוין די מלחמה פאַקטיש, אויב ניט פאָרמעל, געענדיגט, אָבער דאָס געזעץ איז נאָך אַלץ אין קראַפט. — רעד.

מין אויך פארשנעלערען דאס אנקומען פון דער סאציאלער רעוואָ־לוציע.

וואס נאך דעבס זאל נים זיין, ער איז דער גייסטיגער אנפיה־רער און העלד פון אמעריקאנער סאציאליזם, און איך בין ווירקליך אין א פארלעגענהייט, ווען מיר קומט איצט אוים צו בעריכטען זיין פראצעס אויף דער באשולדיגונג, אז ער האט געשטערט דער דורכ־פיהרונג פון דעם מלחמה־פראגראם. איך גלויב, אז די פאסט בע־אמטע וועלען אנערקענען מיין חוב פון א סאציאליסטישען רעדאק־טאר, צו געבען די לעזער פון „ליבערייטאר" די נייעס. און נאטיר־ליך קען איך נים שרייבען אָט די נייעס, נים געבענדיג דערביי א געוויסע אבשאצונג פון דעבס' לעבען און כאראקטער און דער ער־האבענקייט פון זיינע מאָטיווען. פון דער אנדער זייט אבער אנער־קען איך דעם חוב פון די פאסט בעאמטע נים צו לאזען אין צירקו־לאציאן א זאך, וואס קען שטערען דער דורכפיהרונג פון דער רע־גיערונגס מלחמה פראגראם. דעריבער וועל איך פאראוים פארזי־כערן דעם לעזער, אז נים נאר וועל איך נים ציטירען אדער זיך בערופען אויף עפעס, וואס דעבס האט געזאגט וועגען דער מלחמה, נאר אז איך וועל אפילו אויף אן אינדירעקטען אופן אויך נים בא־ריהרען אדער אנדייטען אויף אזעלכע ציטאטען, אדער אויף א דיס־קוסיאן פון דעם, וואס דעבס האט געזאגט. ווי א סאציאליסט, וואס וויל באגריסען און זאגען א צייטווייליגען זייט־געזונד צו א חבר, וועמעס נאמען איז טייער פאר מיליאנען אמעריקאנער, — צי ער איז פאר אדער אדער געגען דער מלחמה, — שרייב איך איצט פון זיין פראצעס פאר סאציאליסטען.

ווען איך בין שטיל אריינגעקומען אין געריכטסזאל אין קליוו־לאנד, האט א שעהנער, עלעגאנט געקליידטער יונגער מאן געהאל־טען אין פארלעזען פאר דער דזשורי דעבס'עס רעדע אין קענטאן. איהם האט, ווייזט אוים, שטארק געוואונדערט, וואס ער געפינט אין דער רעדע אזוי פיעל עלאָקווענץ. דעבס איז קיינמאל נים גע־ווען יוגענדליכער, מעהר באגייסטערט, מעהר אנגעפילט מיט ליעבע און איראָניע, ווי אין יענער רעדע פון דעם 16טען יוני.

ווען איך בין אריינגעקומען, האט דער יונגערמאן געלעזען אן

אָרט אין דער רעדע, וואָס האָט קיין שום פאַרבינדונג ניט מיט די אורזאַכען פון דער באַשולדיגונג קעגען דעבס'ען. ער האָט געלע־זען: „עס ווייזט אויס, אַז די סאָציאַליסטען פון אָהייאָ זיינען דאָס יאָהר זעהר לעבעדיג. דאָ ניט לאַנג האָט מען די פּאַרטיי דער־הרג'עט, און דאָס ערקלערט אָהן ספק איהר אויסערגעוועהנליכע טהעטיגקייט. (געלעכטער.) קיין זאַך העלפט ניט אַזוי פיעל דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, ווי ווען זי באַקומט פון צייט צו צייט אַ טויט־קלאַפּ. (געלעכטער און אַפּלאָדיסמענטען.) וואָס אָפטער זי ווערט דער'הרג'עט, אַלץ בּרייטער, אַלץ טהעטיגער, אַלץ ענערגישער ווערט זי...

„זיינען מיר געגנער פון דעם פּרייסישען מיליטאַריזם? (גע־לעכטער. אויסגעשרייען פו ן[דער מאַסע: יע, יע!) האָבען מיר דאָך באַקעמפּפט דאָס פּרייסישע מיליטאַריזם פון זינט די סאָציאַ־ליסטישע באַוועגונג איז געבאָרען געוואָרען. (אַפּלאָדיסמענטען); און מיר וועלען עס ווייטער באַקעמפּפען, טאָג און נאַכט, ביז עס וועט אָפּגעווישט ווערען פון דער ערד (דונערענדע אַפּלאָדיסמענטען און אויסגעשרייען). צווישען אונז קען ניט זיין קיין וואַפּענשטיל־שטאַנד, קיין קאָמפּראָמיס.

„אין 1869 איז יענער גרויסער אַלטער קריעגער פון דער סאָ־ציאַליסטישער רעוואָלוציע, דער עלטערער ליעבקנעכט, אַרעסטירט געוואָרען, און מען האָט איהם פאַראורטיילט צו געפענגניס אויף דריי מאָנאַטען, צוליעב דעם, וואָס ער, דער סאָציאַליסט, האָט אָנ־געפיהרט אַ מלחמה קעגען דעם קייזער און די יונקערס, וואָס באַהער־שען דייטשלאַנד. אין דער זעלבער צייט האָט אויסגעבראָכען די פּרייסיש־פראַנצויזישע מלחמה. ליעבקנעכט און בעבעל זיינען גע־ווען די סאָציאַליסטישע מיטגליעדער אין דעם רייכסטאַג. די צוויי סאָציאַליסטען זיינען געווען די איינציגע, וואָס האָבען געהאַט דעם מוט צו פּראָטעסטירען קעגען אָבנעמען עלזאַס־לאָטרינגען פון פראַנקרייך און אַנעקסירען דיזע פּראָווינצען צו דייטשלאַנד. און פאַר אַזאַ האַנדלונג האָט מען זיי פאַרשפּאַרט אויף צוויי יאָהר אין אַ פעסטונג אויף דער באַשולדיגונג אין הויך־פאַרראַט. ווייל שוין אפילו אין יענער צייט, כמעט מיט פופציג יאָהר צוריק, האָבען יענע

פיהרער, די פאַרגעהער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטי־שער באַוועגונג, באַקעמפט דעם קייזער און די יונקערס פון דייטש־לאַנד. (גרויסע אַפּלאָדיסמענטען און אויסגעשרייען.) און זיי האָבען פאָרטגעזעצט זייער קאַמף פון יענער צייט ביז אויף היינ־טיגען טאָג. (אַפּלאָדיסמענטען.) און פיעלע טויזענדער פון זיי האָבען זיך געמאַטערט אין די געפענגניסען פון דייטשלאַנד צוליעב זייער העלדישער מלחמה קעגען דעם הערשענדען קלאַס פון יענעם לאַנד. (אַפּלאָדיסמענטען.)

„איצט לאָמיר איבערגעהן צו אַ שפּעטערער צייט. איהר גע־דענקט, אַז נאָך טעאָדאָר רוזוועלט'ס צווייטען פּרעזידענט־טערמין, איז ער אַוועקגעפאָהרען אין אַפריקאַ (געלעכטער), אָנצופיהרען מלחמה קעגען איינינע פון זיינע אורעלטערן. (געלעכטער, לאַנגע אויסגעשרייען, אַפּלאָדיסמענטען.) איהר געדענקט, אַז צום סוף פון זיין עקספּעדיציע האָט ער באַזוכט אַלע הויפּטשטעדט פון אייראָפּאַ, און ער איז אויף אַ גרויסאַרטיגען אופן אויפגענומען גע־וואָרען און פאַרהערליכט געוואָרען פון אַלע קיסרים און צאַרען און אימפּעראַטאָרען פון דער אַלטער וועלט. (אַפּלאָדיסמענטען.) ער האָט באַזוכט פּאָטסדאַם, ווען דער קייזער איז דאָרט געווען; און לויט די באַריכטען, וואָס זיינען דאַן געווען געדרוקט אין די אַמע־ריקאַנער צייטונגען, האָבען זיך צווישען איהם און דעם קייזער באַלד איינגעשטעלט די פריינדליכסטע באַציהונגען. (געלעכטער.) זיי האָבען פרעהליך פאַרבראַכט די צייט און זיינען געוואָרען אינטים, ווי צוויי גוטע ברידער. (געלעכטער.) דאַן האָט רוזוועלט רעוויו־אירט דעם קייזער'ס סאָלדאַטען. לויט דיזעלבע באַריכטען איז ער פון דעם קייזער'ס סאָלדאַטען אַזוי נתפּעל געוואָרען, אַז ער האָט געזאָגט: „ווען איך וואָלט געהאַט אָט אַזאַ אַרמיי, וואָלט איך איינגענומען די גאַנצע וועלט!“ (געלעכטער.)

„ער האָט געקענט דעם קייזער דאַן פּונקט אַזוי גוט, ווי ער קען איהם איצט. (געלעכטער.) ער האָט געוואוסט, אַז דאָס איז דער קייזער, דיווילדע חיה פון בערלין. און דאָך האָט ער זיך ערלויבט פריינדליך אויפגענומען צו ווערען פון דער ווילדער חיה פון בערלין (אַפּלאָדיסמענטען); ער איז געזעסען ביי דעם טיש פון

דער ווילדער חיה פון בערלין; ער איז געווען אין די אינטימסטע באַציהונגען מיט דער ווילדער חיה פון בערלין. (אפּלאָדיסמענטען.) און אין דער צייט, ווען רוזוועלט איז אויף אַזאַ קעניגליכען אופן אויפגענומען געוואָרען פון דעם דייטשען קייזער, האָט אָט דער־זעלביגער קייזער פאַרשפּאַרט אין געפענגניס די אָנפיהרער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פאַר באַקעמפען דעם קייזער און די יונ־קערס פון דייטשלאַנד. (אפּלאָדיסמענטען.) רוזוועלט איז געווען דער עהרען־גאַסט **אין דעם ווייסען הויז** פון דעם קייזער, אין דער צייט ווען די סאָציאַליסטען זיינען געווען אין דעם **קייזער'ס געפענגניסען** פאַר באַקעמפען דעם קיי־זער (אפּלאָדיסמענטען.) ווער האָט געקעמפט פאַר דעמאָקראַטיע? רוזוועלט? (אויסגעשרייען: „ניין!") רוזוועלט, וואָס איז גע־עהרט געוואָרען פון קייזער, אָדער די סאָציאַליסטען, וואָס זיינען געשיקט געוואָרען אין געפענגניס אויף דעם באַפעהל פון דעם קיי־זער? (אפּלאָדיסמענטען.)"

עס האָט קיין צווייפעל ניט געקאָנט זיין וועגען דער ריכטיג־קייט פון דעם יונגען מאַן'ס באַריכט. ער איז ארויסגעשטעלט גע־וואָרען פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי צו קאָפּירען דעבס'עס רעדע. אָבער איצט האָט ער זיך געמיהט ארויסצואווייזען, אַז ער איז אַ רעספּעקטאַבלער יונגער מאַן און איז גענייגט צו דער זייט פון דער פּראָקוראַטור. ער פלעגט זיך באַמיהען אויסצודריקען צאָרן, ארויפקוקענדיג צו די געשוואָרענע ריכטער מיט זיינע ליפּען צוזאַ־מענגעפּרעסט, נאָכדעם ווי ער פלעגט איבערגעבען אַן אָרט אין דעבס'עס רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטען פאַר באַזונדערס פאַררע־טעריש; אָבער דער באַטרעפענדער אויסצוג פלעגט ניט ארויסקומען פאַררעטעריש, און דער יונגער מאַן פלעגט גאָר ניט אויסווייזען צאָרענדיג. ער האָט געטראָגען אויף די באַקען פאַר זיינע אויערען אביסעל האָר און, דוכט זיך, פּערפיום אויף זיין טאַשענטיכעל. און דעבס'עס רייכע פּערזענליכקייט האָט דורכגעשיינט דורך איהם, ווען ער האָט פאַרגעלעזען, אַזוי אַז ער אַליין איז אין די אויגען פון די געשוואָרענע ריכטער אויסגעקומען ווי גאָר אַ קליינער פלעק.

אַן אַנדער באַריכט פון דער רעדע איז אראָפּגענומען געוואָרען

פון אַן אגענט פון דעם יוסטיץ דעפּאַרטמענט, אָבער ער איז געווען צו ווארים פאַראינטערעסירט צו קאָפּירען מעהר ווי אַ העלפט פון דער רעדע. די צוויי באַריכטען זיינען געווען געדרוקט פּאַראַלעל, און וואו נאָר זיי האָבען זיך צוזאַמענגעטראָפען, האָבען זיי גע־שטימט איינער מיט דעם אַנדערען. און אָט די צוויי באַריכטען האָבען צוזאַמענגעשטעלט די הויפּט־באַווייזען פון דער פּראָקוראַ־טור. צוויי אָדער דריי צייטונגס־רעפּאָרטערס, — זיי זיינען איצט געווען געקליידט אין מיליטער פאָרם טראָץ דעם, וואָס זיי האָבען דאָ געהערט, — זיינען אויך אַרויסגערופען געוואָרען צו באַשטע־טיגען דעם אַלגעמיינעם איינדרוק, אַז דעבס האָט געהאַלטען אַ רעדע אין קענטאָן, און אַז ער האָט זי געהאַלטען פאַר אַ מאַסע. אָפּשאַצונגען פון דער גרויס פון דער מאַסע זיינען געגאַנגען פון 200 ביז 1,500. יעדענפאַלס האָט דעבס גערעדט אין דער הויך; און גערעדט האָט ער פון אַ געשטעל פאַר מוזיק, וואָס איז ניט געווען באַציערט מיט אַ פאָהן, און פונקט נאָכדעם, ווי די אומאָפּהענגיג־קייטס־ערקלערונג איז פאָרגעלעזען געוואָרען. אָט די רעפּאָרטערס האָבען רעספּעקטירט דעבס'ען, און זיי זיינען ניט געווען זעהר גליק־ליך אין זייערע אויסזאָגונגען פאַר'ן געריכט. איינער פון זיי האָט דערמאָנט אַן אינטערוויו. נאָכדעם ווי דעבס האָט איהם געגעבען גאַנץ ענטשיידענע ענטפערס אויף איינינע פראַגען, האָט ער זעהר העפליך געזאָגט צום רעפּאָרטער: „איהר מעגט זיך זיין אין דעם גערעכט, און איך — אומגערעכט. איך זאָג ניט, אַז איך בין אומ־פעהלבאַר, אָבער אַזוי פאַרשטעה איך."

פאַר'ן געריכט איז ערשינען נאָך אַ העפליכער מענש, און אין אָנהויב איז פאַר אַלעמען געווען אַ געהיימניס, צו וואָס ער איז גע־קומען. דאָס איז געווען דער סאָציאַליסט ס. ע. רוטענבערג, וואָס איז אויף אַ סענסאַציאָנעלען אופן „געלאָפען" פאַר מעיאָר פון קליוולאַנד ביי די לעצטע וואַהלען. ער איז אָנגעקומען פון אַן אָהייאָ טורמע וואו ער זיצט אָפּ זיין טערמין. די פּראָקוראַטור האָט איהם אַרויסגעשטעלט מיט דעם איינציגען צוועק, אַז ער זאָל דערקענען די סט. לואיס'ער פּלאַטפאָרם און די פּראָקלאַמאַציע פון דער סאָציאַליס־טישער פּאַרטיי. דאָס וואָס מען האָט איהם אַראָפּגעבראַכט פון

געפּענגנים האָט געזאָלט, דוכט מיר, מאַכען דעם איינדרוק אויף די געשוואָרענע ריכטער, אַז אַלע סאָציאַליסטען דאַרפען זיין אין גע־פּענגנים. איך צווייפעל אָבער, צי אַזאַ איינדרוק האָט זיך באַקומען. זיין שטילקייט, זיין העפליכע באַוועגונג, זיין דין, שאַרף, לעבעדיג געזיכט, — ער זעהט אויס ווי אַ פאַלק, וואָס שמייכעלט, — האָ־בען ווי באַשטעטיגט די זינלאָזיגקייט פון שיקען ווענען עס איז פון זיי אין געפּענגנים.

די פּראָקוראַטור האָט אַרויסגעשטעלט נאָך איין אונבאַקאַנטען, אַ טונקעלען יונגענמאַן, אַ פּראָפעסיאָנעלען, כאָטש ניט קיין איבער־געשפּיצטען דעטעקטיוו. ער האָט דערמאָנט דריי זאַצען, וואָס ער האָט געהערט פון דעבס'ען ביי אַ קאָנפערענץ פון סאָציאַליסטישע שטאַאַטס סעקרעטאַרען אין שיקאַגאָ. נאָכדעם ווי ער האָט געענדיגט פאַרלעזען, האָט סיימור סטעדמאַן, דעבס' הויפּט פאַרטיידיגער, איהם געבעטען אַרויסנעמען די פאַרשריבענע דריי זאַצען פון קע־שענע און זעהן, צי ער האָט זיי פאַרגעלעזען ריכטיג. ער האָט אַזוי געטאָן, און די זאַצען זיינען נ י ט פאַרגעלעזען געוואָרען ריכטיג. אָבער דאָס האָט קיין גרויסען אונטערשיד ניט געמאַכט.

קיין זאַך איז ניט זעהר וויכטיג אין אַזעלכע פאַלען, אויסער דעם באַשולדיגונגס־אַקט. נאָכדעם ווי מען האָט אַ מענשען גע־בראַכט אין געריכטזאַל ביי דער איצטיגער גרויסער פּאַטריאָטישער אויפרעגונג, און מען האָט ערקלערט פאַר די געשוואָרענע ריכטער, אַז אָט דער מענש איז שולדיג אין אויפרייצען אַן אויפשטאַנד אין דער אַרמיי פון די פאַראייניגטע שטאַטען, אַרויסרופען אונלאָיאַלי־טעט ביי זיינע קאַמפּאַטריאָטען, שטערען דער רעקרוטירונג פון פריי־וויליגע סאָלדאַטען, ערמוטיגען ווידערשטאַנד צו די פאַראייניגטע שטאַטען פון אַמעריקאַ און העלפען דער זאַך פון דעם שונא, — אַז ער איז שולדיג אין די אַלע זאַכען, דאַן איז שוין אַלץ פאַרטיג, און עס בלייבט נאָר איבער אַרויסצוברייננגען דעם ווערדיקט. אויב דער באַטרעפענדער מענש איז נאָך אַ פאָלקאָמענער קריסטאַל פון קאָנ־ווענציאָנעלען אַמעריקאַניזם, און ער קען דאָס באַווייזען, דאַן קען ער אַמאָל בלייבען פריי. אויב אָבער ער האָט ווען עס איז געהאַט אַ מיינונג, וואָס אונטערשיידט זיך אויף אַ האָר פון די מיינונגען

פון זיינע רעגולער רעפובליקאנישע אדער דעמאקראטישע אורעל־טערען, וואס האבען אלע געקעמפט אין בירגער קריעג, אין דער רע־וואלוציאנס־מלחמה און אין דעם פראנצויזישען און אינדיאנער קריעג, זיינען זיינע שאנסען שוואך. מען וואלט געקענט ערווארטען, אז צוליעב דעם וועט זיך די רעגירונג אבהאלטען פון ווארפען אזעל־כע פארלוימדערישע באשולדיגונגען צווישען דענקענדע מענשען.

עס פארשטעהט זיך, אז פון איין שטאנדפונקט איז דעבס׳ פראַ־צעס געוועזן נאר אן אינצידענט אין דער אלגעמיינער אונטערוואר־פונג פון סאציאלע אימפולסען צו דער מיליטערישער נויטווענדיג־קייט. אבער דעבס׳ איצטיגער פראצעס איז דאך ניט געוועזן זיין ערשטער. דיזעלבע זאך איז אינסצענירט געווארען נאך פריהער, אין צייטען פון אינטערנאציאנאלען פרידען. און איך האב געמוזט פיהלען, אז עפעס אנדערש איז דא סימוואליזירט געווארען אין דעם קאנטראסט צווישען אט דעם מענשען און זיינע ריכטער. דא איז געוועזן סימוואליזירט דער קאנפליקט צווישען צוויי צייטען אין דער אלוועלטליכער געשיכטע : דער צייט פון אינדוסטריעלען דעספא־טיזם און א שאטען פון פאליטישער דעמאקראטיע, פון איין זייט, און דער צייט, ווען דער אינדוסטריעלער דעספאטיזם ווערט אומ־געווארפען, און דעמאקראטיע עקזיסטירט, פון דער אנדערער.

דער זאל פון מאדערנער גערעכטיגקייט אין קליוולאנד בא־שטעהט פון דעמב און מארמאר, מיט פענסטער צוויי עטאזש די הויך און א סופיט פון גאלד. דער ריכטער זיצט הויך, און זיין טיש איז אזוי ברייט, ווי א קראס־טיש. און הינטער איהם און אי־בער איהם איז די וואנט אין דער גאנצער ברייט באדעקט מיט גלענ־צענדער מאלעריי. דא זיינען אויסגעמאלען מלאכים מיט שעהנע קערפערס, שטריינגע געזיכטער און פלאמיגע שווערדען. זיי הי־טען די שטיינערנע לוחות, אויף וועלכע די צעהן געבאטען פון פאלק ישראל זיינען אויפגעשריבען. די מלאכים היטען אפ די לוחות, ווי מיר האט אויסגעוויזען, פון דעם בליק פון אן אדוואקאט, א מענשען ווי אליהו רוט,*) אין א געשעפטס אנצוג, אין א שווארצען מאנטעל,

*) אליהו רוט, איינער פון די פעהיגסטע, פלינקסטע, רעאקציאנערע

וואָס פּרואווט אַרויסלעזען פון אַ בוך עפּעס, וואָס איז זעהר קלוג...
אַ מין פייערליכקייט האָט גערוהט אין יענעם טייל פון צימער, און
אין דעם צווייטען עק האָט מען געזעהן אַ געדיכטע מאַסע אָרימע
מענשען, וואָס האָבען זיך אויפגעשטעלט אין ערוואַרטונג, און זייערע
אויגען האָבען געשיינט ווי די אויגען ביי קינדער ביי יעדער געשע־
העניש...

מיר ווילט זיך אַלעמאָל ליעבען דעם ריכטער, ווען איך קום
אַריין אין געריכטזאַל. דאָ איז דאָך אַזאַ געלעגענהייט פאַר דער
מענשליכער נאַטור צו זיין שעהן. יעדערער, פאַר וועמען דאָס לע־
בען איז אַ הייליגע קונסט, מוז מקנא זיין דעם ריכטער פאַר זיינע
געלעגענהייטען. אָבער די, פאַר וועמען דאָס לעבען איז הייליג,
אפילו זייערע אייגענע לעבענס, ווערען ניט אַזוי אָפט דערהויבען צו
אַזאַ ווירדע ווי אַמאָל. ריכטער וועסטענהאַוער האָט דעם ברייטען
באַקענביין און פעסט צוזאַמענגעשלאָסענע ליפּען פון דעם הערשענ־
דען וועלטליכען ריכטער אין מענשען. זיינע ליפּען זיינען אַזוי
שטאַרק אַראָפּגעבויגען ביי די ברעגען, אַז זיי בלייבען פאַרמאַכט,
ווען ער רעדט, און זיין אויסזעהן בלייבט פּונקט אַזוי שטרענג, ווי
ווען ער שווייגט. און דאָך קומען ביי איהם די ווערטער אַרויס
אַזוי העפליך־ווייך און אין אַזאַ לעבעדיגען ריטם, און זיי ציהען זיך
אַזוי דורך לאַנגע זאַצען, ביז זיי קומען צו אַ פּונקט פון שווייגען
און פון גראַמאַטישער אונזיכערהייט. איך דענק ניט, אַז ער איז
אַזוי ריכטערליך, ווי ער ווייזט אויס. אויב מען זאָל קענען דורכ־
גראָבען אַ געוויסע וואַנט, וואָס ער האָט אויסגעבויט אַרום זיך,
וואָלט מען געקענט אַרויסזעהן די נשמה פון אַ קליינשטעדטעלדיגען
אַדוואָקאַט, וואָס שרעקט זיך נאָך אַלץ, אַז ער וועט ניט קענען זיין
אויף דער הויך פון זיין ווירדיגען שטאַנד. אַזוי, ווענינגסטענס,
ערקלער איך די היסטאָרישע שטרענגקייט, מיט וועלכער ער באַ־
שיצט די אויסערליכע צייכענס פון זיין ווירדיגען אַמט.

---

אַדוואָקאַטען און פּאָליטיקער אין לאַנד. אליהו רוט׳ס קאַריערע אַלס
אַדוואָקאַט פאַר גרויסע טראָסטען און קאָרפּאָראַציעס איז באַזונדערס רייך
אין „געזעצמעסיגער" פאַרלעצונג פון דעם בוכשטאַב און אינהאַלט פון
געזעץ. — רעד.

די פּראָקוראַטור האָט צו איהר ערעפענונג פון דעם פּראָצעס צונעמישט אביסעל שטימונג פון די הייליגע שריפטען. זי האָט ער־קלערט, אז דעבס „זאָל געאורטיילט ווערען נאָך זיינע אייגענע ווערטער און נאָך זיינע אייגענע ווערטער זאָל ער פער'משפט ווע־רען". סטעדמאַן האָט צום שלום פון זיין ערעפענונגס רעדע באַלד אָנגנומען די ארויספאָדערונג. „יע, — האָט ער ערקלערט אין א ליידענשאפטליכען טאָן, — איהר זאָלט איהם אורטיילען נאָך זיינע ווערטער, און ניט נאָר די ווערטער, נאָר אויך זיינע האנדלונגען, דאָס ווערק פון זיין גאנצען לעבען!" א פארזוך צו אפּלאָדירען איז געמאכט געוואָרען, עטליכע האָבען זיך אין זייער געפיהל פארגעסען. דאָס איז געווען אומפארמיידליך, און ווי אַן אָפּרוה איז דאָס געווען איינפאך ערפרישענד. אָבער דאָס האָט ניט לאַנג געדויערט. אָננעמענדיג די פּאָזע פון צעזאר אויגוסטוס, האָט דער ריכטער אויסגעשטרעקט א שרעקליכע באשולדיגענדע האנט און האָט אויסגעשריען: „ארעסטירט יענעם מאַן!" אזוי ווי דער מאַן וואָלט געווען באוואפענט מיט א באָמבע און וואָלט נאָר גע־ווארט עטליכע סעקונדען, ביז די צינד־שנור וועט דערברענען, — „און יענע פרוי! — און ארעסטירט יעדען איינעם, וואָס איהר האָט געזעהן אפּלאָדירענדיג!"

דאָס איז געווען אשרעקליכער מאָמענט, און יעדער איינער האָט געפיהלט, ווי קינדער פיהלען אין שול, ווען עפּעס א שרעקלי־כער זינדער ווערט געבראכט פאר'ן לעהרער. באזונדערס נאָך, ווייל איינע פון די זינדער איז געווען ראָוז פּאסטאָר סטאָוקס, וואָס האָט גראד יענעם שטיפערישען בליק, וואָס איז אזוי כאראקטעריסטיש פאר דעם האָפנונגסלאָזען שטיפער אין שול. דער לעהרער איז געווען שרעקליך אויפגעבראכט. ווער וויים, וואָס וואָלט געשעהן, אפשר וואָלט מען אלע מענשען אין געריכט זאָל פאראורטיילט צו געפענגניס, אָדער צו בלייבען אָהן מיטאָג, אָדער עפּעס אנדערש, ווען ווען ניט דער טאקט פון אן אירלענדער קאָניע, אַן אדוואָקאט פאר דער פארטיידיגונג. ער איז ארויסגעטראָטען און האָט גענומען דערמאָנען דעם הערען ריכטער, אז די שוואכקייטען פון דער מענש־ליכער נאטור זיינען שטארק פארשפּרייט צווישען מענשען.

— פ אַ ר ט ר ע ט איהר אָט די אָנגעקלאָגטע ? — האָט דער ריכטער געפרעגט אונהעפליך.

— איך ענטזאָג זיך קיינמאָל ניט צו פאַרטרעטען עמיצען, וואָס נויטיגט זיך אין מיר, — האָט קאָניע געענטפערט. און איך וויים ניט פאַר וואָס דאָס איז, וואָס די אירלענדער קענען אַלעמאָל זאָגען זאַכען, וואָס אַנדערע קענען אפילו ניט אָנדייטען, און מען זאָל זיי דערפאַר ניט אָפּרייסען כאָטש דעם קאָפּ. אָבער קאָניע האָט גערעדט און נעגעבען צו פאַרשטהן, אַז ער וויל ניט זעהן דעם ריכטער זיצען דאָרט אויבען אָן און שפּיעלען אַ ראָלע פון אַ גאָט פאַר זיינע מיטמענשען. און דער ריכטער האָט אָנגענומען דעם פאָרוואורף און האָט אָפּגעלעגט דעם פאַרהער ביז אויף מאָרגען, ווען ער וועט אפשר זיין אביסעל וועניגער „דערצאָרענט אָהן אַן אורזאַך". ער האָט אייניגע פון זיי אביסעל באַשטראָפט און האָט די איבעריגע אַנוועזענדע אין גערימטסזאַל געוואָרענט און אָנגעוויזען אויף דעם אַלעמען באַקאַנטען ווידערשפּרוך צווישען מענשליכער אָפּשאַצונג און דער פּראָצעדור פון אַ געריכט, וואו געזעצען ווערען אָפּגעהיט.

די פּערזענליכקייט פון אָט דעם ריכטער ערוועקט אַ באַזונדערען אינטערעס. ער איז געצוואונגען געווען אויסצוהערען אייניגע באַמערקונגען וועגען זיך, און אויב אָט די באַמערקונגען זיינען געווען ריכטיג, האָט ער געמוזט מאַכען גרויסע אָנשטרענגונגען ניט צו דערלאָזען, אַז זיי זאָלען איהם אריינדרינגען אין מח.

„ווער באַשטימט די פעדעראַלע ריכטער ? — האָט מען פאַרגעלעזען פון דעבס' רעדע אין קענטאָן, — דאָס פאָלק ? אין דער גאַנצער געשיכטע פון לאַנד האָט דער ארבייטער קיינמאָל ניט נאָמינירט קיין פעדעראַלען ריכטער. עס זיינען פאַראַן אַזעלכע ריכטער הונדערט און איין און צוואַנציג, און יעדער איינציגער פון זיי באַקומט זיין שטעלע און זיין געהאַלט נאָר דורך די מאַכט און איינפלוס פון גרוים קאַפּיטאַל. די קאָרפּאָראַציאָנען און טראָסטען דיקטירען די צאַשטימונג פון ריכטער. און ווען זיי געהען אין געריכט, געהען זיי ניט דיענען דעם פאָלק, זיי געהען דיענען די אינטערעסען, וואָס האָבען זיי אוועקגעשטעלט אויף זייער שטאַנד".

אַט די ערקלערונג איז ניט ריכטיג היסטאָריש וועגען ריכטער וועסטענהאַוער, און וועגען אַנדערע איז דאָס אויך ניט ריכטיג היסטאָריש, און איהם האָט דאָס געמוזט אויסווייזען ווי אַבזיכטליכער שפּאַט. און דאָך איז דאָס גאָר ניט געווען אַזוי. אין דער באַהויפּטונג איז נאָר אויף אַ נאַכלעסיגען אופן געזאָגט געוואָרען עפּעס, וואָס איז אין עצם דורכאויס אמת דוכט מיר, אפילו אין באַצוג צו ריכטער וועסטענהאַוער אליין, נעמליך, אַז ער וועט אין אַ ברייטען זין זיך אויפפיהרען פון קאָרפּאָרירטען קאַפּיטאַל אין אַ לאַנד, וואו אַזאַ קאַפּיטאַל האָט די העכסטע מאַכט און דעם העכסטען פּרעסטיזש.

ריכטער וועסטענהאַוער איז געווען אַ יונגער אדוואָקאַט אין דעם קליינעם פאַרמער שטעדטעל מאַרטינסבורג, וועסט ווירדזשיניא. ער איז דאָרט געווען נוטאָן בייקער'ס שותף און האָט וואַרשיינליך דעם קריעגס־מיניסטער צו פאַרדאַנקען זיין באַשטימונג. ער האָט ניט געקענט געהן אין קאַלעדזש, אָבער ער האָט געוואָלט האָבען בילדונג, זיין גרויס־שטאָדטיש, זיין „קאָרעקט“, ווערען אָנגענומען אין יעדער געזעלשאַפט ווי אַ „קולטורעלער און פעהיגער מענש“, קורץ, ער האָט געוואָלט אַוועקגעהן אַזוי ווייט ווי מעגליך פון דעם קליינעם אדוואָקאַט, וואָס ער איז געווען. איז ער געקומען אין קליוולאַנד, געקומען צופעליג ווי אַ מיטגליד פון דער אדוואָקאַטען פירמאַ, וואָס האָט פאַרטיידיגט טאַם דזשאָנסאָן אין זיין האַמפּ פאַר דעמאָקראַטיע אין יענער שטאָדט נעגען די גרויסע קאָרפּאָראַציאָנס אינטערעסען. אין פאַרלויף פון פינף אָדער זעקס יאָהר האָט וועסטענהאַוער אָנגעפיהרט אַט דעם אַנטי־טראָסט פּראָצעס, און האָט איהם אָנגעפיהרט גוט. אָבער דאָס האָט קיינמאָל ניט באַפריעדיגט זיין אַמביציאָן, וואָס איז נאָר געווען די נאָרמאַלע מענשליכע אַמביציאָן צו זיין אויף אַ הויכען שטאַנד. איהם איז ניט געווען צום האַרצען טאַם דזשאָנסאָן'ס אויסטייטשונג פון די מאָטיווען פון פּראָמינענטע מענשען, איהם איז אויך ניט געווען צום האַרצען טאַם דזשאָנסאָן'ס אונגעזעצליכער דעמאָקראַטיזם. זיין האַרץ איז ניט געווען מיט זיין קאָפּ אין דער אויפגאַבע. זיין האַרץ האָט איהם אַלץ געצויגען אַוועקצוגעהן וואָס ווייטער פון דעם מאַר־

טינסבורגער אַדוואָקאַט, וואָס איז ניט געווען אין קאָלעדזש. ער האָט איינפאַך געשלונגען די „בעסטע" ליטעראַטור, האָט פלייסיג געלערענט די „קאָרעקטע" זאַכען און האָט פּונקט ווי אַנדערע מאָדערנע מענשען געשטרעבט אויף אַ קינדישען אופן צו אַנערקענונג.

און זעהענדיג נאָך אַלץ אין אָט דעם שטרעבען די הויפּטזאַך, און זייענדיג נאָך אַלץ אונזיכער און אונצופרידען, איז ריכטער וועסטענהאַוער ערשינען אין פעדעראַלען געריכט, און איהם איז באַשערט געווען די מעהר ווי מאָדערנע אויסצייכנונג צו זיין ריכטער אויף דעם פּראָצעס פון יודזשין דעבס. און ווערענד דעבס האָט געגעבען אַן עקאָנאָמישע פּאַרטייטשונג פון איהם, ריכטער וועסטענהאַוער, אַליין און פון דעם מין פּרעסטיזש, צו וועלכען ער, דער ריכטער, האָט געשטרעבט; ווערענד דעבס האָט אויסגעמאָלען אַ בילד פון מאָדערנעם לעבען, אַ בילד, וואָס איז ניט אינטעלעקטועל, אָדער הויך קולטורעל, אָדער „קאָרעקט", דערפאַר אָבער אמת, — איז ריכטער וועסטענהאַוער געזעסען און האָט אַביסעל צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. די גאַנצע זאַך, ווייזט אויס, האָט איהם אַביסעל אַמוזירט, אויף זיינע ליפּען האָט געשפּיעלט אַ העפליכער, פּאַטראָניזירענדער שמייכעל, ער איז געווען זיכער, אַז ער שטעהט אויף אַ העכערען שטאַנד, — די איינציגע זאַך, אין וועלכער ער האָט אַלעמאָל געוואָלט זיין זיכער. און טאַקי, אָט דער שמייכעל און אָט די שטעלונג האָבען אויפגעדעקט דעם אינעווייניגסטען אמת פון דער איינפאַכער זאַך, וואָס דעבס האָט געזאָגט וועגען איהם. ער ו ו ע ט זיך אויפפיהרען, אין אַלגעמיין און פאַר פּראַקטישע צוועקען, ווי אַ רעפּרעזענטאַנט פון קאָרפּאָרירטען קאַפּיטאַל, ניט צוליעב דירעקט דינסטווילליגקייט אָדער פאַרדאָרבענהייט, נאָר ספּאָנטאַן און אונבאַוואוסטזיניג, ווייל די מאַכט און דער פּרעסטיזש פון גרויס קאַפּיטאַל זיינען אויף דער הויך, צו וועלכער ער שטרעבט. די מאַכט און דער פּרעסטיזש פון קאַפּיטאַל באַשטימען אין די איצטיגע ניט פרעהליכע צייטען די מאָס פון „קולטורעלקייט", זיי ענטשיידען וואָס איז „קאָרעקט" און גרויס־שטעדטיש און אפילו וואָס איז "אינטעלעקטועל".

וואָס אַנבאַטרעפט די געשוואָרענע ריכטער, איז כאָטש זייער

צאָהל איז ניט געווען קיין קליינע, איז אָבער שוין לייכטער געווען פאָראויסצוזעהן, ווי זיי וועלען רעאגירען אויף דעם ארויסטריט פון א פראָפעט פון פראָלעטארישען רעוואָלט. זיי זיינען געווען מענשען פון איבער זעבציג יאָהר, זיינען ווערט געווען פון פופציג ביז זעכ־ציג טויזענד דאָלאַר, האָבען זיך צוריקגעצויגען פון געשעפט, פון פארגניגען און פאראַנטוואָרטליכקייט פאר אלע צרות, וואָס קומען פאָר ניט אין זייערע אייגענע פאמיליען. אן אונטערזוכער, וואָס די פארטיידיגונג האָט אָנגעשטעלט, האָט אויסגערעכענט, אז דער דורכשניטליכער עלטער פון די איינגעשוואָרענע הונדער מענשען איז זעבציג יאָהר, און אז זייער דורכשניטליכער פארמעגען איז איבער פופציג טויזענד דאָלאַר. אין דער דזשורי, וואָס איז ענד־ליך אויסגעקליבען געוואָרען, איז יעדער איינער געווען ענטוועדער א צוריקגעצויגענער פארמער, אָדער א צוריקגעצויגענער סוחר, און נאָר איינער, וואָס איז נאָך געווען א טעטיגער קאָנטראַקטאָר. קיי־נער פון זיי איז אָבער ניט געוואוינט געווען צו האָבען א סך פרייע צייט, און זיי האָבען אויף די געזיכטער געהאט דעם אויסדרוק פון מענשען, וואָס האָבען פארלאָרען יעדע סימפאטיע מיט א קאמף, וואָס זיי פערזענליך האָבען שוין דורכגעמאכט אינגאנצען. דעבס האָט אויסגעדריקט זייער אויסזעהן בעסער ווי איך קען דאָס טאָן.

נאָך זיין רעדע אין דעם קליינעם האָטעל־צימער האָט ער גע־זאָגט: „עס איז פאראַן עפּעס פאטעטישעס אין זייערע צוגעפוצ־טע געזיכטער און קרעמערשע קערפּערס. ווען זיי וואָלטען געווען אָנגעטאָן אין שמאטעס, וואָלט געווען גוט". און דאָן, אומקערענדיג זיך אינסטינקטיוו צו עפּעס, וואָס ער קען ליעבען, האָט ער געזאָגט: „וואָס פאר א קאָנטראַסט דאָס איז, ווען איהר קערט זיך אום צום הינטערגרונד פון געריכטס־זאל און געפינט דאָרט א קליינע גרופּע פון שעהנע סאָציאַליסטען, מיט שטערען אָנשטאָט אויגען, — איהר קענט זיי אַלעמאָל דערקענען!"

דעבס איז דער ליעבליכסטער שטאַרקער מענש אין דער וועלט. ער איז א פּאָעט, און ווי א פּאָעט איז ער מעהר באַגאַבט אין פּריו־וואַטען געשפּרעך ווי אין עפענטליכע רעדען. יעדע מינוט, יעדער אינצידענט אין לעבען ווערט פון איהם שטאַרק אויפגענומען און

פאַרהייליגט. ער האַלט די גאַנצע צייט זיין קערפּער, — און זיין פאַרשטאַנד אויך, — אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען אַ העכסט דעליקאַטער אינסטרומענט. אין די קלענסטע צאַוועגונג, וואָס ער מאַכט, גיט ער אריין זיין גאַנצען גייסט און קאָנצענטרירטקייט. זיין שפּראַך שטעלט זיך אַלץ אָפּ אויף „דער" און „און", מיט אַזאַ ערנסטער ליעבע צו די נידריגע, וואָס ווארפט איינגאַנצען אראָפּ דעם אַקצענט פון זיינע זאַצען פון דעם קאָנווענציאָנעלען וועג און מאַכט יעדען איינעם אויסזעהן, ווי אַ ספּעציעלע שאַפונג פון דעם מאָמענט. ער איז הויך און לאַנגפינגערדיג, ווי אַ ניו העמפּשירער פאַרמער, און דאָך איז ער פונקט אַזוי לעבעדיג, אינטענסיוו און פול ליעבליכקייט, ווי די פראַנצויזען, — אַ מין פראַנצויזישער יענקי, דאָס פיינסטע בילד פון דעם, וואָס מיר ווילען האָבען פאַר דעם טיפּ אַמעריקאַנער. און די באַוועגונגען פון זיינע הענט און קערפּער זיינען שעהנער, און זיין גייסט איז שעהנער פון אַלץ, וואָס איך האָב ביז איצט באַגעגענט אין וועלכען עס איז מענשען פון אונזער צייט.

די רעליגיאָן פון סאָציאַליזם איז צוזאַמענגעשטעלט פון די ליידענשאַפטען אי פון קאַמף, אי פון ליעבע. און דעבס ווייס, ווי צו קעמפפען. ער ווייס, ווי צו שלאָגען מיט זיין ניפטיגער צונג די מענשען מיט „געזיכטער פון שטיין און איינגעווייד פון מעש", וועמעס אונגעהויערע געלטגייציגקייט שטערט און דערשטיקט דער מענשהייט'ס באַוועגונג צו פרייהייט. ער ווייס ווי צו קעמפפען. אָבער אין דעם ווייזט זיך נים ארויס זיין זשעניאַליטעט. זיין זשעניאַליטעט ווייזט זיך אַרויס אין ליעבע, אין דער אוראַלטער, אמת'ער ליעבע, דער ליעבע, וואָס איז וואונדער, וואָס איז אינגאַנצען איינס מיט די געפיהלען און די נויטען און די פאַרלאַנגען פון אַנדערע. אָט פאַרוואָס איהר פיהלט אייך ווי געהייליגט, ווען איהר באַגעגענט איהם און ער קאָנצענטרירט אויף אייך אויף איין מאָמענט זיין וואַרימע אויפמערקזאַמקייט. און אָט פאַרוואָס דעבס האָט אַזוי פיעל מעהר קראַפט פון אַ סך מענשען, וואָס זיינען שאַרפזיניגער פון איהם און האָבען מעהר פון איהם שטודירט די דינקייטען פון פּאָליטיק און עלאָקווענץ. און אָט פאַרוואָס דעבס איז געפונען געוואָרען שולדיג אין אַ פאַרברעכען, — ער איז געפונען געוואָרען

שולדיג און איז פאַראורטיילט געוואָרען, ווייל ער האָט ניט געקענט עפענען זיין מויל און ניט ערקלערען זיך סאָלידאַריש און ניט אינערליך אידענטיפיצירען זיך מיט זיינע קאַמעראַדען, וואָס זיינען אין געפענגניס. און דורך דער גאַנצען רייהע באַווייזען פון פּראָקוראַטור, און דורך זיין אייגענער גאַנצער רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטען אין זיין פאַרטיידיגונג, און דורך דער לעצטער שטילער רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטען, איידער דער ריכטער האָט איהם פאַראורטיילט, האָט געקלונגען דערזועלביגער רעפרען, דיזועלביגע עלאָקווענץ פון איינעם, וואָס לעבט איבער אין זיין אייגענער ברוסט די ליידען פון יעדען איינעם, וואָס ליידט.

איך זעה, ווי ער זיצט דאָרט פאַר זיינע ריכטער, מיט געפיהלען, וואָס זיינען ווייט פון זיין פּראָצעס, אָבער מיט לעבעדיגער אינטעלעקטועלער אויפמערקזאַמקייט, זיין קאָפּ הויך, מיט הויכע קנייטשען, עהנליכם צו וויליאַם לאָיד גערִיסאָן, עפּעס הייליגעס איז פאַראַן אין איהם, וואָס וועט קיינמאָל ניט איינגעהן אויף קאָמפּראָמיסען, וואָס איז אונענדליך רוהיג, — און איך בין אויך רוהיג. איך בין גליקליך. און ווען דער אומגעלומפּערטער פּראָקוראָר, מיט זיין רונדער באַק און שאַרפער נאָז, איז פאַרטיג מיט זיין שווערער אויפגאַבע צו באַווייזען, אַז דעבס האָט געזאָגט דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט, איז אַ ווײלע שטיל. דעבס קוקט ארויף צו סטעדמאַן. סטעדמאַן קוקט אַריבער צום פּראָקוראָר.

די פאַרטיידיגונג וועט ניט פאָרברענגען קיין עדות.

די מענשען אין געריכטס־זאַל זיינען אַביסעל איבעראַשט. אַ ווײלע איז ווידער שטיל. דער פּראָקוראָר איז ענטוישט. ער וועט ניט האָבען דאָס פאַרגניגען ארויפצוואַרפען שרעק אויף די עדות פאַר דער פאַרטיידיגונג. ער וועט אָבער אָניאָגען, ער וועט זיך שוין דערפאַר אָפּרעכענען מיט דעם באַשולדיגטען אַליין. ענדליך באַשטימט דער ריכטער אַן אָפּרוה אויף צעהן מינוט, און יעדערער, וואָס האָט אַ גוטען פּלאַץ, זעצט זיך באַקוועם אוועק און וואַרט.

„מר. דעבס וועט אַליין אָנפיהרען זיין פאַרטיידיגונג“, — האָט סטעדמאַן געזאָגט, ווען דאָס געריכט האָט זיך ווידער פאַרזאַמעלט. ער איז אַריבערגעגאַנגען צום טיש פאַר צייטונגס רעפּאָרטערס און

האָט זיך דאָרט געזעצט, די אַנדערע אַדוואָקאַטען האָבען זיך אויך אוועקגעזעצט. און יעדערער האָט געוואַרט, אָנגעשטרענגט, ווי אויף אַ בליץ. אָבער דעבס האָט זיך אויפגעהויבען מיט איבער־לעגטקייט, האָט צוזאַמענגעקליבען איינינע פּאַפּירען, און ווערענד אין זאַל איז געוואָרען זעהר שטיל, האָט ער אָנגעקוקט זיין ריכטער אַ פולע מינוט. דאַן האָט ער העפליך און שטיל, אָבער מיט יענער מאַגנעטישער געניאַליטעט, אָנגעהויבען צו באַהאַנדלען די איינציגע פראַגע, וואָס האָט נאָר געקענט פאַרנעמען זיין אָנגעשטרענגטע אויפ־מערקזאַמקייט, — די פראַגע, צו דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט אין זיין רעדע אין קענטאָן, איז געווען ריכטיג, צי ניט.

„צום ערשטען מאָל אין מיין לעבען ערשיין איך אין אַ געריכט פון געזעץ, צו ענטפערען אויף אַ באַשולדיגונג אין אַ פאַרברעכען. איך בין ניט קיין אַדוואָקאַט. איך ווייס ווענינ וועגען געריכטלי־כער פּראָצעדור, וועגען די רעגלען פון באַווייזען און וועגען דער פּראַקטיק פון געזעץ. איך ווייס נאָר, אַז איהר, מיינע הערען, דאַרפט אויסהערען די באַווייזען, וואָס זיינען געגען מיר געמאַכט געוואָרען, אַז דאָס געריכט וועט אייך אינסטרואירען אין געזעץ, און איהר וועט דאַן דאַרפען באַשליסען, דורך אייער ווערדיקט, צי איך זאָל געשטעמפּעלט ווערען ווי אַ שולדיגער אין אַ פאַרברעכען און בלייבען פאַרשפּאַרט אין אַ צעל, אפשר ביז צום סוף פון מיין לעבען.

„מיינע הערען, איך האָב ניט מורא צו שטעהן איצט פאַר אייך אַ באַשולדיגטער, און איך וויל ניט אויסמיידען די פאָלגען פון מיינע רייד אָדער האַנדלונגען. שטעהענדיג דאָ פאַר אייך, באַשול־דיגט אין אַ פאַרברעכען, קען איך קוקען מיינע ריכטער אין געזיכט, קען איך קוקען דער גאַנצער וועלט אין געזיכט, ווייל אין מיין גע־וויסען, אין מיין נשמה פיהל איך ניט קיין שולד.

„איך וויל דאָ צוגעבען, אַז אַלע אויסזאָגונגען אין פאַרלויף פון די איצטיגע פאַרהאַנדלונגען זיינען געווען אמת. איך בין ניט גענויגט אָפּצולייקענען דאָס, וואָס איז אמת. איך וואָלט ניט גע־וואָלט אויסמיידען די פאָלגען פון אַן אונגינסטיגען ווערדיקט, אפילו ווען איך וואָלט דאָס געקענט טאָן. איך וויל ניט נעמען צוריק אפילו

איין וואָרט פון דעם, וואָס איך האָב געזאָגט און וואָס איך האָב גע־האַלטען פאַר אמת, נאָר אום צו רעטען זיך און ניט דאַרפען געהן אין פעניטענשערי, פאַר די גאַנצע צייט, וואָס מיר בלייבט נאָך צו לעבען".

עס איז געווען פינסטער, ווען דעבס האָט אָנגעהויבען רעדען, כאָטש עס איז נאָר געווען צוויי אזייגער בייטאָג. און וואָס ווייטער ער האָט גערעדט, אַלץ פינסטערער איז עס געוואָרען; און דאָס ליכט פון די העגגלייכטער איז אויפגעקומען, און אין דעם אָנקומענדען שטורעם זיינען די פענסטער געווען שוואַרץ ווי ביינאַכט. זיין רעדע איז געוואָרען אַלץ קלערער און שעהנער אנטקעגען דער פינסטערניש, און דאָס האָט געמאַכט די איינפּאַכקייט פון זיין גלויבען אויסווייזען, ווי אַן אַנדייטונג אויף די איצטיגע צייט פון שרעקליכע און פינסטערע געשעהענישען. עס האָט אויסגעוויזען, ווי די ליעבע און דער אמת׳ער עצם פון ליכט וואָלטען אינספּירירט געוואָרען אָנצופיהרען די וועלט גלייך פאָרווערטס צו דעם שוואַרצען האַרצען פון שטורעם און פאַרניכטונג...

איך דענק, אז עס קען ניט געמאַכט ווערען קיין מיליטערישע איינוועגדונג קעגען ציטירען יענעם טייל פון זיין רעדע, וואָס איז ניט געווען פּאַסיפיסטיש, נאָר פּראָפּעטיש, אין באַצוג צו סאָציאַליזם. דאָס איז דער טייל, וואו ער האָט געמאָלען די ברייטע שטרע־מונגען אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע פון דער פאַרגאַנגענהייט, און די זיכערע, פאָראויס־באַשטימטע צוקונפט. מען האָט איהם באַשולדיגט אין „סימפּאַטיע מיט די באָלשעוויקי" פון רוסלאַנד. ער האָט ערקלערט אין וואָס פאַר א זין ער איז סאָלידאַריש מיט זיין, און אז ער וויים, אז אין אונזערע צייטונגען זאָגט מען וועגען זיי באַוואוסטזיניגע ליגענס, ווי מען האָט אַלעמאָל געזאָגט ליגענס אויף די ווייניגע אידעאַליסטען, וואָס ענדערען די וועלט, ווי מען האָט געזאָגט ליגענס אויף קריסטוס׳ען, ווי מען האָט באַשולדיגט און פאַרפאָלגט קריסטוס׳ען.

„מיט אַנדערהאַלבען יאָהרהונדערטער צוריק זיינען נאָך די אַמעריקאַנער קאָלאָניסטען געווען אויסלענדישע אונטערטאַנען. און ווען עס האָבען זיך דאָן געפונען איניגע מענשען, וואָס האָבען גע־

האט געבליבען אין דעם איינפאכען פאלק און זיינען געווען איבער־צייגט, אז זיי קענען זיך אליין רעגירען אהן א קעניג, איז אבער אין יענער צייט רעדען אנטקעגען דעם קעניג געווען איינפאכער פאר־ראט. אויב איהר האט געלעזען בענקראפט אדער אנאנדער אנער־קענטען היסטאריקער, וועט איהר איינזעהן, אז א גרויסע מאיאריטעט פון די קאלאניסטען האבען געגלויבט אין קעניג, האבען אין דער אמת'ען געגלויבט, אז ער האט דאס געטליכע רעכט צו הער־שען איבער זיי... עס זיינען אבער געווען אייניגע מענשען אין יע־נער צייט, וואס האבען געזאגט: „מיר דארפען ניט קיין קעניג. מיר קענען זיך אליין רעגירען". און זיי האבען אנגעהויבען אן אגי־טאציאן, וואס די געשיכטע האט אונשטערבליך געמאכט...

„די רעוואלוציאנערע אורעלטערען זיינען געווען קעגען דער רעגירונגס־פארם פון זייער צייט. זיי זיינען געווען געגנער פון דעם סאציאלען סיסטעם פון זייער צייט. מען האט זיי באשולדיגט און פארדאמט. אבער זיי האבען געהאט דעם מאראלען מוט צו שטעהן גלייך און ניט אכטען די שטורעמס פון פארלוימדונג. און אט פארוואס זייערע נעמען זיינען געבליבען אין דער געשיכטע. און אט פארוואס די גרויסע רעספעקטאבעלע מאיאריטעט פון זייער צייט רוהט אין פארגעסע קברים. די וועלט ווייס אפילו ניט, אז זיי האבען ווען עס איז געלעבט.

„אין א שפעטערער צייט האט זיך אנגעהויבען אנאנדער מעכטיגע אגיטאציאן אין אונזער לאנד. זי איז געווען געווענדט קעגען אן אינסטיטוציאן, וואס מען האט געהאלטען אין איהר צייט פאר א זעהר רעספעקטאבעלע, די אינסטיטוציאן פון קנעכטשאפט, וואס איז געווארען אלמעכטיג, וואס האט קאנטראלירט דעם פרעזי־דענט, דאס העכסטע געריכט, די פרעס, און אין א גרויסער מאס די גייסטליכע. אלע ארגאניזירטע קרעפטען פון דער געזעלשאפט און די גאנצע מאכט פון דער רעגירונג האבען אויפגעהאלטען לייב־אייגענטום אין יענער צייט, און ווידער האבען זיך באוויזען אייניגע פארטגעשריטענע דענקער. איינער פון זיי איז געווען עליידזשא לאוודזשאי. עליידזשא לאוודזשאי איז געווען פארהאסט אין זיין צייט פונקט אזוי פיעל, ווי די פיהרער פון דער א. וו. וו. זיינען אין

אונזער צייט. עלײדזשא לאַוודזשאַי איז קאַלטבלוטיג ערמאָרדעט געוואָרען אין אַלטאָן, אילינאָי, אין 1837 נאָך דערפאַר, וואָס ער איז געווען אַ געגנער פון לייב־קנעכטשאַפט, פונקט ווי איך בין אַ געגנער פון לוין־שקלאַפעריי. ווען איהר וועט פאָהרען אַראָפּ דעם טייך מיסיסיפּי און וועט אַ קוק טאָן אין אַלטאָן, וועט איהר דערזעהן אַ גרויסאַרטיגען ווייסען זייל. דער זייל איז דאָרט אויפגעשטעלט געוואָרען צום אַנדענק פון אַ מענשען, וואָס איז געבליבען טריי צו זיך אַליין און זיינע איבערצייגונגען פון רעכט און פליכט ביז צום טויט.

„איך האָב געהאַט דאָס גליק צו קענען פערזענליך ווענדעל פיליפּס. איך האָב געהערט די געשיכטע פון זיינע פאַרפאָלגונגען פון זיינע אייגענע ליפּען, איידער דער טויט האָט זיי צוגעשלאָסען.

„וויליאַם לאָיד גערריסאָן, גערריט סמיט, טאַדעאוש סטיווענס, אַט די פיהרער פון דער אַבאָליציאָנס באַוועגונג, וואָס מען האָט אין זייער צייט באַטראַכט ווי מאָנסטערס און דעגענעראַטען, זיינען געבליבען טריי צו זייער גלויבען און האָבען ניט אָפּגעטראָטען פון זייער פּאָזיציאָן. זייערע נעמען זיינען פאַרצייכענט אין דער געשיכטע. איהר לערענט אייערע קינדער צו אַכטען זייער אַנדענק, ווערענד אַלע זייערע פאַרלוימדער זיינען פאַרגעסען.

„לייב־קנעכטשאַפט איז פאַרשוואונדען. מיר זיינען נאָך ניט פריי. מיר פיהרען היינט אָן אַ וואונדער־מעכטיגע אַגיטאַציאָן. זי איז אַזוי ברייט ווי די וועלט. דאָס איז דער אויפשטאַנד פון די אַרבייטענדע מאַסען, וואָס קומען ביסלעכווייז צום באַוואוסטזיין וועגען זייערע אינטערעסען און זייער מאַכט ווי אַ קלאַס, וואָס אָרגאַניזירען זיך אינדוסטריעל און פּאָליטיש און וואָס ענטוויקלען לאַנגזאַם אָבער זיכער די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע מאַכט, דורך וועלכע זיי וועלען זיך באַפרייען. זיי זיינען נאָך אַלץ אין מינאָריטעט, אָבער זיי האָבען זיך אויסגעלערענט וואַרטען, אָפּוואַרטען זייער צייט.

„נאָר ווייל איך בין צופעליג איין אַט דער מינאָריטעט, שטעה איך איצט פאַר אייך, באַשולדיגט אין אַ פאַרברעכען; נאָר ווייל איך גלויב, פונקט ווי די רעוואָלוציאָנערע פאָטערס האָבען געגלויבט

אין זייער צייט, אז אַן ענדערונג מוז געמאַכט ווערען אין די אינ־
טערעסען פון פאָלק, אַז די צייט איז געקומען פאַר אַ בעסערע רע־
גירונגס פאָרם, אַן אויסגעבעסערט סיסטעם, אַ העכערע סאָציאַלע
אָרדנונג, אַ נאָבעלערע מענשהייט און אַ גרעסערע ציוויליזאַציאָן.
אָט די מינאָריטעט, וואָס ווערט אַזוי פיעל מיספאַרשטאַנען און אַזוי
ביטער פאַרלוימדעט, איז אין אַ בונד מיט די עוואָלוציאָנס־קרעפטען.
און אַזוי וואהר ווי איך שטעה דאָ איצט פאַר אייך, איז דאָס נאָר אַ
פראַגע פון צייט, ביז אָט די מינאָריטעט וועט ווערען די באַזיגענדע
מאַיאָריטעט און וועט דורכפיהרען די גרעסטע ענדערונג אין דער
געשיכטע פון דער גאַנצער וועלט. איהר קענט שנעלער ברענגען
די ענדערונג, איהר קענט זי אָפּשטעלען ; איהר קענט אָבער איהר
ניט פאַרמיידען, פונקט ווי איהר קענט ניט פאַרמיידען דעם זון־אויפ־
גאַנג אין דער פריה".

אַן אויסערגעוועהנליכע איינפאַכקייט איז פאַראַן אין דעם,
וואָס ווערט דאָ געזאָגט. דאָס איז עפּעס אַזוינס, וואָס יעדער ניד־
ריגער און באַשיידענער מענש וועט פאַרשטעהן, און ער וועט ווי־
סען, אַז ענטוועדער דאָס איז ריכטיג, אָדער פאַלש. און אויף אַזאַ
אופן האָט דעבס אָנגעפיהרט זיין פאַרטיידיגונג ביז צום סוף. ער
האָט ניט געמאַכט קיין איינווענדונג קעגען די באַווייזען. ער האָט
זיך קיין איין מאָל ניט באַנוצט מיט זיין טאַלאַנט פון איראָנישע
געגענבאַווייזען, אויפצואווייזען שוואַכע פונקטען אין דעם פּראָ־
קוראָר'ס פּראָצעס. ער האָט אַפילו ניט איינגעוויליגט, ווי זיינע
אַדוואָקאַטען האָבען איהם געבעטען, אַראָפּצושטייגען פון זיין הויך
און אויפוואַרפען אַ פלאַן פון אַ ריין יורידישען אַרגומענט, אַז אַ גע־
שוואָרענער ריכטער, וואָס איז גענויגט צו אַכטען אַזעלכע זאַכען,
זאָל כאָטש צוליעב דעם קענען דערפיהלען אַ פאַרלאַנג איהם פריי־
צושפּרעכען. מיט אַ פרעהליכער פעראַכטונג, — וואָס איז אין
פריוואַטע געשפּרעכען אַרויסגעוויזען געוואָרען גאַנץ טומעלדיג, —
פאַר דעם גאַנצען לעגאַלען אַפּאַראַט, מיט וועלכען מען האָט דאָ גע־
וואָלט בינדען זיין פאַרשטאַנד און זיינע מאָטיווען, איז ער איינפאַך
געבליבען אין די הויכע ספערען פון אמת און ערהאַבענעם געפיהל,
אין וועלכע ספערען ער לעבט, און האָט געצוואונגען דאָס געריכט

ארויפצוקומען אהין און אויסהערען איהם, אדער איגנאנצען ניט הערען. און זיי זיינען אהין ארויפגעקומען. און ווען ער האט גע־ ענדיגט רעדען, זיינען זיי צוריק אראפגעגאנגען, אביסעל פארטראכט און אומהיימליך, און האבען דורכגעפיהרט זייער זאך אויף דעם געוועהנליכען וועג פון רוטין. ער האט געוואלט פאראורטיילט ווע־ רען ווי א פראפעט, און וואס עס זאל ניט געטאן ווערען מיט זיין צייטווייליגער פערזאן, האט ער געוואלט, אז דער הויפט ארגומענט אין זיין פראצעס זאל זיין באגרינדעט אויף געשעהענישען, וואס זיינען נאך ניט פארגעקומען. און זיין אויסוואהל איז געווען גוט, ווייל ער איז א פראפעט. און עס איז מעהר ווי ווארשיינליך, אז די געשעהענישען וועלען רעכטפערטיגען זיינע רעד און וועלען איהם מאכען אומפערגעסליך ניט נאר ווי דעם שעהנסטען כאראקטער אין מאדערנער אמעריקא, נאר אויך ווי דעם קלוגסטען.

עס איז אומאנגענעם פאר איינעם, וואס שרייבט מיט א בא־ זונדערער סימפאטיע, צו באגעגנען געשעהענישען, וואס זיינען שוין צו גינסטיג, וואס באשטעטיגען שוין צו לייכט זיין שטאנדפונקט. עס איז אומאנגענעם צו כאראקטעריזירען דעם דיסטריקט אטורני, וואס האט זיך אויפגעשטעלט אנצוגרייפען דעבס'ען פאר'ן געריכט, אזוי שנעל ווי דעבס האט זיך אוועקגעזעצט. אנגעמענדיג, אז עס איז געווען כאטש איין איינציגער עמפינדליכער און אנשטענדיגער מענש צווישען די צוועלף, האט אט דער דיסטריקט אטוריני, מר. ווערץ, געטאן אלץ, וואס ער האט געקאנט, צו פארלירען זיין פראצעס אין די אויגען פון יענעם איינציגען מענשען. עס וואלט ניט געווען זעהר שווער צו פאראורטיילען דעבס'ען נאך זיין אייגענער רעדע. דעבס האט דאס דאך אזוי קלאר געמאכט, אז ער וואלט די פאראורטיילונג ניט אנגענומען פאר א פערזענליכען אורטייל, אז ער וואלט גאר ניט געהאט איינצווענדען קעגען דעם אורטייל. ער האט ניט פארלאנגט פון די געשווארענע ריכטער, אז זיי זאלען איהם ניט פאראורטיילען. ניין, ער האט גראד אנגענומען, אז זיי ווע־ לען איהם יע פאראורטיילען, און ער האט געוואלט קלאר מאכען, אין זיינע אייגענע ווערטער, דאס, פארוואס זיי וועלען איהם פאר־ אורטיילען. אבער נאכדעם ווי דער אומגעלומפערטער, פעטער

וואָלף האָט, מיט עפּעס אַ הויכען קרעכצענדען קלאַנג פון צווישען זיינע ציינער, אין פאַרלויף פון אַ גאַנצער שעה ארומגעוואָרפען דויהע באַליידיגונגען, אַז יעדערער אין געריכטס־זאַל, פון דעם ריכטער ביז צום שטייפען קליינעם בייליף, איז געווען ווי פאַרשטיינערט, און דעם דיסטריקט אַטוירני'ס אייגענער קליגערער אסיסטענט האָט זיך געדרעהט אין זיין שטול אין פערלעגענהייט, איז שוין געוואָרען זעהר שווער אפילו פאַר דער פּאַטריאָטישער דזשורי צו טאָן זייער פליכט. דער פּראָקוראָר האָט, נאָך מיין מיינונג, פאַרנומען ווענינסטענס דריי שעה פון די זעקס, וואָס די דזשורי האָט גע־האָט אויף אָפּצורוהען נאָך דער אויפרעגונג ביי דער סצענע, וואָס זיי האָבען בייגעוואוינט. און אַזוי קלאָר ווי דעבס האָט מיט זיין אנוועזענהייט סימוואָליזירט די האָפנונג פון עוואָלוציאָן, אַזוי האָט אָט דער מענש פאַרטראָטען דעם שטויב, פון וועלכען די עוואָלוציאָן האָט זיך אויפגעהויבען.

„איך וועל אייך איצט איבערגעבען בקיצור די לאַגע פון אָט דעם מענשען און פון אַלעמען, וועמען ער פרעטענדירט צו פאַרטרעטען, — האָט ער אָנגעהויבען. — איך האָב געקאָנט אַ פאַרמער אין דעם געגענד, האָט ער געהאַט אַ שטאַל, האָט זיך דער שטאַל אָנגעצונדען. און ער האָט געהאַט שאָף אין דעם שטאַל, האָט ער זיי ארויסגענומען. איז אָבער געווען צווישען די שאָף אַן אַלטע שעפּס,, האָט זי זיך ארומגעדרעהט ארום שטאַל און איז אריינגעקומען דורך אַנאַנדער טיר, און די אַנדערע נאָך איהר. און ער האָט זיי ווידער ארויסגענומען פון דער אַנדער זייט, האָט זיך די אַלטע שעפּס ווידער ארומגעדרעהט און איז אריינגעקומען פון דער זייט. און אַזוי געהט דאָס. און אויב אָט די אַלטע שעפּס (אָנווייזענדיג אויף דעבס'ען) וויל געהן אין פּעניטענשערי, האָב איך גאָר ניט קעגען דעם, איך האָב אָבער זעהר פיעל קעגען דעם, אַז ער זאָל מיטשלעפּען אַ גאַנצע סטאַדע פון פאָלק. דער קאָנגרעס האָט אָפּגעגעבען די רעסורסען פון די פאַראייניגטע שטאַאטען, צו געווינען די איצטיגע מלחמה, און די רעסורסען פון די פאַראייניגטע שטאַאטען זיינען דער קערפּער פון יודזשין דעבס פונקט אַזוי גוט ווי די בהמות און תבואות. נאַר דערפאַר וואָס ער האָט אביסעל אַ שמעק

געטאָן אין דער געשיכטע, און וואָס העלפט איהם פיהרען נאָך זיך א מאסע פון האלב געבאקענע... ווי יענער געמיש־סאָרט אין רוס־לאנד, וואס די אמעריקאנער יונגע לייט האבען געמוזט אהין ארי־בערקומען, אפצוהיטען פאר די רוסען זייערע רעכטע אנטקעגען אט די באלשעוויקי, — איך זאָג אייך, די אלע זאכען פיהרען צו קיין זאך ניט, ווי נאָר צו צרות און אונאָרדנונג. ער זאָגט, אז אויב קייט ריטשארדס א'הייר איז שולדיג, איז ער אויך שולדיג, אויב ראָוז פאסטאר סטאָוקס איז שולדיג, איז ער אויך שולדיג. אָט וואָס ראָוז האָט געזאָגט (כאפט א פאפיר), און איהר האָט געהערט אין געריכט, אז זי האָט באקומען צעהן יאָהר פאר אזא שטיקעל אר־בייט... און אָט וואָס דעבס זאָגט וועגען דער דאָזיגער פרוי. לאָמיר א קוק טאָן, וואָס דעבס זאָגט נאָר וועגען ראָז'ן. אָט וואָס דעבס זאָגט וועגען ראָז'ן. מען וואָלט דאָך געדארפט משפט'ן די גאנצע באנדע פאר פאררעט. ווען דאָס וואָלט פאָרגעקומען אין אנאנדער־לאנד, ניט אין די פאראייניגטע שטאאטען, וואָלט מען זיי שוין לאנג דערשאָסען. אינטערנאציאָנאליזם, זאָגט ער. איך וועל אייך ער־קלערען וואָס אינטערנאציאָנאליזם איז. ווארפט צונויף אלע נא־ציאָנען אין איין טאָפּ, מיט די סאָציאליסטען אויבען, און איהר וועט אייך האָבען אינטערנאציאָנאליזם..."

און אזוי איז דאָס געפלאָסען פון זיין מויל א גאנצע שעה. און דער ריכטער האָט פאנאנדערגעלאָזען דאָס געריכט ביז אויף מאָר־גען. די געשוואָרענע ריכטער האָבען זיך אוועקגעשלעפט. מיר אלע זיינען אוועק מיט דעבס'ען אין האָטעל, זיך לוסטיג צו מאכען אי־בער דעם קאָמיזם פון דער לאגע, און הערען, ווי די קאָמישסטע פאק־טען זיינען פארנומען געוואָרען, ווי עס האָט זיי נאָר געקענט פאר־נעמען א מענש מיט דעבס' רוהיגען געמיט. דעבס האָט געהאט א באראטונג מיט זיינע אדוואָקאטען דעם אָוונד פאר דער ערעפענונג פון זיין פראָצעס. דאָס איז געווען א לעגאלע קאָנפערענץ צו מאָ־כען די אלע נויטיגע פלענער. און אין פארלויף פון אָט דער בא־ראטונג, וואָס האָט געדויערט צוויי אָדער דריי שעה, איז דער פראָ־צעס אפילו קיינמאל ניט דערמאָנט געוואָרען.

איך האָב איהם איינמאָל געפרעגט, צי דער פראָצעס שטערענגט

איהם ניט צופיל אָן. „ניין,—האָט ער געזאָגט,—איך קלער גאָר־ניט פיעל וועגען איהם. ווייל אויב מען וועט מיר שיקען אין גע־פּענגניס, וועט דאָס דאָך ניט קענען זיין אויף זעהר לאַנג, ווען מען וועט אָבער אייך פּאַרשיקען, וועט דאָס שוין זיין פאַר אַ וויכטיגען טייל פון אייער לעבען. אָט פאַרוואָס מיין האַרץ איז געווען מיט אייך, יונגע לייט, די אַלע מאָנאַטען".

אויף מאָרגען אין דער פריה האָט דער ריכטער אינסטרואירט די דזשורי — זעהר קאָרעקט — אין געזעצ, און דער באַשולדיג־טער און זיינע פריינד האָבען פאַרבראַכט אַ גאַנצען טאָג אין פּרעה־ליכער אונטערהאַלטונג, וואָס איז באַלעבט געוואָרען פון דעבס' גע־שיכטען וועגען לאָקאַלען. אין אָווענד האָבען זיך די געשוואָרענע ריכטער צוריקגעשלעפּט צו זייערע ערטער, זיי זיינען שוין געווען געגנוג האַרט פאַר זייער אומאַנגענעמער אַרבייט. סיירוס ה. סטאַ־ווער, אַכט און פופציג יאָהר אַלט, דער איננסטער צווישען זיי, האָט אַרויסגעבראַכט דעם ווערדיקט: שולדיג. דעבס'ען האָט מען אָפּ־געלאָזען אויף דער פאַראַנטוואָרטליכקייט פון זיינע אַדוואָקאַטען. דאָס געריכט איז פאַנאַנדערגעלאָזען געוואָרען אויף אַ טאָג, אַז דער ריכטער זאָל האָבען צייט מישב צו זיין זיך מיט זיך אַליין, און אפשר מיט אַנדערע פערזאָנען, וואָס האָבען פּרעסטיזש, וועגען דעם געהעריגען טערמין געפענגניס.

שבת אין דער פריה האָט סטעדמאַן פאַרלאַנגט אַ נייעם פּראָ־צעס אויף דעם גרונד, אַז די פּראָקוראַטור האָט זיך זעהר פיעל אָפּ־געשטעלט אויף דער „סט. לואיסער דעקלאַראַציע", וואָס דעבס האָט גאָר ניט דערמאָנט אין זיין רעדע אין קענטאָן. דעבס האָט אָבער דערמאָנט די סט. לואיסער דעקלעראַציע אין אַ סימפּאַטי־שען טאָן אין זיין רעדע פאַר דער דזשורי, און דער ריכטער האָט אָהן צווייפעל געהאַט אַ רעכט צו באַשליסען, אַז עס איז ניטאָ קיין גרונד פאַר אַ נייעם פּראָצעס.

דער פּאָרשלאַג איז ניט באַוויליגט געוואָרען. דער דיסטריקט אַטוירני האָט פּאָרגעשלאָגען, מען זאָל פּאָרלעזען דעם אורטייל, און דער קלערק האָט געפרעגט: "יודזשין וו. דעבס, האָט איהר נאָך עפּעס צו זאָגען אין אייער פאַרטיידיגונג, איידער דאָס געריכט

ברענגט אַרויס דעם אורטייל?" ווידער איז דעבס אויפגעשטאַנען און איז לאַנגזאַם אַרויסגעטראָטען; און אפילו שטילער און מיט װעניגער אָנשטרענגונג ווי פריהער, האָט ער גערעדט, און פאַרגע־סענדיג איינגאַנצען אָן דער קליינער רוטין, און דעטאַלען און פער־זענליכע זאַכען, האָט ער זיי דערהויבען ביז צו זיין הויך, צו דעם װיכטיגסטען אמת וועגען דער געגענוואַרט און וועגען די העלע האָפ־נונגען אויף דער צוקונפט. דאָס איז פאַר איהם געווען דער זין פון דער גאַנצער פּראָצעדור.

„הער ריכטער, מיט יאָהרען צוריק האָב איך נאָך איינגעזעהן מיין פאַרוואַנדשאַפט מיט אַלע לעבעדיגע באַשעפענישען, און איך בין געקומען צום שלוס, אַז איך בין ניט אַ האָר בעסער פון דעם נידריגסטען און באַשיידענסטען אויף דער ערד. איך האָב געזאָגט דאַן, איך זאָג דאָס איצט, אַז אַזוי לאַנג ווי עס איז פאַראַן אַ ניד־ריגערער קלאַס, בין איך אין איהם; אַזוי לאַנג ווי עס איז פאַראַן אַ קרימינעלער עלעמענט, בין איך אַ טייל פון איהם; אַזוי לאַנג ווי אַ לעבעדיגע באַשעפעניש געפינט זיך אין געפענגניס, בין איך ניט פריי..."

עס קען זיין ניצליך און נויטיג פאַר דער קריגספיהרענדער רע־גירונג איינצושפּאַרען דעבס'ען אין געפענגניס. פון זייער שטאַנד־פּונקט קען דאָס אויסווייזען פאַרנינפטיג און נויטיג. אָבער האָט דען קיין איינער פון זיי גאָר קיין געוויסענסביסען ניט, ווען אַזאַ מאַט ווערט באַגאַנגען, — אין אַ מלחמה פאַר פרייהייט? און שפּירען זיי דען ניט די געפאַהר, אַז ווען די מלחמה וועט זיין פאַר־איבער, וועט נאָר בלייבען דער נאָמען פון דעם, פאַר וואָס זיי שלאָ־גען זיך? ווען דער צוג פאָהרט אָפּ פון קליוולאַנד פאַרביי דעם גע־ריכט־הויז פון דער קאַונטי, לעזט איהר די גרויסע מאַרמאָרנע ווער־טער: „געהאָרכזאַמקייט צו געזעץ איז פרייהייט". און מיט דער הילף פון אָט אַזעלכע פאַלשע סאָפיזמען וועלען די קרעפטען, וואָס ווילען, אַז אינדוסטריעלער פעאָדאַליזם און ביוראָקראַטיע זאָלען פאַרלענגערט ווערען נאָך דער איצטיגער מלחמה, דאָס דורכפיהרען, אויב זיי וועלען קאָנען.

# דעבס׳ רעדע פאַר דער זשורי.

צום ערשטען מאָל אין מיין לעבען ערשיין איך אין א געריכט פון געזעץ, צו ענטפערן אויף א באשולדיגונג אין א פארברעכען. איך בין ניט קיין אדוואָקאט. איך וויים וועניג וועגען געריכטליכער פראָצעדור, וועגען די רעגלען פון באווייזען און וועגען דער פראַקטיק פון געזעץ. איך וויים נאָר, אַז איהר, מיינע הערען, דאַרפט אויסהערען די באווייזען, וואָס זיינען קעגען מיר געמאכט געוואָרען, אַז דאָס געריכט וועט אייך אינסטרואירען אין געזעץ, און איהר וועט דאַן דאַרפען באשליסען, דורך אייער ווערדיקט, צו איך זאָל גע־שטעמפעלט ווערען ווי א שולדיגער אין א פארברעכען און בלייבען פארשפארט אין א צעל, אפשר ביז צום סוף פון מיין לעבען.

מיינע הערען, איך האָב ניט מורא צו שטעהן איצט פאר אייך א באשולדיגטער, און איך וויל ניט אויסמיידען די פאָלגען פון מיי־נע רעד אָדער האנדלונגען. שטעהענדיג דאָ פאר אייך, באשול־דיגט אין א פארברעכען, קען איך קוקען מיינע ריכטער אין גע־זיכט, קען איך קוקען אייך אין געזיכט, קען איך קוקען דער גאנצער וועלט אין געזיכט, ווייל אין מיין געוויסען, אין מיין נשמה פיהל איך ניט קיין שולד.

ערלויבט מיר אייך צו זאָגען פריהער פאר אלץ, אַז איך בין פאָלשטענדיג צופרידען מיט דער ענטשיידונג פון געריכט. איך האָב נאָרניט וואָס אויסצוזעצען קעגען דעם אסיסטענט דיסטריקט אטוירני אָדער דעם פראָקוראָר.

איך וויל דאָ צוגעבען, אַז אלע אויסזאָגונגען אין פארלויף פון די איצטיגע פארהאנדלונגען זיינען געווען אמת. איך בין ניט גע־נייגט אָפצולייקענען דאָס, וואָס איז אמת. איך וואָלט ניט געוואָלט אויסמיידען די פאָלגען פון אן אונגינסטיגען ווערדיקט, אפילו ווען איך וואָלט דאָס געקענט טאָן. איך וויל ניט נעהמען צוריק אפילו איין וואָרט פון דעם, וואָס איך האָב געזאָגט און וואָס איך האָב גע־האלטען פאר אמת, נאָר אום צו רעטען זיך און ניט דאַרפען געהן

אין פעניטענשערי, פאר די גאנצע צייט, וואס בלייבט מיר נאך צו לעבען.

מיינע הערען, איהר האט אויסגעהערט דעם באריכט פון מיין רעדע אין קענטאן דעם 16טען יוני, און איך ערקלער, אז עס איז אין יענער רעדע ניט געווען קיין ווארט, וואס זאל רעכטפערטיגען די באשולדיגונגען, וואס שטעהען אין מיין אינדייטמענט. איך גיב צו, אז איך האב די רעדע געהאלטען. איך גיב צו, אז אין אלע הויפט־שטריכען איז מיין רעדע ריכטיג באריכטעט געווארען אין פארלויף פון די איצטיגע פארהאנדלונגען.

אין דעם וואס איך האב דארט געוואלט זאגען האב איך גע־האט די אבזיכט אויפצוקלערען דאס פאלק, אז זיי זאלען אנהויבען פארשטעהן דאס סאציאלע סיסטעם, אין וועלכען מיר לעבען, און צוגרייטען זיי צו דער אומוואוּרפונג פון אט דעם סיסטעם, דורך פאלשטענדיג פרידליכע און געזעצליכע מיטלען, אין דעם, וואס איך, ווי א סאציאליסט, האלט פאר אן אמת׳ע דעמאקראטיע.

פון דעם, וואס איך האב געהערט אין דעם פראקוראר׳ס רעדע, וואלט איהר געקענט שליסען, אז איך פרעדיג מאכט און גוואלד־טאט, דאס איז ניט ריכטיג. איך האב קיינמאל ניט געפרעדיגט גוואלדטאט אין וועלכער גיט איז פארם. איך האב אלעמאל גע־גלויבט אין בילדונג, אין פארשטאנד, אין אויפקלערונג, און איך האב אלעמאל אפעלירט צום שכל און צום געוויסען פון פאלק.

איך גיב צו, אז איך בין א געגנער פון דעם איצטיגען סאציא־לען סיסטעם. דאס ווענינע, וואס איך קען טאן, טו איך און האב גע־טאן אין פארלויף פון פיעלע יאהרען, צו ברענגען אן ענדערונג, וואס זאל אפשאפען די הערשאפט פון א פערהעלטניסמעסיג קליינעם קלאס איבער דער גרויסער מאיאריטעט פון פאלק, וואס זאל איינ־שטעלען אין אונזער לאנד אן אינדוסטריעלע און סאציאלע דעמא־קראטיע.

אין דער געשיכטע קומען פאר גרויסע ענדערונגען, אין וועלכע גרויסע פרינציפען זיינען פארוויקעלט, און די מאיאריטעט איז געוועהנליך אומגערעכט. די מינאריטעט איז דאן גערעכט. אין יעדער צייט זיינען געווען עטליכע העלדישע נאטורען, וואס זיינען

נעגאַנגען ווייט פאָראויס פון זייער צייט. מען האָט זיי מיספאַר־שטאַנען, פארלוימדט, פארפאָלגט און אמאָל הינגעריכטעט. און לאַנג נאָך זייער מארטיטער־טויט האָט מען זיי אויפגעשטעלט מאָ־נומענטען און מען האָט געלעגט בלומען אויף זייערע קברים.

דאָס איז די טראַגישע געשיכטע פון דעם מענשליכען מין. אין דער אור־אַלטער וועלט האָט סאָקראַטעס געוואָלט לערנען דאָס פאָלק נייע אמת'ען, און מען האָט איהם דערפאַר געצוואונגען צו טרינקען גיפט. און דאָס האָט זיך ווידערהאָלט אין דעם גאַנצען לויף פון די יאָהרהונדערטער. די מענער און פרויען, וואָס זיינען געגאַנגען פאָראויס, וואָס האָבען געהאַט נייע געדאַנקען, נייע אידעאַלען, וואָס האָבען געהאַט דעם מוט אָנצוגרייפען די איינגעשטעלטע אָרדנונג, האָבען אַלע געמוזט באַקומען די שטראָף.

מיט אָנדערהאַלבען יאָהרהונדערטער צוריק זיינען נאָך די אמע־ריקאַנער קאָלאָניסטען געוועזען אויסלענדישע אונטערטאַנען. און ווען עס האָבען זיך דאַן געפונען איינינע מענשען, וואָס האָבען געהאַט גלויבען אין דעם איינפאַכען פאָלק און זיינען געוועזען איבערצייגט, אַז זיי קענען זיך אַליין רעגירען אָהן אַ קעניג, איז אָבער אין יענער צייט רעדען אָנטקעגען דעם קעניג געוועזען איינפאַכער פאַרראַט. אויב איהר האָט געלעזען בענקראָפט אָדער אַנאַנדער אַנערקענטען היסטאָ־ריקער, וועט איהר איינזעהן, אַז אַ גרויסע מאַיאָריטעט פון די קאָ־לאָניסטען האָבען געגלויבט אין קעניג, האָבען אין דער אמת'ען גע־גלויבט, אַז ער האָט דאָס געטליכע רעכט צו הערשען איבער זיי... עס זיינען אָבער געוועזען איינינע מענשען אין יענער צייט, וואָס האָ־בען געזאָגט: „מיר דאַרפען ניט קיין קעניג. מיר קענען זיך אַליין רעגירען." און זיי האָבען אָנגעהויבען אַן אַגיטאַציאָן, וואָס די גע־שיכטע האָט אונשטערבליך געמאַכט.

וואַשינגטאָן, עדעמס, פעין, — זיי זיינען אין זייער צייט געוועזען רעוואָלוציאָנערען. צוערשט איז דאָס פאָלק געוועזען קעגען זיי, און די פרעס האָט זיי פאַרדאַמט... זיי האָבען אָבער געפונען אין זיך דעם מאָראַלען מוט צו שטעהן גלייך און ניט אַכטען די שטורעמס פון פאַרלוימדונג. און אָט פאַרוואָס זייערע נעמען זיינען געבליבען

אין דער געשיכטע. און אָט פאַרוואָס די גרויסע רעספּעקטאַבעלע מאַיאָריטעט פון זייער צייט רוהט אין פאַרגעסענע קברים.

אין אַ שפּעטערער צייט האָט זיך אָנגעהויבען אַנאַנדער מעכ־טיגע אַגיטאַציאָן אין אונזער לאַנד. זי איז געווען געווענדט קעגען אַן אינסטיטוציאָן, וואָס מען האָט געהאַלטען אין איהר צייט פאַר אַ זעהר רעספּעקטאַבעלע, די אינסטיטוציאָן פון קנעכטשאַפט... אַלע אָרגאַניזירטע קרעפטען פון דער געזעלשאַפט און די גאַנצע מאַכט פון דער רעגירונג האָבען אויפגעהאַלטען לייב־אייגענטום אין יענער צייט, און ווידער האָבען זיך באַוויזען איינִיגע פאָרטגעשריטענע דענקער. איינער פון זיי איז געווען עלײדזשאַ לאָוודזשאָי... לאָוו־דזשאָי איז קאַלטבלוטיג ערמאָרדעט געוואָרען אין אַלטאָן, אילינאָי, אין 1837 נאָר דערפאַר, וואָס ער איז געווען אַ געגנער פון לייב־קנעכטשאַפט, פּונקט ווי איך בין אַ געגנער פון לוין־שקלאַפעריי. ווען איהר וועט פאָהרען אַראָב דעם טייך מיסיסיפּי און וועט אַ קוק טאָן אין אַלטאַן, וועט איהר דערזעהן אַ גרויסאַרטיגען ווייסען זייל. דער זייל איז דאָרט אויפגעשטעלט געוואָרען צום אַנדענק פון אַ מענ־שען וואָס איז געבליבען טריי צו זיך אַליין און זיינע איבערצייגונגען פון רעכט און פליכט ביז צום טויט.

איך האָב געהאַט דאָס גליק צו קענען פּערזענליך ווענדעל פי־ליפּס. איך האָב געהערט די געשיכטע פון זיינע פאַרפאָלגונגען פון זיינע אייגענע ליפּען, איידער דער טויט האָט זיי צוגעשלאָסען.

וויליאַם לאָיד גאַריסאָן, גאַרעט סמיט, טאַדעאוש סטיווענס, אָט די פיהרער פון דער אַבאַליציאָנס באַוועגונג, וואָס מען האָט אין זייער צייט באַטראַכט ווי מאָנסטערס און דעגענעראַטען, זיינען גע־בליבען טריי צו זייער גלויבען און האָבען ניט אָפּגעטראָטען פון זיי־ער פּאָזיציאָן. זייערע נעמען זיינען פאַרצייכענט אין דער געשיכטע. איהר לערענט אייערע קינדער צו אַכטען זייער אַנדענק, ווערענד אַלע פאַרלוימדער זייערע זיינען פאַרגעסען.

לייב־קנעכטשאַפט איז פאַרשוואונדען. מיר זיינען נאָך ניט פריי. מיר פיהרען היינט אָן אַנאַנדער מעכטיגע אַגיטאַציאָן. זי איז אַזוי ברייט ווי די וועלט. דאָס איז דער אויפשטאַנד פון די אַרבייטענדע מאַסען, וואָס קומען ביסלעכווייז צום באַוואוסט־

זיין וועגען זייערע אינטערעסען און זייער מאַכט ווי אַ קלאַס, וואָס אָרגאַניזירען זיך אינדוסטריעל און פּאָליטיש און וואָס ענטוויקלען לאַנגזאַם אָבער זיכער די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע מאַכט, דורך וועלכער זיי וועלען זיך באַפרייען. זיי זיינען נאָך אַלץ אין מי־נאָריטעט, אָבער זיי האָבען זיך אויסגעלערענט וואַרטען, אָפּוואַרטען זייער צייט.

פון דעם אָנהויב פון דער מלחמה ביז היינט בין איך קיינמאָל ניט געווען שולדיג, דורך רעד אָדער האַנדלונגען, אין די זאַכען, וואָס זיינען אויסגערעכענט אין דעם באַשולדיגונגס אַקט קעגען מיר. אויב איך האָב קריטיקירט, אויב איך האָב פאַרדאַמט, איז דאָס געווען נאָר דערפאַר, ווייל איך האָב זיך געפיהלט באַרעכטיגט אַזוי צו טאָן אונ־טער די געזעצען פון לאַנד. איך האָב געהאַט פּרעצעדענטען פאַר מיין שטעלונג. דאָס לאַנד האָט שוין דורכגעמאַכט עטליכע מלחמות און אין יעדער איינער פון זיי האָבען זיך געפונען אייניגע פון די פּראָמינענטסטע מענשען פון לאַנד, וואָס האָבען די מלחמה פאַר־דאַמט. די רעוואָלוציאָנערע מלחמה האָט געהאַט געגנער. די טאָרי פּרעס האָט זיי פאַרדאַמט ווי פאַרברעכער, און מענשען וואָס שטע־הען אויסער געזעץ.

די מלחמה פון 1812 האָט געהאַט געגנער, וואָס האָבען זי פאַר־דאַמט. די מעקסיקאַנער מלחמה איז ביטער אָנגעגריפען געוואָרען פון אייבראַהאַם לינקאָלן, טשאַרלס סאָמנער, דעניעל וועבסטער און הענ־רי קלעי. אַט די מענשען האָבען דאַמאָלט פאַרדאַמט דעם פּרעזידענט און זיין אדמיניסטראַציאָן. זיי האָבען ערקלערט, אַז די מלחמה איז אַ פאַרברעכען קעגען דער מענשהייט. מען האָט זיי ניט אָנגע־קלאָגט און ניט פּראָצעסירט פאַר פאַרברעכען. זיי ווערען היינט געאַכט פון אַלע זייערע קאָמפּאַטריאָטען. די מלחמה פון דער רע־וואָלוציאָן האָט געהאַט געגנער און איז פאַרדאַמט געוואָרען. אין 1864 האָט די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אָפּגעהאַלטען אַ קאָנווענ־שאָן אין שיקאַגאָ און האָט דורכגעפיהרט אַ רעזאָלוציאָן, וואָס פאַר־דאַמט די מלחמה ווי אַ דורכפאַל. וואָס וואָלט איהר געזאָגט, ווען די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי וואָלט איצט אָפּגעהאַלטען אַ קאָנווענשאָן און וואָלט אָנגענומען אַ רעזאָלוציאָן, וואָס פאַרדאַמט די איצטיגע

מלחמה ווי א דורכפאל? איהר באשולדיגט אונז, אז מיר זיינען אונ־לאיאל און פאררעטער. זיינען די דעמאקראטען אין 1864 געווען אונלאיאל און פאררעטער, ווייל זיי האבען פארדאמט די מלחמה ווי א דורכפאל?

איך גלויב אין די קאנסטיטוציאן פון די פאראייניגטע שטאא־טען. איז דאס ניט זאנדערבאר, אז מיר, סאציאליסטען, שטעהען כמעט אליין היינט, ווען מיר פארטיידיגען די קאנסטיטוציאן פון די פאראייניגטע שטאאטען? די רעוואלוציאנערע פאטערס, וואס האָ־בען געפילט דעם דרוק פון דער קעניגליכער הערשאפט, האבען פאר־שטאנען, אז פרייהייט פון ווארט און פרעס און דאס רעכט פריי צו פארזאמלען זיך זיינען פאר'ן פאלק די פונדאמענטאלע פרינ־ציפען פון דעמאקראטישער רעגירונג. די גאר ערשטע אמענדמענט צו דער קאנסטיטוציאן זאגט:

„דער קאנגרעס זאל ניט דורכפיהרען קיין געזעץ איינצו־שטעלען א רעליגיאן אדער צו באשרענקען די רעכט פון א רעלי־גיאן; צו באשרענקען די פרייהייט פון ווארט אדער פון פרעס; צו באשרענקען דאס רעכט פון פאלק צו פארזאמלען זיך פרידליך און צו שיקען פעטיציאנען צו דער רעגירונג און פאדערען גע־רעכטיגקייט".

דאס זיינען גאנץ קלארע ווערטער. א קינד קען זיי פאר־שטעהן. איך גלויב, אז די רעוואלוציאנערע פאטערס האבען טאקי געמיינט דאס, וואס זיי האבען דאן ארויסגעזאגט: אז דער קאנ־גרעס זאל ניט דורכפיהרען קיין געזעץ צו באשרענקען די פרייהייט פון ווארט אדער פרעס, אדער דאס רעכט פון פאלק צו פארזאמלען זיך פרידליך און צו שיקען פעטיציאנען צו דער רעגירונג און פא־דערען גערעכטיגקייט.

דאס איז דאס רעכט, מיט וועלכען איך האב זיך באנוצט אין קענטאן דעם 16טען יוני. און דערפאר, וואס איך האב זיך בא־נוצט מיט יענעם רעכט, דארף איך דאס ענטפערן אויף די איצטיגע באשולדיגונגען. איך גלויב אין דאס רעכט פון פריי רעדען, אין מלחמה אזוי גוט ווי אין פרידען. איך וואלט אין קיין פאל ניט פארמאכט דאס מויל פון מיין ביטערסטען שונא. איך וואלט אין

קיין פאל ניט אָפּגעשטעלט די פרייהייט פון וואָרט. עס איז פיעל געפעהרליכער צו פּרואווען פארמאכען דאָס מויל פון פאָלק, איידער לאָזען עס פריי ארויסרעדען, וואָס עס דריקט איהם.

איך האָב אייך געזאָגט, אז איך בין ניט קיין אדוואָקאט. אָבער מיר דאכט, אז איך ווייס גענוג צו וויסען, אז אויב דער קאָנגרעס נעמט אָן א געזעץ, וואָס איז אין ווידערשפּרוך צו אָט דעם זאץ אין דער קאָנסטיטוציאָן, און דאָס געזעץ אונגילטיג. אויב דאָס שפּיאָנען־געזעץ בלייבט שטעהן פעסט, איז די קאָנסטיטוציאָן פון די פאר־איייניגטע שטאאטען. אויב אָט דאָס געזעץ איז ניט די אָפּלייקענונג פון יעדען פונדאמענטאלען פּרינציפּ, וואָס די קאָנסטיטוציאָן האָט פעסטגעשטעלט, דאן בין איך זיכער ניט אימשטאנד צו לע־זען אָדער פארשטעהן די ענגלישע שפּראך.

אין פערלויף פון די פארהאנדלונגען דאָ האָט איהר, מיינע הערען, געקענט שליסען, אז איך בין פּראָ־דייטש אין דעם זין, וואָס איך סימפּאטיזיר מיט דער אימפּערישער רעגירונג פון דייטשלאנד. מיין פאָטער און מיין מוטער זיינען געבאָרען געוואָרען אין עלזאס. זיי ליבען פראנקרייך מיט א הייליגער ליידענשאפט. זיי האָבען פארשטאנען, וואָס מיינט פּרייסענטום, און זיי האָבען דאָס געהאסט מיט'ן גאנצען הארצען. מיך האָט מען ניט געדארפט לערנען האַסען דעם פּרייסישען מיליטאריזם. איך האָב פון זיי געוואוסט, וואָס פאר א פארהאסטע, דריקענדע, ברוטאליזירענדע מאכט דאָס איז געוועזען און איז. איך קען זיך גאָרניט פאָרשטעלען, ווי אזוי עמיצער האָט געקענט פארדעכטיגען, אז איך האָב פאר איין אויגענבליק געקענט האָבען די מינדעסטע סימפּאטיע מיט אזא משוגה'דיי־גער זאך. איך האָב פּאקטיש גערעדט און געשריבען קעגען דעם מיין גאנץ לעבען. איך ווייס, אז דער קייזער איז א פארקערפּערונג פון אלץ, וואָס איז ברוטאל און מערדערליך...

מיט יעדען טראָפּען בלוט אין מיינע אָדערען פאראכט איך דעם קייזעריזם און אלץ, וואָס ער דריקט אויס און וואָס ווערט אונטער איהם פארשטאנען. איך סימפּאטיזיר מיט דעם קעמפּענדען, ליידענדען פאָלק אומעטום. עס מאכט ניט אויס, אונטער וועלכער פאָהן זיי ווערען געבאָרען און וואו זיי לעבען; איך סימפּאטיזיר מיט אלע

ליידענדע. ווען איך וואלט געקענט גרינדען א סאציאלע סיסטעם, וואס זאל זיי אלעמען איינשליסען, וואלט איך דאס געטאן.

און איצט, מיינע הערען, געשווארענע ריכטער, וועל איך אייך ניט פארהאלטען צו לאנג... איך קען ניט נעמען צוריק קיין איין ווארט. איך קען ניט צוריקציהען קיין איין זאץ. איך שטעה פאר אייך א שולדיגער אין דעם, וואס איך האב געהאלטען יענע רעדע... איך וויים ניט, איך קען ניט פאראויסזאגען, וואס אייער ווערדיקט וועט זיין; און אויף וויפיל דאס אנבאטרעפט מיר, איז דער אונ־טערשיד ניט קיין גרויסער.

מיינע הערען, איך בין דער קלענסטער טייל אויף אט דעם פראצעס. איך האב אפגעלעבט גענוג לאנג צו פארשטעהן מיין אייגענע אונוויכטיגקייט אין בעצוג צו א גרויסער פראגע, אין וועלכער דאס וואוילזיין פון א גאנצען פאלק איז פארוויקעלט. וואס איהר וועט באשליסען צו טאן מיט מיר, האט נאך אלעמען ווייניג באדייטונג. ניט איך ווער דא פראצעסירט. אן אונגעהויער וויכטיגערע פראגע ווערט פראצעסירט היינט אין אט דעם געריכט, כאטש איהר ווייסט דאס אפשר ניט. אמעריקאנער אינסטיטוציאנען ווערען דא היינט פראצעסירט פאר א געריכט פון אמעריקאנער בירגער. די צוקונפט וועט ענטשיידען.

און איצט, הער ריכטער, ערלויבט מיר אויסצודריקען מיין האר־ציגען דאנק פאר אייער געדולדיגע אויפמערקזאמקייט. און אייך, מיינע הערען, געשווארענע ריכטער,—פאר די פריינדליכקייט, מיט וועלכער איהר האט מיך אויסגעהערט.

מיין שיקזאל איז אין אייערע הענט. איך בין גרייט פאר אייער ווערדיקט.

## דעבס׳ ערקלערונג צום ריכטער.

(נאָכדעם ווי א נייער פּראָצעס איז ניט באוויליגט געוואָרען, האָט דער קלערק געפרעגט דעבס׳ען, צו ער האָט ניט עפּעס צו זאָגען, איידער זיין אורטייל וועט ערקלערט ווערען. זיין ערקלערונג צום געריכט ווערט דאָ איבערגעגעבען, מיט דער אויסנאַהם פון אייניגע טיילען, וואָס האָבען געמוזט אויסגעלאָזען ווערען, ביז דאָס העכסטע געריכט וועט ניט ענטשיידען וועגען דעם אפּיעל פון דעבס׳ פאַרטיידיגונג.)

הער ריכטער, מיט יאָהרען צוריק האָב איך נאָך איינגעזעהן מיין פאַרוואַנדשאַפט מיט אַלע לעבעדיגע באַשעפעניסען, און איך בין געקומען צום שלוס, אז איך בין ניט א האָר בעסער פון דעם נידריגסטען און באַשיידענסטען אויף דער ערד. איך האָב דאַן געזאָגט, איך זאָג איצט, אז אַזוי לאַנג ווי עס איז פאַראַן א נידריגערער קלאַס, בין איך אין איהם... אַזוי לאַנג ווי א לעבעדיגע באַשעפעניש געפינט זיך אין געפענגניס, בין איך ניט פריי.

איך האָב אויסגעהערט אַלץ, וואָס איז דאָ אין געריכט געזאָגט געוואָרען צו שטיצען און פאַרטיידיגען דאָס שפּיאָנען געזעץ, אָבער מיין מיינונג בלייבט אונגעענדערט. איך באַטראַכט דאָס געזעץ ווי א דעספּאָטיש געזעץ, וואָס איז אין אָפענעם ווידערשפּרוך מיט דעמאָקראַטישע פּרינציפּען און מיט דעם גייסט פון פרייע אינסטיטוציאָנען.

איך האָב גאָרניט וואָס אויסצוזעצען קעגען דעם געריכט אָדער דעם פּראָצעס. אַלץ אין פאַרבינדונג מיט דעם איצטיגען פּראָצעס איז געפיהרט געוואָרען אויף א ווירדיגען אופן און אין א גייסט פון אנשטענדיגקייט...

הער ריכטער, איך האָב געזאָגט דאָ אין געריכט, אז איך בין א געגנער פון דעם סאָציאַלען סיסטעם, אונטער וועלכען מיר לעבען; אז איך גלויב אין אן ענדערונג — אָבער דורך פאָלשטענדיג פרידליכע און געזעצליכע מיטלען.

ערלויבט מיר דאָ צו ציהען אייער אויפמערקזאַמקייט צו דעם

פאַקט, אַז אין דעם עקזיסטירענדען סיסטעם זיינען צוויי דריטעל פון אונזער רייכטום דאָס איינענטום פון 5 פּראָצענט פון אונזער פאָלק. 65 פּראָצענט פון פאָלק, איינשליסענדיג די אַרבייטער, וואָס פּראָדוצירען דאָס גאַנצע רייכטום, קענען ניט אָנווייזען אויף 5 פּראָצענט פון דעם גאַנצען רייכטום.

שטעהענדיג היינט דאָ פאַר אייך, האָב איך זיך דערמאָנט מיין יוגענד. צו פערצעהן יאָהר בין איך געגאַנגען אַרבייטען אין די אייזענבאַהן ווארשטאַטען. צו זעכצעהן יאָהר בין איך געווען אַ הייצער אויף אַ פראַכט לאָקאָמאָטיוו. איך געדענק אַלע שווערינקייטען, אַלע ליידען פון יענע יונגע יאָהרען. און פון יענער צייט אָן ביז איצט איז מיין האַרץ געבליבען מיט דעם אַרבייטער קלאַס. איך וואָלט שוין לאַנג געקענט זיין אין קאָנגרעס. איך האָב פאַרגעצויגען צו געהן אין געפּעננגיס.

אין דעם קאַמף, דעם אונאויפהערליכען קאַמף, צווישען די אַרבייטער און פּראָדוצירער און זייערע עקספּלואַטאַטאָרען, האָב איך געטאָן אַלץ, וואָס איך האָב נאָר געקענט טאָן, צו דינען די, צווישען וועמען איך בין געבאָרען געוואָרען און מיט וועמען איך האָף צו טיילען מיין שיקזאַל ביז צו מיין לעצטען טאָג.

איך דענק היינט וועגען די מענשען אין די ווארשטאַטען און פאַבריקען. איך דענק וועגען די פרויען, וואָס זיינען געצוואונגען צו אַרבייטען זייער גאַנצען לעבען פאַר אַ קליינעם לוין. איך דענק וועגען די קליינע קינדער, וואָס ווערען אין דעם איצטיגען סיסטעם בארויבט פון זייער קינדהייט, וואָס ווערען אין זייערע יונגע צאַרטע יאָהרען אריינגעוואָרפען אין די אונברחמנות'דיגע אָרעמס פון מאַמאָן, אין די אינדוסטריעלע תפיסות, וואו זיי דאַרפען שפּייזען די מאַשינען, וועהרענד זיי אַליין ליידען פון קערפּערליכען און גייסטיגען הונגער. איך קען זיי זעהן, קליינע, קראַנקע, מיט זייערע יונגע צובראָכענע לעבענס, ווייל אויף דעם העכסטען פּונקט פון דער ציוויליזאַציאָן פון צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט איז געלט נאָך אַלץ אַ סך מאָל טייערער ווי אַ מענשליך לעבען. גאָלד איז דער גאָט, און ער רעגירט איבער די מענשליכע אַנגעלעגענהייטען.

אונזער לאַנד איז דאָס גליקליכסטע אויף דער ערד. מיר האָ־

בען אונגעהויערע שטרעקען פון רייכען, פרוכטבארען לאַנד, אונ־ערשעפּליכע קוועלען פון מאַטעריעלע רייכטימער, די וואונדערליכ־סטע פּראָדוקטיווסטע מאַשינעריע אויף דער ערד. מיר האָבען מי־ליאָנען וויליגע ארבייטער, וואָס זיינען גרייט אָנצוּואווענדען זייער ארבייט אויף די מאַשינען און פּראָדוצירען רייכטום פאר יעדען מאַן, פרוי און קינד. און אויב עס זיינען נאָך פאראַן פילע מיליאָנען פון אונזער פאָלק וואָס זיינען קרבנות פון אָרימקייט, וועמעס לעבען איז אַן אונאויפהערליכער קאַמף פון יוגענד ביז די לעצטע יאָהרען, ביז דער טויט קומט ענדליך און ערלייזט זיי און שטילט זייער פאר־וואונדעטע הארץ, — איז דאָס געוויס ניט די שולד פון דעם אַלמעכ־טיגען, און מען קען די נאַטור אין דעם ניט באַשולדיגען. דאָס קומט אינגאַנצען פון אַן אָפּגעלעבטען סאָציאַלען סיסטעם, וואָס האָט גע־דאַרפט אָפּגעשאַפט ווערען ניט נאָר אין די אינטערעסען פון דעם אר־בייטער קלאַס, נאָר אין די אינטערעסען פון אַ העכערער מענשהייט.

ווען איך דענק וועגען אָט די קליינע קינדער, די מיידלעך, וואָס זיינען באַשעפטיגט אין די אַלערליי טעקסטיל פאַבריקען פון די איסטליכע שטאַאַטען, אין די באַוואָל פאַבריקען פון זיד, ווען איך שטעל מיר פאָר, ווי זיי ארבייטען אין אַ שרעקליכער אַטמאָספער, ווען איך קלער, ווי זיי ארבייטען דאַן, ווען זיי האָבען גאָר געדאַרפט שפּילען אָדער זיין אין שול, ווען איך דערמאָן זיך נאָר, ווי זיי וואַקסען אויף, און ווען זיי לעבען נאָר גענוג לאַנג, צו דערגרייכען דעם הייראַטס עלטער, ווי אונפאַסיג זיי זיינען פאר הייראַט! זייע־רע נערוועז זיינען אָפּגענוצט, זייער מוסקולען געוועב איז ערשעפּט, זייער לעבענסקראַפט איז פארשווענדט. מען האָט מיט זיי געשפּייזט די אינדוסטריע. זייערע לעבענס האָט מען געמינצט אין גאָלד. זייערע קינדער ווערען געבאָרען מיעד. אָט פאַרוואָס מיר ליידען אַזוי פיעל דורכפאַלען אין מאָראַלען לעבען.

הער ריכטער, די 5 פּראָצענט פון פאָלק, אויף וועלכע איך האָב זיך באַרופען, שטעלען צונויף דעם עלעמענט, וואָס הערשט אונבאַ־שרענקט איבער אונזער לאַנד. זיי באַזיצען פּריוואַט אַלע זאַכען, וואָס זיינען נויטיג אין אונזער לעבען, זיי טראָגען ניט קיין קרוי־נען, זיי האַלטען ניט קיין סצעפּטערען, זיי זיצען ניט אויף טראָ־

נען, און דאך זיינען זיי אונזערע עקאנאמישע הערשער און פאלי־טישע רעגירער.

איך גלויב, הער ריכטער, צוזאמען מיט אלע סאציאליסטען, אז אלע זאכען, אין וועלכע אלע נויטיגען זיך, וואס אלע געברויכען, דארפען ווערען געמיינשאפטליכע אייגענטום; אז אינדוסטריע, דער פונדאמענט פון לעבען, אנשטאט צו זיין דאס פריוואט איי־גענטום פון די ווענינע און אפעררירט ווערען פאר זייער באררייכע־רונג, דארף ווערען דאס געמיינשאפטליכע אייגענטום פון אלעמען, דעמאקראטיש פארוואלטעט אין אלעמענס אינטערעסען.

דזשאן ד. ראקעפעלער האט היינט אן איינקונפט פון זעכציג מי־ליאן דאלאר א יאהר, פינף מיליאן דאלאר א מאנאט, צוויי הונ־דערט טויזענד דאלאר א טאג. ער פראדוצירט אפילו ניט קיין איין פעני ניט דערפון. איך אטאקיר דא ניט מר. ראקפעלער פערזענ־ליך. ווען ער וואלט געווען אין נויט, און איך וואלט איהם מיט עפעס געקענט העלפען, וואלט איך איהם גערן געדינט, פונקט ווי אנאנדער מענשען. איך האב גארניט פערזענליך צו מר. ראקפע־לער, אדער צו אנאנדער קאפיטאליסט. איך בין נאר א געגנער פון א סאציאלען סיסטעם, וואו עס איז מעגליך פאר איין מענשען, וואס טוט אבסאלוט קיין ניצליכע ארבייט נים, אנצוזאמלען א פאהמענען פון הונדערטער מיליאן דאלאר, ווערענד מיליאנען מענער און פרוי־ען, וואס ארבייטען זייער גאנצען לעבען, האבען קוים גענוג צו קע־נען עקזיסטירען.

אט די ארדנונג קען ניט דויערען אייביג. איך האב געלאזט הערען מיין פראטעסט קעגען איהר. איך זעה איין, אז מיין אייגענע אנשטרענגונג איז שוואך און אומבאדייטענד, אבער צום גליק בין איך ניט אליין. עס זיינען פאראן נאך פילע טויזענדער אנדערע, וואס האבען איינגעזעהן, פונקט ווי איך, אז איידער מיר קענען זיך רוהיג באנוצען מיט די בענשונגען פון ציוויליזירטען לעבען, מוזען מיר רעארגאניזירען די געזעלשאפט אויף א געמיינשאפטליכען און קא־אפעראטיווען באזיס. און פאר דעם צוועק האבען מיר ארגאניזירט א גרויסע עקאנאמישע און פאליטישע באוועגונג, וואס פארשפרייט זיך איבער דער גאנצער ערד.

עס זיינען היינט פאראן מעהר ווי זעכציג מיליאָן סאָציאַליס־טען, לאָיאַלע, איבערגעבענע טוער אין דער זאַך, פון פארשידענע נאציאָנען, ראסען, גלויבענס, קאָלירען און פוןביידע געשלעכטער. זייער זאַך איז אַ געמיינשאפטליכע. זיי פארשפּרייטען די פּראָפּאַגאנדא פון דער נייער סאָציאַלער אָרדנונג. זיי ארבייטען, ווארטען און זיינען וואַך אין אַלע צייטען פון טאָג און נאכט. זיי זיינען נאָך אַלע אַ מינאָריטעט. זיי האָבען זיך אויסגעלערענט צו זיין גע־דולדיג און אָפּווארטען זייער צייט. זיי פיהלען, זיי ווייסען, אז די צייט קומט אָן, ניט קוקענדיג אויף די גאנצע גזעלשאפט, אַלע פאר־פאָלגונגען, ווען די לעהרע פון עמאנציפּאציאָן וועט זיך פארשפּריי־טען צווישען אַלע פעלקער, און ווען די מינאָריטעט וועט ווערען די טריאומפירענדע מאיאָריטעט, וועט באקומען די מאכט און וועט דורכפיהרען די גרעסטע ענדערונג אין דער געשיכטע.

דאַן וועלען מיר האָבען דעם אַלוועלטליכען שטאאט... די האר־מאָנישע קאָ־אָפּעראציאָן פון יעדער נאציאָן מיט יעדער אנדער נאַ־ציאָן אויף דער ערד.

הער ריכטער, אין אַ לאָקאַלער צייטונג איז נעכטען ערשינען אַ לייט־ארטיקעל, וואו עס ווערט אויסגעדריקט די פּריוד מיט מיין באַלדיגער פארהאפטונג. מיר הויבט דאָס ניט אָן צו פארדריסען. איך קען דאָס זעהר גוט פארשטעהן. אין דערזעלביגער צייטונג איז ערשינען אַן עדיטאָריעל, וואו עס איז פאראן אַן אָנדייטונג אויף אַ צרה, אויף וועלכע איך האָב געפּרואווט ציהען אַלעמענס אויפמערק־זאמקייט (לעזט):

„אַ סענאטאָר פון די פאראייניגטע שטאאטען באקומט אַ געהאַלט פון $7.500 — $45,000 פאר די זעקס יאָהר פון זיין טער־מין. איינער פון די קאנדידאטען פאר סענאטאָר אין אַ שטאאט אין שכנות מיט אָהייאָ האָט לויט באריכטען אויסגעגעבען דורך זיין קעמפּעין קאָמיטע $150,000 צו באקומען די נאָמינאציאָן. פאר אדווערטייזינג האָט ער אויסגעגעבען $35,000, אויף דרוק־ארבייט — $30,000, אויף רייזע קאָסטען — $10,000 און דאָס איבעריגע — אויף זאכען, וואָס זיינען באקאנט די פּאָליטישע פארוואַלטער.

„נאָך דער טעאָריע איז אַן עפענטליכער אמט פונקט אזוי אָפען

פאַר דעם אָרימען, ווי פאַר דעם רייכען. מען קען זיך אָבער לייכט פאַרשטעלען, ווי ווייניג שאַנסען אַ ווייניג פאַרמעגליכער מענש האָט אין קאַמף מיט אַזאַ מענשען, וואָס איז ווילינג אויסצוגעבען אַ סומע, וואָס איז מעהר ווי דריי מאָל אַזוי פיעל, ווי זיין מעגליכע געהאַלט פאַר זעקס יאָהר, נאָר אום צו באַקומען די נאָמינאַציאָן. וואָלטען אַזעלכע באַדינגונגען אָנגעהאַלטען אין אַלע שטאַאַטען, וואָלט פון סענאַט שנעל געוואָרען דאָס, וואָס מען האָט איהם אַמאָל אָנגערופען — אַ קלוב פון רייכע מענשען.

„קעמפעין אויסגאַבען זיינען געווען דער געגענשטאַנד פון אַ סך באַשרענקענדע געזעצגעבונג אין די לעצטע יאָהרען, אָבער ניט אַלעמאָל איז דער ציעל דערגרייכט געוואָרען. די פּראָפעסאָר פון פריימערי רעפאָרם האָבען דורכגעפיהרט איינינגע פון די זאַכען, וואָס זיי האָבען זיך געשטעלט פאַר אַ ציעל, אָבער זיי האָבען נאָך ניט פאַרטריבען דאָס געלט-בייטעל פון פּאָליטיק".

זיי וועלען דאָס קיינמאָל ניט פאַרטרייבען פון פּאָליטיק, זיי קענען דאָס קיינמאָל ניט פאַרטרייבען פון פּאָליטיק, אַזוי לאַנג ווי דאָס איצטיגע סיסטעם עקזיסטירט.

העד ריכטער, איך וויל דאָ באַדאַנקען די אַדוואָקאַטען פון דער פאַרטיידיגונג. ניט נאָר האָבען זיי מיך פאַרטיידיגט מיט אויסערגעוועהנליכער יורידישער פעהיגקייט, נאָר אויך מיט אַ פּערזענליכער צוגעבונדענקייט און איבערגעבענהייט, וואָס איך האָב טיעף געפיהלט און וואָס איך וועל קיינמאָל ניט קענען פאַרגעסען.

העד ריכטער, איך בעט ניט קיין ערבאַרמונג און איך וויל ניט בלייבען אונבאַשטראָפט. איך זעה איין, אַז סוף כל סוף וועט רעכט מוזען טריאומפירען. איך האָב נאָך קיינמאָל ניט פאַרשטאַנען אַזוי קלאָר, ווי איצט, דעם גרויסען קאַמף צווישען דער מאַכט פון די גיערינגע אויף איין זייט און אויף דער אַנדערער די ערוואַכענדע מחנות פון פרייהייט.

איך קען זעהן, אַז אַ בעסערער טאָג קומט אָן פאַר דער מענשהייט. דאָס פאָלק ערוואַכט. אין דער געהעריגער צייט וועלען זיי אַלע עפענען זייערע אויגען.

ווען דער מאַטראָס פאָהרט איבער די טראָפּישע ימים און

זוכט, אַ מידער, פון זיין אייביגען וואַכען, אָהן אָפּרוה, ווענדט ער זיין בליק צו דעם זידליכען קרייז, וואָס ברענט העל איבער דעם שטורמדיגען אָקעאַן. ווען מיטנאַכט קומט אָן, נעמט דער זידליכער קרייז זיך בויגען, און די וועלטען דרעהען זיך און בייטען זיך מיט זייערע ערטער. און מיט שטערענדיגע פינגער צייכענט אָן דער אַלמעכטיגער דאָס פאַרגעהן פון דער צייט אויף דעם ציפער־בלאַט פון דעם אוניווערזום. און כאָטש קיין גלאָק קלינגט ניט אָנ־צוזאָגען די פרעהליכע נייעס, ווייס אָבער דער וואַכזאַמער מאַטראָס, אַז די נאַכט פאַרגעהט, אַז הילף און אָפּרוה זיינען שוין נאָהענט.

זאָל דאָס פאָלק זיך דורכדרינגען מיט מוט און האָפנונג אומעטום, ווייל דער קרייז בויגט זיך, די מיטנאַכט פאַרשווינדט, און פרייד קומט מיט דעם אָנקומענדען טאָג.

„דער איז טריי צו גאָט, וואָס איז טריי צו מענשען; וואו
אַן אומרעכט ווערט באַגאַנגען
קעגען די נידריגסטע און שוואַכסטע אונטער דער
אַלזעהענדער זון.
אַזאַ אומרעכט איז אויך אַנטקעגען אונז, און די זיינען
די געמיינסטע קנעכט,
וועמעס ליבע צו רעכט איז פאַר זיי אַליין, און ניט פאַר
דער גאַנצער מענשהייט".

הער ריכטער, איך דאַנק אייך, און איך דאַנק דאָס גאַנצע גע־ריכט פאַר די העפליכקייט און פריינדליכקייט, וואָס איך וועל קיינ־מאָל ניט פאַרגעסען.

**איך בין גרייט אויפצונעמען אייער אורטייל.**

# אינהאַלט:


פאָרוואָרט — V – VIII

## דאָס לעבען און ווירקען פון י. וו. דעבס

יודזשין וויקטאָר דעבס: זיין לעבען און ווירקען
פון י. ב. סאַלוצקי — 3

דעבס אַלס פאָלקס טריבון, מענש און פאָעט
פון מ. ווינטשעווסקי — 57

## שריפטען און רעדעס פון י. וו. דעבס

זאָל לעבען די רעוואָלוציע — 89
פריהייט — 90
ווי איך בין געוואָרען אַ סאָציאַליסט — 115
די אַמעריקאַנער באַוועגונג — 121
די פעדעראַלע רעגירונג און דער שיקאַגאָ׳ער סטרייק — 153
טרייד יוניאָניזם און סאָציאַליזם — 183
צום ערשטען מאַי — 216
אַן אויג פאַר אַן אויג — 219
די רויטע פאָהן — 220
די געפייניגטע אַפּאָסטאָלען פון אַרבייט — 222
די פליי און דער עזעל — 229
מאַרטין איירעאָנס — דער מאַרטירער — 230
וואַכט אויף, איהר שקלאַפען — 234
מוטער דזשאונס — 238
דזשאהן בראַון — 240
אַ בליק אין דער פאַרגאַנגענהייט — 243
אַרונטערגענומען פון שוואַרצען ליסט — 247
די גאָלדענע חתונה — 251
מאַן־פרוי־קינד — 258

## דער לעצטער פראָצעס פון י. וו. דעבס

דעבס אין געריכט זאַל, פון מאַקס איסטמאַן — 268
דעבס רעדע פאַר דער דזשורי — 294
דעבס ערקלערונג צום ריכטער — 302